STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05367

SEFER HA-MAAMARIM, IDISH

Joseph Isaac Schneersohn

Permanent preservation of this book was made possible
by Al Spivak
in memory of
Morris & Rae Spivak

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל שמיני | שער ראשון

ספר המאמרים

אידיש

ה׳תש״א — ה׳תש״ה

מכבוד קדושת
אדמו״ר יוסף יצחק
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
שניאורסאהן
מליובאוויטש

הוצאה שלישית

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין (13), נ. י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות ושש עשרה לבריאה

SEFER HAMAAMARIM

THIRD EDITION

●

Published and Copyrighted 1956 by
"KEHOT" PUBLICATION SOCIETY
770 Eastern Parkway Brooklyn 13, N. Y.
Tel.: HYacinth 3-9250 - 1

Printed in the U. S. A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

מפתח

פתח דבר מכ"ק אדמו"ר שליט"א V
אין הקב"ה בא בטרוניא 1
אני ישנה ולבי ער 6
ועתה שמע אלקינו אל תפלת עבדך 11
הנה עין הוי' אל יראיו 18
בינו בוערים בעם 24
הנוטע אוזן הלא ישמע 29
סוף דבר הכל נשמע 35
מה רבו מעשיך הוי' 39
אמר רבה בר רב הונא כ"א שיש בו תורה 42
הטה אלקי אזנך ושמע 47
כה אמר הוי' אלקים הנה אני פותח את קברותיכם 50
הוי כי גדול היום ההוא 54
קרוב ה' לכל קוראיו 59
יפה שעה אחת בתשובה ומע"ט 64
ואחר עורי נקפו זאת 68
אני לדודי ודודי לי 74
והי' ביום ההוא יתקע בשופר גדול 78
טוב לי תורת פיך 81
בדבר הוי' שמים נעשו 86
והריקותי לכם ברכה 92
מעין גנים באר מים חיים 96
בידך אפקיד רוחי 101
וקבל היהודים 104
כי ישאלך בנך 108
וספרתם לכם 113
משכני אחריך נרוצה 118
מה טובו אהליך יעקב 122
נחמו נחמו עמי 125

אני לדודי ודודי לי 128
יחיינו מיומים 131
ובא לציון גואל 134
ואתה קדוש יושב תהלות ישראל 138
יענך ה' ביום צרה 142
דעו כי ה' הוא אלקים 146
וקבל היהודים 149
בכל דור ודור 153
המזבח עץ שלש אמות 156
אמר ר' יהושע בן לוי בכל יום ויום 161
ר' חנניא בן דוסא אומר כל שיראת חטאו 165
הוא הי' אומר כל שמעשיו 168
הוא הי' אומר כל שרוח הבריות נוחה הימנו 172
ביום השמיני עצרת 175
היתה לי דמעתי לחם 179
מאי חנוכה דתנו רבנן 183
כי נר מצוה ותורה אור 186
כי אני ד' לא שניתי 189
אתה הוא עד שלא נברא העולם 193
בכל דור ודור 197
יצא אדם לפעלו 200
טוב לי תורת פיך 204
ראשית גוים עמלק 208
זכור ד' מה הי' לנו 211
שלום רב לאוהבי תורתך 215

ב"ה.

פתח דבר

מכ"ק אדמו"ר שליט"א בהוצאה הראשונה דשנת ה'תש"ו

זומער ה'תש"ה, אין צוזאמענהאנג מיט דעם דרייענדיגען יובל פון כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א: א) פופציג יאָר עסקנות הכלל. ב) פינף און צוואנציג יאָר נשיאות פון חסידי חב"ד. ג) ח"י יאָר זינט דער באפרייאונג פון תפיסה, וואו ער איז געזעסען פאַר זיין איבערגעגעבענער ארבייט בחזוק התורה והיהדות,

איז די לייטונג פון „אוצר החסידים" צוגעטראָטען צו דער זאַמלונג און צום צוגרייטען צום דרוק פון די מאמרים, בריף, שיחות א. ז. וו. פון כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א.

לויט דער תכנית, וועט די זאַמלונג איינגעטיילט ווערען אין פאָלגענדע חלקים:

היכל שמיני (דער אכטער נשיא זינט דעם מייסד פון תורת החסידות — דעם בעל שם טוב) שער ראשון: מאמרים. א: מאמרים געשריבען אין לשון הקדש. ב: מאמרים געשריבען אין אידיש.

שער שני: בריף. שער שלישי: שיחות. שער רביעי: זכרונות.

• • •

אין דעם „ספר המאמרים — אידיש" גייען אריין די מאמרים אין אידיש פון די יאָרען ה'תש"א — ה'תש"ה, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין „הקריאה והקדושה" (אייר תש"א — אלול תש"ה).

אין דער אויסגאַבע זיינען פאַרריכט געוואָרען אַ גרויסע צאָל דרוק-פעלערן. אויך האָב איך צוגעגעבען, אויף דער הצעה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א, הערות אין איניגע ערטער.

אין דרוק געפינען זיך: צוויי כרכים פון מאמרים געשריבענע בלה"ק, ווי אויך אַ כרך פון שיחות.

• • •

איך בין זיכער, אַז דער ספר וועט אויפגענומען ווערען מיט גרוים פרייד און וועט געפינען דעם געהעריגען אָפּקלאַנג בּאַ חסידים, אנ"ש און בכלל באַ אידען וואָס זיי איז טייער תורה, יהדות און אהבת ישראל.

מנחם שניאורסאהן

אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו (עבודה זרה ג, א).

השי״ת קומט ניט מיט קיין אומבאַגרינדעטע און גרעסערע פאָדערונגען צו זיינע באַשעפענישען. אין מדרש (שמות פל״ד) שטייט אין הקדוש ברוך הוא בא בטרחות עם בריותיו, לא בא על האדם אלא לפי כחו. אתה מוצא כשנתן הקב״ה את התורה לישראל אלו הי׳ בא אליהם בחוזק כחו לא היו יכולים לעמוד שנאמר (דברים ה) אם יוספים אנחנו לשמע וגו׳ אלא לא בא עליהם אלא לפי כחם שנאמר (תהלים כט) קול ה׳ בכח, בכחו לא נאמר אלא בכח, לפי כחו של כל אחד ואחד, השם יתברך קומט ניט צו שווער מאַכן זיינע באַשעפענישען. ער פאַרלאַנגט פון דעם מענטשען ער זאָל טאָן נאָר וויפיל זיין כח איז, ווי מיר זעהען בשעת השי״ת האָט געגעבען די אידען די תורה ווען ער וואָלט זי געגעבען מיט דער שטאַרקייט פון זיין כח וואָלטען אידען ניט געקענט אויסהאַלטען, השי״ת פאַר־לאַנגט פון דעם מענשען צו טאָן נאָר וויפיל זיין כח איז, און דאָס איז וואָס עס שטייט קול ה׳ בכח, די שטימע פון השי״ת איז מיט קראַפט, שטייט ניט מיט זיין קראַפט נאָר מיט קראַפט, דאָס מיינט דעם קראַפט פון יעדען איינציגען, וואָס פון דעם פאַרשטייט מען קלאָר אַז דאָס וואָס השי״ת האָט אונז אידען געגעבען תורה ומצות איז דאָס ניט מער ווי לויט אונזער כח, דאָס מיינט אַז מיר זיינען בכח מקיים צו זיין די תורה ומצות וועלכע מען האָט אונז געגעבען. הגם כדי מקיים צו זיין תורה ומצות מיט יראת שמים ווי עס באַדאַרף צו זיין איז אַ גרויסע עבודה וואָס קומט אָן דעם מענשען מיט גרויס מיא, וואָס תורה ומצות מאַכען דעם מענשען איידעלער, ווי עס שטייט אין מדרש (בראשית פמ״ד) לא נתנו המצות אלא לצרף בהם את הבריות, השי״ת האָט געגעבען מצות בכדי אויסצואיידלען די באַשעפענישען, וואָס יעדער מצוה האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג צו מאַכען דעם מענשען איידעלער, דאָס הייסט אַז אַ חוץ דעם וואָס אין יעדער מצוה איז פאַראַן אַ כוונה, למשל, מצות מזוזה איז די כוונה אין דעם אַז די דירה מיט אַלץ וואָס אין איר געהערען צו אלקות. מצות חלה איז די כוונה אַז מען דאַרף געבען אַ טייל צו די וועלכע זיינען זיך עוסק אין עבודת השי״ת, און דאָס גלייכען אין יעדער מצוה איז דאָ אַ כוונה פרטית, איז חוץ דעם איז אין יעדער מצוה דאָ אַ באַזונדערע קראַפט אויף אויסצואיידלען דעם מענשען, וואָס דאָס אַלץ קומט דאָך אָן מיט גרויס מיא, דאָך אָבער האָט השי״ת

מ צ ו ת ח ל ה : די מצוה פון חלה איז: אָפּגעבען זי צו אַ כהן. נאָר איצט, איבער פאַרשידענע טעמים, פאַרברענט מען די חלה (זע שלחן ערוך יורה דעה סימן שכ״ב. שלחן ערוך אורח חיים ענדע סימן תנ״ז).

געגעבען די תורה ומצות דוקא צו אידען. מלאכים האָבען געבעטען די תורה, ווי עס שטייט תנה הודך על השמים, האָט זיי השי"ת די תורה ניט געגעבען נאָר דוקא אונז אידען, ווי עס שטייט אנכי עשיתי ארץ ואדם עלי' בראתי, אַט דאָס וואָס השי"ת האָט געמאַכט די ערד, דאָס מיינט באַשאַפען די וועלט, איז דאָס צוליב דעם אדם, און דעם אדם האָט השי"ת באַשאַפען צוליב בראת"י, מקיים צו זיין תרי"ג מצות.

קיצור. השי"ת פאַרלאַנגט פון דעם מענשען צו טאָן נאָר וויפיל זיין כח איז, תורה ומצות מאַכען דעם מענשען איידעלער, די תורה האָט השי"ת געגעבען נאָר צו די אידען ניט צו די מלאכים.

ב.

אָט דעם כח צו קענען מקיים זיין תורה ומצות, דאָס הייסט אַז דורך קיום התורה ומצות זאָלען נמשך ווערען אַלע המשכות, אַז אַ חוץ די המשכות פון תורה ומצות וואָס ווערען נמשך אין מענשען גופא, ווי אויבען געזאָגט, זיינען דאָך מצות אָנגעטאָן אין דברים גשמים און דורך קיום המצות ווערען די דברים הגשמים אין וועלכע די מצות זיינען אָנגעטאָן, כלים צו אלקות — איז אָט דעם כח האָט השי"ת געגעבען נאָר אידען. דער טעם הדבר איז ווייל אידען האָבען דעם כח פון מסירת־נפש, וואָס דאָס איז וואָס עס שטייט (דברים ז) לא מרובכם מכל העמים חשק ה' בכם ויבחר בכם כי אתם המעט מכל העמים. משה רבינו זאָגט צו די אידען, ניט ווייל איר זייט מעהר פון אַלע פעלקער האָט השי"ת אייך געלוסט און אויסדערוועהלט, דען איר זייט די מינדערהייט פון אַלע פעלקער. דער מיין פון דעם איז, אַז דאָס וואָס השי"ת האָט געגעבען אידען די תורה איז ניט נאָר דערפאַר וואָס זיי פאַרמאָגען כחות פנימיים — דאָס מיינט שכל ומדות — מער פון אַלע פעלקער, ווי עס איז ידוע אַז עס זיינען פאַראַן דריי נפשות. נפש הטבעית וועלכע ווערט אָנגערופען נפש בהמית. נפש השכלית, וואָס איר שרש איז פון פני אדם שבמרכבה. נפש האלקית וואָס איר שרש איז פון אדם העליון, ווי עס שטייט ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם, וואָס די ערשטע צוויי נפשות — נפש הטבעית ונפש השכלית — זיינען ביי אידען אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער און בפרט דער נפש האלקית וועלכער איז א חלק אלק' ממעל ממש, וואָס דאָס איז שכל ומדות דקדושה, דאָס הייסט די צוויי מדריגות אין נפש האלקית נפש האלקית און יצר טוב. נפש אלקית איז שכל חב"ד, און יצר טוב איז מדות טובות מיט'ן צווייטען און דער קיום המצות בפועל. דאָך האָט השי"ת געגעבען אידען תורה ומצות ניט מצד די מעלות פון זייערע כחות פנימיים — שכל ומדות — וועלכע זיינען ביי אידען גאָר אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער, נאָר ער האָט זיי געגעבען תורה ומצות ווייל כי אתם המעט. דער ענין פון מעט איז דער ביטול מיט מסירת נפש וואָס דאָס איז פאַראַן נאָר ביי אידען און ניט ביי קיינעם פון אַלע עמים. דער ענין פון מסירת נפש ווערט אָנגערופען ביטול הרצון. דער וואָרט נפש איז טייטש אויך רצון, ווי עס שטייט (ירמי' ט"ו) אין נפשי אל העם הזה,

---

בראת"י: באַטרעפט 613, תרי"ג.

זאגט רש"י נפשי רצוני — מיין ווילן. מסירת־נפש הייסט איבערגעבען דעם רצון דאָס הייסט איבערגעבען דעם ווילען צו אלקות, וואָס דאָס איז דער ביטול הרצון אין העכער פון פאַרשטאַנד וואָס דער שכל אנושי קען פאַרשטיין, וואָס דאָס איז דער ענין פון נעשה ונשמע וואָס אידען האָבען געזאָגט בשעת מתן תורה. נעשה מיינט דער אַוועקגעבען זיך מיט אַ ביטול הרצון צו אלקות צום אין סוף ב"ה בעל הרצון, און די הקדמה נעשה פאַר'ן נשמע מיינט דעם קבלת עול מלכות שמים אויף צו ערפילען אַלץ וואָס השי"ת וועט הייסען, וואָס מצד אָט דעם דאָזיקן מסירת נפש האָט השי"ת געגעבען די תורה צו אידען.

קיצור. דעם כח אויף קענען מקיים זיין תורה ומצות, ווי שווער עס זאָל ניט זיין, האָט השי"ת געגעבען אידען. דער כח קומט פון דעם געטליכען נפש וואָס השי"ת האָט געגעבען אידען אַ צוגאָב צו די צוויי נפשות טבעית ושכלית. קבלת עול פון נעשה ונשמע.

ג.

אין דער צייט פון גלות ווערט וואָס ווייטער אַלץ שווערער דער ענין פון מקיים זיין תורה און מצות, אַז אפילו דער קיום המצות בפועל ממש קומט אָן זייער שווער, ווייל עס זיינען דאָ מניעות ועיכובים וועלכע שטערען און לאָזען ניט מקיים זיין די מצות בפועל, און בפרט די עבודה אין תורה ומצות וואָס צו דעם מוז מען האָבען פאַרשטאַנד און התעוררות המדות, וואָס דאָס קען זיין נאָר ווען עס איז דאָ מנוחת הלב והמוח, אָבער בזמן הגלות איז חוץ די יסורי הגוף והנפש פון עבודה קשה וואָס בזיעת אפו יביא לחמו און די גרויסע טרדא און דאגת הפרנסה, איז אַ חוץ דעם איז די גרויסע שפלות און אַראָפּגעפאַלענקייט בזמן הגלות, וואָס הגם אין דער צייט פון משה רבינו אין גלות מצרים וועלכער איז דאָך אויך געווען אַ גלות קשה, ווי עס שטייט מקוצר רוח ומעבודה קשה אָבער דאָך איז דורך די נסים פון די עשר מכות און קריעת ים סוף און קבלת התורה זיינען די אידען דערהויבען געוואָרען. אויך בזמן שבית המקדש הי' קיים זיינען אידען געווען אין גרויס חשיבות און האָבען געקענט מקיים זיין תורה ומצות מתוך הרחבה, ווי עס שטייט איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו, דאָס הייסט אַז אַלע זיינען געווען זאַט און רוהיג, אידען האָבען געלערנט און מקיים געווען מצות און עס איז געווען גילוי אלקות אין עולם, אָבער בזמן הגלות איז געוואָרען דער העלם והסתר, ביז וואַנען די דורות וועלכע ווערען אָנגערופען עקבות משיחא וואָס דאַן איז החשך יכסה ארץ און אלביש שמים קדרות, וואָס דאָס איז אַ דאָפּעל־טער חשך אַז דער וועלכער איז אַ ירא שמים און היט מקיים צו זיין מצות זיינען פאַראַן אַ סך דערנבער און שטעכער וועלכע מאַכען אים ענג און ניט גוט, זיי שטעכען אים ווי מיט אַ אייזען שפיץ און לאַכען און שפאָטען פון אים, וכמאמר חז"ל אויף דעם פסוק (איכה ג') נגינתם כל היום, מאחר שהן יושבין ואוכלין ושותין ומשתכרין הן יושבין ומשיחין בי ומלעיגין בי, וואָס נאָך מער זיינען די יסורי הנפש אַז פחותי ערך, זעהר נידעריגע מענשען ופראי אדם שפּאָטען פון אים, אַזעלכע וואָס זיינען גולמים אָן קיין שום פאַרשטאַנד און אָן קיין שום געשמאַק אין פאַרשטאַנד, מענשען וועלכע האָבען קיינמאָל ניט פּרובירט אָנהאַלטען

אין אַ אײדעלקײט פון פאַרשטאַנד אָדער לכל הפחות אַ אײדעלקײט פון אַ מדה טובה און זײער מהות איז נאָר וואָס זײ זײנען גרױסע בעלי תאוות וואָס עסען װי פרעסער און טרינקען װי זױפער און טוען אַלעס וואָס זײער פאַרגרעבטע שלעכטע האַרץ גלוסט און אַנדערע תאוות און גופניות׳דיגע פאַרגעניגענס און פאַרדאָרבענע מדות וואָס בהפקירא ניחא להו, און זײנען װילד פאַרגרעבט װי די פּרא און חיות און אַזעלכע נידעריגע ברואים שפּאָטען אױך פון לומדי תורה און יראי אלקים וואָס דאָס איז אַ גרױסער בזיון און יסורים, װי למשל אַ בן מלך אַ גרױסער בעל כשרון און בעל חושים װעלכער איז ערצױגען געװאָרען אין היכל המלך דורך גוט געלערנטע ערציהער װעלכע האָבען געלײגט די גרעסטע השתדלות אױף זײן חינוך, הן אין דעם ענין פון מוחין צו פאַרשטײן געבען אים טיפע חכמות און הן אין דעם ענין פון מדות טובות, איז װען אַט דער בן מלך האָט זיך פאַרזינדיגט פאַר׳ן מלך איז די גרעסטע שטראָף פאַר אים װען מען גיט אים איבער אין די הענט פון נידעריגע ברואים װעלכע לאַכען און שפּאָטען פון אים.

קיצור. אין דער צײט פון גלות המר איז דער קיום התורה והמצות זײער שװער איבער פילע שטערונגען און אָפּלאַכערײ פון די נידעריגסטע בעלי תאוה׳ניקעס, װי אַ קײזערליכער קינד האָט זיך פאַרזינדיגט איז די גרעסטע שטראָף אַז מען זעצט אים אַרײן צװישען די נידעריגסטע געזעלשאַפט.

ד.

אויך צװישען די בעסערע מענשען פון די װעלכע זײנען איבערגעגעבען נאָר צו זײערע קערפּערליכע באַגערן און פאַרגעניגענס, דאָס הײסט אַט די וואָס האָבען אַ באַגריף אין שכל און טוען עטוואָס אין דעם ענין פון פאַרשטאַנד וואָס דערפאַר רופט מען זײ מיט׳ן נאָמען משכילים, דאָך װירקט ניט דער שכל וחכמה אַז עס זאָל בײ זײ װערען מדות טובות, דאָס הײסט אַז דער שכל זאָל װירקען אױף די מדות זײ זאָלען װערען אײדעל, און בפרט אין דעם ענין פון גאוה. יעדער אײנער פון זײ רעכנט אַז ער איז אַ חד בדרא, אײנער אין דער װעלט, וואָס די השכלה און חכמה זײנע זײנען נאָר זײנע און אַלע מענשען פון דער װעלט זײנען כלא לגבי אים, און עס גײט זײ גאָר ניט ארויף אויפ׳ן זינען אַז עס קען זײן דער צװײטער האָט אַ גרעסערען פאַרשטאַנד פון זײ, וואָס דאָס אַלץ נעמט זיך מצד גסות הרוח, און דער עיקר גאוה קומט פון דעם וואָס ער האָט אַ ביסעל פאַרשטאַנד אין דער חכמה איז װעלכער ער לערנט. דער משל אין דעם איז, װען אַ גרױסער אָרימאַן װעלכער האָט קײנמאָל ניט פאַרמאָגט קײן אײגענע הונדערט גילדן און השי״ת האָט אים געגעבען אַ גרױסע הצלחה און ער האָט פאַרדינט אַ גרױסע סומע געלט און דורך דעם הױבט ער זיך אָן גרױסען מיט גאוה און איז מבטל אַלע רײכע מענשען און באַקומט אַ ברײטע האַרץ און גײט מיט אַ הױך אױפגעהױבענעם קאָפּ, און דאָס זעלבע איז אױך אַט דער מענש װעלכער האַלט זיך גרױס מיט זײן ביסעל פאַרשטאַנד, וואָס באמת איז דער וואָס איז אַ חכם באמת דער איז גאָר בײ זיך זעהר באַשײדען און באַמיהט זיך צו לער־

נען פון יעדען וואס פארמאגט א גוטען פארשטאנד אדער א גוטע מדה, ווי עס שטייט (תהלים קיט) מכל מלמדי השכלתי, ווארום דער מענש וועלכער וויל לערנען גרונטיק א וויסענשאפט באדארף לערנען פון יעדען איינעם פון די חכמים, לויט די תנאים און אופן לימוד החכמה, וואס דער ערשטער תנאי אין לערנען וויסענשאפט איז די איבערגעגעבענקייט צום לערנען און צוגעטראגענ־קייט צום לערער, און וואס מער מען איז צוגעטראגען צום לערער און צו דער חכמה וועלכע מען לערנט אלץ בעסער און טיפער פארשטייט מען די השכלה פון דער חכמה, און יעדער פארשטאנד וואס מען לערנט באדארף מען אין דעם טיף אריינטראכטען און איבערלייגען זיך אייניגע מאל ביז ער באגרייפט ריכטיג די השכלה, און דאן דוקא קען מען ריכטיג פארשטיין די השכלה, אבער דער וואס איז א בעל גאוה איז חוץ דעם וואס זיין חכמה איז קיין חכמה ניט, איז די מדת הגאוה זייער א נידעריגע מדה וואס זי איז א מקור צו די מדות רעות פון קנאה תאוה און כבוד, וואס ביי די מענשען איז די חכמה א באזונדער זאך און די תאוה א באזונדער זאך, און די התגברות התאוה מאכט פארלארן דעם פאר־שטאנד. דער מהות פון א מענשען איז שכל, מדות זיינען פאראן אויך ביי בעלי חיים און יתרון האדם איז שכל, און מצד דעם שכל באדארף זיך דער מענש שטארקען און קענען איינהאלטען די מדות בכלל, און די תאוות פון הארץ בפרט, און דער וועלכער קען זיך ניט אפהאלטען פון די תאוות און גיט זיך איבער צו קערפערליכע פארגעניגענס אזוי ווי א בעל חי איז ער נאך ערגער פון א בעל חי און אט אזא נידעריגער מענש לאכט אויך פון לומדי תורה און יראי אלקים, וואס דאס פארשאפט גרויסע יסורים און אראפגעפאלענקייט.

קיצור. אויך די וואס ווערען גסי הרוח איבער זייער חכמה אדער זייער רייכקייט וואס באמת דארף דער מענש זיין באשיידען, און וואס מער דער מענש איז געלערנט אלץ מער דארף ער זיין בענוה, אבער די וואס זיינען גסי הרוח און שפאטען פון די מקיימי תורה ומצות זיינען נידעריגער פון בעלי חיים.

ה.

די גמרא זאגט (כתובות סז, א) לפום גמלא שיחנא, טייטשט רש״י לפי כח הגמל יטעינוהו משא, לויט׳ן כח פון קעמל לאדעט מען אים אן די משא, ווא־רום השי״ת פארלאנגט פון מענשען ניט מער וויפיל זיי קענען פארטראגען, און וועז בזמן הגלות — דאס הייסט אין עקבות דמשיחא, ווי די משנה זאגט (סוטה פ״ט משנה טו), טייטשט רש״י עקבות משיחא אין דער צייט פון ענדע גלות — איידער משיח וועט קומען זיינען פאראן א סך וואס שטערען די לומדי תורה און יראי אלקים און שטעכען זיי, באדארף מען וויסען אז ביי אידען איז פאראן דער כח אויף צו קענעןביישטיין קעגען די אלע שטערונגען נאך מיט א גרעסערע קראפט און שטארקייט ווי עס איז געווען בזמן שבית המקדש הי׳ קיים. דאס מיינט אז דער כח פון מסירות נפש איז בזמן הגלות מער ווי אין דער צייט פון בית המקדש און מען קען דאס פארשטיין מיט דעם וואס מיר זעהען אין די אברי הגוף. ביים מענשען אין קערפער זיינען אלע אברים גלייך, הגם די אברים זיינען

געטיילט אין זייערע ווירקונגען, אָבער אין דעם וואָס אַלע אברים זיינען באַלעבט פון מוח שבראש זיינען אַלע גליך, דאָך זעהען מיר אַז עס איז לייכטער אַריינ־צושטעלען די פיס און די פיאַטעס אין הייסע וואַסער ווי דער אַריינלייגען די קאָפּ אין הייסע וואַסער. די וועלט זאָגט דעם טעם דערפון ווייל די פיאַטע פילט וויניגער דעם ווייטאָג ווי דער קאָפּ, אָבער דאָס גופא באַדאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס טאַקע פילט די פיאַטע וויניגער ווייטאָג ווי דער קאָפּ, די פיאַטע איז דאָך מקבל חיות פון נפש ווי דער קאָפּ, ווי דער רבי נ״ע זאָגט אין תניא פנ״א אַז דער עיקר חיות איז אין מוח שבראש, און יעדער אבר איז מקבל פון דאָרט זיין חיות און קראַפט לויט זיין צוזאַמענשטעל און ווירקונג, דאָס הייסט אַז דער חיות הנפש פאַרשפּרייט זיך אין גוף אין אַלע אברים. השי״ת האָט אַריינגעגעבען אין נפש די אייגענשאַפט צו קענען באַלעבען אַ גוף, און השי״ת האָט גוזר געווען אויפ׳ן נפש ער זאָל זיך אָנטאָן אין אַ גוף גשמי וואָס דאָס איז וואָס השי״ת איז מפליא לעשות צו מחבר זיין רוחניות מיט גשמיות, איז במילא מובן אַז עס איז קיין אונטערשייד פון דעם חיות וואָס איז מחי׳ דעם קאָפּ ביז דעם חיות וואָס איז מחיה די פיאַטע, היינט פאַרוואָס איז לייכטער אַריינצושטעלען די פיאַטע אין הייסע וואַסער ווי דעם קאָפּ, ווייל די פיאַטע איז מער איבערגעגעבען דעם נפש ווי דער קאָפּ, דאָס הייסט אַז וואָס עס איז נידעריגער אין די קערפּערליכע טיילן איז דאָס מער איבערגעגעבען צום נפש. דאָס זעלבע איז אויך אין דעם וואָס בזמן הגלות אין עקבות משיחא איז מער פאַראַן דער התגלות הכח פון מסירת נפש, ניט נאָר וואָס מען ווערט ניט נתפעל פון די פאַרשידענע אָפּלאַכער און שטערער מקיים צו זיין תורה ומצות, נאָר אדרבא שטאַרקען דעם קיום התורה ומצות, און מיט דעם כח פון מסירת נפש אויף תורה ומצות וועלען מיר אַלע אידען בכל מרחבי עולם זוכה זיין לביאת משיח גואל צדק.

קיצור. אַ איד באַדאַרף וויסען אַז השי״ת האָט אים געגעבען די הייל׳גע קראַפט פון מסירת נפש וואָס קומט פון דעם אמת וואָס אין נשמה. דער גלות הייסט עקבות משיחא, די פיס האַלטען דעם גאַנצען קערפּער און דער מסירת־נפש קראַפט איז פאַראַן ביי אַלע אידען און מיט דעם מסירת־נפש וועלען מיר זוכה זיין מקבל פנים זיין משיח גואל צדק.

אני ישנה ולבי ער, איך בין פאַרשלאָפען אָבער מיין האַרץ איז וואַך. זאָגט דער מדרש אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה, רבונו של עולם אני ישנה מן המצות ולבי ער לגמילות חסדים, אני ישנה מן הקץ ולבי ער לגאולה, אני ישנה מן הגאולה ולבו של הקב״ה ער לגאלני. אמר רבי חייא בר אבא היכן מצינו שנקרא הקב״ה לבן של ישראל מן הדין קרא דכתיב (תהלים עג) צור לבבי וחלקי אלקים לעולם. כנסת ישראל זאָגט צו הקב״ה רבונו של עולם איך בין פאַרשלאָפען פון מצות אָבער מיין האַרץ איז וואַך צו טאָן גמילות חסדים. איך בין פאַרשלאָפען

פון צו טראַכטען איבער דער ענדע פון גלות, אָבער מיין האַרץ איז וואָך צו דער גאולה. איך בין פאַרשלאָפען פון צו טראַכטען איבער דער גאולה אָבער דאָס האַרץ פון השי״ת איז וואָך מיך אויסלייזען און השי״ת ווערט אָנגערופען די האַרץ פון אידען. די גמרא זאָגט דריי זאַכען האָבען אידען אין זיך, ביישנים. רחמנים און גומלי חסדים, וואָס די דאָזיגע דריי זאַכען זיינען מעלות פאַר זיך אַליין און חוץ דעם זיינען זיי אַ באַוויז אויף דער גרויסקייט פון אידען וועלכע האָבען אין זיך אַזעלכע געבירטלעכע מעלות. בושה איז אַ מעלה עצמית, דאָס מיינט ניט שעמעוודיגקייט וואָס קומט מצד שוואַכקייט ווי מיר זעהען במוחש אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס האָבען אַ שוואַכע נאַטור און קענען ניט אַרויס־זאָגען אַ זאַך פעסט, איז על פי רוב זיינען אַזעלכע מענשען מצד דער שוואַכקייט פון זייער נאַטור — שעמעוודיג. אָבער דער אמיתית ענין פון בושה איז אַראָפּ־געפאַלענקייט פאַר דעם אמת, כידוע אַז פאַר דעם אמת ווערען אַלע בטל, הגם אידען האָבען אַ געוויסע שטאַרקייט, ווי די גמרא זאָגט ישראל עזין באומות, דאָך פאַרמאָגן זיי די מדת הבושה וואָס איז אַ הוראה אַז מען פילט דעם אמת, דאָס הייסט אַ דערהער צום צווייטען, דערום איז רחמים נאָר ביי דעם וועלכער איז אַ העכערער במעלת עצמו, אַ קטן האָט ניט די מדת הרחמנות, ווייל ער איז קליין אין דעת, דער וואָס איז העכער אין דעת האָט מער די מדה פון רחמנות און די מדה פון גמילות חסדים. אין זמן הגלות זיינען אידען ביי זיך אין אַ גרויסער אַראָפּגעפאַלענקייט, וואָס עבדים משלו בנו, די נידעריגע פון די נידעריגסטע לאַכען און שפּאָטען פון די יראי אלקים, אָבער אידען באַזיצען דעם כח פון מסירת נפש. די גמרא זאָגט אַז לפום גמלא שיחנא, אין עקבות משיחא איז דער כח פון מסירת נפש מער ווי אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, דער משל אויף דעם איז אַז עס איז לייכטער צו האַלטען די פיאַטע אין הייסע וואַסער ווי דעם קאָפּ.

קיצור. אידישע געבירטליכע אייגענשאַפטען זיינען, ביישנים, שעמעוודיגקייט וואָס קומט פון דערקענען און אַראָפּגעפאַלענקייט פאַר׳ן אמת. רחמנים רחמנות געפיהל צום צווייטען און גומלי חסדים און בעלי מסירת נפש אויף תורה ומצות.

ב.

דער טעם הדבר, פאַרוואָס איז טאַקע לייכטער צו האַלטען די פיאַטע אין הייסע וואַסער ווי דעם קאָפּ. עס איז ידוע אַז אין דער הארת הנפש וועלכער טוט זיך אָן אין גוף אויף צו מחי׳ זיין אים זיינען פאַראַן צוויי מדריגות אין כחות הנפש. איין מדריגה איז שכל חושים און מדות. מחשבה דבור ומעשה ווערן אָנגערופען לבושי הנפש, וואָס די דריי לבושי הנפש באַדינען די כחות, דערום ווערן זיי אָנגערופען משרתי הכחות. די צווייטע מדריגה איז עונג און רצון, וואָס די ערשטע מדריגה אין כחות הנפש זיינען כחות פנימי׳ און די צווייטע מדריגה אין כחות הנפש זיינען כחות מקיפים. די כחות עונג און רצון, זיינען אין גאַנצען גוף גלייך און דערום האָבען זיי ניט קיין אברים פרטים אין גוף וואו זיי זאָלען

זיך אָנטאָן, דאָס הייסט אברים וועלכע זאָלען זיין כלים צו די כחות עונג און רצון. דער טעם הדבר איז ווייל די צוויי כחות זיינען כחות מקיפים ווי מיר זעהען במוחש אין כח הרצון אז ער נעמט אַרום דעם גאַנצען גוף בשוה, וואָס דערום ווירקט דער כח הרצון אויף די פיס — אין וועלכע עס טוט זיך אָן דער כח ההילוך וואָס איז דער לעצטער כח — גלייך ווי ער ווירקט אויף דעם מוח שבראש וואו עס טוען זיך אָן די העכסטע כחות און חושים. און באַלד ווי ביי אים ווערט נתעורר דער רצון צו געבען אַ ריר מיט'ן פוס טוט ער תיכף אַ ריר מיט'ן פוס אָן דעם אַז עס זאָל עטוואָס געדויערען, וואָס דאָס איז מצד דער ווירקונג פון כח הרצון וועלכער ווירקט אויפ'ן כח התנועה וואָס געפינט זיך אין די פיס. אויך פון דעם וואָס תיכף ווי עס ווערט דער רצון אַ ריר צו טאָן מיט'ן פוס רירט תיכף די פוס איז צו פאַרשטיין אַז דער כח הרצון איז פאַראַן אויך אין די פיס, וואָרום אויב ניט דאַן וואָלט דאָך געדויערען אַ געוויסע צייט צווישען דעם רצון אַ ריר צו טאָן מיט'ן פוס ביז ער טוט דאָס, אָבער פון דעם וואָס עס געדויערט ניט קיין צייט איז געדרונגען אַז דער כח הרצון געפינט זיך אויך אין די פיס, און דער כח הרצון ווירקט אויף די פיס און אויפ'ן קאָפּ בהשואה גמורה, וואָס ווען דער מענטש וויל וויסען אַ שכל ווירקט דער ווילען אַז ער ווייסט דעם שכל, וואָס דאָס איז דער מאמר הגמרא (עבודה זרה די"ט ע"א) לעולם ילמד אדם תורה במקום שלבו חפץ שנאמר (תהלים א) כי אם בתורת ה' חפצו, זאָגט רש"י באותו שאדם חפץ. אַ מענטש לערנט תורה נאָר אין די הלכות וואָס ער גלוסט, ווי אין פסוק שטייט נאָר אין השם יתברך'ס תורה איז זיין גלוסט, וואָס דערום זאָגען די חז"ל אַז דער מענטש זאָל לערנען אָט די הלכות און ענינים וועלכע זיין האַרץ וויל, ווייל דער ווילען ווירקט אויפ'ן פאַרשטאַנד.

קיצור. מחשבה דבור ומעשה באַדינען די אלע כחות הנפש וועלכע זיינען איינגעטיילט אין צוויי מדריגות, שכל און מדות, וועלכע זיינען אָרט באַשטימטע כחות און עונג ורצון וואָס זיינען אַלגעמיינע כחות און ווירקען אין אַלע אברים גלייך.

ג.

תורה איז שכל און חכמה, וואָס לערנען קען נאָר דער וואָס האָט שכל, און שכל איז ביי יעדען לויט זיין געבורט, וכמאמר הידוע אין דעותיהם שוות, מענשען זיינען פאַרשידען אין זייער פאַרשטאַנד, ווי מיר זעהען במוחש, עס זיינען דאָ מענשען וועלכע זיינען גרויסע בעלי שכל פון געבאָרען און עס זיינען דאָ אַזעלכע וועלכע זיינען ניט קיין גרויסע בעלי שכל, און דערום זעהען מיר עס זיינען דאָ מענשען וואָס שוין פון קינדהייט זיינען זיי גרויסע בעלי מוחין, און עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס אפילו ווען זיי זיינען שוין אין יאָרען זיינען זיי קליינע בעלי מוחין, וואָס פון דעם איז צו זעהן אַז חכמה און שכל איז אַ געבאָרענע זאַך, היינט וויבאַלד אַז דאָס איז א געבאָרענע זאַך ווי אזוי קען אויף דעם ווירקען רצון. נאָר דער ענין אין דעם איז אַז דער עיקר איז רצון און רצון ווירקט אויפ'ן שכל,

---

וכמאמר הידוע: זע דקדוקי סופרים ברכות נח, א.

ווארום אָט דאָס וואָס דער מענטש איז אַ קליינער בעל שכל איז דאָס נאָר אין שכל הגלוי. אין שכל הגלוי איז דאָ אזא וועלכער איז אַ קליינער בעל שכל און אַזאַ וועלכער איז אַ גרויסער בעל שכל, אָבער באמת איז דער קליינער בעל שכל מצד שלימות הנפש אַ בעל שכל תקיף. מיט אַ שטאַרקען פאַרשטאַנד גלייך ווי דער גרעסטער בעל שכל, איז דער וואָס האָט דעם ריכטיגען רצון אין לער־נען, איז דער שטאַרקער ווילען וואָס ער וויל פאַרשטיין דאָס וואָס ער לערנט רופט אַרויס דעם שכל, דאָס הייסט אַז דער רצון ווירקט אויפ'ן כח השכל שבנפש ער זאָל זיך מער מתגלה זיין אין שכל הגלוי, און דאָס מיינט די גמרא (גיטין דף ס"ז עמוד א') חכם לכשירצה, ווען ער וועט וועלען וועט ער זיין אַ חכם, ווייל דער רצון ווירקט אויפ'ן שכל, דער טעם פון דעם איז ווייל רצון איז אַ כח מקיף, אָבער שכל ומדות זיינען כחות פנימי' וואָס יעדער כח האָט אַ כלי פרטי. דער כח השכל איז זיין כלי דער מוח, וואָס די דריי פאַרשידענע כחות חב"ד האָבען דריי כלים פרטים, מוח החכמה, מוח הבינה און מוח הדעת. מדות האָבען אַ כלי פרטית — די האַרץ, כח הראי' אין אויג און דאָס גלייכען אין אַלע כחות, וואָס יעדער אבער איז צוזאַמענגעשטעלט אין אַזאַ אופן אין זיין חומר אַז ער פאַסט זיך צו דער ווירקונג פון אָט דעם כח וועלכער געהערט צום דאָזיקן אבר, און להיות שכל ומדות זיינען כחות פנימי', וואָס די כחות טוען זיך אָן אין כלים איז בהכרח צו זאָגען אַז די כחות זיינען פאַרשידען אין דעם אופן פון זייער התגלות, און דערום איז דער כח השכל וועלכער איז דער העכסטער און איידעלסטער כח אין די כחות פנימים איז זיין אָרט אין דער העכסטער און איידעלסטער כלי וואָס דאָס איז דער מאַרך פון קאָפּ, און דאָס וואָס איז מאיר בגוף בגלוי איז מדות אָבער שכל איז ניט מאיר בגוף בגלוי.

קיצור. רצון ווירקט אויף דעם כח השכל שבנפש ער זאָל זיך מתגלה זיין, חכם לכשירצה, אין שכל מדות ראי' שמיעה ריח טעם תנועה איז יעדער אבר צוגעפּאַסט צו זיין כח, דער איידעלסטער אבר איז דער מאַרך.

ד.

אָבער באמת באַדאַרף מען טיעפער פאַרשטיין דעם ענין. עס איז טאַקע אַזוי אַז דער שכל בעיקרו איז אין מוח שבראש און אין גוף איז דער שכל ניט מאיר בגילוי, און דאָס וואָס איז מאיר בגילוי אין גוף איז מדות, ווי מיר זעהען במוחש אין טבע האדם אַז ער איז אָפטמאָל אין איינעם פון די צוויי שטימונגען אָדער אויפגעלייגט אָדער אַראָפּגעפאַלען ביי זיך, וואָס דאָס איז אַלץ מדות, נאָר טיפער פאַרשטיין וועגען דעם גילוי פון אור השכל, מיר זעהען במוחש אַז עס איז דאָ גילוי אור השכל אויך אין די נידעריגע אברים ווי די הענט און פיס אין וועלכע עס איז מלובש דער גאָר נידעריגסטער כח הנפש — דער כח התנועה. ווי מיר זעהען אַז עס איז דאָ אַ אומן יד אין ציור און שרייבען, וואָס אין דעם איז אַ גרויסער שכל, אויך דער וואָס קען גוט טאַנצען וואָס אין דעם איז אויך פאַראַן אַ גרויסער שכל, זעט מען אַז דער שכל איז זיך מתפשט אין גאַנצען גוף, נאָר באמת איז דאָס מער ניט ווי הארת השכל, וואָס אין דעם זיינען פאַראַן כמה טעמים. דער ערשטער טעם אַז דאָס איז מער ניט ווי שכל פון עשי' און תנועה

וואָס דאָס איז די נידעריגסטע מדריגה אין חכמה. דער צווייטער טעם אַז דער עיקר אין דעם זיינען די הענט וועלכע טוען די אומנות לויט'ן חיוב פון שכל אָדער די פיס וואָס טאַנצען לויט דעם ווי די חכמה איז מחייב. דער דריטער טעם איז דאָס וואָס די הענט און פיס ברייננען דעם פועל איז דאָס דורך מדות, וואָס פון דעם אַלץ איז צו פאַרשטיין אַז אין גוף איז ניט מאיר דער גילוי השכל, נאָר אין יעדען אבר איז דאָ נאָר א הארה וואָס געהערט צום דאָזיגען אבר, און דער עיקר גילוי השכל איז אין מוח שבראש. די כחות שכל ומדות זיינען פנימי' וואָס די כלים זיינען לפי אופן הכחות און דערה"מ איז דער חומר פון בשר הלב גראָבער פון דעם חומר המוח שבראש און דער חומר פון די אברי המזון איז גראָבער פון דעם חומר פון בשר הלב, און דער חומר פון דער פיאָטע איז גראָבער פאַר'ן חומר פון אברי המזון. און דאָס איז אַ כלל ידוע אַז דער אור וואָס איז העכער קומט אַראָפּ נידעריגער, און אַזוי ווי דער כח הרצון איז העכער פון שכל קומט ער אַראָפּ נידעריגער פון שכל און איז פאַראַן אין אַלע אברים און דערום ווירקט ער אויף אַלע אברים און כחות. דער ראש איז אַ חומר דק און אין אים איז מאיר דער אור השכל בגילוי, דערום איז אין חומר המוח ניט ניכר דער פעולת הרצון, ווייל דער חומר איז ניט אַזוי געהאַרכזאַם ווי דער רגל וואו עס איז ניטאָ דער גילוי השכל, און אַזוי ווי אין חומר המוח איז פאַראַן אַ מעלה לגבי חומר הרגל וואָס דער חומר המוח איז איידעלער פון אַלע אברים, אַט אַזוי איז אויך פאַראַן אַ מעלה אין רגל וואָס דער רצון איז זיך מער מתפשט אין רגל ווי אין קאָפּ און דאָס איז טאַקע דער טעם פאַרוואָס עס איז לייכטער צו האַלטען די פיאָטע אין הייסע וואַסער ווי דעם קאָפּ.

קיצור. אין אַלע אברים איז פאַראַן אַ הארה פון שכל וועלכע געהערט צו דעם אבר, אָבער דער עיקר כח השכל איז אין מאַרך, דער העכסטער כח פון רצון ווירקט דוקא אין דעם גרעבסטען אבר אין דער פיאָטע, מער ווי אין דעם איידעלסטען אבר.

ה.

עס שטייט הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל ומלאו פני תבל תנובה, וואָס דער פסוק גייט אויף זמן הגלות, וואָס דאַן הגם די פאַרזייאונג איז די מדריגה פון יעקב איז די צמיחה די מדריגה פון ישראל. כידוע אַז יעקב וישראל זיינען צוויי מדריגות וואָס יעקב איז אַ נידעריגע מדריגה י'עקב און ישראל איז אַ הויכע מדריגה לי ראש, דאָס הייסט אַז דורך דער עבודה אין זמן הגלות קומט מען צו פון דער מדריגה פון יעקב צו דער מדריגה פון ישראל. זמן הגלות ווערט אָנגערופען שינה, וואָס בזמן השינה איז די צייט פון חלומות וואָס אין חלום קומט פאַר צוויי הפכים אין איין זאַך און אַזוי איז אויך בזמן הגלות איז דער גאַנצער ענין פון עבודה אַז ווען מען זאָגט שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד טראַכט מען דעם טייטש פון די ווערטער אַז די פיר זייטען פון דער וועלט, די זיבען הימלען און די ערד זיינען בטל צום אל"ף וואָס מיינט אור אין סוף

דעם טייטש: געבראַכט אין מפרשים צו טור אורח חיים סימן סא.

ב"ה אלופו של עולם, און שוין באַלד נאָכדעם ווי מען טראַכט אָפּ אָט די ווער־טער איז גלייך ווי ער וואָלט גאַר קיינמאָל ניט געטראַכט און עס פאַלען אים אַריין מחשבות זרות פון פאַרשידענע זאַכען, און בפרט נאָכ'ן דאַוונען ווען דער מענש קומט צו די וועלט זאַכען פאַרגעסט ער אינגאַנצען אויף דעם וואָס ער האָט געטראַכט בשעת ער האָט געזאָגט אחד, און אָפטמאָל טרעפט אַז דער מענש פאַלט אַריין אין ישות און גסות און פאַרגעסט אינגאַנצען אויף אלקות, און דאָס איז ווי אַ חלום וואו צוויי דברים הפכים קענען זיין צוזאַמען. און דאָס מיינט אני ישנה ולבי ער, אני ישנה אין גלות אָבער ולבי ער אין דעם ענין פון מסירת־נפש, אַז בזמן הגלות איז לייכטער מעורר זיין אין זיך דעם ענין פון מסירת נפש איידער בזמן שבית המקדש קיים. לבי ער איז דער נקודת הלב וואָס דאָרט איז דער נקודת היהדות, וואָס די נקודה איז פאַראַן תמיד אויך בזמן הגלות און ווערט נתגלה דורך אַ מנגד. ווען עס זיינען פאַראַן מנגדים אויף קיום התורה והמצות דאַן ווערט נתעורר די נקודת הלב ונקודת היהדות וואָס דאָס איז די אמונה פשוטה וועלכע איז פאַראַן ביי יעדען אידען וואָס ער איז מאמין בהשי"ת און איז זיך מוסר נפש בפועל ממש, וואָס דאָס איז דער יתרון המעלה פון אנשים פשוטים לגבי בעלי שכל, וואָס ביי די פשוטע אידען איז פאַראַן מער דער ענין פון מסירת־נפש און דער ענין פון תמימות, זיי זיינען מתפלל בצבור, זאָגען תהלים גלויבען אין ביאת המשיח אַלץ מיט אַ תמימות הלב מצד דער אמונה פשוטה בהשי"ת, און דאָס איז וואָס אידען זאָגען, איך בין פאַרשלאָפען צו טראַכטען איבער דער ענדע פון גלות אָבער מיין האַרץ איז וואַך צו דער גאולה, און די אידען וואָס טראַכטען און ריידען וועגען משיח'ן וועלען זוכה זיין לקבל פני משיח.

קיצור. יעקב זיינען אנשים פשוטים אָבער תמימים, ישראל זיינען למדנים, גלות איז ווי אַ חלום אָבער דאַן איז דער כח פון מסירת נפש אויף תורה ומצות שטאַרקער. אידען וואָס ריידען וועגען משיח'ן און זיינען זיך מכין מיט תשובה ומעשים טובים וועלען זוכה זיין לקבל פני המשיח.

ועתה שמע אלקינו אל תפלת עבדך ואל תחנוניו והאר פניך על מקדשך השמם למען אדני. די תפלה האָט דניאל מתפלל געווען להשי"ת, איצטער הער צו אונזער גאָט צו דער תפלה פון דיין קנעכט און צו זיין געבעט און דערלייכט דיין פנים אויף דיין בית המקדש וועלכער איז חרוב, צוליב דיר גאָט. דניאל איז צוזאַמען מיט נאָך דריי קינדער פון מלכות בית דוד, חנני' מישאל ועזרי', פאַר־טריבען געוואָרען, צוזאַמען מיט נאָך פיעל אידישע קינדער, פון ירושלים קיין בבל דורך קעניג נבוכדנצר. קעניג נבוכדנצר האָט געגעבען אַ באַפעל זיין הויפט־מאַן אשפנז אויסצואוויילען פון דעם אידישען קעניגליכען אַדעל קינדער וועלכע זיינען קערפערליך גוט געבויט, מיט אַ שיינעם אויסזעהן, וועלכע זאָלען ניט האָבען קיינע פעלערען אפילו קיין באַהאַלטענע קליינע פעלערען אויך ניט, אויך זאָלען זיי זיין גייסטיג פעהיג מיט אַ גוטען פאַרשטאַנד און וויסענשאַפט, און זאָלען

האָבען קערפּערליכע און גייסטיגע קראַפט צו שטיין אין קעניגליכען פּאַלאַץ. די דאָזיגע קינדער זאָל מען ערציען דורך גוטע און טיכטיגע לעהרער אין פאַר־לויף פון דריי יאָר. דער קעניג אַליין האָט דורך גוטע רופאים איינגעאָרדענט די שפּייז און די געטראַנקען מיט וועלכע מען זאָל די קינדער ערנערען בכדי זיי זאָלען זיך גוט אַנטוויקלען. דאַן האָט דער הויפּט־מאַן אויסגעקליבען די פיר קינדער דניאל חנני׳ מישאל ועזרי׳ און האָט זיי געגעבען אַנדערע נעמען, דניאל׳ן האָט ער גערופען בלטשאצר חנני׳ שדרך מישאל׳ן מישך און עזרי׳ן עבד־נגו, דאָס זיינען אַלץ נעמען פון געטער צו וועלכע די כשדים האָבען געדינט, און זייער אויפפּאַסער האָט פאַראָרדענט צו שפּייזען די קינדער לויט דער פאַראָר־דענונג פון קעניג דורך די מענשען וואָס קענען זיך אויף דעם. דניאל האָט זיך איבערלייגט און גענומען צום האַרצען מיט אַ שטאַרקען באַשלוס אַז ער זאָל ניט עסען די שפּייז וואָס מען ברייגנט אים פון דער קעניגליכער קיך און ניט טרינקען די ווייגען פון די קעניגליכע קעלערען און הגם דאָס איז געווען קעגען דעם קעניגליכען באַפעהל וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט׳ן האַרבען עונש פון טויט־שטראָף, דאָך האָט ער ניט געגעסען די קעניגליכע שפּייזען און ניט געטרונ־קען די קעניגליכע געטראַנקען.

קיצור. אַז נבוכדנצר האָט בעלאַגערט ירושלים האָט ער אויסגעקליבען פון די אידישע קינדער דניאל חנני׳ מישאל ועזרי׳ וועלכע זיינען געווען פון זרע המלוכה, האָט זיי געביטען די נעמען און געהייסען שפּייזען מיט טריפה שפּייז און געטראַנקען. דניאל און זיינע חברים האָבען געהאַט מסירות נפש ניט צו עסען קיין טריפה.

ב.

דניאל האָט געהאַט מסירות נפש אויף דעם ענין פון תפלה. ווען השי״ת האָט מגלה געווען דניאל׳ן נבוכדנצר׳ס חלום מיט זיין פּתרון און דניאל האָט דאָס איבערגעגעבען נבוכדנצר׳ן האָט ער אים דערהויבען און אים באַשטימט אַלס איי־נעם פון די העכסטע פּערזענליכקייטען אין זיין רעגירונג און האָט אים איינגעאָר־דענט אַ וואוינונג אין איינעם פון זיינע פּאַלאַצען. דער קעניג דריוש המדי האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאָט און האָט פאַרלאַנגט אַז יעדער מענטש אַנשטאָט צו בעטען צו זיין גאָט זאָל בעטען צום קעניג און ווער עס וועט ניט אָפּהיטען דעם דאָזיקען באַפעל זאָל מען אים טויטען, דורך אַריינוואַרפען אין גרוב פון הונגעריגע לייבען. דניאל האָט אין זיין וואוינונג וועלכע דער קעניג האָט אים באַשטימט איינגעאָר־דענט אַ צימער וואו ער האָט געדאַווענט. אין דעם דאָזיגען צימער איז געווען אַ פענסטער אָפען צו דער זייט פון ירושלים און בית המקדש, און דריי מאָל אַ טאָג, שחרית מנחה ומעריב, פלעגט ער דאָרטען דאַווענען. ביז איינמאָל האָבען איניגע לייט נאָכגעשפּירט דניאל׳ן און האָבען אים פאַר׳מסר׳טביים קעניג אַז ער ערפילט ניט דעם קעניג׳ס געבאָט און דאַווענט דריי מאָל אַ טאָג. דער קעניג, הגם ער האָט זייער געאַכטעט דניאל׳ן און האָט אים געוואָלט מציל זיין, דאָך אָבער לויט די געזעצען פון פּרס ומדי האָט דער קעניג זעלבסט ניט געקענט פאַרלייכטערען זיין שטראָף און מען האָט אים אַריינגעוואָרפען אין אַ גרוב צווי־

שען הונגעריגע לייבען. אויף דעם גרוב האָט מען ארויפגעלייגט אַ גרויסען שטיין און די ברעגען פאַרזיגעלט מיט דעם קעניג'ס זיגעל, נאָר השי"ת האָט אים מציל געווען פון די לייבען. און אַזוי האָט ער זיך תמיד געפיהרט אין אַ דרך פון מסירות־נפש אויף דעם ענין פון תפלה. איינע פון זיינע תפלות איז געווען די תפלה ועתה שמע אלקינו אל תפלת עבדך ואל תחנוניו והאר פניך על מקדשך השמם למען אדני. באַדאַרף מען פאַרשטיין דעם מיין פון דעם וואָרט ועתה, איצטער דוקא, איז די צייט פון תפלה. באמת האָט דאָך תפלה ניט קיין באַשטימטע צייט וואָרום דער ענין פון תפלה איז אַז אין יעדער עת צרה, הן צרת הרבים און הן צרת היחיד, איז אַ מצוה צו מתפלל זיין להשי"ת ער זאָל צושיקען אַ ישועה. וואָס דער גרונד פון מצות תפלה איז די אמונה וועלכע איז פאַראַן אין יעדער אידי־שער האַרץ אַז השי"ת שפייזט יעדען מיט חסד און פירט אַלע באַשעפענישען מיט רחמים און איז משגיח אויף יעדען איינצעלנעם מיט השגחה פרטית, הייגט פאַרוואָס שטייט ועתה, וואָס מיינט נאָר אין אַ באשטימטע צייט און ווען איז דאָס די באַשטימטע צייט וואָס דאָן איז דער זמן תפלה.

קיצור. דריוש האָט זיך געמאַכט פאַר אַ גאָט און באַפוילען — מיט טויט־שטראָף — אַז יעדער מענש אַנשטאָט צו בעטען ביי גאָט זאָל בעטען ביים קעניג, דניאל האָט געהאַט מסירות־נפש אויף תפלה, דריי מאָל אין טאָג, איינע פון זיינע תפלות איז ועתה שמע אלקינו אל תפלת עבדך. תפלה איז דאָך דער גלויבען אין בורא ב"ה וואָס דאָס באַדאַרף זיין שטענדיג פאַרוואָס זאָגט ער ועתה.

ג.

אויך באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער מיין פון דער בקשה והאר פניך על מקדשך השמם, און וואָס, איז דער טעם למען אדני. נאָר דער ענין אין דעם איז, די גמרא זאָגט (ברכות דף ז' עמוד ב') אויך דניאל'ן האָט השי"ת ניט אָפּגעזאָגט נאָר צוליב אברהמ'ן ווי עס שטייט ועתה שמע אלקינו וכו' למען אדני, וואָס עס האָט דאָך באַדאַרפט שטיין למענך צוליב דיר אַליין וואָס עפּעס למען אדני, נאָר דער מיין אין דעם איז צוליב אברהמ'ן וועלכער האָט גערופען השי"ת מיט'ן נאָמען אדני, ווי דער תנא רשב"י האָט געלערנט, אַז זינט השי"ת האָט באַשאַפען די וועלט איז ניט געווען קיינער וועלכער האָט גערופען השי"ת מיט'ן נאָמען אדון, ביז עס איז געקומען אברהם און האָט אים גערופען אדון, און דערום האָט דניאל געזאָגט למען אדני. נאָר מען באַדאַרף פאַרשטיין דעם אויסדרוק פון דער גמרא אַז אויך דניאל'ן האָט השי"ת ניט אָפּגעזאָגט נאָר צוליב אברהמ'ן, וואָס פון אויסשפּראַך איז געדרונגען אַז באמת איז דניאל ראוי אַז השי"ת זאָל אים ניט אָפּזאָגען זיין געבעט צוליב זיך זעלבסט, נאָר באמת האָט מען אים ניט אָפּגעזאָגט ניט צוליב זיך נאָר צוליב אברהמ'ן, און דער אויסשפּראַך פון דער גמרא איז ווי אַ וואונדער וואָס די גמרא וואונדערט זיך צוליב וואָס האָט דניאל באַדאַרפט אָנקומען צום זכות פון אברהמ'ן, וואָס עס איז ניט צו פאַרשטיין דער

דער ענין פון תפלה: זע רמב"ן אויף ספר המצות להרמב"ם מצות עשה ה. ספר החינוך מצוה תל"ג. דרך מצותיך — להצמח צדק — שורש מצות התפלה, און נאָך.

גמרא׳ס וואונדער אָט געפינען מיר דאָך אַז משה רבינו ע״ה אין זיין תפלה פאַר כלל ישראל האָט אויך דערמאָנט דעם זכות פון די אבות, ווי עס שטייט זכור לעבדיך לאברהם ליצחק וליעקב היינט וואָס איז אַזאַ וואונדער וואָס דניאל׳ן האָט השי״ת ניט אָפּגעזאָגט צוליב אברהמ׳ס זכות. אויך באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס פון דער גמרא׳ס אויסשפּראַך איז משמע אַז דער אויסדרוק למען אדני איז מער ווי עס וואָלט שטיין למענך, און ווען עס וואָלט שטיין למענך וואָלט מען ניט וויסען די אמת׳ע כוונה, הייסט דאָס אַז למען אדני איז אַ העכערער אויסדרוק ווי למענך, וואָס דאָס איז ניט צו פאַרשטיין למענך איז דאָך דער מיין אַ המשכה עצמית, למשל, בגשמיות ווען איינער זאָגט צום צווייטען דו, אתה, איז דאָך דער מיין אין דעם דער גאַנצער מהות פון דעם מענשען, און אַזוי איז אויך דער מיין פון די ווערטער ברוך אתה וואָס מיר זאָגען אין די ברכות פון שמונה עשרה, אַז השי״ת אַליין זאָל דערפילען אונזערע בקשות וואָס דאָס מיינט אַז די המשכות זאָלען זיין פון עצמות אוא״ס, און דאָס זעלבע איז אויך דער מיין פון למענך צו־ליעב דיר אַליין, און למען אדני איז דאָך למען אברהם שקראו אדון, וואָס דאָס הייסט אַז אברהם אבינו דורך זיין גרויסער עבודה פון הכנסת אורחים מיט אַ מסירת־נפש האָט באַקאַנט געמאַכט השי״ת׳ס נאָמען אפילו צווישען די גאָר פראָסטע ערביים און ער האָט זיך באַמיהט צו פאַרשטיין געבען זיי דעם ענין פון בורא ב״ה, ווי ער פירט די וועלט און דורך דעם האָט ער באַקאַנט געמאַכט די הערשאַפט פון השי״ת אויף דער וועלט, באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער יתרון פון דעם אויסשפּראַך למען אדני וואָס דאָס איז דורך דער עבודה פון אברהם לגבי למענך וואָס דאָס איז המשכה עצמית.

קיצור. דניאל בעט ביי השי״ת והאר פניך על מקדשך השמם למען אדני. וואָס איז דער טעם למען אדני, ער האָט באַדאַרפט זאָגען למענך. דניאל איז געענטפערט געוואָרען בזכות אברהם אבינו, וואָס אברהם איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט גערופען דעם בורא בשם אדון און האָט באַקאַנט געמאַכט פאַר אַלעמען אַז השי״ת איז דער שעפער און מנהיג פון דער וועלט.

ד.

נאָך דער בקשה כללית ועתה שמע אלקינו האָט דניאל ווייטער מתפלל געווען הטה אלקי אזנך ושמע פקח עיניך וראה שוממותינו והעיר אשר נקרא שמך עלי׳. לויט די קבלה־ספרים איז אין דיזען פסוק דער וואָרט „עיניך״ דיינע אויגען גלייך ווי עס זאָל שטיין „עינך״, לשון יחיד, איין אויג,* ווי עס שטייט עין ה׳ אל יראיו, און אויף דעם זאָגט ער פקח עינך וראה, עינך עין אחת, באַדאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס אַמאָל שטייט עין ה׳ אל יראיו, איין אויג, און אַמאָל שטייט עיני ה׳ אל צדיקים. זאָגט דער מדרש (סוף שיר השירים) ווען די אידען טוען דעם רצון פון השי״ת דאַן קוקט השי״ת אויף זיי מיטביידע אויגען, ווי עס שטייט עיני ה׳ אל צדיקים, ווען אָבער זיי טוען ניט דעם רצון פון השי״ת

* אין דעם קומענדען מאמר וועט אָט דער ענין באַהאַנדעלט ווערען מיט מעהר איינ־צעלהייטען.

דאַן קוקט ער אויף זיי מיט איין אויג ווי עס שטייט עין ה׳ אל יראיו, קומט דאָך אויס אַז מיט איין אויג קוקט השי״ת נאָר ווען אידען טוען ניט זיין רצון, היינט פאַר־וואָס דערמאָנט דניאל איז זיין תפלה נאָר איין אויג. אין פרשה לך לך זאָגט דער מדרש עין ה׳ אל יראיו זה אברהם ווי עס שטייט עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה, איז דאָך ניט מובן וויבאַלד אַז עין ה׳ אל יראיו איז בזמן ווען אידען טוען ניט השי״ת׳ס רצון היינט ווי קען מען דאָס זאָגען אויף אברהמ׳ן וועלכער ווערט אָנ־געררופען אוהבו של מלך און בפרט נאָך זיין עבודה פון די עשרה נסיונות, ווי עס שטייט בעשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו. אויך באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער מיין פון דעם ענין אַז השי״ת קוקט מיט צוויי אויגען אָדער מיט איין אויג. נאָר דער ענין איז, אַז דוד המלך זאָגט צו השי״ת (תהלים צד) עמך ד׳ ידכאו ונחלתך יענו גו׳ ויאמרו לא יראה יה ולא יבין אלקי יעקב. נאָכ־דעם זאָגט ער ווייטער בינו בוערים בעם וכסילים מתי תשכילו, הנטע אזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס דערקלערט דאָ דוד המלך, דאָס זיינען דאָך זאַכען וואָס אפילו אַ פשוט׳ער מענש פאַרשטייט זיי אויך. דער רמב״ם זאָגט אַ משל אין דעם, אַ בעל מלאכה וועלכער קען מאַכען אַ כלי איז אויב דער בעל מלאכה וואָלט ניט האָבען אין קאָפּ און אין האַרצען דעם באַגריף פון דער כלי וועלכע ער מאַכט, דאַן וואָלט ער די כלי ניט געקענט מאַ־כען, און בפרט מאַכען אַ כלי מיט אַלע אירע פרטים אין דעם העכסטען זין פון די נוצען וועלכע די כלי באַדאַרף ברענגען מוז זייןביים בעל מלאכה אין קאָפּ און האַרץ דער באַגריף פון דער כלי וואָס אַזוי איז אויך ביי השי״ת, אויב מיר זאָלען זאָגען אַז השי״ת וויס ניט פון די כחות ראי׳ ושמיעה היינט ווי אַזוי וואָלט השי״ת באַשאַפען די כלים פון ראי׳ ושמיעה, וואָס דאָס איז פאַרשטענדליך אויך דעם גאַנץ איינפאַכען מענשען, היינט וואָס מיינט דאָ דוד המלך מיט זיין דערקלערונג.

קיצור. דניאל זאָגט אין זיין תפלה הטה אלקי אזנך ושמע פקח עינך וראה, ווען אידען טוען דעם רצון הבורא דאַן שטייט עיני ה׳ אל צדיקים, ווען זיי טוען ניט דעם רצון הבורא דאַן שטייט עין ה׳ אל יראיו איין אויג, פאַר וואָס זאָגט דניאל, לויט די בעלי קבלה צייגען אָן, עינך איין אויג. דער מדרש טייטשט עין ה׳ אל יראיו אויף אברהמ׳ן. דוד זאָגט הנוטע אזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט, דעם רמב״ם׳ס משל.

ה.

דער ענין איז. עס זיינען פאַראַן צוויי מדריגות. איינע השתלשלות און די צווייטע למעלה מהשתלשלות. השתלשלות איז דער פירוש וואָס עס גייט אַריבער פון איין מדריגה אין דער צווייטער וואָס נידעריגער פון איר. ווי אַ שלשלת — קייט וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט פון רינגען, וואָס איין רינג איז אַנגעהאַלטען אָן דעם צווייטען. דער אויבערשטער טייל פון דעם אונטערשטען רינג איז אָנ־געהאַנגען אָן דעם אונטערשטען טייל פון דעם אויבערשטען רינג וואָס העכער

דער רמב״ם זאָגט: אין מורה נבוכים חלק ג פרק יט.

פאַר אים, און דער אונטערשטער טייל פון דעם העכערען רינג איז אַריינגערוקט אין אויבערשטען טייל פון דעם רינג וואָס נידעריגער פאַר אים. און אין אַזאַ סדר גייען אַ סך רינגען איינער נאָכ'ן צווייטען און פון אַלע רינגען צוזאַמען ווערט אַ לאַנגע קייט, וואָס הגם יעדער רינג איז אַנגעהאַלטען אַן צווייטען דאַך איז ביס־לעכווייז דערווייטערט זיך יעדער רינג אַלץ מער פון דעם אָנהויב. און אַזוי איז אויך אין שכל. אין השכלה איז פאַראַן העכער און נידעריגער, דאָס הייסט גרע־סער און קלענער, וואָס דאָס איז הן אין חכמות בכלל און הן אין יעדער חכמה בפרט. חכמות ווערען געטיילט אויף געוויסע טיילען, חכמת הטבע, חכמת הצמחים, חכמת הרפואה און עס איז דאָ חכמות וועלכע זיינען העכער פון חכמות הטבע און עס איז דאָ חכמת התורה און חכמת אלקות, וואָס אין די אַלע חכמות איז דאָ אַ סדר פון העכער און נידעריגער אַז די חכמות וואָס זיינען אין טבע, נאַטור־פאָרשונג, זיינען נידעריגער פון די חכמות וואָס זיינען העכער פון טבע, דאָס הייסט די פאָרשונג אין די זאַכען וואָס זיינען אויסער דער נאַטור און דאָס אַלץ איז נידע־ריגער פון חכמת התורה און חכמת אלקות, ווייל די אַלע חכמות זיינען איבער־געגעבען צום שכל אנושי אָבער חכמת התורה איז געטליכער פאַרשטאַנד. הגם חכמת התורה קומט אויך אַראָפּ אין שכל אנושי און די מצות ידיעת התורה איז דוקא אַז יעדער ענין וואָס מען לערנט זאָל מען פאַרשטיין אין שכל, אָבער די עצם שכליים פון חכמת התורה זיינען געטליכע שכליים. הכמת אלקות דער פאַר־שטאַנד אין געטליכקייט און גאָט ב"ה, געטליכקייט דער אור אלקי וואָס איז מער ניט ווי אַ הארה און ניט די עצם זאַך, למשל דער אור השמש איז מער ניט ווי אַ הארה פון מאור השמש, די זון אליין איז אַ עצם ניט קיין הארה דערום הייסט די זון מאור, אָבער די ליכטיגקייט פון דער זון ווי זי פאַרשפּרייט זיך אויף דער וועלט צו לייכטען איז מער ניט ווי אַ אָפּשיין וואָס ווערט אָנגערופען הארה, און דאָס איז אויך דער ענין פון געטליכקייט, דער פאַרשטאַנד אין צוויי אופנים, איין אופן איז אַז אַלץ איז גאָט ב"ה און דער צווייטער אופן איז אַז גאָט ב"ה איז אַלץ, וואָס אין די ביידע אופנים זיינען פאַראַן גרויסע און טיפע פאַרשטאַנדען. און גאָט ב"ה איז עצמי, דאָס הייסט אַז אַלץ וואָס עס איז באַגרייפלעך אין הארה, איז דער עצמי אָפּגערוקט פון דעם, דאָס הייסט אַז דאָס איז אין איין אַנדער אופן, אָבער אויך דאָס קען מען פאַרשטיין אין אַ געוויסער מאָס און פאָרמע, ווייל אין חכמות איז פאַראַן א סדר פון העכער און נידעריגער, קלענער און גרעסער.

קיצור. חכמות ווערען געטיילט אין פאַרשיידענע טיילען, העכער און נידעריגער ווי אַ לאַנגע קייט האָבען די רינגען אַן ענליכקייט. דאָס איז השתלשלות. חכמת התורה און אלקות, הגם זיי זיינען פאַרשטענדליך אויך אין שכל אנושי איז דאָס למעלה מהשתלשלות, געטליכקייט לגבי גאָט ב"ה איז אַ הארה לגבי עצם, ווי דער אָפּשיין פון דער זון לגבי דער זון, גאָט ב"ה איז אַלץ, אַלץ איז גאָט ב"ה.

ו.

אָט אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ סדר אין חכמות און חכמת התורה איז העכער און גרעסער פון די חכמות פון טבע, און חכמת התורה הגם דאָס איז

געטליכער שכל, דאָך איז חכמת התורה אור אלקי, וואָס איז מער ניט ווי אַ הארה פון עצמות א״ס ב״ה, וואָס די אַלע חכמות האָבען אַ סדר ניט נאָר אין דעם וואָס אין חכמה איז נידעריגער פאַר דער צווייטער, נאָר אויך אין דעם אַז פון דעם פאַרשטאַנד פון איין חכמה — די נידעריגע — פאַרשטייט מען אין אַ געוויסער מאָס די צווייטע — די העכערע — חכמה, וואָס דער אופן פאַרשטיין פון דער נידעריגער חכמה און דער העכערער איז פאַרשידען. עס איז בשום אופן ניט גלייך דער אופן פאַרשטאַנד אין חכמות הטבע צו די פאַרשטאַנדען אין עצמות אור א״ס ב״ה וואָס זיינען דורך די פאַרשטאַנדען פון חכמת התורה, אָבער דאָך איז דורך די הקדמות פון די פריערדיגע חכמות פאַרשטייט מען אין אַ געוויסער מאָס מער און טיפער די העכערע און גרעסערע חכמות. ווי מיר זעהען במוחש דעם אונטערשייד אין חכמים גופא, אַז עס איז ניט גלייך דער פאַרשטאַנד אין חכמת אלקות ביי די וועלכע האָבען ניט די הקדמה פון חכמת התורה. וואָס דאָס אַלץ איז אַ באַווייז אַז די חכמות האָבען אַן אינערליכען צוזאַמענבונד און דאַרום איז הגם די נידעריגע חכמה איז ניט בערך צו דער העכערער דאָך מצד דעם אינערליכען צוזאַמענבונד ברייננט די נידעריגע חכמה גרויס נוצען צום פאַר־שטיין די העכערע חכמה. הגם אין שכל איז דאָ אַ אָרט צו פאַרשטיין אַז דאָס וואָס דער פאַרשטאַנד אין דער נידעריגער חכמה ברייננט נוצען דעם פאַר־שטאַנד פון דער העכערער חכמה איז דאָס ניט נאָר מצד דעם אינערליכען צוזאַמענבונד פון די חכמות נאָר מצד דעם וואָס דורך דעם פאַרשטאַנד פון דער נידעריגער חכמה ווערען אויסגעאיידעלט די כלי המוח אַז זיי קענען מער צו נעמען אַ העכערען און גרעסערען שכל, ווי מיר זעהען במוחש אַז פון יעדען פאַרשטאַנד ווערט אַ געוויסע ברייטקייט און איידעלקייט אין מוח אַז דער פאַר־שטאַנד באַגרייפט אַ העכערען און גרעסערען שכל ווי פריהער, אָבער באמת זיינען ביידע זאַכען ריכטיג, אַז דורך דער נידעריגער חכמה ווערט פאַרברייטערט דער מוח און ער ווערט אויסגעאיידעלט אַז ער קען צונעמען אַ גרעסערען און הע־כערען שכל, אָבער אויך דאָס איז ריכטיג אַז די נידעריגע חכמה איז אַ הקדמה צו דער עצם העכערע חכמה, דאָס הייסט אַז חוץ דעם וואָס די נידעריגע חכמה גיט נוצען אין די כלי המוח גיט זי אויך געוויסע נוצען אין באַגרייפונג פון דער העכערער חכמה וואָס דאָס איז מצד דעם אינערליכען פאַרבונד פון די חכמות און זייער סדר. איז אָט אַזוי ווי אין חכמות בכלל איז דאָ אַ סדר פון העכערער און נידעריגער, גרעסער און קלענער, אַזוי איז אויך אין יעדער חכמה בפרט, וואָס אין די שכלים און פאַרשטאַנדען פון דער חכמה איז פאַראַן העכער און נידע־ריגער, גרעסער און קלענער, און דאָס איז דער ענין פון השתלשלות וואָס עס קומט פון אַ העכערער מדריגה אין אַ נידעריגערע.

קיצור. אין אַלע חכמות פון דער נידעריגסטער וואָס איז פאַראַן אין חכמת הטבע ביז דער העכסטער חכמה וואָס איז פאַראַן אין חכמת אלקות האָט השי״ת אַריינגעגעבען אינערליכע פאַרבינדונג וואָס יעדע חכמה איידעלט אויס די כלי המוח והשכל אַז מען זאָל קענען איידעלער און טיפער פאַרשטיין די העכערע חכמה, חכמת התורה ביראת שמים איז אַ טרעפ צו חכמת אלקות פאַרשטיין געטליכקייט און גאָט ב״ה.

הנה עין הוי' אל יראיו. זאגט דער מדרש (פרשה לך לך) עין הוי' אל יראיו זה אברהם ווי עס שטייט עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה. דער מדרש (שיר השירים) זאגט, בזמן שישראל עושין רצונו של מקום הוא מביט עליהם בשתי עיניו, ווי עס שטייט עיני הוי' אל צדיקים, ובזמן שישראל אין עושין רצונו של מקום הוא מביט עליהם בעין אחת, ווי עס שטייט עין הוי' אל יראיו. באדארף מען פארשטיין וויבאלד אז עין הוי' איז דאס בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום ווי שיקט זיך דאס אז דאס גייט אויף אברהם אבינו, אברהם האט דאך געדיענט השי"ת מיט א גרויסע איבערגעגעבענקייט און מסירת־נפש, היינט ווי איז שייך זאגען אויף אברהמ'ן דעם זעלבען אויסדרוק וואס מען זאגט אויף די וועלכע טוען ניט דעם אויבערשטענס רצון. פארשטיין דעם ענין. עס איז ידוע אז עס זיינען דא צוויי מדריגות, איינע איז השתלשלות און די צווייטע איז וואס העכער פון השתלשלות. השתלשלות איז אז דער אור פון דער העכערע מדריגה קומט אראפ אין דער פאר איר נידעריגער מדריגה, ווי למשל, א קייט וועלכע איז געמאכט פון רינגען איז דער אונטער־שטער טייל פון ערשטען רינג ארייגערוקט אין אויבערשטען טייל פון צווייטען רינג און אזוי כסדר, די רינגען איינער נאכ'ן אנדערען ביז עס ווערט א לאנגע קייט. און אזוי איז אויך אין דעם ענין פון שכל. אין חכמות איז פאראן א סדר פון העכער און נידעריגער, גרעסער און קלענער, וואס באמת האבען חכמות אן אינערליכען צוזאמענבונד און דערום איז דורך דער הקדמה פון דער נידע־ריגער חכמה האט מען א גרעסערען און טיפערען פארשטאנד אין דער העכערער חכמה. און אזוי איז אויך אין יעדער חכמה בפרט אין שכלים פון דער חכמה איז פאראן העכער און נידעריגער, גרעסער און קלענער. איז דער ענין פון השתלשלות אויף צוויי אופנים. איין אופן איז אז דער אור פון דער העכערער מדרגה קומט אין דער נידעריגער מדריגה און דער צווייטער אופן אין השתלשלות איז אז די העכערע מדריגה מאכט די נידעריגע מדריגה, וואס אט דער צווייטער אופן אין השתלשלות ווערט אנגערופען עילה ועלול. די העכערע מדריגה ווערט אנגע־רופען עילה און די נידעריגע עלול, וואס דער מיין עילה איז שעפער און דער מיין עלול איז דער געשאפענער. וואס דער ענין פון השתלשלות איז שייך אויך אין ספירות, וואס דער ענין פון השתלשלות איז אז דער אור פון דער העכערער מדריגה קומט א טייל פון איר אין דער נידעיגער מדריגה, וואס מיט דעם וועט מען פארשטיין וואס דער ספר הפרדס זאגט אז אין יעדער ספירה זיינען פאראן דריי דרגות. איין דרגא וואס קומט פון דער העכערער ספירה. די צווייטע איז דער מהות עצמי פון דער ספירה און די דריטע איז דאס וואס קומט פון דער ספירה אין א ספירה וואס איז נידעריגער פאר איר. למשל ספירת החכמה, איז פאראן איין דרגא אין ספירת החכמה אט דאס וואס חכמה קומט פון ספירת הכתר, ווי עס שטייט והחכמה מאין תמצא, די מציאות פון ספירת החכמה קומט פון דער ספירת הכתר, וואס ווערט אנגערופען אין. די צווייטע דרגא אין ספירת החכמה איז דער מהות עצמי פון ספירת החכמה, און די דריטע דרגא איז דאס וואס קומט פון ספירת החכמה אין ספירת הבינה וועלכע

ספר הפרדס זאגט: אין שער שני פרק ז.

איז נידעריגער פון חכמה. און דאָס זעלבע איז אין אַלע ספירות, און דאָס איז דער ענין פון השתלשלות הספירות אז דער אור פון דער העכערער ספירה קומט אַראָפּ אין דער דריטער ספירה דורך דער פאַרמיטלונג פון דער צווייטער ספירה. עס איז אויך פאַראַן השתלשלות הספירות וואָס די נידעריגע ספירה ווערט פון דער העכערער, נאָר דאָס מיינט ניט אַז די נידעריגערע ספירה ווערט טאַקע ממש פון דער העכערער, נאָר מער ניט וואָס די נידעריגערע ספירה איז פריער געווען איינגעהילט אין דער העכערער ספירה און נאָכדעם ווי זי ווערט נתגלה פון איר איינהילונג ווערט דאָס אָנגערופען מיט'ן נאָמען עילה ועלול, וואָס דער ענין פון השתלשלות איז אַלץ אין מדריגות וועלכע האָבען אַן ערך איינס צו די צווייטע.

קיצור. עס זיינען פאַראַן צוויי מדריגות אין די כחות און אויך אין די ספירות. איינע איז העכער פון השתלשלות. די צווייטע איז השתלשלות ווי אַ קייט וואָס איין רינג איז אָנגעבונדען אָן דעם צווייטען, דאָס זעלבע איז אין שכל פון המצאה (חכמה) און פאַרשטאַנד (בינה) און דאָס ווערט אָנגערופען עילה (שעפער) ועלול (דער געשאַפענער).

ב.

אָט אַזוי ווי עס איז פאַראַן דער ענין פון השתלשלות אין ספירות, אָט אַזוי איז אויך פאַראַן דער ענין פון השתלשלות אין עולמות, וואָס דאָס איז אין די דריי עולמות בריאה יצירה ועשי', ווייל די דריי עולמות זיינען בערך זה לזה, און ווייל זיי זיינען בערך זה לזה איז דער עלול, וואָס דאָס איז די געשאַפענע דרגא, קומט ווי בדרך ממילא פון דער עילה. קען מען דאָס פאַרשטיין פון שכל ומדות וועלכע ווערען אויך אָנגערופען עילה ועלול. שכל איז די עילה און מדות זיינען די עלולים. איז די עלולים פון מדות קומען בדרך ממילא פון דער עילה פון שכל, וואָס ווען די עילה פון שכל לייכט ביי אים אין מוח מיט אַ מיושב'דיקן פאַרשטאַנד, דאַן איז ווי בדרך ממילא ווערען ביי אים דערוועקט און עס ווערען נתגלה די מדות אין האַרצען לויט דעם אינהאַלט פון שכל, וואָס אַזוי זעהען מיר הן אין גשמיות און הן אין רוחניות. אין גשמיות ווען אַ מענש פאַרשטייט מיט זיין פאַרשטאַנד אַז אַזאַ און אַזאַ זאַך איז גוט פאַר אים, איז ווען ער איבערלייגט זיך אַז די זאַך איז גוט פאַר אים ווערט ביי אים אַ המשכה צו דער זאַך. דאָס הייסט עס ווערט ביי אים אַ ליבשאַפט און אַ נאָהענטקייט צו דער זאַך. וואָס דאָס זעלבע איז אויך אין רוחניות ווען דער מענש פאַרשטייט אַ געטליכען פאַרשטאַנד, למשל, ער פאַרשטייט אַז אלקות (געטליכקייט) איז דער חיות פון אַלעמען און אַלץ און אָט דעם פאַרשטאַנד באַגרייפט ער גוט מיט זיין שכל און איבערלייגט זיך אין דער השגה אַ סך מאָל ביז דער פאַרשטאַנד ווערט ביי אים דערהערט, דאָס הייסט אַז דער מענש פאַרשטייט די השגה — וואָס זי איז חכמת אלקות — גוט און טיעף אין זיין שכל אנושי אָט אַזוי ווי ער פאַרשטייט אַ שכל פון חכמת הטבע. אַשכל גשמי פון חכמת הטבע פאַרשטייט אַ מענש גוט מיט זיין שכל אנושי, אָדער אַ שכל וואָס געהערט צו דער פיהרונג פון זיינע עסקים פאַרשטייט דער מענש זייער גוט. דער טעם פון דעם איז ווייל די

זאך פון זיינע עסקים איז אים זייער נוגע און אַ זאַך וואָס איז אים נוגע ווייס ער דאָס קלאָר און עס איז ביי אים ניטאָ קיין ספק אין קיין פּרט, די זאַך איז אים זייער נאָהענט און ער איז נאָהענט צו דעם מיט אַ באַזונדער המשכה און צוגעבונדענקייט, און ווען די השגה אלקית איז ביי אים אַזוי גוט פאַרשטענדליך ווי דער שכל הגשמי און ער איז נאָהענט און צוגעבונדען צו דער השגה אלקית, דאַן ווערט ביי אים דערהערט די השגה און עס דערוועקט זיך ביי אים אַ האַר־ציגע מדה טובה, לויט דעם אינהאַלט פון דער השגה אלקית, דאָס הייסט אַז הן אין גשמיות און הן אין רוחניות איז די עילה פון שכל אַנטדעקט און שאַפט דעם עלול פון מדות. דער טעם פון דעם איז, ווייל די מדה איז די פאַרשפּרייטונג און די המשכה פון דער עילה צו שאַפען דעם עלול, דאָס הייסט אַז עס באַדאַרף זיין אַ פאַרשפּרייטונג פון שכל בכדי עס זאָל קענען אַנטשטיין אַ מדה נאָך דעם שכל נאָך, וואָרום בכדי עס זאָל אַנטשטיין אַ מדה איז דאָס נאָר פון דער פאַרשפּרייטונג פון שכל דאָס הייסט פון חצוניות השכל, ווייל די עצמיות פון שכל האָט ניט קיין שייכות צום ענין פון מדות און ניט דאָס איז די עילה פון שכל אַז פון דעם זאָל זיין דער עלול פון מדות, דאָס הייסט אַז דער עצמות השכל איז העכער פון צו זיין אַן עילה פאַר מדות, ווייל מדות זיינען ניט בערך דעם עצם השכל, נאָר פון חיצונית־השכל קען אַנטשטיין מדות וואָס דאַן קומען די מדות בדרך ממילא פון שכל ווייל זיי זיינען בערך איינס צום צווייטען.

קיצור. אין די דריי עולמות בריאה יצירה עשי׳ איז אויך פאַראַן די זאַך פון השתלשלות, ווי שכל וואָס ווערט אַנגערופען עילה, דער שעפער, און מדות עלול, די געשאַפענע. דער עלול פון מדות קומט בדרך ממילא פון דער עילה פון שכל. ווען אַ מענש לערנט און פאַרשטייט אַ געטליכען פאַרשטאַנד ווערט ביי אים אַן אהבה ויראה צו און פון געטליכקייט.

ג.

און להיות מדות זיינען א התפשטות פון מוחין, דערום איז די עילה — וואָס דאָס איז דער שכל — זיך מתלבש אין דעם עלול וואָס דאָס זיינען די מדות. דאָס הייסט אַז דער טעם פאַרוואָס מוחין זיינען זיך מתלבש אין מדות איז ווייל מדות זיינען אַ התפשטות פון מוחין, ווי מיר זעהען במוחש אַז דער מהות פון שכל איז מאיר אין מדות. אהבה און שנאה זיינען מדות שבלב וואָס ווירקען אין פועל ממש. די מדת האהבה ווירקט צו טאָן גוטס מיט אַ פריינד, הן אין גשמיות און הן אין רוחניות. אין גשמיות אַז ער גיט זיין פריינד אַלץ וואָס ער קען מיט אַ פולער מאָס און אַ גוט אויג מיט אַ גרויסער צופרידענקייט און אין רוחניות אַז ער איז אָפענהאַרציג מיט זיין פריינד, דערציילט אים זיינע טיף אייגענע זאַכען און איבערלייגט זיך מיט אים וועגען גאָר פנימיות׳דיגע זאַכען, וואָס דאָס איז אַלץ ווייל זיין קאָפּ און האַרץ זיינען נאָהענט צום פריינד. און מדת השנאה ווירקט צו דערווייטערען זיך פון אַ שונא הן אין גשמיות און הן אין רוחניות. אין גשמיות איז ער אים מרחק מיט כל מיני ריחוק וואָס על־פי התורה איז אָט די וועלכע מען באַדאַרף מרחק זיין דאַרף מען מרחק זיין, און אין רוחניות איז זיין קאָפּ און האַרץ זיינען מרוחק פון אים אַז ער וויל אים ניט קענען. און דאָס זעלבע איז

אויך אין די איבעריגע מדות אַז זיי האָבען אַ ווירקונג אין פועל ממש לויט זייער מהות. אין די מדות איז פאַראַן דער אור און חיות פון שכל. שכל באַלייכט און באַלעבט די מדות, וואָס דערפאַר איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין די מדות און אין זייערע פעולות. ווי מיר זעהען במוחש אַז ס'איז ניט גלייך די מדת אהבה און קירוב צו אַ פריינד וועלכער האָט אים געטאָן אַ געוויינליכע טובה אָדער וועלכער האָט אים געטאָן אַ טובה עצמית, האָט אים מציל געווען פון טויט למשל, וואָס דאַן איז ער איבערגעגעבען צו דעם פריינד מיט'ן גאַנצען לעבען און אַלץ וואָס ער טוט פאַר אים — אפילו די גרעסטע זאַכען — זיינען ביי אים אַלץ קליין לגבי דעם וואָס דער פריינד האָט מיט אים געטאָן וואָס ער האָט אים מציל געווען פון טויט ממש. דאָס זעלבע איז אויך מדת השנאה, עס איז ניט גלייך די שנאה וועלכע ער האָט צום שונא וואָס האָט אים אַ רעה געטאָן אין עסק וכדומה אָדער צו אַ שונא וואָס האָט אים גורם געווען אַ לעבענס געפאַהר אָדער האָט אים אַראָפּגעפירט פון דעם דרך הישר, וואָס דאָס אַלץ איז דאָך לויט זיין שכל וואָס ער פאַרשטייט די גרויסקייט פון דער טובה וואָס זיין פריינד האָט אים געטאָן אָדער פון דער רעה וואָס זיין שונא האָט אים געטאָן, און לפי ערך זיין פאַר־שטאַנד אין דער טובה אָדער אין דער רעה לפי ערך זה איז די אהבה אָדער די שנאה און זייער ווירקונג וואָס ער טוט מיט זיין פריינד אָדער שונא, וואָס פון דעם זעהט מען אַז דער מהות השכל באַלייכט און באַלעבט די מדות. און דאָס איז אויך דער טעם וואָס מיר זעהען אונטערשיידען אין די כאַראַקטערען פון מענשען. למשל, איינער טוט טובות צוויי מענשען און ביידען זיינען די טובות נוגע אין לעבען, ביידע זיינען זיי, למשל, געווען אין אַ מצב פון סכנות נפשות. קען טרעפען אַז איינער פון די צוויי איז איבערגעגעבען מיט זיין גאַנצען לעבען צום בעל הטובה פאַר דעם גרויסען חסד וואָס ער האָט מיט אים געטאָן, און דער צווייטער, הגם ער איז אויך מודה אַז דער בעל הטובה האָט אים מציל געווען פון דער סכנה אין וועלכער ער איז געווען דאָך איז ער גאַנץ אַנדערש מיט זיין אי־בערגעבענקייט צום בעל הטובה. דער טעם הדבר איז ווייל דער וואָס האָט אַ גרויסען פאַרשטאַנד פאַרשטייט די גרויס פון דער סכנה און די גרויס פון דער הצלה וואָס דער בעל הטובה האָט מיט אים געטאָן, דער אָבער וואָס האָט אַ קלע־נערען פאַרשטאַנד פאַרשטייט ניט די גרויסקייט פון דער סכנה און די גרויסקייט פון דער הצלה.

קיצור. מדות זיינען אַן אויסשפרייטונג פון שכל. דער שכל טוט זיך אָן אין מידות וואָס ווירקען צו טאָן גוטעס און שלעכטעס. דער שכל באַלעבט און באַלייכט די מדות אַז הן די מדות אַליין און הן די ווירקונג פון די מדות זיינען לויט דעם פאַרשטאַנד. דערפאַר איז פאַראַן אין אהבה און שנאה גאָר גרויסע אונטערשיידען.

ד.

פון דעם אַלץ איז צו פאַרשטיין צוויי ענינים פון דער ווירקונג פון שכל אויף מדות. איין ווירקונג איז אין דעם מהות המדות און די צווייטע ווירקונג איז אין דעם פעולת המדות. דאָס הייסט אַז הן די עצם מדה און הן די פעולה

פון דער מדה איז דאָס די ווירקונג פון שכל. נאָר דער אונטערשייד איז, לפי אופן דעם מהות פון דער עילה וואָס דאָס איז דער שכל איז דער מהות פון דעם עלול וואָס דאָס זיינען די מדות, און לפי אופן די ליכטיגקייט און לעבעדיגקייט פון דעם שכל וואָס איז מלובש אין דער מדה אָט אַזוי איז די מאָס פון דער מדה און די מאָס פון איר ווירקונג. הגם דער כללות ענין פון דעם וואָס מוחין זיינען זיך מתלבש אין מדות, הן דאָס וואָס עס ווערט מהות המדה און הן די פעולה פון דער מדה, וואָס דאָס אַלץ קומט פון דער התלבשות וואָס די מוחין זיינען זיך מתלבש אין דער מדה, איז דאָס מער ניט ווי אַ הארה פון די מוחין. נאָר באמת איז דאָס וואָס אין מדות איז זיך מתלבש פון די מוחין מער ניט ווי אַ הארה, ווייל דער כללות ענין פון שכל איז אַ הארה ניט קיין עצמי. אין מוח פון מענשען זיינען פאַראַן פיל פעולות. צווישען די פעולות פון מוח זיינען פאַראַן צוויי. איינע וואָס דער מוח גיט צו פאַרשטיין שכל און די צווייטע פעולה איז בנוגע קינדער. וואָסביידע פעולות פון מוח זיינען אַלץ אין אַ צווייטען מענשען, וואָס ער גיט דעם צווייטען צו פאַרשטיין שכל און דאָס וואָס עס ווערט באַשאַפען נאָך אַ מענש, איז הגם די ביידע פעולות קומען פון מוח דאָך איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד אין דעם אופן ווי אַזוי די פעולות קומען. די פעולה וואָס איז נוגע צו שכל קומט אין דער פאָרמע פון דבור און די פעולה פון מוח וואָס איז נוגע צו קינדער קומט אין איין אַנדערע פאָרמע, און די השפעה פון שכל וואָס קומט פון מוח ווערט אָנגערופען השפעת הארה און די השפעה פון מוח בנוגע קינדער ווערט אָנגערופען השפעה עצמית, וואָס דער אונטערשייד צווישען די ביידע השפעות איז אין צוויי זאַכען. איין זאַך אַז השפעת השכל איז אַ השפעה רוחנית וואָס איז ניט אָנגעטאָן אין קיין דבר גשמי און השפעה עצמית איז יאָ אָנגעטאָן אין אַ דבר גשמי. דער צווייטער אונטערשייד איז אַז די השפעה עצמית ווערט איבערגעגעבען פון איין דור צום צווייטען און אַזוי ווייטער, אָבער אין השפעת השכל קען זיין עס זאָל זיך גאָרניט איבערגעבען פון איין דור צום צווייטען. אין השפעה עצמית ווערט איבערגעגעבען פון איין דור צום צווייטען און ווייטער, וואָס דערום ווערט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אָנגערופען בני אברהם יצחק ויעקב, אָבער אין השפעת השכל קען זיין עס זאָל זיך ניט איבערגעבען פון איין דור צום צווייטען. און אפילו ווען עס וועט יאָ איבערגעגעבען ווערען איז נאָר אַ הארה פון א הארה, וואָס דער טעם הדבר איז ווייל דער כללות ענין פון שכל איז אַ הארה. אָבער נאָך אַלעם דעם באַלייכט דער אור פון מוחין די מדה און דער אור איז דער חיות פון דער מדה, דערום איז אין פאַרלויף פון צייט ווען עס ווערט פאַרגעסען דער פאַרשטאַנד פון דער טובה וואָס דער פריינד האָט אים געטאָן אָדער די רעה וואָס דער שונא האָט אים געטאָן, דאַן איז דאָס מער ניט ווי טרוקענע מדות אין וועלכע עס איז ניט פאַראַן קיין חיות, כמאמר אַלטע גוטע פריינד אָדער אַלטע שונאים, וואָס פון דעם זעט מען אַז דער שכל וואָס טוט זיך אָן אין דער מדה איז דאָס דער חיות פון דער מדה.

קיצור. די ווירקונג פון שכל אין מדות איז אין צוויי זאַכען, אין דער שאַפונג פון דער מדה און אין דער ווירקונג פון דער מדה, נאָר באמת איז דער שכל וואָס טוט זיך אָן אין דער מדה מער ניט ווי אַ הארה און דערום הייסט דאָס

אַ השפעה חיצונית ניט ווי אַט דאָס וואָס ל׳מט פון מוח אויף האָבען אַ קינד וואָס דאָס איז השפעה עצמית.

ה.

גאָר באמת באַדאַרף מען פאַרשטיין די טיפקייט פון דעם אונטערשייד וואָס עס איז צווישען שכל ומדות, ווייל שכל ומדות זיינען אָפגעטיילט איינער פון צווייטען אין דעם עצם מהות זייערען. מהות איז אַ צוזאַמענשטעל פון צוויי ווערטער מה הוא, וואָס איז ער. דער מהות פון מוחין איז עונג, פאַרגעניגען. דער מהות פון מדות איז רצון, ווילען. וואָס דערום זיינען מוחין ומדות פאַרשידען אין זייער טבע. די טבע פון מוחין איז רוהיגקייט און געזעצטקייט און די טבע פון מדות איז אויפגערעגטקייט און התפעלות. אָבער דאָך זיינען מוחין און מדות כחות וועלכע זיינען בערך איינס צום צווייטען. דערום איז די התגלות המדות פון שכל בדרך ממילא, דאָס הייסט אַז מצד דער נאָהענטקייט פון מוחין און מדות קומען די מדות בדרך ממילא פון שכל, וואָס דאָס וועט מען בעסער פאַרשטיין אין דעם עילה ועלול פון מדות און מחשבה, וואָס מדות זיינען עילה און מחשבה איז עלול, איז דער עלול — דאָס הייסט מחשבה — קומט בדרך ממילא פון די מדות, ווי מיר זעהען אַז אַ זאַך וואָס דער מענש וויל טראַכט ער אין דעם און אָפטמאָל טרעפט אַז ער אַליין פילט גאָר ניט ווי ער האָט זיך אין דעם פאַרטראַכט, ווי מיר זעהען במוחש, ווען דער מענש איז זייער פאַרנומען וואָס ער טראַכט אַ טיפען שכל און דער שכל איז אים זייער נוגע וואָס ער וויל אים וויסען גרינטליך און האָרעוועט אין דעם און אין מיט׳ן פאַרטיפקייט אין דעם שכל כאַפּט ער זיך אַז ער טראַכט גאָר אין דעם ענין וואָס ער וויל. דער טעם הדבר איז ווייל ער איז שטאַרק צוגעבונדען צו דעם וואָס ער וויל, וואָס די צוגעבונדענקייט איז מצד די מדות, דערום קומט די מחשבה בדרך ממילא פון די מדות, וואָס אַזוי איז אין עילה ועלול, מצד דעם וואָס זיי האָבען אַ נאָהענטקייט איינס צום צווייטען דערום קומט דער עלול בדרך ממילא פון דער עילה. וואָס אַזוי וועט מען פאַרשטיין אויך ווי עס איז אין דעם ענין פון השתלשלות עילה ועלול למעלה, וואָרום אַלע באַשעפענישען וואָס זיינען אויף דער וועלט וועלכע הייסען צבא הארץ טיילען זיך אין פיר טייל, דומם, צומח, חי, מדבר, וואָס אַלע נבראים פון צבא הארץ, חוץ אידען, איז זייער שרש פון די חיות המרכבה, וואָס ווי זיי זיינען למטה ווערען זיי באופן השתלשלות עילה ועלול, וואָס בכדי אַז פון די חיות וואָס זיינען אין דער מרכבה עליונה זאָלען ווערען די נפשות פון די נבראים מוזען זיין אַ סך דרגות, איינע נידעריגער פון דער צווייטער ביז עס ווערט דער נפש שלמטה, וואָס דאָס אַלץ איז אַן אופן פון עילה ועלול, נאָר דאָס איז די נפשות פון דצח״מ (דומם, צומח, חי, מדבר) אָבער די גופים זייערע האָט השי״ת באַשאַפען בדרך בריאה יש מאין.

קיצור. דער ריכטיגער אונטערשייד פון שכל ביז מדות איז וואָס דער מהות פון שכל איז פאַרגעניגען און דער מהות פון מדות איז ווילען, דערום זיינען זיי פאַרשידען אין זייערע אייגענשאַפטען. די אייגענשאַפט פון שכל איז רוהע, די

אייגענשאַפט פון מדות איז אויפגערעגטקייט, אָבער דאָך זיינען שכל ומדות נאָ־ הענט וואָס דאָס איז אַן ערקלערונג אויף השתלשלות עילה ועלול.

* * *

אברהם אבינו האָט געגעבען אַלעמען צו פאַרשטיין אַז השי״ת האָט באַ־ שאַפען הימעל און ערד און אַלע זייערע באַשעפענישען און ער איז אַ משגיח מיט אַ השגחה פרטית אויף יעדער נברא, וואָס די השגחה אליין דאָס איז דער היות פון יעדען נברא, און ער האָט געהאַט מסירת נפש אויף דעם, צו געבען יעדערען צו פאַרשטיין וואָס געטליכקייט איז. און דאָס איז עין ה׳ אל יראיו זה אברהם אבינו. עס זיינען דאָ דריי מדריגות. איינע איז עין ה׳ אל יראיו וואָס דאָס איז בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום דאַן איז עין אחת וואָס דאָס איז דער גרעסטער חסרון. די צווייטע מדריגה איז עיני הוי׳ אל צדיקים וואָס דאָס איז בזמן שישראל עושין רצונו של מקום און די דריטע מדריגה איז אויך עין אחת וואָס דאָס איז די העכסטע דרגא פון עינא פקיחא דעתיקא קדישא, וואָס צו דער דרגא איז אברהם צוגעקומען דורך די נסיונות און זיין מסירת נפש, וואָס דאָס איז דער כי עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה.

בינו בוערים בעם וכסילים מתי תשכילו. דער וואָרט בער מיינט פוסט. דער וואָרט כסיל מיינט א טפש. באַדאַרף מען פאַרשטיין ווי קען אַ פוסטער מענש קומען צו פאַרשטיין און ווי קען אַ טיפש קומען צו פאַרשטאַנד, נאָר אמת יעדער מענש אַז ער וויל איז ווי פוסט ער זאָל ניט זיין קען ער צוקומען צום פאַרשטאַנד פון תורה און ווי נאַריש ער זאָל ניט זיין איז אויב ער וויל מיט אַ אמת קען ער גוט באַגרייפען אויך אפילו דעם געטליכען שכל, און דאָס איז וואָס עס שטייט אין פרקי דר׳ אליעזר, אַ איד וואָס קען ניט לערנען און איז פוסט פון לערנען, דאַן לערנען מיט אים די חכמי ישראל פאַרשטאַנד ווי עס שטייט בינו בוערים בעם. אין זוהר שטייט אַז איינער פון דער הבריא קדישא איז גע־ גאַנגען זעהן רשב״י האָט ער אים געטראָפען ווי ער ערקלעהרט דעם פסוק איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת, האָט רשב״י געזאָגט ווי נאַריש די מענשען זיינען וואָס זיי ווייסען ניט און לייגען ניט קיין אַכט אויף צו וויסען השי״ת׳ס וועגען און אויף וואָס זיי אַליין האַלטען זיך אויף דער וועלט, וואָר שטערט זיי צו וויסען די דרכים פון השי״ת — זייער טפשות וואָס זיי לערנען ניט קיין תורה, וואָרום ווען זיי וואָלטען לערנען תורה וואָלטען זיי וויסען און פאַרשטיין די געט־ ליכע השגות. וואָס דאָס איז דער אונטערשייד צווישען דעם השגה פאַרשטאַנד און אמונה וועלכע זיינען פאַראַן ביי ישראל און דעם השגה פאַרשטאַנד און אמונה אין בורא עולם ב״ה וואָס עס איז פאַראַן ביי חסידי חכמי אומות העולם. ביי

פרקי דר׳ אליעזר: אין פרק יט.
אין זוהר: חלק ג׳ עה, ב.

חסידי חכמי אומות העולם איז אויך פאַראַן אַ געוויסער באַגריף אין געט־ליכקייט, דאָס הייסט אַ געוויסער פילאָזאָפישער פאַרשטאַנד אין דעם ענין פון בריאת העולם און אַ געוויסע אמונה אין דעם בורא עולם ב״ה. אָבער דאָס איז כלל ניט ווי דער השגה פאַרשטאַנד אין דער געטליכקייט פון בריאת העולם ווי די בני ישראל פאַרשטייען דאָס און די ריכטיגע אמונה אין בורא עולם ב״ה ווי בני ישראל גלויבען. צווישען די פאַרשידענע הייליגע נעמען וואָס דער בורא ב״ה ווערט אָנגערופען מיט זיי זיינען פאַראַן, דער הייליגער נאָמען הוי׳ און דער הייליגער נאָמען אלקים. אַ נאָמען באַגרייפט און אונטערשטרייכט דעם אינ־האַלט און דעם זין פון דעם ווער עס ווערט אָנגערופען מיט דעם נאָמען. דער נאָמען אלקים באַדייט דעם ענין פון טבע, די נאַטור וואָס השי״ת האָט באַשאַפען אין נאַטור, איז אַז די באַשעפעניש פאַרדעקט אויף דעם באַשעפער. דער שם הוי׳ באַדייט דעם ענין פון למעלה מן הטבע, דאָס וואָס מענשען רופען איבערנאַטיר־ליך און אין דעם איז דער אונטערשייד פון בני ישראל און חסידי חכמי אומות העולם. חכמי אומות העולם פאַרשטייען דעם ענין פון טבע און גלויבען אין דעם אַז דאָס אַלץ האָט דער בורא ב״ה באַשאַפען. בני ישראל פאַרשטייען אַז די טבע אַליין איז למעלה מהטבע, נאַטור אַליין איז באמת איבערנאַטירליך און אויף יעדער שריט און טריט זעהען בני ישראל געטליכקייט און השגחה פרטית און גלויבען אין שם הוי׳ ווי עס שטייט ויאמינו בהוי׳. ניט ווי די חסידי אומות העולם וואָס גלויבען מעהר ניט ווי אין שם אלקים און אין דעם ענין פון הוי׳ האָבען זיי קיין באַגריף ניט.

קיצור. דורך רצון קומט אַ פוסטער מענש צו פאַרשטאַנד און אַ נאַר צו קלוג־שאַפט, ווי ער זאָגט אין פרקי דר״א און אין זהר, וואָס דאָס איז דער אונ־טערשייד פון בני ישראל וועלכע פאַרשטייען אַז טבע איז אלקות און גלויבען אין שם הוי׳ און חסידי אומות העולם וועלכע פאַרשטייען און גלויבען נאָר אין נאַטור וואָס דאָס איז שם אלקים.

ב.

פאַרשטיין דאָס. עס שטייט רם על כל גוים הוי׳ על השמים כבודו. גוים זאָגען אַז רם הוי׳, השי״ת איז זייער הויך. און די ערשאַפט איבער צבא הארץ איז אַ ירידה והשפלה פאַר אים. ווייל דאָס איז גשמיות אָבער שמים וואָס דאָס איז רוחניות איז נעהענטער צו השי״ת, און דערום האַלטען זיי אַז על השמים כבודו. דער יסוד פון זייער דעה איז ווייל זיי רעכענען אַז בריאת העולם איז אין אופן פון השתלשלות עילה ועלול, וואָס דער יסוד פון השתלשלות עילה ועלול איז אין זאַכען וואָס זיינען בערך איינס צום צווייטען, דערום האַלטען די חסידי אומות העולם אַז דער שמים וואָס איז מער רוחני פון דעם ארץ איז בערך צו השי״ת און די ערשאַפט אויף שמים איז אַ כבוד, אָבער דער ארץ מיט זיינע גשמיות׳־דיגע נבראים איז ניט בערך צו השי״ת, דערום האָט השי״ת איבערגעגעבען די ערדישע ערשאַפט צו די כוכבים ומזלות אַז זיי זאָלען זיין די שלוחים דורך זיי זאָלען דורכגיין אַלע השפעות גשמיות, און דאָס איז וואָס זיי זאָגען ויאמרו לא

יראה יה ולא יבין, וואָס דער פּי' לא יראה איז אַז השי"ת איז ניט משגיח אויף צבא הארץ און לא יבין איז דער פּירוש אַז מעשה התחתונים זיינען ניט ת[illegible]ס מקום, דאָס הייסט אַז אַלץ וואָס נבראים טוען, הן גוטע און הן שלעכטע זאַכען איז דאָס ניט באַוואוסט צו השי"ת, ווייל פאַר השי"ת איז צו נידעריג צו וויסען די אַלע ענינים גשמי'. עס שטייט לא הביט און ביעקב, בלעם הרשע האָט געזאָגט אַז השי"ת קוקט ניט אויף דאָס ניט גוטע וואָס איז פאַראַן ביי אידען, וואָס דאָס איז מצד דער אהבה עצמית וואָס השי"ת האָט ליעב אידען, ווי עס שטייט על כל פשעים תכסה אהבה. אויך אָט דאָס וואָס עס שטייט וירא און ולא התבונן איז דער טעם פון דעם ווייל די אַלע זאַכען פאַרנעמען ביי השי"ת קיין שום אָרט, אָבער דאָס וואָס חסידי אומות העולם זאָגען לא יבין מיינען זיי גאַנץ פּשוט אַז פאַר השי"ת איז נידעריג צו האָבען אַ באַגריף אין גשמיות'דיגע זאַכען, אָבער באמת איז דער יסוד פון זייער שיטה אַז בריאת העולם איז בדרך השתלשלות עילה ועלול אַ פאַלשער, וואָרום דער אופן פון בריאת העולם איז בדרך יש מאין וכמאמר הידוע עשה את שאינו ישנו, השי"ת האָט באַשאַפען פון דעם ניט זאַך אַ זאַך, וואָס דער יסוד פון בריאה יש מאין איז אין ערוך. דאָס הייסט אַז דאָס וואָס איז באַשאַפען געוואָרען און דאָס פון וואַנען עס איז באַשאַפען געוואָרען האָבען ניט קיין ערך איינס צו איינס. אין השתלשלות עילה ועלול זיינען זיי בערך איינס צו איינס און אין בריאה יש מאין האָט דער יש קיין שום ערך צום אין, וואָס דערום איז פאַראַן נאָך אַ אונטערשייד צווישען עילה ועלול און בריאה יש מאין, וואָס אין עילה ועלול, אַז דער עלול איז בערך העילה, איז דער אופן ווי דער עלול ווערט פון דער עילה בדרך ממילא ניט בדרך התחדשות, און אין בריאה יש מאין איז דער אופן ווי דער יש ווערט פון דעם אין ניט בדרך ממילא נאָר בדרך התחדשות, אַ גאַנץ נייע זאַך פאַר דעם אין.

קיצור. אומות העולם זאָגען רם הוי' במילא איז די ערד און אַלע באַשעפענישען צו נידעריג פאַר דעם בורא, וויסען די גוטע און די שלעכטע מעשים פון בני אדם און פירען זיי, האָט ער איבערגעגעבען די גאַנצע בריאה צו כוכבים ומזלות, דער טעות איז וואָס זיי רעכענען אַז די בריאה איז בדרך השתלשלות עילה ועלול אָבער באמת איז דאָס בדרך בריאה יש מאין, וואָס דער חילוק איז אין צוויי ענינים.

ג.

פאַרשטיין דאָס. מיר זאָגען אין ברכת יוצר המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית, און באמת איז דאָס וואָס השי"ת באַנייט די וועלט איז דאָס ניט נאָר יעדען טאָג נאָר יעדער רגע, זאָגט ער אויף דעם דעם וואָרט המחדש אַז דאָס איז אַ אופן פון התחדשות און ניט אין אַ אופן פון השתלשלות עילה ועלול. אין עילה ועלול אַז דאָס איז בערך איינס צו איינס איז די עילה האָט אַ שייכות צום עלול און ווירקט אַז דער עלול זאָל ענטשטעהן, און ווען דער עלול ענטשטעהט טוט זיך די עילה אָן אין דעם עלול אויף צו באַלעבען אים. דער עלול געפינט זיך אין דער עילה נאָך איידער עס ענטשטעהט די התגלות פון עלול, הגם דאָס וואָס דער

* כמאמר הידוע: אין ספר יצירה פ"ב מ"ו.

עלול געפינט זיך אין דער עילה נאָך איידער ער ענטשטעהט אין אַ זעלבסטשטענ־דיגער מציאות איז דאָס גאָר אין אַן אַנדער דרגא לגבי ווי דער עלול ווערט אין זיין זעלבסטשטענדיגער מציאות׳דיגער דרגא. אָבער דאָך זיינען בײדע, הן ווי דער עלול שטייט אין דער עילה און הן ווי ער ווערט זעלבסטשטענדיג, איז דאָס אַלץ איין מהות, נאָר עס איז מער ניט ווי אַ אונטערשייד אין דער דרגא, וואָס מיר האָבען אויף דעם צוויי ראיות, פון דעם עילה ועלול פון שכל ומדות און פון עילה ועלול פון מחשבה ודבור. אין דעם עילה ועלול פון שכל ומדות זיינען דאָך די מדות פאַראַן אין שכל, וואָס דאָס איז די וואַרעמקייט וואָס אַ מענש פילט ווען ער פאַרשטייט אַז די זאַך וואָס ער האָט פאַרשטאַנען איז גוט, ווי מיר זעהען במוחש אַז ווען אַ מענש פאַרשטייט אַז די זאַך איז גוט פאַר אים ווערט ביי אים אַ געוויסע רייצונג אין קאָפּ אין דער פאָרם פון אַ וואַרעמקייט, וואָס די וואַרעמ־קייט איז דאָס די מדות פון שכל, הגם עס זיינען בשום אופן ניט גלייך די מדות וואָס זיינען אין שכל צו די מדות וואָס זיינען אין האַרצען, וואָס די מדות וואָס זיינען אין שכל איז דאָס אַ התפעלות אויף דער זאַך אַליין, ווי די זאַך איז זייער אַ גוטע, און די התפעלות פון די מדות וואָס אין האַרצען זיינען אויף דעם וואָס אים וועט גוט זיין, וואָס עס איז זייער אַ גרויסער אונטערשייד צווישען דאָס וואָס מער ניט וואָס אים וועט פון דער זאַך זיין גוט און צווישען דעם אַז די זאַך אַליין איז גוט, אָבער דאָך זיינען די בײדע איין מהות פון מדות, און דערום איז פון די מדות פון שכל ווערען די מדות אין האַרצען. במילא איז מובן אַז דאָס וואָס די מדות ווערען אין האַרצען איז דאָס ניט קיין נייעס, עס איז מער ניט ווי גילוי ההעלם, אַט דאָס וואָס פריער איז געוועזען בהעלם פאַרדעקט, איז דאָס געקומען אין גילוי, אַנטדעקט געוואָרען. און דאָס זעלבע איז אין השתלשלות עילה ועלול פון מחשבה ודבור, דאָס וואָס דער מענש רעדט איז פריער געוועזען אין מחשבה. אַן דער הקדמה פון מחשבה קען קיין דבור מסודר ניט זיין. אַ דבור מסודר איז אַז פריער טראַכט מען און נאָכדעם רעדט מען. דער אופן פון דעם טראַכטען איז אַז פריער טראַכט מען די השכלה וואָס אין דעם ענין, און נאָכדעם ווערען ביי אים די ווערטער אין וואָס דער שכל טראַכט זיך ביי אים, און נאָכדעם ווערען ביי אים אָפּגעשטעלט די ווערטער ווי אַזוי ער קען אַרויסזאָגען אין דבור, איז דער דבור מער ניט ווי אַ גילוי ההעלם פון מחשבה, וואָס אין דעם איז ניטאָ קיין התחדשות.

קיצור. השי״ת באַנייט די וועלט מיט אַלע אירע באַשעפענישען יעדער רגע. עילה ועלול זיינען בערך איינס צו דער אַנדערער, הגם דער עלול ווי ער ווערט זעלבסטשטענדיג איז ער גאָר אַנדערש ווי פריהער ווען ער איז אין דער עילה, אָבער דער מהות איז דער זעלבער ווי מיר זעהען אין מדות און שכל, דבור און מחשבה.

ד.

דאָס איז אַלץ אין עילה ועלול, אַז דער מהות העלול איז פאַראַן ווי ער איז כלול אין דער עילה. מען זאָגט אַז דער מהות העלול געפינט זיך אין דער עילה, ווייל דער מציאות פון דעם עלול ווי ער אַנטשטייט זעלבסטשטענדיג איז

דאָס גאָר איין אַנדער מציאות לגבי דעם מציאות פון דעם עלול ווי ער געפינט זיך אין דער עילה, ווי מיר זעהען במוחש דעם אונטערשייד פון די מציאות מדות וואָס זיינען אין שכל און די מציאות מדות וואָס זיינען אין האַרצען, דערום איז אויך דאָ אַ גרויסער אונטערשייד אין זייער ווירקען, אַז די מדות וואָס אין שכל איז זייער ווירקונג אין רוחניות אַז עס ווערט מדות אין האַרצען, אָבער די ווירקונג פון מדות וואָס אין האַרצען איז אַ פעולה גשמיית פון אהבה און שנאה אָדער איין אַנדער פעולה, און בפרט אין מחשבה ודבור, איז דער דבור וואָס געפינט זיך אין מחשבה הייסט הרהור, וואָס הרהור איז ניט דבור, עס איז צוויי באַזונדערע מציאות'ן אָבער דער מהות איז איינער. במילא איז דאָס ניט קיין התחדשות, אָבער בריאה יש מאין זיינען אין און יש ניט גלייך צו שכל ומדות אָדער מחשבה און דבור, וואָס אין שכל ומדות אָדער מחשבה און דבור הגם זיי זיינען באַזונדערע מציאות'ן אָבער דער מהות איז איינער, אָבער יש און אין שיידען זיך אונטער איינס פון צווייטען ניט נאָר אין זייערע מציאות'ן נאָר אויך אין זייערע מהות'ן. דער יש פון עולם איז ניט געווען כלול אין אין, במילא איז די התהוות היש פון דעם אין ניט קיין גילוי ההעלם נאָר אַ התחדשות, און די התהוות איז בכח אין סוף ב"ה. ווי דער רבי נ"ע זאָגט הוא לבדו בכחו ויכלתו לברא יש מאין ואפס המוחלט, ווי עס שטייט כל אשר חפץ ה' עשה אַלץ וואָס השי"ת וויל האָט ער געטאָן, דאָס הייסט אַז דער ענין פון התהוות איז מצד חפץ ורצון השי"ת, וואָס אויף דעם איז ניט פאַראַן קיין טעם פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, דאָס הייסט אַז דער ענין פון התהוות איז ניט קיין ענין פון חכמה און שכל נאָר אַן ענין פון חפץ ורצון, וכמאמר הידוע נתאווה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים, דאָס הייסט אַז התהוות איז נאָר אַן ענין פון חפץ ורצון. די התהוות יש מאין וואָס דער אין וועלכער איז מהווה דעם יש ווערט אַנגערופען כח הפועל און דער יש וועלכער ווערט נתהווה פון דעם אין ווערט אַנגערופען נפעל איז די התהוות היש דורך דער התלבשות פון כח הפועל אין דעם נפעל דאָס הייסט אַז דער אין באַדאַרף תמיד זיין אין יש, אָבער אויך אין דער התלבשות וואָס דער אין איז זיך מתלבש אין יש איז דער אין בהעלם פון יש, וכמאמר הידוע העלם והסתר הבורא מהנברא, דער באַשעפער איז באַהאַלטען פון דער באַשעפעניש, וואָס דאָס איז דער פלא אין בריאה יש מאין, אַז הן ווען דער אין וואָס אין יש זאָל זיך מתגלה זיין אין דעם יש און הן ווען דער אין זאָל זיך מסתלק זיין פון דעם יש מוז דער יש בטל ווערען, דאָס הייסט אַז דער קיום פון דעם יש איז נאָר אין דעם אופן אַז דער אין געפינט זיך תמיד אין דעם יש, נאָר דאָרטען גופא איז דער אין בהעלם פון דעם יש.

קיצור. עילה ועלול הגם זיי זיינען באַזונדערע מציאות'ן דאָך איז זייער מהות איינער, אָבער אין ויש זיינען אָפגעשיידט ניט נאָר אין זייערע מציאות'ן נאָר אויך אין זייערע מהות'ן. דער אין איז אַ רוחני און כח הפועל, און דער יש איז

דער רבי נ"ע זאָגט: געמיינט דער אַלטער רבי, אין זיין אגרת הקודש סימן כ.

וכמאמר הידוע נתאווה: זע תנחומא נשא טז.

אַ גשמי און אַ נפעל. דער כח הפועל מוז תמיד זיין אין דעם נפעל אָבער ער מוז זיין באַהאַלטען פון דעם יש הנפעל.

ה.

ראש השנה איז דער זמן פון קבלת עול מלכות שמים, ווי להבדיל דער קבלת עול פון אַ מלך אין גשמיות נעמט מען דאָך אויף זיך דעם עול מלכות אויף צו טאָן אַלעס וואָס דער מלך וועט הייסען, אַזוי איז להבדיל הבדלות אין קץ באַדאַרף מען ראש השנה תשובה טאָן אויף אַלע ניט גוטע דרכים און מדות רעות און אויף דעם וואָס מען האָט פוגם געווען אין דעם קיום פון די רצונות של מלך מלכי המלכים הקב"ה און מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים אויף קובע צו זיין אַ צייט אויף לערנען תורה און האָבען אַ געפיהל אין דאַוועגען במתינות און מקיים זיין מצות מיט אַ לעבעדיגקייט און האָבען אַ געשמאַק אין מדות טובות און אהבת ישראל. און דאָס איז וואָס ער זאָגט בינו בוערים בעם וכסילים מתי תשכילו, מענשען זאָגען אַז זיי קענען ניט פאַרשטיין קיין דברי תורה ווייל עס איז שווער פאַר זיי צו באַגרייפען, אָבער דער אמת איז אַז אַלעס ווענדעט זיך אָן דעם רצון פון דעם מענשען. ראש השנה באַדאַרף יעדער איד מאַכען אַ רצון אויף צו לערנען תורה און מקיים זיין מצות און צוליעב דעם וועט מען זוכה זיין לשנה טובה ומבורכה בגשמיות וברוחניות.

קיצור. ראש השנה איז די עבודה פון תשובה, חרטה אויף די ניט גוטע זאַכען און דער קבלת עול אויף לערנען תורה און מקיים זיין מצות. דורך רצון קען דער מענש קומען צו די גרעסטע וויסענשאַפט און די בעסטע אויפפירונג.

הנוטע אוזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט, דוד המלך זאָגט צו די וואָס פייניגען די אידען, און זאָגען אַז השי"ת זעהט ניט און דער גאָט פון יעקב טוט ניט פאַרשטיין די אַלע ערדישע זאַכען פון די ערדישע קערפערליכע באַשע־פענישען, איהר פוסטע מענשען קענט דאָך אויך פאַרשטיין, און אפילו טפשים קאָנען אויך אין דער זאַך זיין קלוג און פאַרשטיין אַז דער בורא ב"ה וואָס באַ־שאַפט די אויערען און די אויגען הערט און זעהט, ווי די מפרשים ערקלערען אַז דער וואָס מאַכט אויף אַ מאַשין מוז ער דאָך אַליין וויסען וואָס די ווירקונג איז, דערפאַר אַז השי"ת האָט באַשאַפען די אויערען און די אויגען ביי די באַשאַפענע אַז זיי זאָלען הערען און זעהן מוז ער דאָך אַליין אויך הערען און זעהן, באַדאַרפען פאַרשטיין פאַרוואָס האָט דוד המלך געבראַכט די ראי' פון דעם וואָס דער בורא ב"ה האָט באַשאַפען די אויערען און די אויגען, וואָס פון דעם ווייזט אויס אַז

ראש השנה: דער מאמר איז געשריבען געוואָרען צו ר"ה (תש"ב).

די צוויי כחות ראי׳ און שמיעה זיינען מעהר ראי׳ ווי די אַנדערע כחות הנפש, וואָס פון די צוויי כחות קאָן מען פאַרשטיין מעהרער דעם ענין פון געטליכקייט ווי מען קאָן פאַרשטיין פון די אַנדערע כחות. באַדאַרפען פאַרשטיין וואָס איז דער יתרון אין די צוויי כחות ראי׳ און שמיעה וואָס פון זיי דוקא פאַרשטייט מען דעם ענין פון געטליכקייט. פאַרשטיין דאָס דאַרף מען פריהער פאַרשטיין דאָס וואָס מען האָט ערקלערט *) אַז אומות העולם זאָגען רם הוי׳ על השמים כבודו, אַז דער בורא ב״ה איז זייער הויך און אויף דעם הימעל אין זיין עהרע. במילא איז די ערד און אַלע באַשעפענישען צו נידעריג פאַר דעם בורא ב״ה, וויסען די גוטע און די שלעכטע מעשים פון בני אדם און פירען זיי, האָט דער בורא ב״ה איבער־געגעבען די גאַנצע בריאה צו די כוכבים ומזלות, זייער טעות איז וויל זיי רעכענען אַז די בריאה האָט דער בורא ב״ה באַשאַפען בדרך השתלשלות עילה ועלול, אָבער באמת האָט דער בורא ב״ה באַשאַפען די בריאה בדרך יש מאין, ווי דער מאמר הידוע עשה את שאינו ישנו דער בורא ב״ה מאַכט דעם ניט זאַך פאַר אַ זאַך. אין דער בריאה יש מאין איז זיך דער אין מתלבש אין דעם יש, וואָס יעדער התלבשות איז אין אַ אופן פון גילוי וואָס דער מתלבש איז זיך מתגלה צו דעם אין וועמען ער טוט זיך אָן, וואָס אַזוי איז אויך אין דער התלבשות פון בריאה יש מאין, אָבער אין דער התלבשות גופא איז דער אין זיך מתעלם פון דעם יש. דער טעם הדבר איז וויל דער ענין הבריאה איז בדרך אין ערוך, דער אין איז אַ רוחני און דער יש איז אַ גשמי, און גשמיות לגבי רוחניות איז דאָך ניט בערך, און להיות אַז דער ענין הבריאה איז בדרך אין ערוך דערום איז דאָס בדרך התחדשות אַז דער יש וואָס ווערט נתהווה פון דעם אין איז אַ נייס. וואָס אַזוי איז אויך למעלה אַז דער ענין פון השתלשלות עילה ועלול איז פון ספירת החכמה און נידעריגער, וואָס ספירת החכמה איז דער אָנהויב פון השתלשלות, אָבער די התהוות פון ספירת החכמה ווי דאָס איז פון העכער פון חכמה וואָס דאָס איז בדרך אין ערוך איז דאָס אין אַ אופן פון בריאה יש מאין, ווי עס שטייט והחכמה מאין תמצא, אין איז כתר, די ספירת החכמה ווערט נתהווה פון ספירת הכתר אָבער דאָס איז בדרך בריאה יש מאין, אַז חכמה ווערט אָנגערופען יש לגבי כתר וואָס איז אין. און עס שטייט דער וואָרט תמצא אַז דער אופן פון דער בריאה יש מאין איז בדרך מציאה, וואָס דער ענין פון אַ מציאה איז אַז דער וואָס האָט פאַרלאָרען דעם חפץ ווייסט ניט וואו ער האָט פאַרלאָרען און דער וואָס געפינט דעם חפץ ווייסט ניט ווער עס האָט איהם פאַרלאָרען, און אַזוי איז אויך אין דעם וואָס ספירת החכמה קומט פון ספירת הכתר אין אַ אופן פון אַ מציאה, אַז ספירת הכתר ווייס ניט אַז עס ווערט נתהווה דער מציאות פון ספירת החכמה, דאָס הייסט אַז מצד דעם ניט בערך פון ספירת החכמה לגבי ספירת הכתר, הייסט דאָס אַז ספירת הכתר ווייס ניט אַז עס ווערט נתהווה דער מציאות פון ספירת החכמה, און ספירת החכמה ווייס ניט ווי אַזוי זי איז נתהווה געוואָרען פון ספירת הכתר, דאָס הייסט אַז חכמה וואָס ווערט נתהווה פון ספירת הכתר האָט ניט קיין

*) זעה דעם פריערדיגען מאמר.

מושג אין ספירת הכתר, וואָס באמת איז ספירת החכמה אַ מציאות רוחני, עס איז דאָך מער ניט לגבי ספירת הכתר ווערט חכמה אָנגערופען יש, אָבער אין סדר השתלשלות איז חכמה אין, ווייל חכמה איז אַ מציאות רוחני איז והחכמה מאין תמצא אז השי״ת איז מהווה דעם מציאות הרוחני אויך אין אַ אופן פון בריאה יש מאין, דאָס הייסט אַז די התהוות הרוחני איז בדרך אין ערוך, אָט אַזוי ווי די התהוות הגשמי איז אין סוף ב״ה מהווה אין אַ אופן פון אין ערוך אָט אַזוי איז אויך די התהוות הרוחני איז אין סוף ב״ה מהווה אין אַ אופן פון אין ערוך, וואָס מיט דעם ווערט מען פאַרשטיין דעם מאמר רז״ל במקום שאתה מוצא גדולתו של הקב״ה שם אתה מוצא ענותנותו, דאָס הייסט אַז אין דעם אָרט וואָס חסידי אומות העולם זאָגען אַז על השמים כבודו ווייל רם הוי׳, די הימעל הערשאַפט איז פאַר השי״ת אַ גדולה, דאָס הייסט אַז צבא השמים זיינען רוחני׳ און רוחני׳ האַלטען זיי איז בערך צו השי״ת, איז דער אמת אַז דאָרט גופא געפינט מען די ענוה פון השי״ת, ווייל די מציאות הרוחני איז אויך ניט בערך, און אַזוי ווי די התהוות הגשמי איז אין סוף פון עצמות אין סוף ב״ה אָט אַזוי איז אויך די התהוות הרוחני איז אויך פון עצמות אין סוף ב״ה, דאָס הייסט אַז גשמיות און רוחניות זיינען גלייך.

קיצור. דער אין וואָס ער איז אַ רוחני טוט זיך אָן אין דעם יש הגשמי, אָבער זייענדיג אין יש באַהאַלט זיך דער אין פון דעם יש, און די באַלעבונג קומט אין אַ אופן פון אין ערוך, וואָס אַזוי איז אויך אין די ספירות העליונות אַז ספירת החכמה וואָס איז אַ רוחני איז זי אַ יש לגבי ספירת הכתר, מציאה, ווייל די באַשאַפונג פון רוחני איז אויך אין אַ אין ערוך אופן.

ב.

און אָט די אמת׳ע דעה אין התהוות, אַז דער ענין ההתהוות איז בדרך אין ערוך און עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישען דעם התהוות הגשמי און התהוות הרוחני, אַז אַזוי ווי די התהוות הגשמי איז אַ אופן פון אין ערוך אַזוי איז אויך די התהוות הרוחני אין אַ אופן פון אין ערוך, האָט דוד המלך געגעבען צו ערקלערען מיט די ווערטער הנוטע אוזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט. עס שטייט ומבשרי אחזה אלקה. איוב זאָגט אַז אַ מענש קען פון זיין אייגענעם גוף און נפש פאַרשטיין געטליכקייט, דאָס הייסט אַז פון די כחות הנפש און אברי הגוף פאַרשטייט דער מענש דעם אופן החיות ווי אַזוי השי״ת איז מחי׳ די וועלט, וכמאמר הידוע מה הנשמה ממלא את הגוף כך הקב״ה ממלא את העולם, אָט אַזוי ווי די נשמה ערפילט און באַלעבט דעם גוף אָט אַזוי באַלעבט השי״ת און ערפילט די וועלט. הגם עס איז אַ גרויסער אונטערשייד צווישען דעם וואָס די נשמה און נפש איז מחי׳ דעם גוף און צווישען דעם וואָס השי״ת איז מחי׳ די וועלט. אַז די נשמה און נפש איז דאָך מער ניט וואָס זיי באַלעבען דעם גוף אָבער ניט וואָס זיי באַשאַפען דעם גוף, אָבער דער געטליכער כח אין דער וועלט איז דאָך ניט נאָר וואָס ער באַלעבט די וועלט נאָר ער באַשאַפט איר און באַנייט זי מיט אַ ערפרישונג יעדע רגע ווי מיר זאָגען המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה

בראשית, האָט דער רבי נ״ע געזאָגט אַז תמיד איז ווי אין מעשה בראשית, אַזוי ווי אין מעשה בראשית האָט השי״ת באַשאַפען די וועלט מיט אַלע אירע באַשעפעניש̈ען פון אין ליש אָט אַזוי איז אויך תמיד, איז דאָך ניט גלייך דער אופן החיות וואָס די נשמה און נפש איז מחי׳ דעם גוף צום אופן החיות וואָס השי״ת איז מחי׳ דעם עולם, אָבער דאָך איז דער אופן החיות ווי די נשמה און נפש זיינען מחי׳ דעם גוף, אַ משל לכל הפחות אויף צו פאַרשטיין אַ טייל פון דעם אופן החיות וואָס השי״ת איז מחי׳ דעם עולם, דערום זאָגט דער פסוק אחזה אלקה און ניט אראה אלקה, עס איז אַ גרויס אונטערשייד צווישען אחזה און אראה, אראה באַדייט אַ קלאָרע דייטלעכע זעהונג און אחזה אַ אונפּינקטליכע זעהונג. עס שטייט אחזה אלקה אַז פון דעם אופן החיות ווי די נשמה און נפש זיינען מחי׳ דעם גוף קען מען ניט דייטליך קלאָר פאַרשטיין דעם אופן החיות ווי השי״ת איז מחי׳ דעם עולם. דאָס הייסט אַז חוץ דעם וואָס די נשמה און נפש זיינען מער ניט ווי מחי׳ דעם קערפּער און השי״ת איז אי מהווה אי מחי׳ דעם עולם, אַ חוץ דעם איז דער עצם חיות וואָס השי״ת איז מחי׳ די וועלט מיט אַלע אירע נבראים אַן אַנדער חיות ווי דער חיות וואָס די נשמה און נפש זיינען מחי׳ דעם גוף, אָבער דאָך איז דער אופן החיות ווי די נשמה און נפש זיינען מחי׳ דעם גוף אַ משל לכל הפחות אויף צו פאַרשטיין אַ טייל פון דעם חיות וואָס השי״ת איז מחי׳ דעם עולם מיט אַלע נבראים. וואָס עס איז פאַראַן אַ גרויסע מעלה אין דעם וואָס מען פאַרשטייט אַ געטליכען פאַרשטאַנד דורך אַ משל, ווייל דאַן איז דאָס גוט פאַרשטענדליך, דעם משל פאַרשטייט מען גוט במילא פאַרשטייט מען אויך דעם נמשל. עס איז פאַראַן אַ יתרון המעלה אין דעם משל פון כחות הנפש לגבי אַנדערע משלים, ווייל אין דעם משל פון כחות הנפש איז אַ חוץ דעם פאַרשטאַנד וואָס מען פאַרשטייט זיינען פאַראַן אופנים אין דעם משל פון כחות הנפש וואָס מען פילט אַז עס איז אַזוי ווי מען פאַרשטייט, וואָס דער געפיל איז איינע פון די העכסטע דרגות אין פאַרשטאַנד, און דערום האָט דוד המלך ערקלערט דעם ענין פון בורא ב״ה און השגחה פרטית מיט דעם וואָס הנוטע אזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט, דאָס הייסט פון די כחות ראי׳ און שמיעה.

קיצור. הגם די נשמה איז מעהר ניט וואָס זי באַלעבט דעם קערפּער און ניט וואָס זי באַשאַפט איהם, און דער חיות וואָס דער בורא איז מחי׳ די וועלט און די נבראים באַשאַפט און באַלעבט, אויך איז דער געטליכער חיות אין וועלט גאָר אַנדערש ווי דער חיות הנפש אין גוף, דאָך איז די כחות הנפש אַ משל אויף פאַרשטיין געטליכקייט אחזה אלקה, און דערפאַר דערקלערט דוד דעם ענין פון געטליכקייט און השגחה פרטית פון די כחות ראי׳ און שמיעה.

ג.

און די כחות הנפש וואָס זיינען כחות פנימי׳ — וואָרום עס זיינען דאָ צוויי־ערליי כחות, מקיפים און פנימי׳. פנימי׳ זיינען די כחות הנפש פון חכמה

דער רבי: געמיינט דער אַלטער רבי.

און נידעריגער און זיי האָבען אברים, וואָס יעדער כח האָט אַ אבר וועלכער איז אַ כלי צום דאָזיגען כח, כחות מקיפים זיינען רצון ותענוג וועלכע האָבען ניט קיין אברים וכלים פּרטים, און די כחות פנימי' וואָס האָבען כלים — איז יעדער כלי צוזאַמענגעשטעלט פון אַזאַ חומר, אָדער דער חומר איז אַזוי געשאַפען אַז ער איז אַכלי צום דאָזיגען כח, למשל דער כח הראי' איז אַ כח פנימי וועלכער האָט אַ כלי, דאָס איז די אויג, איז דער חומר פון וואָס השי"ת האָט באַשאַפען דאָס אויג צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אין אַזאַ אופן אַז די אויג איז מקבל דעם כח הראי', דאָס זעלבע איז מיט'ן כח השמיעה און אַזוי אויך מיט אַלע כחות פנימי' וואָס זייערע כלים, דאָס הייסט די אברים, האָט השי"ת באַשאַפען אין אַזאַ אופן אַז די אברים זאָלען זיין ריכטיג צוגעפּאַסטע כלים יעדער צו זיין כח, אַז דער חומר המוח איז אַ כלי צו שכל אין אַלע דריי אָפּטיילונגען חכמה בינה דעת. דער חומר הלב איז אַ כלי צו מדות אהבה און שנאה אויך צו די איבעריגע מדות, אויך איז דער חומר הלב אַ כלי צו חמדה ותשוקה און אַזוי איז אויך אַלע כחות פנימי' אַז זיי האָבען כלים, און אין אַלע אברים אַז זיי זיינען צוגעפּאַסט צו זייערע כחות, וואָס די כחות הנפש זיינען כחות רוחני' האָט השי"ת זיי באַשאַפען אַז זיי זאָלעןווירקען אין דברים גשמי', אַז דער כח השכל וואָס ער איז אַ רוחני זאָל פאַרשטיין אַ שכל וואָס איז אָנגעטאָן אין אַ דבר גשמי, און אַזוי איז אויך די איבעריגע אַלע כחות הנפש, וואָס אַ חוץ דעם וואָס זיי זיינען אָנגעטאָן אין אברים גשמים, איז די פעולה וואָס די כחות ווירקען אין דברים גשמים אָדער אין רוחני' שבגשמי' ווי די ענינים פון מחשבה ודבור, ראי' שמיעה ומדות, וואָס די אַלע און ענלי־כע זיינען ניט קיין גשמי' ממש נאָר רוחני' שבגשמי'. גשמי איז אַזאַ זאַך וואָס האָט ששה קצוות, פיר זייטען אויבען און אונטען, און אַ האַנט קאָן דאָס אָנהאַל־טען, רוחני איז וואָס האָט ניט די באַגרעניצונג פון ששה קצוות און קען ניט אָנגעהאַלטען ווערען מיט'ן האַנט. די אַלע אויבענדערמאָנטע כחות ווי מחשבה דבור ראי' שמיעה ומדות וואָס האָבען ניט די גשמיות'דיגע אויבענדערמאָנטע באַגרעניצונגען זיינען רוחני'. נאָר להיות זיי זיינען דאָך ניט קיין רוחני' ממש ווערען זיי אָנגערופען גשמי' שברוחני'. אין די כחות ראי' ושמיעה הגם ראי' איז נאָר אין אַ דבר גשמי וואָס עס איז באַגרעניצט אין ששה קצוות און וואָס קומט אין פאַרשידענע געשטאַלטען פון גרויס און קליין און אין פאַרשידענע פאַרבען, און שמיעה איז נאָר אין אַ דבר רוחני פון אַ קול, וואָס הגם דער קול קומט דאָך אין אַ באַגרעניצונג פון גרויס און קליין, וואָס דאָס רופט מען לאַנג און קורץ, ברייט און דין, אָבער באמת זיינען די באַגרעניצונגען מער ניט ווי אַ שם המושאל, עס איז ניט קיין שם התואר, שם התואר הייסט דער נאָמען וואָס באַדייט די זאַך ווי זי איז, שם המושאל הייסט אַז דער נאָמען באַדייט ניט די זאַך, עס איז מער ניט ווי אַ געליענער נאָמען, ווייל קול איז אַ רוחני און קען ניט באַדייט ווערען מיט די נעמען וועלכע באַדייטען אַ גשמי, אָבער דאָך האָבען ראי' ושמיעה אַן ענליכקייט וואָסביידע האָבען די אייגענשאַפטען פון התחברות צו דער זאַך וואָס מען זעט און הערט.

קיצור. די כחות הנפש זיינען צוטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען, רצון און ענג זיינען מקיפים וואָס האָבען ניט קיין באַשטימטען אָרט אין קערפּער,

די כחות הנפש שכל מחשבה מדות דבור וראי׳ שמיעה תנועה האָבען באַשטימטע צוגעפּאַסטע אברים אין קערפּער וואו די כחות הרוחנים ווירקען אין זיי אויך אין די גשמיות שברוחניות, ראי׳ זעהט אַ גשמי, שמיעה הערט אַ רוחני, אָבער ביידע האָבען די אייגענשאַפט פון באַהעפטונג מיט דעם וואָס מען זעהט און הערט.

ד.

דער ענין פון התחברות אַז דער מענש זאָל זיך מתחבר זיין מיט אַזאַ זאַך וואָס איז חוץ ממנו איז אין די כחות ראי׳ ושמיעה. עס איז דאָ נאָך אַ כח וואָס מאַכט אַ התחברות פון פאַרשידענע זאַכען מיט׳ן מענשען דאָס איז דער כח הדעת. דעת איז התקשרות, אָבער די התקשרות פון דעת איז אַ פאַרשטעלונג אין צוויי פעל. איין פאַל איז וואָס דער מענש שטעלט זיך פאַר אַ זאַך לויט זיין פאַרשטאַנד און דער צווייטער פאַל איז די פאַרשטעלונג וואָס דער מענש שטעלט זיך פאַר אַט דאָס וואָס ער האָט געזעהן און געהערט, וואָס אין די ביידע פאַלען איז הגם דער מענש פילט ווי ער איז מחובר און פאַרבונדען מיט דער זאַך וואָס ער שטעלט זיך פאַר, איז דאָך דאָס אָבער ניט מער ווי אַ ציור וואָס ער מאָלט אויס די זאַך אין זיין מחשבה, אָבער די התחברות וואָס ווערט דורך זעהן און הערען איז ניט נאָר אַ פאַרשטעלונג נאָר ער איז מחובר מיט דער עצם זאַך וואָס ער זעהט און הערט, למשל ווען דער מענש זעט אַ הויז מיט אַלע צימערען און פאַרשידענע כלי בית, איז דאָך אַלץ וואָס ער זעהט האָט ניט קיין ערך יחוס צום מענשען, וואָס די אַלע זאַכען זיינען דוממים און דער מענש איז אַ מדבר, וואָס דאָס איז דאָך ניט בערך איינס צום צווייטען, דאָך איז דורך ראי׳ ווערען די זאַכען וואָס זיינען ניט בערך צום מענשען מחובר מיט׳ן מענשען, דאָס זעלבע איז אויך מיט׳ן כח השמיעה וואָס מאַכט אַ התחברות פון צווייען וואָס זיינען ווייט איינער פון צווייטען, ווען דער מענש הערט די שטימע און די רייד פון צווייטען ווערען דעם צווייטענס רייד און שטימע מחובר מיט דעם וועלכער הערט, וואָס די כחות ראי׳ ושמיעה מאַכען אַ התחברות, האָבען די כחות ראי׳ ושמיעה די אייגענשאַפט וואָס זיי ווירקען אַ התעוררות, אַז מען זעהט אַ זאַך ווירקט דער זעהען וכמאמר העין רואה והלב חומד, ווייל דער כח הראי׳ מאַכט אַ התעוררות אַז עס ווערט דער תשוקת הלב מיט אַ גרויסער חמדה, און דאָס זעלבע איז מיט כח השמיעה אַז דורך דעם וואָס דער מענש הערט דעם קול און די רייד פון צווייטען וועלכער רעדט אַ דבר חכמה ושכל ווערט ביי דעם צוהערער אַ געוויסע צוקומעניש אין זיין פאַרשטאַנד וואָס אַ חוץ דעם וואָס איידער ער האָט געהערט דעם שכל האָט ער דעם שכל ניט געוואוסט, וואָס דער שכל איז אים צוגעקומען דורכ׳ן כח השמיעה, איז חוץ דעם איז דורך דעם נייעם שכל וואָס ער האָט געהערט איז ביי אים שטאַרק געוואָרען דער כללות השכל, ווייל מיט יעדער פאַרשטאַנד וואָס אַ מענש פאַרשטייט אַ שכל ווערט ביי אים מער פאַרשטאַרקט און אויסגעאיידעלט דער כללות השכל. און דאָס איז הנוטע אזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט אַז פון די כחות ראי׳ ושמיעה קען מען פאַרשטיין אַז השי״ת האָט באַשאַפען די וועלט און פירט זי מיט השגחה פרטית, אַז הגם די כחות ראי׳ ושמיעה זיינען כחות רוחני׳ דאָך איז אין זיי די אייגענשאַפט אַז דורך זיי ווערען באַהעפט מיט׳ן מענ־

שען אַזעלכע זאַכען וועלכע זיינען ניט בערך צום מענשען, אַזוי איז אויך דער ענין פון ראי׳ ושמיעה למעלה אַז דורך זיי ווערט די התחברות פון אַלע נבראים מיט אלקות, וואָס דורך דער דאָזיגער התחברות קומט דער חיות צו אַלע נבראים, וואָס דאָס איז דער אונטערשייד פון ראי׳ ושמיעה שלמעלה און ראי׳ ושמיעה שלמטה, וואָס וויפיעל דער מענש זאָל ניט קוקען אויף אַ זאַך וועט פון דעם קוקען ניט צוקומען קיין שום חיות אין דער זאַך אויף וועלכער ער קוקט, אָבער דורך דער ראי׳ און שמיעה שלמעלה קומט צו אַ חיות אין דער זאַך.

קיצור. דעת, דער דריטער כח השכל, האָט אויך די פאַרבינדונג אייגענשאַפט אָבער דאָס איז מעהר ניט ווי אַ פאַרשטעלונג און עס קומט דורך גרויס אָנשטריינגונג, די פאַרבינדונג אייגענשאַפטען פון ראי׳ און שמיעה איז מיט דער עצם זאַך און עס ווירקט אין דעם מענשען, דערפאַר האָט דוד גענומען דעם משל פון די כחות ראי׳ ושמיעה דערקלערען דעם ענין פון השגחה פרטית וואָס דאָס איז דער לעבענס קוואַל פון אַלע באַשעפעניש.

* * *

און דאָס איז בינו בוערים בעם וכסילים מתי תשכילו, זאָגט ער אין זהר אַז דאָס גייט אויף די וואָס לערנען ניט קיין תורה, אָבער די וואָס לערנען תורה די האָבען דעם פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד פון די אַלע זאַכען וואָס מיר וויסען אין די כחות פון נפש ביז ווי די זעלביגע זאַכען זיינען אין געטליכקייט, דאָס הייסט אַז הגם ומבשרי אחזה אלקה, אָבער דאָס איז ניט מער ווי אַ משל, וואָס דער נמשל פון דעם איז אַ סך העכער, און אָט די הויכקייט ווי דאָס איז אין געטליכקייט וויסען נאָר די וואָס לערנען תורה, ווייל תורה איז חכמתו ית׳ די חכמה פון השי״ת, אויך אָט די וואָס אַליין קאָנען זיי ניט לערנען באַדאַרף ער צו הערען אָט דאָס וואָס מען לערנט פאַר, און באַדאַרף פילע מאָל איבערלערנען ביז ער קאָן אַליין לערנען תורה.

סוף דבר הכל נשמע את האלקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם. דאָס הייסט אַז דאָס וואָס מען פאַרשטייט פון יעדער זאַך איז אַז מען דאַרף מורא האָבען פאַר השי״ת און היטען זיינע מצוות ווייל נאָר דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם מענשען, דאָס הייסט אַז צוליב דעם איז דער מענש באַשאַפען געוואָרען, ווי עס שטייט אנכי עשיתי ארץ ואדם עלי׳ בראתי, השי״ת כביכול זאָגט אַז דאָס וואָס איך האָב געמאַכט די ערד, דאָס מיינט בריאת העולם, איז צוליב דעם אדם, וואָס אדם מיינט אידען, ווי עס שטייט ואתנה צאני צאן מרעיתי אדם אתם, זאָגט די גמרא אתם קרוים אדם, אידען ווערען אָנגערופען אדם, און דאָס איז וואָס צוליב דעם אדם, וואָס אדם מיינט אידען, איז באַשאַפען געוואָרען די ערד ווי עס שטייט אין מדרש בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ,

בראשית איז ב׳ראשית, תורה ווערט אָנגערופען ראשית און ישראל ווערען אָנ־גערופען ראשית, און דאָס איז בראשית ברא אלקים אז צוליב די צוויי ראשית׳ן, תורה וישראל איז באַשאַפען געוואָרען די וועלט, אַז אידען זאָלען לערנען תורה און מקיים זיין מצות און דורך דעם איז קיום העולם, ווי די גמרא זאָגט (עבודה זרה דף ג׳ ע״א) תנאי התנה הקב״ה עם מעשה בראשית אם יקיימו ישראל את תורתי מוטב ובאם לאו אחזיר אתכם לתהו ובהו. דער מדרש זאָגט אלה תולדות השמים והארץ, אלה בזכות מי הם עומדים ובזכות מי הם קיימים בזכות אלה שמות בני ישראל, ואלה בזכות מי הם עומדים ובזכות מי הם קיימים בזכות אלה העדות והחקים והמשפטים, און דאָס מיינט דער פסוק ואדם עלי׳ בראתי אַז דאָס וואָס השי״ת האָט באַשאַפען דעם אדם, וואָס אדם מיינט ניט נאָר דעם גוף נאָר אויך די נשמה וואָס זי איז אַ חלק אלק׳ ממעל דאָס אַלץ ווערט אָנגערופען אדם. דער גוף אַליין אָן דער נשמה ווערט אָנגערופען בשר אדם. די נשמה אַליין אָן דעם גוף ווערט אָנגערופען נשמת אדם. אַ נשמה אין אַ גוף ווערט אָנגערופען אדם, און דאָס איז ואדם עלי׳ בראתי. בראתי איז בגימטריא תרי״ג, אַז בריאת האדם איז בכדי ער זאָל מקיים זיין תרי״ג מצות מיט יראת שמים, און עס שטייט והאלקים עשה שייראו מלפניו, דער ענין פון יראה נעמט זיך פון שם אלקים דוקא, דערום זאָגט ער את האלקים ירא ווייל דער ענין פון יראה נעמט זיך פון שם אלקים.

קיצור. דער תכלית פון בריאת האדם איז דער קיום התורה והמצוות, וואָס אַזוי איז געווען דער תנאי פון הקב״ה. דער גוף איז בשר אדם. די נשמה איז נשמת אדם. אדם מיינט נשמה בגוף. יראה נעמט זיך פון שם אלקים.

ב.

והנה עס איז ידוע אַז בריאת העולם וכל הנבראים איז דורך ספירת המלכות. דורך ספירת המלכות גיט השי״ת חיות דער וועלט און אַלע נבראים, ווי עס שטייט מלכותך מלכות כל עולמים, אַז אַלע עולמים איז זייער התהוות און חיות דורך ספירת המלכות. דעם טעם הדבר איז ווייל כביכול עס איז עלה ברצונו של השי״ת אַז אנא אמלוך וואָס דאָס איז מלכותך, דאָס מיינט ווייל עס איז כביכול עלה ברצונו דער ענין המלוכה איז פון דעם מלכותך נעמט זיך מלכות כל עולמים, זיינען נתהווה געוואָרען אַלע עולמות. במילא פאַרשטייט מען פון דעם אַז דער גאַנצער ענין פון התהוות העולמות והנבראים איז מער ניט ווי פון אַ הארה, וואָס דאָס איז דער ענין המלוכה וואָס דאָס איז אַ התפשטות, וואָס התפשטות איז אַ באַוויז אַז דאָס איז אַ הארה. ווי מיר זעהען בגשמיות אַ מלך אין זיין מדינה, הן אין גרויסע שטעט וועלכע ווערען אָנגעפירט דורך גרויסע לייט און הן אין קלענערע שטעט וועלכע ווערען אָנגעפירט דורך קלענערע לייט, אויך אפילו אין דערפער און קליינע ישובים, איז יעדער געזעץ וואָס געהערט צו הנהגת המדינה ויושבי׳ ווערט אַלץ געטאָן לויט דער אָנפירונג פון מלך, איז אָט דאָס וואָס אומעטום אין דער גאַנצער לאַנד ווערט אַלעס געטאָן אין נאָמען פון מלך, איז הגם בשעת מען זאָגט די עטלעכע ווערטער בשם המלך

באַדאַרפֿען אַלע שטיין מיט אַ הדרת כבוד גליייך ווי דער מלך אַליין וואָלט דאָ געווען, דאָך איז דאָס ניט וואָס דער מלך איז אומעטום, עס איז מער ניט ווי שם המלך, דער נאָמען פֿון מלך ווערט פֿאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד. דאָס זעלבע וועט מען אויך פֿאַרשטיין אין ספירת המלכות אַז דאָס איז מער ניט ווי אַ התפשטות, וואָס דאָס איז וואָס מיר זאָגען מלך שמו נקרא עליהם, אַז אַט אַזוי ווי די בירגער פֿון אַ לאַנד זיינען ניט דעם מלך'ס קינדער, מער ניט זיין נאָמען איז אויף זיי, דאָס זעלבע איז אויך אין ספירת המלכות אַז דאָס איז מער ניט ווי אַ הארה, דערום ווערט ספירת המלכות אָנגערופֿען דבור העליון.

קיצור. בריאת העולמות איז דורך ספירת המלכות, איז כל ההתהוות מער ניט ווי פֿון אַ הארה, ווי אין גשמיות איז אַז הגם אַלע געזעצען און חוקי המדינה ווערען געזאָגט בשם המלך אָבער דאָס איז ניט מער ווי בשם המלך.

ג.

והנה דער ענין הדבור איז נאָר צוליב דעם צווייטען, וואָס דאָס איז דער חילוק פֿון מחשבה ביז דבור. מחשבה איז צוליב זיך און דבור איז צוליב דעם צווייטען. ספירת המלכות ווערט אָנגערופֿען דבור העליון וואָס דאָס איז מער ניט ווי אַ הארה, אָבער די הארה איז פֿון זייער אַ הויכען שרש. דער ענין אין דעם איז, אין יעדער השגה אלקית איז דער תכלית פֿון דער השגה עס זאָל ברייינגען נוצען אין עבודת השי"ת, וואָס אַזוי איז אויך אין דער השגה אַז דער כללות ענין פֿון התהוות און חיות העולמות והנבראים איז מער ניט ווי פֿון אַ הארה, וואָס די ריבוי עולמות ונבראים האָט השי"ת באַשאַפֿען מיט איין וואָרט, ווי מיר זאָגען ברוך שאמר והי' העולם, און ווי די משנה זאָגט בעשרה מאמרות נברא העולם והלא במאמר אחד יכול להבראות, וואָס אַזוי איז עס אַז אַלץ האָט השי"ת באַשאַפֿען מיט איין מאמר, דאָס איז דער מאמר בראשית און דערנאָך האָט השי"ת מפרט געווען דאָס אַלץ אין עשרה מאמרות, דאָס הייסט אַז די ניין מאמרות זיינען אַ התפשטות פֿון דעם מאמר אחד פֿון בראשית. אויך דאַרפֿען זיך מתבונן זיין ווי איין איינציגער מענש איז ניט בערך און האָט קיין שום תפיסת מקום לגבי דער וועלט ובפרט לגבי אַלע עולמות פֿון די העכסטע ביז די נידעריגסטע איז אַוודאי דער מענש ניט תופס מקום, אָבער דאָך איז דער מענש דער עיקר תכלית הכוונה פֿון אַלע עולמות, און פֿון דעם טאָג און שעה וואָס השי"ת האָט זיי באַשאַפֿען וואַרטען די מלאכי מעלה און ספירות העליונות אויף דער תורה פֿון דעם אדם, איז ווען דער מענש באַרעכענט זיך אַז ער איז דער תכלית פֿון אַלץ וואָס השי"ת האָט באַשאַפֿען און אַז אַלץ וואָס השי"ת האָט באַשאַפֿען איז צוליב איהם, ווי די משנה זאָגט כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם, וואָס עולם איז דאָך דער מיין העלם, ווייל די גופי הנבראים פֿאַר־דעקען אויף דער נשמה פֿון די נבראים, דאָס הייסט אַז מען זעט דעם גוף און די נשמה זעט מען ניט, און דאָס איז דער אויסטייטש פֿון דער משנה חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם, אַז צוליב איהם האָט השי"ת באַשאַפֿען דעם העלם,

אַז ער מיט זיין עבודה אין תורה ומצות זאָל אַראָפּנעמען דעם העלם און מגלה זיין דעם אור אלקי.

קיצור. ספירת המלכות איז דבור וואָס איז בשביל הזולת. בעשרה מאמרות נברא העולם. דער מענש איז עיקר ותכלית הנבראים און דער חיות פון אַלע עולמות איז תלוי אין זיין קיום התורה והמצות.

ד.

והנה און דאָס איז דער חוב פון דעם מענשען אַז ער זאָל זיך באַדענקען אין זיין תכלית צוליב וואָס השי״ת האָט אים באַשאַפען, און ווען דער מענש באַ־רעכענט זיך אַז זיין גאַנצער לעבען און פיהרונג איז כלל ניט אַזוי ווי עס באַדאַרף זיין. הן אין דעם ענין פון מוחין און הן אין דעם ענין פון מדות און הנהגות טובות, ווי אַלץ איז פאַרקערט ווי עס באַדאַרף זיין, אַז ער איז אַלע מאָל פאַרנומען נאָר מיט זיינע גשמיות׳דיגע און גופניות׳דיגע באַדערפעניש ען, און וועגען רוחניות טראַכט ער זייער ווייניג וואָס דורך אַזאַ הנהגה ווערט דער מענש זייער פאַר־גרעבט, איז ווען דער מענש באַרעכענט זיך אין דעם מיט אַ קלאָרען געדאַנק ווערט ביי אים אַ טיפער באַגער תשובה צו טאָן און משנה זיין אַלע זיינע הנהגות און פירען זיך בדרכי התורה והמצוה ביראת שמים. און דאָס איז סוף דבר הכל נשמע את האלקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם. דער עיקר פון דעם אדם, וואָס צוליב דעם האָט השי״ת מחבר געווען די נשמה רוחנית מיט׳ן גוף הגשמי, וואָס דאָס איז דאָך אַ חיבור פון אחור וקדם, ווי עס שטייט אחור וקדם צרתני, אחור מיינט די נידעריגע פון די נידעריגסטע דרגות וואָס דער גוף האדם איז נידעריגער אפילו פון די גופות בעלי החיים, וואָס אויף די גופות בעלי החיים זאָגען די חז״ל בקומתן נבראו ובצביונן נבראו, און אויף דעם גוף האדם שטייט גלמי ראו עיניך, און קדם מיינט די העכערע פון העכסטע וואָס דאָס איז די נשמה, ווייל דעם אדם האָט השי״ת בעשאַפען איז אַזאַ הרכבה פון די העכסטע דרגות אין רוחניות און די נידעריגסטע דרגות אין חומריות, וואָס חומריות איז נאָך פיעל גרעבער ווי גשמיות, וואָס דערום זעהען מיר במוחש אַז א אדם וועלכער איז אַ חומרי רחמנא ליצלן מיט שלעכטע קערפערליכע נויגונגען קען זיין שעד־ליכער ווי די גרעסטע חי׳ רעה, און צוריק האָט דער מענש אין זיך אַזעלכע נשמה פעהיגקייטען וואָס ער קען שטייגען ביז די העכסטע רוחניות׳דיגע דרגות, וואָס צו די אַלע הויכע דרגות קומט מען דורך לימוד התורה און קיום המצות ביראת שמים, און דאָס איז סוף דבר הכל נשמע אַז דער אדם איז אַ בעל שכל פאַרשטייט ער און הערט ווי דער ווערען פון אַלע נבראים זאָגט אַרויס את האלקים ירא ואת מצותיו שמור.

קיצור. דעם אדם האָט השי״ת באַשאַפען אַ צוזאַמענשטעל פון תכלית החומריות און תכלית הרוחניות און דערום האָט דער אדם החומרי גראָבע נויגונגען און קען אויך צוקומען צו די העכסטע דרגות פון רוחניות דורך שמירת התורה והמצות ביראת שמים.

מה רבו מעשיך הוי׳ כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קנינך, ווי גרויס זיינען דיינע טואונגען ג־ט ב״ה, אין אַלע טואונגען זעט מען די חכמה, דאָס אַלץ וואָס פילט אָן די גאַנצע וועלט איז אַלץ דיינע. די גמרא (חולין דף קכ״ז ע״א) זאָגט ווען רבי עקיבא פלעגט לערנען אָט דעם פסוק פלעגט ער זאָגען מה רבו מעשיך ה׳, דו, רבש״ע, האָסט ברואים וואָס וואַקסען אין ים, האָסט ברואים וואָס וואַקסען אויף דער יבשה, די וואָס זיינען אין ים ווען זיי קומען אַרויס אויף דער יבשה ווערלען באַלד שטאַרבען. די ברואים וועלכע זיינען אויף דער יבשה ווען זיי וואָלטען קומען אין דער טיפעניש פון ים וואָלטען זיי באַלד שטאַרבען, דאָס מיינט צו זאָגען אַז יעדער באַשעפעניש, הן די יבשה׳דיגע און הן די ים׳דיגע האָט זיי דער בורא ב״ה געגעבען זייער ריכטיגען פלאַץ וואו זיי זאָלען לעבען נאָך זייער טבע נאָך וועלכע דער בורא ב״ה האָט אין זיי אַריינגעגעבען, און דאָס מיינט דער פסוק מה רבו מעשיך ה׳, דער רבו איז ניט נאָר דער מיין רבוי אין כמות ווי מען זאָגט אָ פולע, נאָר אויך דער מיין רבו אין איכות וואָס מיינט עהרע און חשיבות, ווייל די מעשי ה׳ אין דעם באַשאַפען פון דער וועלט און איר פיהרונג איז מיט דער געטליכער חכמה אַז פון דעם אַלעמען זעט מען ווי אַלץ איז דיינע, דאָס הייסט אַז פון אַלץ זעט מען געטליכקייט, וואָס דאָס איז די כוונה פון דעם בורא ב״ה אין דעם בריאת העולם. נאָר דאָס איז אַלץ ביי די מענשען וועלכע פירען זיך על־פי התורה ומצות, ביי אַזעלכע איז די התגברות הצורה על החומר, צורה מיינט רוחניות חומר מיינט גשמיות, התגברות הצורה על החומר איז די כוונה אַז אַלע זיינע ענינים הגשמי׳ ווי אכילה שתי׳ לבוש והנהגת הבית זיינען על־פי התורה והמצוה, אָבער ביי דעם וואָס דער עיקר זיינען די צרכי הגוף איז די התגברות הגשמיות על הרוחניות, וואָס אַלץ מער ער איז איבער־געגעבען צו ענינים הגשמי׳ אַלץ מער פאַרגרעבט ווערט ער, און זיין מחשבה דבור ומעשה זיינען נאָר אין גשמיות, און אָפטמאָל אויך אין פאַרשידענע תאוות וואָס דאָס איז קעגען דעם ווילען פון השי״ת, איז ווען דער מענש באַרעכענט זיך אין דעם תכלית הכוונה פון דער בריאה און דעם תכלית הכוונה צוליב וואָס האָט אים השי״ת באַשאַפען, מיט אַ טיפער איבערלעבונג, איז בהכרח אַז עס פאַלט אויף אים אָן אַ מורא ופחד. אין גשמיות ווייסען מיר אַז די גרויסע יראה ופחד פאַר אַ מלך איז דאָך פאַר די גרויסקייט און שטאַרקייט פון מלך וואָס ער קען אַלץ טאָן, וואָס נאָך אַלעם דעם איז דאָך דער מלך אויך מער ניט ווי אַ בשר ודם, אָבער מלך מלכי המלכים הקב״ה איז ער חי וקים און מיט זיין מאמר האָט ער באַשאַפען אַלע עולמות ונבראים, גרויסע און קליינע, אין אַ רבוי עצום ווי עס שטייט מה גדלו מעשיך ה׳ און עס שטייט מה רבו מעשיך ה׳ און אַלץ און אַלעמען אין ער מחי׳, וואָס פון דער התבוננות פאַלט אויף דעם מענשען אַ יראה ופחד.

קיצור. רבי עקיבא ערקלערט די גרויסע חשיבות פון מעשי ה׳ וואָס פון אַלע ברואים זעט מען גדלות הבורא, דער וואָס פאַרטיפט זיך אין דעם מה רבו מעשיך ה׳ און מה גדלו מעשיך ה׳ פאַרשטייט דעם תכלית פון דער בריאה און זיין באַשאַפונג און ער קומט צו יראת שמים.

ב.

און דאָס איז וואָס עס שטייט את האלקים ירא, אַז פון שם אלקים ווערט נמשך דער ענין היראה, וואָרום דער שם אלקים איז תוקף און יכולת, ווי דער שלחן ערוך זאָגט אין אורח חיים סימן ה׳ אַז ווען דער מענש דערמאָנט דעם שם אלקים דאַרף ער טראַכטען דעם טייטש פון דעם נאָמען אַז השי״ת איז תקיף ואמיץ און האָט די יכולת צו טאָן אַלץ אין די עליונים און תחתונים, דאָס מיינט אַז די שטאַרקייט פון שם אלקים איז הן אין די עולמות הרוחנים און הן אין עולם הגשמי מיט אַלע זיינע נבראים, וואָס די שטאַרקייט איז אַז הרבה שלוחים למקום, הן אין אַ אופן ח״ו פון יסורים, ווי מיר זעהען במוחש אַז לפעמים ווערען גוטע פריינד גרויסע שונאים און זיינען רודף איינער דעם צווייטען מיט גרויסע רדיפות אין זאַכען וואָס זיינען נוגע אין לעבען ממש, וואָס באמת איז דאָס בשליחות השי״ת ווי דוד המלך האָט געזאָגט הוי׳ אמר לו קלל דאָס הייסט אַז דאָס וואָס שמעי בן גרא האָט אים געשאָלטען, אין דער צייט ווען ער — דוד המלך — האָט געהאַט גרויסע יסורים פון אבשלומ׳ן איז דאָס באמת וואָס השי״ת האָט אויף אים אָנגעשיקט, מער ניט עס איז דורכגעגאַנגען דורך שמעי בן גרא. און דאָס זעלבע איז אויך אין אַ תנועה פון גוט, אַז הרבה שלוחים למקום. ווען השי״ת איז געפעלען די הנהגה פון דעם מענשען איז דאַן אפילו מזיקים ווערען גוטע שלוחים אויף צו מבטל מאַכען שלעכטע גז״רות. און ווען דער מענש פירט זיך ניט גוט אויף דאַן איז מען זיך מיט אים מתנהג ח״ו מיט מדת הגבורה, וואָס דאָס איז מצד דעם תוקף פון שם אלקים וואָס מצד דעם ווערט במילא די יראה ופחד, און דאָס איז וואָס יראה איז מפתחות החיצוני׳ ווייל דאָס נעמט זיך פון חיצוני׳ המל׳. אין ספירת המלכות איז פאַראַן פנימיות און חיצוניות, ווי מיר זעהען אין די דריי לבושי הנפש מחשבה דבור ומעשה, מחשבה איז פנימי׳, דבור איז חיצוני׳, און מעשה נאָך מער חיצונית פון דבור. אין מחשבה גופא איז אויך פאַראַן פנימיות און חיצוניות, פנימיות אין מחשבה איז דאַן ווען דער מענש טראַכט אין אַ זאַך וועלכע איז אים זייער נוגע, און ווען ער טראַכט אין אַ זאַך וואָס איז אים ניט נוגע ווערט דאָס אָנגערופען חיצוניות המחשבה. וואָס ווען ער טראַכט אַ ענין וואָס איז אים זייער נוגע דאַן איז אין אים מאיר דער גלוי הנפש מער ווי ווען ער טראַכט אַ ענין וואָס איז אים ניט נוגע וואָס דאַן איז אים דער אור הנפש ניט מאיר בגילוי, וואָס אַזוי איז אויך למעלה איז פאַראַן פנימיות און חיצוניות ווי מיר זאָגען אין ברכת יוצר על כל שבח מעשה ידיך, דאָ ווערט דערמאָנט דער ענין פון עשי׳ וואָס דאָס איז חיצוניות. אין דעם שיר פון מלאכים זאָגען מיר אַז כלם עומדים ברום עולם ומשמיעים ביראה יחד בקול דברי אלקים חיים ומלך עולם, וואָס דאָס איז דער ענין פון דבור וואָס איז אויך חיצוניות אָבער ניט אַזאַ חיצוניות ווי עשי׳ דאָס הייסט אַז דבור איז פנימיות לגבי עשי׳, וואָס דער כללות הענין איז אַז די התבוננות אין דער הארה אלקית וואָס איז מהווה ומחי׳ די עולמות און נבראים איז דאָס מפתחות החיצוניות, און דאָס איז וואָס עס שטייט והאלקים עשה שייראו מלפניו, דער שם אלקים איז מעלים אויפ׳ן שם הוי׳ ווי עס שטייט

יראה איז מפתחות החצוניות: זע שבת לא, א. געבראַכט און ערקלערט אין דעם קומענדען מאמר.

שמש ומגן ה׳ אלקים, אַזוי ווי אויף דער זון איז אַ פאַרשטעלונג אַז דאָס וואָס מיר זעהען איז דאָס דער פאַרשטעל ניט די עצם זון, אַזוי איז אויך דער שם אלקים מכסה און מסתיר אויפ׳ן שם הוי׳, אַז דער גילוי איז דער שם אלקים וואָס פון אים ווערט נמשך יראה וואָס דאָס איז מפתחות החיצוניות.

קיצור. הרבה שלוחים למקום, צו גוטען און ח״ו פאַרקערט, מחשבה אין אַלגעמיין איז פנימיות, דבור ומעשה זיינען חיצוניות. אין מחשבה איז אויך פאַראַן פנימיות וחיצוניות, אין אַ זאַך וואָס אַרט ניט זייער איז דאָס חיצוניות. דערום איז די התבוננות אין התהוות מפתחות החיצוניות, יראה איז פון שם אלקים.

ג.

אָבער תורה איז מפתחות הפנימי׳, ווייל דורך תורה ווערט נמשך אַ המשכה פון עצמות אור אין סוף ב״ה, עס שטייט והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום, זאָגט די גמרא והיו הדברים האלה בדברי תורה הכתוב מדבר, דער וואָרט דברים מיינט דברי תורה. באַ מתן תורה שטייט אנכי ה׳ אלקיך און דאָס איז והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום, אַז דורך לימוד התורה איז מען ממשיך די בחינה פון אנכי וואָס השי״ת האָט געזאָגט בשעת מתן תורה, וכמאמר הידוע בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, ווען מען לערנט תורה דאַרפען די דברי תורה וואָס מען לערנט זיין ווי גאָר אַ נייע זאַך, און דורך דעם איז מען ממשיך אַ המשכה עצמית, וואָרום ווען די המשכה איז פון שם אלקים איז זי אין אַ העלם והסתר, אָבער ווען די המשכה איז דורך תורה וואָס דאָס איז אַ המשכה פון שם הוי׳ דאַן איז דאָס אַ אור וגילוי ממש, און דאָס איז דער חילוק ווען השי״ת קוקט אויף אידען מיט איין אויג דאָס מיינט אַז די המשכה איז פון שם אלקים און ווען ער קוקט מיטביידע אויגען איז דער מיין אַז די המשכה איז דורך תורה וואָס דאָס איז המשכה עצמית, נאָר אַז דער אור התורה זאָל זיין מיט אַ קיום איז דאָס דורך מצות ווייל מצות זיינען כלים צום אור התורה, ווי עס שטייט כי נר מצוה ותורה אור, נר איז די כלי וואָס האַלט דעם שמן און די פתילה, וואָס דאַן איז דער אור אַ אור המאיר, וואָס אַזוי איז אויך אין דעם נר מצוה ותורה אור, אַז מצות זיינען כלים צום אור התורה, וואָס אין מצות איז פאַראַן צווייערליי מצות, מצות עשה און מצות לא תעשה, דער מיין אין מצות עשה איז אַז זיי זיינען כלים צום אור וועלכען מען איז ממשיך דורך דער מצוה, און מצות לא תעשה איז דער מיין אויף ריין צו מאַכען און אויסראַמען יעדער ניט ריינע זאַך, אויך אויף אַראָפּצונעמען יעדע שטערונג וואָס קען שטערען דעם המשכת האור דורך מצות עשה. ווי למשל אַ וואוינונג פון אַ מלך אָדער אַ אדם גדול באַדאַרף מען פריער מאַכען ריין און זויבער און ערשט דאַן איז זי ראוי צו זיין אַ דירה פאַר אַ אדם גדול, וואָס אַזוי איז אויך בכדי די וועלט זאָל זיין אַ כלי צו געטליכקייט, וכמאמר הידוע נתאוה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים באַדאַרף מען די וועלט מאַכען ריין און זויבער פון יעדע ניט ריינע זאַך, הן אין סור מרע ניט טאָן דאָס וואָס מען טאָר ניט, און הן אין אויס־ראַמען די שלעכטע מדות ווי כעס און גאוה ווי די גמרא זאָגט אַז השי״ת זאָגט

אויף אַ בעל גאוה אין אני והוא יכולים לדור, וואָס דער ביעור הרע איז דורך מצות לא תעשה, און אויך אַז דורך דער עבודה מאַכט השי״ת שוואַך און ראַמט אויס די אַלע וועלכע שטערען צו עוסק זיין אין תורה ומצות, דאָס הייסט אַז לימוד התורה אַליין איז נאָך ניט גענוג, עס דאַרף אויך זיין דער קיום המצות וואָס ערשט דאַן איז מאיר דער אור התורה מיט איר ריכטיגען אור. און דאָס מיינט דער מאמר כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו, דער וואָס זאָגט אַז ער האַלט נאָר פון לערנען תורה האָט ער קיין תורה אויך ניט, ווייל דער עיקר אור התורה איז מאיר נאָר ווען עס איז פאַראַן דער קיום המצות, ווי דער זהר זאָגט עשי׳ לעילא, טאָן בפועל ממש דאָס איז די העכסטע זאַך, עס שטייט ולא המדרש עיקר אלא המעשה, ניט דער לערנען איז די הויפט זאַך נאָר דער טאָן בפועל ממש דאָס איז די הויפט זאַך, ווייל דורך מצות איז מאיר דער אמיתית פון מאור התורה און בפרט דורך דעם קיום המצות מיט מסירת נפש, אָבער די התחלת העבודה איז פאַרטיפען זיך אין דעם מה רבו מעשיך ה׳.

קיצור. תורה איז מפתחות הפנימי׳ צו דער המשכה עצמית פון אנכי ה׳ אלקיך וואָס איז נתגלה געוואָרען אין מתן תורה און דער אור התורה דאַרף האָבען אַ כלי, נר מצוה, מצות ל״ת איז מטהר דעם עולם, מצות עשה איז ממשיך דעם אור, עשי׳ לעילא בכלל און מיט מסירת נפש בפרט.

אמר רבה בר רב הונא כל אדם שיש בו תורה ואין בו יראת שמים דומה לגזבר שמסרו לו מפתחות הפנימיות ומפתחות החיצוניות לא מסרו לו בהי עייל. מכריז ר׳ ינאי חבל על דלית לי׳ דרתא ותרעא לדרתא עביד (שבת דף ל״א ע״א וב׳) ופרש״י יראת שמים דומה לפתחים חיצונים שדרך להם נכנסים לפנימים, כך אם ירא שמים הוא נעשה חרד לשמור ולעשות, ואם לאו אינו חס לתורתו, בהי עייל, באיזה פתח נכנס לפתוח את הפנימיים, רבה בר רב הונא זאָגט אַז דער מענש וואָס האָט תורה, ער האָט געלערנט און לערנט תורה און ער האָט ניט קיין יראת שמים, דאָס מיינט אַז אים פעלט יראת שמים, מורא האָבען פאַר ג־ט ב״ה, הן אַז אים פעלט בכלל דער ענין פון יראת שמים און הן אַז לפי ערך זיין ידיעת התורה איז ווייניג יראת שמים, דאָס מיינט אַז דער יראת שמים איז ניט נאָך דער מאָס פון זיין קענען לערנען, וואָרום דער אמת איז אַז דער עיקר הענין פון ידיעת התורה, קענען לערנען, איז צוליב קיום המצות, אויף צו וויסען אַלע מצות מיט זייערע פרטי דינים. מצות זיינען ג־ט ב״ה ווילען, רצון העליון, אין כחות הנפש זעהען מיר אַז דער כח הרצון איז אַנדערש פון אַלע כחות מיט דעם וואָס דער רצון מוז אויסגעפירט ווערען פינקטליך אַזוי ווי דער רצון איז, אויב עס ווערט ניט אויסגעפירט פינקטליך ווי דער רצון איז איז דאָך דאָס ניט דער אמת׳ער ענין פון רצון. רצון איז ניט גלייך צו די אַנדערע כחות שכל אָדער מדות אָדער ראי׳ און שמיעה. אין דעם מיין פון השכלה זיינען פאַראַן פיעל דרגות, קלענערע השכלות און גרעסערע השכלות. אחוץ דעם וואָס

עס זיינען פאַראַן אַלגעמיינע נידעריגע השכלות און העכערע השכלות, די השכלה פון חכמת המעשה איז אַ אַלגעמיינע נידעריגע השכלה וואָס דאָס איז אַ גראָבע השכלה, ווייל די השכלה איז פאַרבונדען מיט אַ דבר גשמי, הגם אין חכמת המעשה קען אויך זיין גרויסע השכלות אָבער נאָך אַלעם דעם ווייל די חכמה איז פאַרבונדען מיט אַ דבר של מעשה, עס איז דאָך חכמת המעשה, איז דאָס די נידעריגסטע חכמה. חכמת הנפש איז איינע פון די אַלגעמיינע הויכע השכלות און בפרט חכמת אלקות, הגם אין חכמת הנפש און אויך אין חכמת אלקות זיינען דאָך פאַראַן אַזעלכע השכלות, וואָס ווערען קלאָר דערקלערט אַז אויך דער גאָר געוויינליכער דורכשניטליכער מענש פאַרשטייט דאָס זייער גוט, אָבער דאָך איז די אַלגעמיינע חכמה פון חכמת הנפש און חכמת אלקות אַ הויכע חכמה, דאָס הייסט אַז זיי זיינען אידעלע חכמות, איז דאָס אַז אין חכמות בכלל איז אין זיי פאַראַן הויכע און אידעלע חכמות און נידעריגע און גראָבע חכמות, וואָס אַזוי איז אויך אין יעדער חכמה בפרט פאַראַן העכער און נידעריגער, דאָך איז אפילו די נידעריגע דרגא אין שכל איז אויך שכל, און דאָס זעלבע איז אויך אין מדות אָדער אין די כחות ראי' ושמיעה איז אויך דאָ נידעריקע דרגות, דאָס הייסט אַז ווען אפילו זיי זיינען ניט בתכלית השלימות ווערען זיי אָנגערופען כחות ראי' ושמיעה, אָבער רצון איז נאָר ווען דאָס איז פּינקטליך ווי דער רצון איז. מצות זיינען רצון העליון, איז בכדי אַז מען זאָל קענען מקיים זיין די מצות ווי דער רצון העליון איז באַדאַרף מען לערנען תורה בכדי צו וויסען ווי צו טאָן די מצוה אַזוי ווי ג־ט ב"ה האָט געהייסען טאָן, און דערום דאַרף דער עיקר לימוד התורה זיין צו לערנען די הלכות און דינים וועלכע זיינען נוגע הלכה למעשה, וואָס פיעל מענשען ווערען נכשל אין כמה וכמה זאַכען וועלכע זיינען איסורים גמורים בשוגג ווייל זיי ווייסען ניט די דיני התורה.

קיצור. תורה און יראת שמים זיינען מפתחות הפנימיות און מפתחות החיצוניות.

ר' ינאי רופט יראת שמים דירה און תורה אַ טיר, דער תכלית פון לימוד התורה איז וויסען ווי אַזוי צו מקיים זיין מצות. מצות זיינען רצון העליון, רצון איז נאָר פּינקטליך, ווי דאָס איז ע"פ תורה.

ב.

והנה, פאַרשטיין קלערער דעם ענין. אין לערנען תורה, און ידיעת התורה, וויסען תורה, לערנען און וויסען תורה זיינען צוויי ענינים, איין ענין אין תורה איז לערנען בכדי צו וויסען די דיני התורה בכדי מקיים צו זיין מצות ווי דער רצון הבורא ב"ה איז. דער צווייטער ענין איז לערנען תורה צוליב ידיעת התורה. לערנען תורה צוליב וויסען די דיני התורה איז אַ ענין כללי, און לערנען תורה צוליב ידיעת התורה איז אַ ענין פרטי, דאָס הייסט, דאָס לערנען תורה איז אַ מצוה פרטית אַט אַזוי ווי אַנדערע מצות, און דאָס איז וואָס רבה בר רב הונא זאָגט דער מענש וואָס לערנט תורה אָבער ער האָט ניט קיין יראת שמים, דאָס הייסט אַז ער לערנט תורה און איז מחדש חדושי תורה אָבער דאָס איז אים ניט נוגע צום קיום המצות, אַז דאָס וואָס ער ווייס אַלע פרטי דינים איז דאָס אים ניט נוגע ער זאָל זיין אַ זהיר בהידור מצוה, ער איז גרינג אפילו אין דעם קיום פון

דער מצוה אַליין ומכל שכן אַז ער טראַכט ניט וועגען דעם הידור מצוה, ווייל אים פעלט יראת שמים, און להיות אַז אים פעלט יראת שמים איז דעם גאַנצען ידיעת התורה ניצט ער אויס אויף העדר פון יראת שמים היינו געפינען כמה היתרים און אויסזוכען כמה קולות און אַלע דינים וואָס בדיעבד איז דאָס כשר איז ביי אים דער דיעבד אַ לכתחילה, ווייל ער מיט זיין גרויסער ידיעת התורה קען מטהר זיין אַ טמא און כשר מאַכען אַ דבר אסור, ווי די גמרא (עירובין דף י"ג ע"ב) דערציילט אַז אין יבנה איז געווען אַ תלמיד וועלכער האָט געקענט מטהר זיין אַ שרץ מיט הונדערט און פופציג טעמים, דאָס הייסט דער תלמיד האָט געקענט אַזויפיל לערנען אַז מיט זיין גרויסער ידיעת התורה האָט ער געקענט מטהר זיין אַ שרץ מיט הונדערט און פופציג טעמים, זאָגט תוספות, וואָס איז דאָס פאַר אַ שאַרפזיניגקייט צו קענען מטהר זיין אַ שרץ וועלכען די תורה האָט מטמא געווען, ווייל דער יסוד התורה איז יראת שמים ניט דער פאַרשטאַנד פון תורה נאָר דער יראת שמים וואָס אין תורה, דאָס הייסט אַז ווען מען לערנט תורה באַדאַרף מען וויסען אַז תורה איז חכמתו ית', איז הגם תורה האָט ג"ט ב"ה געגעבען אין אַזאַ אופן אַז דער שכל האנושי זאָל דאָס קענען באַגרייפען. און די מצות פון לימוד התורה איז ער זאָל יעדער סוגיא וואָס ער לערנט פאַרשטיין גוט, ריין און קלאָר, אָבער דער עיקר היסוד באַדאַרף זיין אַז ער זאָל וויסען אַז די תורה איז דער דבר הוי' און חכמת התורה איז חכמתו יתברך, און עס שטייט תען לשוני אמרתך, אַז דער לימוד התורה באַדאַרף זיין כעונה אחר הקורא ווי איינער זאָגט נאָך אַ צווייטען וועלכער לייענט פאַר. דער עיקר ענין פון לימוד התורה און ידיעת התורה איז אַריינטראָגען דעם גאַנצען פאַרשטאַנד אין די עניני התורה וואָס מען לערנט, און יעדער פרט פון דער סוגיא וואָס מען לערנט באַדאַרף מען זיך אַליין געבען צו פאַרשטיין, ווי די גמרא (שם, שם) דערציילט אַז סומכוס, ר' מאיר'ס אַ תלמיד, פלעגט דערקלערען אַכט און פערציג טעמים אויף יעדער זאַך וואָס על פי תורה איז די זאַך טמא און פלעגט דערקלערען אַכט און פערציג טעמים אויף יעדער זאַך וואָס על פי תורה איז די זאַך טהור, און דאָס וואָס מען גיט זיך אַליין צו פאַרשטיין די עניני התורה מיט רבוי טעמים איז דאָס דער אמת פון לערנען תורה מיט יראת שמים, וואָרום דורך די טעמים וועלכע מען גיט זיך אַליין קלאָר צו פאַרשטיין די סוגיא איז דאָס אויך אַ ענין פון יראת שמים וואָס מען פילט די חכמת התורה אַז דאָס איז חכמתו יתברך.

קיצור. לערנען תורה און וויסען תורה זיינען צוויי באַזונדערע ענינים, לערנען תורה איז צוליב וויסען ווי אַזוי מקיים צו זיין מצות, וויסען תורה איז די מצוה פרטית פון תלמוד תורה. מצד ידיעת התורה קען מען מתיר מאַכען אַ איסור, דער יסוד פון תורה איז יראת שמים און דאַן פילט מען אין תורה חכמתו יתברך.

ג.

והנה אויף דעם וואָס לערנט תורה און האָט ניט קיין יראת שמים זאָגט די גמרא אַז ער איז גלייך צו אַ גבאי פון אַ הויז וועלכע האָט פיל טירען איינע טיפער פון דער צווייטער און מען האָט אים איבערגעגעבען נאָר די שליסלען

פון אינעווייניגסטע טירען און די שליסלען פון די אויסערליכע טירען האָט מען אים ניט איבערגעגעבען דורך וואָנען וועט ער אַריין. ר׳ ינאי זאָגט ווי איז צו דעם מענשען וועלכער האָט ניט קיין וואוינונג און מאַכט אַ טיר צום וואוינונג. דער מיין אין דעם איז אַז יראת שמים איז די וואוינונג און תורה איז די טיר צו דער וואוינונג וואָס אַזוי זאָגט רש״י אין גמרא (יומא דף ע״ב עמוד ב׳) אַז תורה איז אַ טויער אויף אַריינגיין דורך איר צו יראת שמים, וואָס לפי זה איז דאָך ר׳ ינאי׳ס מאמר קעגען דעם פריערדיגען מאמר פון דער גמרא, וואָס לויט דעם מאמר קומט דאָך אויס אַז תורה איז מפתחות הפנימי׳ און יראת שמים מפתחות החיצוני׳. נאָר דער ענין איז, די משנה אין אבות זאָגט אם אין יראה אין חכמה אם אין חכמה אין יראה וואָס אין פלוג אויב אַזוי הייסט ווי קען מען אָנהויבען די עבודה, יעדע עבודה מוז דאָך זיין מיט אַ סדר והדרגה, עס מוז זיין אַ אָנהויב און סוף, איז אויב דער אָנהויב איז יראה, קען די עבודה ניט זיין ווייל אם אין חכמה אין יראה. אויב דער אָנהויב איז חכמה, קען די עבודה ניט זיין ווייל אם אין יראה אין חכמה. נאָר דער ענין איז, עס זיינען פאַראַן צוויי מדריגות אין יראה, יראה תתאה און יראה עילאה, און עס זיינען פאַראַן צוויי מדריגות אין חכמה וואָס דאָס איז תורה, איז יראה תתאה אַ הקדמה צו תורה, און תורה איז אַ הקדמה צו יראה עילאה. עס שטייט כי אל דעות הוי׳, צוויי דעות, דעת תחתון און דעת עליון. דעת תחתון איז דער פאַרשטאַנד פון נבראים אַז למטה איז יש ומציאות און דער התהוות היש איז פון אין, וואָס דער פירוש אין איז דאָס וואָס דער נברא ווייס ניט וואָס דאָס איז רופט ער דאָס אין, וואָס די יראה אין דעם איז ווי עס שטייט יראו מה׳ כל הארץ, וואָס די דאָזיגע יראה קומט פון דער התבוננות אַז אַלץ וואָס עס איז באַשאַפען געוואָרען איז פון אַ הארה, וואָס די יראה איז יראה תתאה און דאָס איז אַ הקדמה צו תורה, דעת עליון איז די דעה העליונה אַז למעלה איז יש און למטה אין, למעלה איז יש דאָס איז יש האמיתי ולמטה איז אין אַז כולא קמי׳ כלא חשיב, וואָס פון דער התבוננות און דעם דערהער אין דעם ענין פון א״ס ב״ה ווי ער איז דער יש האמיתי ווערט דער ענין פון ביטול במציאות ממש וואָס דאָס איז די מדריגה פון יראה עילאה אַז תורה איז אַ הקדמה צו דער מדריגה יראה, און דאָס זיינען די צוויי מדריגות יראה יראה תתאה און יראה עילאה. יראה תתאה קומט פון דער התבוננות אין די ענינים פון דעת תחתון און די יראה איז אַ הקדמה צו לערנען תורה, יראה עילאה קומט פון דער התבוננות אין ענינים פון דעת עליון און תורה איז אַ הקדמה און אַ כלי צו דער יראה.

קיצור. די צוויי משלים וואָס די גמרא און ר׳ ינאי זאָגען אויף דעם וואָס קען לערנען און האָט ניט קיין יראת שמים ווערען דערקלערט מיט דעם מאמר אם אין יראה אין חכמה, אם אין חכמה אין יראה, דעת תחתון און דעת עליון, יראה תתאה איז אַ הקדמה צו תורה און תורה איז אַ כלי צו יראה עילאה.

ה.

והנה עס שטייט ויצונו הוי׳ לעשות את כל החקים האלה ליראה את הוי׳ אלקינו. אין מצות זיינען פאַראַן דרייערליי מצות וואָס יעדע פון זיי האָט אַ

באזונדער נאָמען, ווי עס שטייט אלה העדות והחקים והמשפטים אשר דבר משה. די דריי נעמען פון די מצות זיינען עדים חקים ומשפטים, עדות זיינען די מצות וואָס זיינען אַ צייכען צווישען דעם בורא ב״ה און אונז עמו וצאן מרעיתו. ווי שבת, תפילין, פסח, מילה, סוכה. משפטים זיינען מצות וואָס שכל אנושי איז אויך מסכים אויף זיי ווי כבוד אב ואם, צדקה, אהבת ישראל, גניבה גזילה, לשון הרע. חוקים זיינען די מצות וואָס האָבען קיין טעם ניט, עס איז אַ גזירת הכתוב אַזוי האָט דער בורא ב״ה גוזר געווען, ווי דער מדרש זאָגט אין דעם ענין פון טומאה און טהרה ניט אַ טויטער איז מטמא און ניט אַ מקוה איז מטהר נאָר אַזוי האָט דער בורא ב״ה גוזר געווען און קיינער האָט ניט בכח דאָס צו ענדערען, און דאָס איז דער טייטש חוקה, עס איז אַ גזירה געזעץ ווי עס שטייט זאת חקת התורה, זאָגט רש״י, ווייל דער שטן און די פעלקער פרעגען ביי אידען וואָס איז די מצוה פון פרה אדומה און וואָס פאַר אַ טעם איז פאַראַן אין דער מצוה, אַז אַלע אומריינע — טמאים — ווערען גערייניגט, דורך שפריצען אויף זיי די אַש פון דער פרה אדומה צומישט מיט וואַסער, און די וואָס פאַר־ברענען די געקויילעטע פרה אדומה און מאַכען די צומישונג פון איר אַש מיט וואַסער אויף צו רייניגען אַלע טמאים איז זיי אַליין ווערען אומריין, דערום שטייט דאָ דער וואָרט חוקה אַז דאָס איז אַ גזירה געזעץ און קיינער האָט ניט קיין רשות צו איבערטראַכטען אין דעם. און דאָס איז ויצונו הוי׳ לעשות את כל החוקים האלה, דער אמת׳ער ענין פון קיום המצות באַדאַרף זיין אויף לעשות את כל החקים האלה, דאָס מיינט אַז אַלע מצות, אויך די מצות פון עדות און משפטים, באַדאַרף מען זיי מקיים זיין ניט מצד דעם ווייל די מצוה איז אַ צייכען און אַ זכרון אויף אַ זאַך אָדער ווייל דער שכל האנושי דיקטירט זיי נאָר ווייל דאָס איז דער ציווי הבורא ב״ה, דאָס הייסט אַז אַלע מצות באַדאַרפען זיין געטאָן מיט די גרעסטע איבערגעגעבענקייט ווי מען איז איבערגעגעבען אין די מצות פון חוקים, און אויף דעם זאָגט דער פסוק ליראה את הוי׳, אַ יראה וועלכע איז את הוי׳, ווי עס שטייט יראו את הוי׳ קדושיו, את הוי׳ מיינט דאָס וואָס איז טפל און בטל ווי די גמרא זאָגט (בבא קמא דף מ״א ע״ב) את בשרו את הטפל לבשרו, און אַזוי איז אויך את הוי׳ איז א מדריגה אין יראה וואָס איז בטל צום שם הוי׳, וואָס צו דער מדריגה אין יראה קומט מען צו דורך דער עבודה פון תורה וואָס איז אַ הקדמה און א כלי צו יראה עילאה, אָבער די התחלה איז די עבודה פון קבלת עול מלכות שמים וואָס דאָס איז יראה תתאה. און דאָס איז אם אין יראה אין חכמה, אַז די התחלת העבודה איז פון יראה וכמאמר כל מי שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת, דאָס הייסט אַז די התחלת העבודה באַדאַרף זיין די עבודה פון יראת שמים, ווי עס שטייט זה השער לה׳ זאָגט דער זהר ז״א תרעא לאעלאה, דאָס איז דער טויער פון עלי׳, און דאָס וואָס שטייט אם אין חכמה אין יראה מיינט מען די מדריגה פון יראה עילאה וואָס די כלי צו דעם איז חכמה, און דאָס איז דער ענין וואָס תורה ווערט אָנגערופען מפתחות הפנימי, תורה איז אַ מפתח צו יראה עילאה וואָס דאָס איז פנימי. אָבער די התחלה איז יראה תתאה וואָס קומט דורך דער עבודה פון קבלת עול מלכות שמים. און דאָס איז וואָס ר׳ ינאי זאָגט אַז די דירה איז יראה ווייל דאָס איז דער עיקר, דורך יראה תתאה קומט מען צו תורה און דורך תורה קומט מען צו יראה עילאה.

קיצור. דרייערליי מצות, עדות וואָס זיינען אַ צייכען צווישען דעם בורא ב"ה און אידען. מילה, שבת, תפילין. משפטים וואָס שכל אנושי איז אויך מחייב, כבוד אב ואם, צדקה אהבת ישראל. חוקים טבילה במקוה כשרה. דער קיום פון אַלע מצות באַדאַרף זיין ווייל דאָס איז דער רצון הבורא. די התחלת העבודה באַדאַרף זיין מיט קבלת עול מלכות שמים.

הטה אלקי אזנך ושמע פקח עינך וראה. דניאל'ס בקשה איז עס זאָל זיין די ראי' בעין אחת, דאָס הייסט עינא פקיחא דעתיקא וואָס לית שמאלא בהאי עתיקא, וואָס אויף דער מדריגה שטייט הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל, און די עיקר בקשה איז דאָס וואָס דניאל זאָגט והאר פניך על מקדשך השמם. די גמרא זאָגט משחרב בית המקדש אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה, און אויף דעם איז דניאל'ס בקשה והאר פניך על מקדשך השמם, עס זאָל אראָפּגענומען ווערען אַלע שטערונגען אויף למוד התורה און עבודת השי"ת. דער טעם פון דער בקשה איז למען אדני, צוליב'ן שם אדני, דער שם אד' איז דער שם עולם העשי'. אין יעדער עולם איז פאַראַן דער שם פון דעם עולם און דער שם פון דעם עולם העשי' איז דער שם אל אד'. דער נאָמען דניאל מיט'ן כולל טרעפט אַן די גימטריא פון אל אד'. וואָס דערום איז דניאל'ס עבודה געווען די בקשה עס זאָל זיין דער גילוי אלקות למטה און עס זאָל זיין דער בנין בית המקדש בפועל ממש, ווארום דניאל איז געווען בזמן הגלות, וואָס אין זמן הגלות זיינען אידען בתכלית השפלות און ווערען זייער ערנידערט, ווי עס שטייט עבדים משלו בנו און כביכול שכינתא בגלותא, וואָס דאָס איז דער חילוק צווישען דעם זמן שבית המקדש הי' קיים און דעם זמן החורבן. בזמן שבית המקדש הי' קיים איז געווען גילוי אלקות בעולם, און אידען זיינען געווען בתכלית הרוממות, אָבער בזמן החורבן און אידען זיינען פאַרטריבען פון ארץ ישראל זיינען די אידען אין גרויס שפלות, און בפרט אין דער צייט פון דניאל אין זמן פון מלך דריוש וואָס דאַן זיינען די אידען געווען געדריקטער און מער ערנידערט ווי אין דער צייט פון נבוכדנצר און דאַן האָט דניאל תפלה געטאָן און געבעטען והאר פניך על מקדשך השמם, עס זאָל זיין דער גילוי פון עינא דעתיקא קדישא, וואָס דאָס איז עין אחת אין דער העכסטער מדריגה. עס זיינען פאַראַן דריי מדריגות, די ערשטע איז עין אחת וואָס אויף דעם זאָגט דער מדרש בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום מביט עליהם בעין אחת, וואָס דאָס איז דער שם אלקים וואָס איז העלם והסתר. די צווייטע מדריגה איז שתי עיניו וואָס אויף דעם זאָגט דער מדרש בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מביט עליהם בשתי עיניו, וואָס דאָס זיינען די שמות הוי' ואלקים, וואָס דאָס איז גילוי אור, דאָס איז אָבער גילוי אור פון סדר השתלשלות. די דריטע מדריגה איז עין אחת נאָר דאָס איז

ה ט ה א ל ק י : זע אויך דעם מאמר ועתה שמע אלקינו (פיידזש 11).

די אויג פון עתיקא קדישא וואָס לא ינום ולא יישן שומר ישראל, דאָס איז די העכסטע דרגא. און דער גילוי פון דער מדריגה, אַט דאָס איז געווען די בקשה פון דניאל׳ן אין זיין תפלה, וואָס דערום זאָגט ער עינך וואָס ביידע אויגען זיינען ווי איין אויג, דאָס מיינט די אויג פון עתיקא קדישא, וואָס דאָרט זיינען אַלע ישועות.

קיצור. דער שם פון עולם העשי׳ איז אל אדני בגימטריא דניאל עם הכולל. בזמן הבית איז געווען גילוי אלקות און אידען זיינען בתכלית המעלה. בזמן הגלות איז אלקות בהעלם און אידען בתכלית השפלות. דניאל׳ס בקשה איז דער גילוי פון עינא דעתיקא.

ב.

און דאָס איז וואָס די גמרא זאָגט ואף דניאל לא נענה אלא בזכות אברהם, די עבודה פון אברהם אבינו איז געווען ממשיך צו זיין גילוי אלקות בעולם דורך דעם וואָס ער האָט אַלעמען — אפילו גאָר פשוט׳ע מענשען — געגעבען צו פאַרשטיין דעם ענין פון געטליכקייט. ווי עס שטייט ויטע אשל בבאר שבע ויקרא שם בשם ה׳ אל עולם, זאָגען די חז״ל (סוטה דף יוד עמוד א) אל תקרי ויקרא אלא ויקריא, ער האָט געמאַכט רופען דעם נאָמען פון השי״ת אין גאָר דער וועלט, אברהם האָט באַקאַנט געמאַכט ג־ט׳ס נאָמען ביי יעדער דורכגייער, דורך דעם אשל וואָס ער האָט געפלאַנצט, אשל איז ראשי תיבות אכילה שתי׳ לוי׳, נאָכ־דעם ווי די אורחים און דורכגייער האָבען אָפּגעגעסען און אָפּגעטרונקען האָבען זיי גענומען באַדאַנקען, דאַן האָט ער זיי געזאָגט צו דען פון מיינע האָט איר געגעסען און געטרונקען, דאָס אַלץ איז וואָס השי״ת, דער בורא עולם, האָט באַשאַפען. און פלעגט זיי דערקלערען דעם ענין פון בריאה און השגחה פרטית, דאַן האָבען די אַלע געלויבט און געבענשט השי״ת, וואָס דורך דער עבודה וואָס אברהם אבינו האָט געטאָן מיט מסירת־נפש איז ער צוגעקומען ביז צו עצמות אין סוף ב״ה עינא דעתיקא וואָס דאָס איז עין אחת, און דאָס איז עין ה׳ אל יראיו זה אברהם, ווייל אברהם דורך זיין עבודה איז צוגעקומען צו דער העכסטער מדריגה וואָס דאָס איז עינא דעתיקא, וואָס דאָס איז וואָס דער מדרש זאָגט אַ ראי׳ פון דעם פסוק עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה, וואָס דער דאָזיגער פסוק שטייט דאָך ביי דער עקידה, וואָס די עקידה איז דער צענטער נסיון, וואָס דורך דער עבודה פון מסירת־נפש און נסיונות ובפרט דער נסיון פון דער עקידה איז אברהם אבינו צוגעקומען צו דער העכסטער דרגא, וואָס דאָס איז וואָס ביי דער עקידה שטייט ויעקוד את יצחק בנו וישם אותו על המזבח ממעל לעצים, אַז דורך דעם וואָס ויעקד את יצחק בנו איז וישם אותו ממעל לעצים, איז ער צוגעקומען צו דער מדריגה וואָס העכער פון עצים, עצים איז עץ החיים און עץ הדעת. עצים איז תורה, עץ החיים תורה שבכתב, עץ הדעת תורה שבעל פה. עץ הדעת איז תורה של בעל פה ווייל דער לערנען תורה שבעל פה איז אַ תיקון אויפ׳ן חטא עץ הדעת. אברהם אבינו דורכ׳ן נסיון העקידה איז צוגעקומען ממעל לעצים, העכער אי פון עץ החיים אי פון עץ הדעת, דאָס הייסט צו דער מדריגה פון

עתיק. אברהם אבינו איז געווען מוכרח אויף ממשיך צו זיין די העכסטע מדריגה בכדי עס זאָל זיין אַ המשכה למטה, ווי דער כלל הידוע אַז וואָס דער אור איז העכער איז מער למטה ווערט ער נמשך, ווי מיר זעהען במוחש אין די כחות ראי' ושמיעה. דער כח הראי' איז העכער פון כח השמיעה דאָך איז דער כח הראי' תופס א דבר גשמי און דער כח השמיעה איז תופס אין קול וואָס קול איז אַ רוחני לגבי דעם גשמי וועלכען ראי' איז תופס, ווייל וואָס דער אור איז העכער קומט ער אַראָפּ נידעריגער, און דאָס זעלבע איז ביי עבודת אברהם אבינו אַז בכדי עס זאָל זיין דער גילוי אלקות למטה האָט ער באַדאַרפט ממשיך זיין אַ הויכע דרגא, וואָס דאָס איז דער עין אחת דעתיקא קדישא.

קיצור. אברהם האָט געהאַט מסירת נפש אויף צו דערקלערען געטליכקייט אפילו צו גאָר פשוטע מענשען וואָס דורך דער עבודה האָט ער דער־גרייכט די העכסטע מדריגות עינא דעתיקא ממעל לעצים תושב״כ ותושבע״פ.

ג.

און דאָס איז וואָס די גמרא זאָגט וועגען דניאל'ס תפלה למען אד' אַז דאָס מיינט למען אברהם שקראך אדון. דניאל וועלכער איז געווען בזמן הגלות איז געווען זיין בקשה פקח עינך עס זאָל זיין די המשכה פון עינא דעתיקא וואָס לא ינום ולא יישן שומר ישראל, און דער טעם הדבר איז למען אד', למען אברהם שקראך אדון. זאָגט דניאל למען אד' און ניט למענך, ווייל למענך איז אַ המשכה עצמית וואָס השי״ת אַליין איז משפיע, אָבער דאָס וואָס אברהם אבינו האָט גערופען אדון איז דאָס אַ המשכה עצמית וואָס קומט דורך דער עבודה פון מסירת־נפש. און דאָס איז ניט גלייך צו משה'ס תפלה, משה האָט מתפלל געווען אַז אידען זאָלען נמשך ווערען אורות פנימים און דורך אידען אויך אין עולם, ווי עס שטייט ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, זאָגען רז״ל בתוכו לא נאמר אלא בתוכם בתוך כל אחד ואחד מישראל, וואָס דאָס איז אַ המשכה פנימית, אָבער דניאל'ס תפלה איז געווען אַז עס זאָל אויך זיין אַ המשכה אין חיצוניות, דאָס הייסט עס זאָל זיין אַ המשכה בגילוי ממש אַז עס זאָל זיין דער בנין בית המקדש וואָס דאָס איז אַ גילוי ממש, און דאָס זעלבע איז אויך בהנוגע דעם מקדש מעט, עס זאָלען אַראָפּגענומען ווערען אַלע שטערונגען אויף לימוד התורה און אויף עבודת השי״ת. וואָס דאָס אַלץ האָט דניאל געבעטען צוליב אברהם'ן, וואָס אברהם האָט אַ יתרון המעלה לגבי משה רבינו, הגם משה רבינו איז געווען אין זמן הגלות, אָבער דאָך האָט מען געוואוסט דעם ענין פון אלקות, אפילו בימי יוסף האָט פרעה מלך מצרים געוואוסט דעם ענין פון אלקות, וואָס יוסף דערמאָנט אָפּט־מאָל דעם שם אלקים, אָבער אין אברהם אבינו'ס צייט האָט מען ניט געוואוסט פון געטליכקייט, און מען האָט ניט געוואָלט וויסען פון דעם, וואָס דאָס איז וואָס דער מדרש זאָגט עד אברהם הי' העולם מתנהג באפילה בא אברהם והתחיל להאיר, וואָס ער האָט געהאַט מסירת־נפש אויף דעם און דעריבער איז ער צו געקומען צו דער העכסטער דרגא. און דאָס איז ואף דניאל, הגם דניאל איז אויך

זאָגען רז״ל: זע של״ה שער האותיות אות למ״ד.

געווען בזמן הגלות און האָט געהאַט מסירת־נפש אויפ'ן ענין התפלה, וואָלט דאָך ראוי זיין אַז דניאל'ס בקשה און תפלה זאָל דערפילט ווערען צוליב אים אַליין, פונדעסטוועגען זאָגט די גמרא אַז דאָס איז נאָר בזכות אברהם. דער טעם הדבר איז ווייל אברהם איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געהאַט מסירת־נפש אויף געטליכקייט. אברהם אבינו האָט דער ערשטער געעפענט דעם טויער פון מסירת־נפש צוליב געטליכקייט, און דערום איז ערמעגליכט געוואָרען דער ענין פון מסירת־נפש צוליב אלקות. און דאָס איז וואָס ער זאָגט ועתה שמע אלקינו אל תפלת עבדך, ועתה האָט צוויי טייטשען, איין טייטש איצט בזמן הגלות איז יעדע עבודה מיט וועלכער אַ מענש דינט השי"ת איז אַ גרויסע עבודה, ווייל בזמן הגלות זיינען אידען זייער צובראָכען און אין קטנות המוחין, דערום איז יעדער עבודה זייער גרויס. דער צווייטער טייטש ועתה איז תשובה, וואָס דער ענין פון תשובה איז אַז איצטער איז ניט ווי פריער דאָס הייסט אַז דורך תשובה ווערט דער מענש אַנדערש ווי פריער, און דעריבער איז שמע אלקינו אל תפלת עבדך ואל תחנוניו, דניאל איז דאָך דער איינציגער וועמען השי"ת האָט בוחר געווען צו פאַרטרויען אים דעם קץ הגלות באחרית הימים האָט ער מתפלל געווען ועתה אלקינו, אַז אידען וועלען באחרית הימים תשובה טאָן שמע אל תפלת עבדך זאָלסט השי"ת מקבל זיין זייער תפלה און זייערע תחנונים און זאָלסט זיי אויסלייזען אַ גאולה שלמה דורך משיח צדקך.

קיצור. אברהם אבינו איז דער ערשטער וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען אויף געטליכקייט און האָט ממשיך געווען אַ המשכה עצמית. דניאל זעט די חבלי משיח איז מתפלל אַז השי"ת זאָל מקבל זיין די אידישע תשובה און שיקען זיי משיח צדקנו.

כה אמר ה' אלקים הנה אני פתח את קברותיכם והעלתי אתכם מקברותיכם עמי והבאתי אתכם אל אדמת ישראל. השי"ת זאָגט דורך יחזקאל הנביא צו די אידען וועלכע זיינען אין דעם לעצטען גלות און וועלכע שטייען דורך די גרויסע צרות און ספיקות אין אמונת הגאולה, אַז ער יתברך וועט זיי אויסלייזען, און ניט נאָר די וועלכע וועלען לעבען באחרית הימים און וועלען זוכה זיין צו דער גאולה דורך משיח'ן, נאָר אויך די מתים, ניט נאָר וועלכע האָבען זוכה געווען צו ליגען אין ארץ ישראל, נאָר אויך די וועלכע זיינען געשטאָרבען אין די גלות מדינות וועלען אויפשטיין און השי"ת וועט זיי ברייגגען קיין ארץ ישראל. פאַרשטיין קלערער דעם ענין אין עבודה אין דעם מענשענ'ס לעבען. אדם און חוה זיינען יצירי כפיו של הקב"ה, די ערשטע מענשען וועלכע זיינען געבאָרען זיינען געווען די קינדער פון אדם וחוה, דריי קינדער וועלכע אדם וחוה האָבען געבאָרען ווערען זייערע נעמען דערמאָנט אין דער תורה, אָבער די איבעריגע קינדער, זין און טעכטער, וועלכע זיי האָבען געבאָרען

ועתה איז תשובה: בראשית רבה פכ"א, וא"ו.

ווערען זייערע נעמען ניט דערמאָנט אין דער תורה, נאָר די דריי קינדער. דער בכור קין, דער צווייטער הבל און דער דריטער שת. פון די דאָזיגע דריי קינדער איז אויפ'ן ערשטען און דריטען איז דאָ אַ טעם פאַר וואָס מען האָט זיי אַזוי אַ נאָמען געגעבען קין און שת, נאָר אויפ'ן נאָמען הבל איז ניטאָ קיין טעם. דער נאָמען קין איז דער טעם פון דעם קניתי איש את ה', קין איז דער פירוש קניק, געקויפט אַ מענשען מיט דעם אויבערשטען. דער נאָמען שת איז דער טעם ווייל שת איז דער פירוש געבען, דער אויבערשטער ב"ה האָט זיי געגעבען איין אַנדער קינד אנשטאָט זייער קינד הבל וועמען קין האָט געטויטעט. ביי דעם נאָמען קין שטייט דעם שם הוי' און ביים טעם פון דעם נאָמען שת שטייט דער שם אלקים. אין די שמות הוי' ואלקים איז דאָך ידוע אַז שם הוי' איז שם הרחמים, ווי עס שטייט זכור רחמיך הוי' וחסדיך כי מעולם המה, וואָס מדת הרחמים איז העכער פאַר מדת החסד, ווייל מדת החסד איז נאָר פאַר די וועלכע זיינען ווערט מען זאָל זיי געבען אָט דאָס וואָס זיי באַדאַרפען, די אָבער וועלכע זיינען ניט ווערט גיט מען ניט, אָבער מדת הרחמים איז אַז מען זאָל געבען אַלעמען אפילו אויך די וואָס זיינען ניט ווערט. און שם אלקים איז דין וגבורה. באַדאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס ביים נאָמען קין, וואָס דאָס איז קנין, שטייט שם הוי', און ביים נאָמען שת וואָס דאָס איז דער טייטש געגעבען אנשטאָט דאָס וואָס עס איז פריער געוועזן, שטייט שם אלקים וואָס דאָס איז דין וצמצום.

קיצור. פון די פיעלע קינדער וועלכע אדם און חוה האָבען געבאָרען ווערען דערמאָנט אין דער תורה די נעמען נאָר פון דריי, קין הבל און שת. אויפ'ן ערשטען און דריטען נאָמען איז דאָ אַ טעם. אין דעם טעם פון דעם ערשטען ווערט דערמאָנט דער שם הוי' און אין דעם טעם פון דעם דריטען דער שם אלקים.

ב.

והנה אין מפרשים שטייט אַז קין און הבל איז דאָס רע און טוב. קין איז רע און הבל איז טוב. לפי זה דאַרף מען זאָגען, אַז קין הבל און שת אין טבע בני אדם ועבודתם זיינען רשע און צדיק און בעל תשובה. קין איז געוועזן אַ רשע, ער איז געוועזן אַ כופר בתחית המתים און האָט געהאַלטען נאָר פון עולם הזה, ער האָט גאָר ניט געוואָלט טראַכטען אַז עס איז פאַראַן נאָך אַ וועלט וועלכע הייסט עולם הבא, און האָט ניט געוואָלט וויסען צוליב וואָס האָט השי"ת באַשאַפען דעם מענשען און צו וועלכען תכלית באַדאַרף דער מענש שטרעבען. קין איז געלעגען נאָר אין ענינים גופניים, און זיין גאַנצער מהות איז אַוועקגעגעבען געוואָרען נאָר צו ענינים הגשמים. ער האָט געקוקט אויף דער גאַנצער בריאה וואָס השי"ת האָט באַשאַפען אַז דער תכלית פון דעם אַלעם איז נאָר די חומריות און אין דעם איז ער געלעגען, און דערום זיינען ביי אים זייער שלעכטע מדות. אַלץ איז נאָר פאַר זיך, ער באַדאַרף עסען, טרינקען, קליידער און אַלץ אַ סך און פון די בעסטע און פון די שענסטע און בנוגע צו זיך איז ביי אים ניט פאַראַן קיין מותרות און קיין צופיעל אדרבה עס פעלט אים נאָך שטענדיג און

כופר בתחית המתים: זע תרגום ירושלמי בראשית ד, ח.

ער איז ניט צופרידען פון דעם וואס ער האט, עס איז אים אלץ ווייניג, און לבד זאת וואס מצד טבעו בשכל ומדות איז ביי אים גאר ניטא קיין טראכט צו העלפען דעם צווייטען, נאר ער ליגט נאך מיט אלע המצאות ווי אזוי צו צונעמען ביים צווייטען, ווייל דער צווייטער איז ביי אים ווי איין איבעריגער לגמרי, וואס אויף דעם שטייט נמשל כבהמות נדמו, זיי זיינען געגליכען צו בהמות, די בעלי חיים איז יעדער פון זיי ליגט נאר אין ענינים הטבעים, ווי עסען און טרינקען ושארי צרכי הגוף הגשמי, פון קיין העכערע זאך ווי חומריות ווייסען זיי ניט, און יעדער בעל חי וויל אלץ נאר פאר זיך און ווען עס קומט צו א צווייטער בעל חי איז דער שטארקערער שלאגט דעם שוואכערען, און אזוי איז אויך אין די מדות טבעים פון מענשען, וואס באמת ווען דער מענש פירט זיך ווי א בעל חי, איז ער נאך ערגער פון דעם בעל חי, ווייל דער מענש איז דאך א בעל שכל און ער ניצט אויס זיין גאנצען שכל אויף דעם ווי צו באקומען אלץ נאר פאר זיך און יענעם גאר ניט, און ווען א מענש פירט זיך ווי א בעל חי איז ער ערגער פון א בעל חי.

קיצור. קין הבל און שת אין רוחניות׳דיגען זין זיינען די כאראקטערען פון רשע צדיק און בעל תשובה. קין איז געווען א רשע, האט געלייקענט אין תחית המתים און געהאלטען נאר פון עולם הזה, תאוה וועלט, ווי מיר זעהען אז עס זיינען דא מענשען וועלכע ווילען אלץ פאר זיך און פאר דעם צווייטען קימערט זיי גאר ניט און רעכענען אז יענער באדארף גאר ניט, וואס אזעלכע פארדארבענע כאראקטערען זיינען ערגער און נידעריגער פון די שלעכטע בעלי חיים.

ג.

והנה הבל איז די מדרגה פון טוב, וואס אין עבודה איז דאס די דרגא פון צדיק, ווי עס שטייט אמרו צדיק כי טוב. הבל האט געהאלטען אז דער עיקר איז עולם הבא, עולם הזה איז מער ניט א פלאץ וואו דער מענש קען מאכען א הכנה צו עולם הבא. הבל האט געקוקט אויף דער בריאה וואס השי״ת האט באשאפען מיט׳ן ריכטיגען שכל׳דיגען קוק, אז השי״ת האט באשאפען דעם עולם הזה צוליב א תכלית און כוונה. דער תכלית איז דער רצון הבורא, ווייל אזוי איז עלה ברצונו ית׳ אז ער ב״ה זאל באשאפען אזא עולם וועלכער זאל זיין א גשמי. עס שטייט נתאוה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים. דער בורא ב״ה האט געגלוסט מאכען זיך א וואוינונג צווישען די נידעריגע, האט דער רבי נ״ע*) געזאגט אז קיין טעם אויף דער בריאה איז ניטא, ווארום אלע טעמים זיינען קיין טעמים ניט, נאר עס שטייט נתאוה הקב״ה און אויף א תאוה איז קיין קשיא ניט, להיות דער עולם איז דער רצון הבורא איז במילא דער רצון אליין דער תכלית און אין דעם תכלית איז פאראן א כוונה. די כוונה איז אז דער מענש זאל מאכען פון גשמיות רוחניות. ווי אזוי מאכט מען פון גשמיות רוחניות האט דער רבי געזאגט אז אידישע גשמיות איז רוחניות, דער פירוש פון אידישע גשמיות איז ווען די גשמיות איז על פי דיני התורה, הן די גשמיות פון עסק ומסחר והן די גשמיות פון אכילה ושתי׳ ושארי צרכי בני אדם ווען דאס איז אלץ על פי

---

*) געמיינט דער אלטער רבי, בעל התניא ושולחן ערוך.

התורה וואָס יעמאָלט פירט דער מענש דורך די כוונה עליונה און יעמאָלט ווערט פון די גשמיות רוחניות, ד. ה. אַז די כוונה העליונה ווערט דורכגעפירט דורך דעם מענשען, און וואָס מער דער מענש מאַכט פון די גשמיות רוחניות אַלץ מער ווערט דורכגעפירט די כוונה העליונה, וואָס דורך דער דאָזיגער עבודה ווערט די שלימות פון דעם מענשען, און דערום איז הבל געווען אַ רועה צאן, בכדי ער זאָל קענען זיין רוהיג און טראַכטען אין דעם גדלות הבורא ב"ה, ווי עס שטייט מה רבו מעשיך הוי׳, אַז די ריבוי הנבראים זיינען אַ הוראה אויף דעם בורא ב"ה, וואָס דער ענין הבריאה איז נאָר בחוק הבורא ב"ה, וואָס די דאָזיגע התבוננות איז פועל אויך אַז ביי אים ווערען מדות טובות באמת.

קיצור. הבל איז דער זין פון צדיק וועלכער קוקט אויף דעם בריאת העולם מיט אַ ריכטיגער אויג און אַ שכל׳דיגער איבערצייגונג אין דער כוונה און תכלית פון דעם, אַז דער מענש זאָל דורך לערנען תורה און מקיים זיין מצות און פירען זיך במדות טובות מאַכען פון גשמיות רוחניות, און דערום איז הבל געווען אַ רועה צאן כדי ער זאָל קענען אומגעשטערט דענקען וועגען גדולת הבורא.

ד.

והנה את זה לעומת זה עשה האלקים. דער טוב און רע שטייען אין אַ מלחמה תמידית, ווי עס שטייט רשע מכתיר את הצדיק, דער רע נעמט אַרום דעם טוב און דער טוב דערוועקט זיך צו שטאַרקען זיך אויף דעם רע. וואָס דאָס איז די מלחמה פון יצה"ר ויצ"ט, וועלכע איז אַ שטענדיגע. אין אַ מלחמה איז זיך אַמאָל מתגבר איינער און אַמאָל דער צווייטער, איז אויב עס טרעפט אַמאָל אַז דער רע איז זיך ח"ו מתגבר אויפ׳ן טוב, באַדאַרף דער מענש ניט אַראָפּפאַלען ביי זיך נאָר וויסען אַז עס איז דאָ אַ עצה פון תשובה, וואָרום דער יצה"ר דער־נידערט דעם מענשען וועלכער האָט געזינדיגט, וואָס דאָס איז איינע פון די דרכי היצר הרע צו מבלבל זיין דעם מענשען און דערנידערען אים בכדי ער זאָל ניט טאָן קיין תשובה, איז באַדאַרף זיך דער מענש שטאַרקען קעגען די בלבולים פון יצה"ר און טאָן תשובה אויף אַלעס וואָס ער האָט געזינדיגט, ווי עס שטייט אין ספרים ווי אַזוי מען באַדאַרף פאַרריכטען יעדער חטא, וואָס יעדען מענשען, לפי ערך זיין מהות און טבע, גיט מען מלמעלה כחות, הן אויף תשובה און הן אויף עבודה, וואָס באמת איז אויך אפילו די וועלכע זיינען אין דער דרגא פון קין, לא עלינו, ווי מיר זעהען בחוש אַז עס זיינען דאָ מענשען זייער שלעכטע, בעלי מדות רעות וחכמים להרע, וואָס דאָס איז ביי זיי בטבע פון געבאָרען, איז באמת האָבען זיי אויך מיט וואָס זיי קענען איבער אַנדערשען די מדות רעות אויף מדות טובות, און דערפאַר איז ביי דעם נאָמען קין שטייט אַ טעם פאַר וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבען קין, הגם קין איז דאָך אַ בעל מדות רעות איז דער טעם פון זיין נאָמען קניתי איש את הוי׳, ווייל אַזוי איז דער רצון העליון אַז דער מענש זאָל איבערמאַכען פון מדות רעות אויף מדות טובות, און דערום שטייט דאָ דער שם הוי׳ וואָס דאָס איז רחמים. און ביי דעם נאָמען שת, וואָס דאָס איז תשובה, שטייט דער שם אלקים דוקא, וואָרום תשובה קומט דורך

שטאַרקייט וואָס דער מענש באַדאַרף זיך שטאַרקען ניט הערען דעם יצה״ר און טאָן תשובה. אָבער ווען דער מענש טוט ניט קיין תשובה דערמאָנט מען אים מלמעלה אַז ער זאָל תשובה טאָן. און דאָס איז די נבואה אויף דעם אחרית הימים, אַז איבער סבות שונות וועט מען ווערען עצמות היבשות פון תורה ומצות און מען וועט ליגען נאָר אין גשמיות, איז דאָן כה אמר הוי׳ אלקים איך וועל אויפ־רייסען אייערע גשמיות׳דיגע קברים און איך וועל אייך אויפהייבען פון אייערע חומריות׳דיגע קברים דאָן וועט איר תשובה טאָן וועט איר זוכה זיין צו דער גאולה שלמה דורך מיין שליח משיח גואל צדק והבאתי אתכם אל אדמת ישראל.

קיצור. הבל און קין וואָס דאָס מיינט טוב און רע, צדיק ורשע, האָבען אָ שטענ־דיגע מלחמה, יעדער פון זיי וויל האָבען די גאַנצע הערשאַפט אויפ׳ן מענשען. איז ווען דער מענש זינדיגט זאָל ער ניט זיין פאַרצווייפעלט נאָר תשובה טאָן. השי״ת האָט געגעבען דעם מענשען כ׳ראַפט צו באַזיגען און איבעראַנדער־שען די גרעסטע מדות רעות אויף מדות טובות און דורך תשובה וועט מען זוכה זיין צו דער גאולה שלמה.

הוי כי גדול היום ההוא מאין כמוהו, ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע. אוי ווי גרויס איז יענער טאָג וואָס האָט ניט זיין גלייכען. עס איז אַ צרה ביי יעקב׳ן אָבער דורך איר וועט ער געהאָלפען ווערען. דער כי גדול היום ההוא מאין כמוהו גייט אויף דער לעצטער גלות־צייט, די מלחמת גוג ומגוג, אַז עס איז אַ עת צרה ליעקב, וואָס די עת צרה מוז זיין ד׳ סיבה אויף דער ישועה אמיתית פון דער צוגעזאָגטער גאולה שלמה. אין ירושלמי (תענית פ״א ה״א) וואו עס ווערט גערעדט וועגען דער גאולה שלמה באחרית הימים זיינען פאַראַן צוויי דיעות, ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע, אין דער סיבה וואָס השי״ת וועט מסבב זיין אַז ער ב״ה זאָל ברענגען די גאולה שלמה. ר׳ אליעזר זאָגט אַז די סיבה וואָס וועט צוברעכען דעם גלות און ברענגען די גאולה איז תשובה און כל זמן אידען וועלען ניט תשובה טאָן וועלען זיי זיין אין גלות און ניט אַרויסגעלאָזט ווערען, ווי עס שטייט (ישעי׳ ל׳) בשובה ונחת תושעון. די צווייטע דעה, ר׳ יהושע׳ס, איז אַז די סיבה אויף דער גאולה שלמה איז אַז עס וועט קומען די צייט פון קץ הגלות ווי השי״ת האָט גוזר געווען. פרעגט ר׳ יהושע ביי ר׳ אליעזר׳ן ווי וועט זיין אַז די אידען וועלען (חלילה) אייביג ניט תשובה טאָן וועלען זיי (חלילה) קיינמאָל ניט אויס־געלייזט ווערען, ענטפערט אים ר׳ אליעזר, דער אויבערשטער ב״ה וועט דאָן אויפשטעלען אויף אידען אַ שלעכטען מלך ווי המן און די אידען וועלען תשובה טאָן וועט זיי השי״ת אויסלייזען, ווי עס שטייט ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע, ווייל די סיבה וואָס באַדאַרף ברענגען די גאולה שלמה אין דעם באחרית הימים מוז זיין תשובה במילא וועט השי״ת מסבב זיין סיבות שונות אַז די אידען אין דעם באחרית הימים פון קץ הגלות זאָלען תשובה טאָן און עס זאָל זיין די גאולה

שלמה דורך משיח צדקנו, ווי דער רמב"ם זאָגט אין פרק ז' מהלכות תשובה הלכה ה', אַלע נביאים האָבען צוגעזאָגט אויף תשובה, און אידען וועלען ניט אויסגעלייזט ווערען נאָר דורך תשובה, און השי"ת האָט מבטיח געווען אין דער תורה אַז דער סוף וועט זיין אַז אידען וועלען תשובה טאָן אין סוף זמן הגלות און דאַן וועט זיי השי"ת אויסלייזען, און דאָס מיינט ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע, אַז די צרות ר"ל פון דעם באחרית הימים איז ניט נאָר אַ עונש פאַר'ן עבר, נאָר אויך אַ סיבה אויף דעם אמת'ן גוט פון דער גאולה שלמה. און דאָס איז וממנה יושע, די ישועה גאולה האמיתית וואָס קומט אַרויס פון דער עת צרה.

קיצור. די סיבה אויף דער גאולה שלמה דורך משיח'ן זאָגט ר' אליעזר אַז דאָס איז תשובה און ר' יהושע זאָגט אַז די סיבה איז דער זמן הגאולה. דער רמב"ם זאָגט אַז השי"ת האָט פאַרזיכערט אין דער תורה אַז אין סוף הגלות וועלען אידען מוזען תשובה טאָן און וועלען אויסגעלייזט ווערען.

ב.

והנה און דאָס איז דער טעם וואָס די עת צרה נעמט אַרום אַלע אידען אָן אונ־טערשייד פון יראי אלקים ובני תורה ביז אַזעלכע וואָס זיינען ר"ל חפשים בדיעה ופורקי עול תורה ומצות, ווייל אַלע אידען אפילו די רשעים וואָס טוען להכעיס קעגען תורה ומצות האָבען אויך אַ געטליכע נשמה און אַלע מוזען תשובה טאָן בכדי מען זאָל זוכה זיין צו דער גאולה שלמה, ווי מורנו הבעש"ט נ"ע זאָגט כי עת צרה היא ליעקב וממנה יושע, דורך דער צרה אַליין קומט די ישועה, ד. ה. אַז די צרה אַליין ווערט צהר. אין עבודה איז דער ענין אַז דער חשך אַליין ווערט אור, ווי עס איז ידוע אַז עס זיינען פאַראַן כמה מיני דרגות אין עבודה. פאַראַן אַזאַ עבודה וואָס דער אור טרייבט אַרויס דעם חשך, וכמאמר הידוע אַביסל ליכטיגקייט שטויסט אַרויס אַסך פינסטערקייט. פאַראַן נאָך אַ עבודה וואָס מען אַרבעט איבער דעם חשך אַז דער חשך אַליין ווערט אור. אין זהר שטייט שעת צלותא שעת קרבא. דער זמן פון דאַוועגען איז די צייט פון דער מלחמה רוחנית צווישען דעם יצה"ר וועלכער איז חשך און דעם יצ"ט וועלכער איז אור. דער יצה"ר איז חשך ווייל זיין גאַנצער צי און גלוסטיגקייט איז אַלץ צו דברים הגשמים, וואָס דערום איז דאָך אפילו דער שכל פון יצה"ר ווערט אָנגערופען נפש הבהמית. דער יצה"ר איז מדות אהבה גבורה והתפארות וכו', ער האָט אויך די דרגא פון שכל, אָבער זיין שכל איז נאָר אין גשמיות'דיגע זאַכען, וואָס ער ליגט מיט אַלע המצאות, ווי אַזוי צו באַקומען די אַלע דברים הגשמים וועלכע ער האָט ליעב, און געפינט אַ סך ראיות אויף צו באַווייזען אַז ער איז גערעכט, און עס טרעפט זמנים אַז אפילו דער מענש אַליין ווייס אַז ער איז אומגערעכט און דאָך געפינט ער פאַרשידענע טענות, און אפילו אַזעלכע טענות וועלכע ער אַליין ווייסט אַז זיי זיינען ליגען, און באַנוצט זיך מיט די דאָזיגע טענות של שקר אויף אויסצופירען דאָס וואָס ער וויל, און להיות אַזאַ פירונג איז מעשה בהמה דערום ווערט דער שכל פון יצה"ר אָנגערופען נפש הבהמית, וואָס

וכמאמר הידוע: תניא פי"ב.

דער עיקר ענין פון יצה״ר איז וואָס ער האָט אַ כח המתאוה, אַ כח פון ווועלען, און דער ווועלען פון יצה״ר איז מיט אַ אויסערגעוויינליכער שטאַרקייט, וכמאמר הידוע משביעו רעב, וואָס מען מאַכט אים מער זאַט ווערט ער אַלץ מער הונ־געריג, אַזוי איז אויך מיט דעם יצה״ר ,וואָס מער דער מענש גיט אים נאָך וואָס ער וויל אַלץ שטאַרקער און מיט מער ברען ווערט דער כח המתאוה, ביז ער קען ח״ו דערפירען דעם מענשען צו גניבה גזילה ורציחה בפועל ממש, וואָס דאָס איז די זאַך פון אַ בן סורר ומורה וואָס דורך דעם וואָס ער איז אַ זולל וסובא קומט ער ר״ל צו רציחה בפועל ממש. וואָס דערום ווערט דער יצה״ר ונפש הבהמית אָנגערופען חשך, און יצ״ט און דער שכל פון יצ״ט — נפש האלקית — ווערט אָנ־גערופען אור, וואָס באַלייכט דעם חשך פון דעם יצה״ר ונפש הבהמית.

קיצור. די עת צרה נעמט אַרום אַלע אידען ווייל אַלע מוזען תשובה טאָן, מאַכען פון צרה, וואָס דאָס איז דער חשך הגלות, צהר, די ליכטיגקייט פון דער גאולה שלמה, עס איז פאַראַן ווען דער אור פאַרטרייבט דעם חשך, און עס איז פאַראַן ווען דער חשך ווערט אַליין אור.

ג.

והנה די עבודה פון יצ״ט ונפש האלקית אויף צו באַלייכטען די פינסטערניש פון יצה״ר ונפש הבהמית ווערט אָנגערופען בשם מלחמה, ווייל יעדער איינער פון זיי, הן דער נפש הבהמית און הן דער נפש האלקית, נוצען אויס דערביי זייערע גרעסטע כחות,וואָס יעדער פון זיי וויל מנצח זיין דעם צווייטען און די קראַפט פון נצחון און הערשען אויפ׳ן צווייטען בכלל און אויף דעם וועלכער איז געווען אַ מנגד און אַ שונא בפרט, איז אַזוי גרויס אַז צוליב נצחון איז אַלץ כדאי, ווי מיר זעהען במוחש בגשמיות אַז צוליב אַ נצחון במלחמה נוצט מען אויס די טייערסטע אוצרות וואָס כמה דורות האָבען געזאַמעלט, און די צדדים הלוחמים גייען אויף מסירת נפש בפועל ממש. און אַזוי איז אויך אין דער מלחמה רוחנית פון דעם יצה״ר ויצ״ט וואָס יעדער פון זיי שטאַרקט זיך אויס־צונוצען די גרעסטע כחות בכדי מנצח זיין די מלחמה. אין אַ מלחמה זיינען פאַראַן פאַרשידענע כלי זיין. פאַראַן כלי זיין וועלכע מען קען נוצען נאָר פון דער נאָעהנט און פאַראַן אַזעלכע וועלכע מען קען נוצען פון דער ווייטען דוקא, וואָס דאָס אַלץ איז אויך פאַראַן אין דער מלחמה רוחנית צווישען דעם יצה״ר ויצ״ט, וואָס ביידע האָבען זיי די אַלע מינים כלי זיין. דער יצה״ר האָט די כלי זיין גלויים וואָס דאָס זיינען די אַלע ענינים הגשמים פון דברים המותרים, ווי דער רבי נ״ע זאָגט אַז אפילו אַ דבר המותר ווען מען עסט אים צו דערפילען מיט דעם די תאוה צו דעם ווערט דער דבר המותר אויך רע, ד. ה. אַז די תאוה איז משנה דעם טוב אויף רע און דער רע ווערט אַ כלי זיין אויף ממית צו זיין דעם אדם במיתה רוחנית, און אפילו אויב דאָס איז אים ניט ממית מאַכט דאָס אים פאַר אַ בעל מום, און ער איז מקבל חיות פון רע, און דאָס ברענגט אים אַז אַ ענין

וכמאמר הידוע: סוכה נב, ב.
דער רבי נ״ע זאָגט: תניא פ״ז.

פון תאוה ווערט אים געשמאַק. דער יצה״ר האָט אויך כלי זיין וועלכע ווירקען פון דער וויטענס, דאָס הייסט אַז דער יצה״ר איז מחטיא דעם אדם אין דברים אסורים, וואָס דער מענש אַליין ווייס גאָר ניט פון דעם, און איז ממית ר״ל דעם אדם במיתה רוחנית וכמעשה הידוע וואָס איינער איז געקומען מיט זיין איידים, א גרויסער למדן, צום רבי׳ן אין ליאזנא און האָט זיך געקלאָגט אַז דער איידים האָט זיך תמיד געפירט בהנהגה טובה נאָר פלוצלונג האָבן אים אָנגעהויבן אריינ־פאַלן ספיקות אין אמונה און ער אַליין האָט דערפון געהאַט גרויס צער, האָט אים דער רבי געזאָגט אַז ער איז נכשל געוואָרן בלא יודעים מיט חלב עכו״ם, און ער האָט אים געגעבן א תיקון דערצו און ער איז געזונט געוואָרן אין רוחניות, וואָס חלב עכו״ם והדומה דאָס איז די כלי זיין פון דעם יצר הרע וועלכע וואַרפן זייערע פיילן פון דער וויטנס און זיינען ממית ר״ל אָדער מאכן דעם מענשן פאַר אַ בעל מום אין רוחניות.

קיצור. די עבודה צו בעלייכטן די פינסטערניש פון יצר הרע איז א מלחמה וואוביידע נוצן אויס די גרעסטע כחות בכדי מנצח צו זיין. דעם יצה״ר׳ס אָפענע כלי זיין זיינען די דברים הגשמי׳ וועלכע דער מענש טוט מיט תאוה פון וואָס ער ווערט פאַרגרעבט, און זיינע באַהאַלטענע כלי זיין זיינען וואָס ער מאַכט זינדיקן דעם מענשן אין דברים אסורים אָן זיין וויסען.

ד.

והנה ביים יצ״ט זיינען אויך פאַראַן צווייערליי כלי זיין, אַזעלכע וועלכע ווירקען פון דער נאָהענט און אַזעלכע וועלכע ווירקען פון דערווייטענס, ד. ה. אַז דורך דעם מין כלי־זיין קען מען מנצח זיין דעם יצה״ר אפילו אין דעם באַהאַל־טענעם רע זיינעם, וואָס די ביידע מיני כלי זיין זיינען; קבלת עול מלכות שמים — טראָגען אויף זיך דעם יאָך פון תורה ומצות — און יראת שמים, מורא האָבען פאַר השי״ת. די עבודה פון קבלת עול מלכות שמים דאָס איז דעם יצ״ט׳ס כלי זיין וועלכע ווירקען פון דער נאָהענט, ווארום דער ענין פון קבלת עול איז וואָס יעדער זאַך אין עבודה אלקית, הן לימוד התורה און הן קיום המצות, איז ניט מצד ווייל ער ווייס אָדער ער וויל וויסען דעם טעם המצוה, נאָר ער טוט דאָס ווייל השי״ת האָט אַזוי געהייסען, און דאָס וואָס השי״ת האָט געהייסען טוט ער אָן קיין שום פאַרוואָס, ווייל דער עיקר איז באַ אים דער ציווי השי״ת, און במילא איז אָט דער קבלת עול היט אים אויס פון דעם יצה״ר מיט זיינע תאוות, ווייל באַ אים איז אַ הסכם גמור אַז אַלץ וואָס דער יצה״ר וויל בעדאַרף מען ניט טאָן, און אָט דער הסכם איז ניט מיט אַ טעם נאָר מיט קבלת עול, וואָס דער חילוק אין דעם איז, ווען דער הסכם ניט צו טאָן וואָס דער יצה״ר וויל איז מצד הטעם, איז יעדער טעם איז שכל און אין שכל זיינען דאָ שינויים, און על פי שכל קען ווערען אַנדערש, ווי מיר זעהען במוחש ווען א חכם זאָגט אַ השכלה און ערקלערט די השכלה מיט זייער גוטע סברות וואָס אַלע פאַרשטייען אַז עס איז זייער קלוג. אין יעדער השכלה איז פאַראַן אַ בכן און אַ געוויסער פסק הלכה וועלכער קומט אַרויס פון דער דאָזיגער השכלה, איז במילא ווי די השכלה איז אַזוי אין דער בכן פון דער השכלה,

ד. ה. דער פסק הלכה איז אויך אזוי. ווען עס קומט א צווייטער חכם און ווייזט אַז די השכלה איז גאָר באופן אחר, במילא איז דער בכן ד. ה. דער פסק הלכה אויך באופן אחר. וואָס דאָס איז דער ענין פון שינויים וואָס איז דאָ אין שכל וואָס דער שינוי קומט פון דעם טעם, וואָס פריער איז געווען אַזאַ טעם ושכל און נאָכדעם איין אַנדער טעם ושכל, אָבער באַ דער עבודה פון קבלת עול, וואָס איז העכער פון דעם ענין פון טעם, איז במילא באַ אַזאַ עבודה אויך ניט שייך דער ענין פון שינוי, וואָס אָט דער הסכם פון קבלת עול אַז דאָס וואָס דער יצה״ר וויל בעדאַרף מען ניט טאָן, איז דאָס אַ כלי זיין וועלכע איז מנצח דעם יצה״ר אַז אין די דברים הגשמים המותרים וואָס דער מענש איז אַ מוכרח צו דעם זאָל ער דאָס טאָן אָבער אָן אַ תאוה נאָר ווייל ער איז מוכרח צו דעם לקיום גופו. דער צווייטער כלי זיין פון יצ״ט — יראת שמים — ד. ה. אַז ער האָט מורא פאַר דעם וואָס השי״ת האָט פאַרבאָטען. דאָס איז מנצח דעם באַהאַלטענעם רע פון יצה״ר, ווייל דער ענין פון יראת שמים איז אַ גרויסע זהירות אין יעדער זאַך וואָס מען בעדאַרף צו טאָן במילא ווערט ער געהיט אין אַלץ.

קיצור. ביים יצ״ט זיינען אויך פאַראַן צווייערליי כלי זיין, אָפענע און באַהאַלטענע. די אָפענע זיינען דער לימוד התורה, קיום המצות און הנהגה במדות טובות, אַלץ מיט קבלת עול מלכות שמים, וואָס אין דעם זיינען ניט פאַראַן קיין שינוים אַזוי ווי עס איז פאַראַן אין שכל. די באַהאַלטענע כלי זיין זיינען יראת־שמים וועלכע ברייננגט צו זהירות אין קיום המצות.

ה.

והנה דער אָרט און די צייט פון דער מלחמה רוחנית איז אין דאַוונען, וואָס יעמאָלט שטאַרקען זיך בײדע — הן דער נה״א און הן דער נה״ב — מיט די גרעסטע כחות צו מנצח זיין איינער דעם צווייטען, ווי עס שטייט באַ יעקב און עשו ולאום מלאום יאמץ, לאום איז דער טייטש קעניגרייך, יעדער איינער איז אַ בעזונדער מלוכה פאַר זיך, יעקב און עשו איז חומריות און רוחניות, עשו איז איש שדה, ער איז געלעגען נאָר אין חומריות און זיין גאַנצער געשמאַק איז געווען נאָר אין גשמי׳ און האָט געגאַרט דעם צווייטען מיט ליגענס און פאַלש אויפפיהרען זיך, און אַפילו זיין אייגענעם פאָטער פאַר וועלכען ער האָט געהאַט גרויס אַכט, און ווען ער האָט אים בעדאַרפט בעדינען האָט ער אָנגעטאָן די בעסטע קליידער און האָט מקיים געווען די מצוה פון כבוד אב, דאָך האָט ער אים גענאַרט מיט ליגענס און פאַלשקייט. יעקב איז רוחניות — איש תם — אַזאַ וואָס קען ניט און וויל ניט נאַרען דעם צווייטען רופט מען תם, יעקב איז געלעגען נאָר אין רוחניות, ער האָט אַלץ געטראַכט ווי אַזוי מאַכט מען זיך איידעלער און בעסער ווי עס שטייט טוב לבריות טוב למקום, גוט צו לייטען און איבערגעגעבען להשי״ת, און זיין גאַנצער געשמאַק איז געווען אין לערנען תורה, ווי עס שטייט יושב אוהלים, ער האָט געלערענט די תורה וועלכע מען האָט געלערענט אין די ישיבות וואָס שם ועבר האָבען געפירט. אין עבודת הוי׳ איז יעקב ועשו נפש האלקית ונפש הבהמית, וואָס בײדע ווילען בעהערשען דעם מענשען און פירען מלחמה צווישען זיך, און

דאָס איז ולאום מלאום יאמץ. מיר זעהען בגשמיות ווען צוויי מענשען ראַנגלען זיך איז דער עצם ראַנגלען זיך גיט יעדען איינעם פון זיי אַ געוויסען מוט און שטאַר־קייט, און אַזוי איז אויך אין דער מלחמה רוחנית צווישען נפש האלקית ונפש הבהמית, וואָס דער עיקר זמן ומקום פון דער דאָזיגער מלחמה איז בשעת'ן דאַוו־נען, דערום זעהען מיר אַז אין זמן פון דאַוונען זיינען פאַראַן צוויי פאַרקערטע תנועות וועלכע קומען פון נפש האלקית ונפש הבהמית. מיר זעהען במוחש אַז בשעת התפלה פאַלען אַריין דעם מענשען פאַרשידענע מחשבות, אַז ער פאַרגעסט גאָר אַז ער דאַוועט און שטייט לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה, וואָס ווען דער מענש איז באַשעפטיגט אין מסחר אָדער אין אַנדערע דברים הגשמי' ווי אכילה ושתי' והדומה יעמאָלט פאַלט אים גאָר ניט אַריין קיין מחשבות זרות, אדרבא ווען דער מענש רעדט אָדער הערט דברים בטלים פאַרגעסט ער אויף דער ווילע אַן דאגות הפרנסה, און בשעת התפלה יעמאָלט דוקא קומען אַלע מחשבות זרות. צוריק זעהען מיר אַז בשעת'ן דאַוונען איז הגם דער מענש הערט גאָרניט דעם פירוש המלות, דאָך זיינען דאָ אַזעלכע מזמורים אָדער פסוקים וועלכע ער זאָגט מיט גרויס וואַרעמקייט אז ער קוויקט זיך אַזש מיט די ווערטער, וואָס דיביידע תנועות קומען פון נפש האלקית און נפש הבהמית, דער נפש הבהמית וואַרפט אַריין דעם מענשען אַלע מחשבות זרות און לאָזט אים ניט דאַוונען, און דער נפש האלקית וואַרפט אים אַריין א חיות, וואָס דאָס איז דער פלוצלום'דיקער אויסגעשריי, וואָס דער מענש ווערט דערוועקט מיט אַ טיפען האַרציקען תשובה אויסגעשריי וועלכער קומט פון אמונה פשוטה און דער טרייסט פון זיכערער האָפנונג אַז וממנה יושע, וואָס דאַן וועט מקויים ווערען כי גדול היום ההוא מאין כמוהו, וואָס עס וועט זיין מפלת גוג ומגוג און כל ישראל וועלען אויסגעלייזט ווערען דורך משיח צדקנו.

קיצור. דער אָרט און די צייט פון דער מלחמה איז בשעת'ן דאַוונען, עשו און יעקב אין דעם מענשען זיינען דאָס נפש האלקית און נפש הבהמית וועל־כע האַלטען מלחמה צווישען זיך אויף צו באַהערשען דעם מענשען. דער נפש הבהמית וואַרפט אַריין דעם מענשען מחשבות זרות און דער נפש האלקית אַ חיות אין די ווערטער פון דאַוונען מיט אַן אויסגעשריי פון תשובה און דאָס ברייגנט די גאולה שלמה.

קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת, השי"ת איז נאָהענט צו אלע די וועלכע רופען אים, צו די וואָס רופען איהם באמת.

איז פון דעם געדרונגען אַז עס זיינען פאַראַן צווייערליי רופען צו השי"ת, וואָס אַלע רופען און די וואָס רופען באמת, וואָס אמת איז תורה ווי עס שטייט אין מדרש אין אמת אלא תורה. אין ספרי שטייט אַז דאָס וואָס עס שטייט קרוב ה' לכל קוראיו איז דאָס פאַר דעם איידער עס איז ח"ו אָפגעחתמ'ט דער גזר דין, לפי זה

דאַרף מען פאַרשטיין אַז נאָכדעם ווי עס איז שוין אָפּגעחתמ'ט געוואָרען דער גזר דין, דאַן מוז זיין די קריאה להשי"ת דורך תורה, וואָס דער כח התורה קען אַראָפּנעמען אויך אפילו דעם חותם פון גזר דין, דער גזר דין איז דאָך צוליב אַ כוונה רוחנית, השי"ת איז כולו רחמים איז דער דין ח"ו אויך מיט אַ כוונה צוליב אַן ענין רוחני, כמו די יסורים גדולים ועצומים פון דעם זמן, וואָס דאָס זיינען די חבלי משיח, איצט איז די לעצטע גלות צייט און עס איז ביאת משיח צייט ואין ישראל נגאלין אלא בתשובה, זיינען די יסורים אַ ערוועקונג אַז מען זאָל תשובה טאָן, וואָס דער עיקר איז ווייל איצטער איז באמת משיח צייט איז דורך קריאה באמת קען מען פאַרלייכטערען די חבלי משיח. פאַרשטיין דעם ענין, די גמרא זאָגט אין ר"ה (דף ט"ז ע"ב) ר' יצחק זאָגט אַז פיר זאַכען צערייסען דעם גזר דין וואָס איז ח"ו נגזר געוואָרען אויפ'ן מענשען, די פיר זאַכען זיינען: צדקה געבען, דאַווענען אויפן קול וואָס עס הייסט צעקה, אַן אויסגעשריי פון טיפען האַרצען, דערום שטייט אין ספרים אַז בחדש אלול ר"ה עשי"ת ויוהכ"פ דאַרף מען דאַווענען אויפן קול אַ חוץ שמונה עשרה וועלכע מען בעדאַרף זאָגען ניט אַזוי הויך. שינוי השם און שינוי מעשה, איבעראַנדערשען דעם נאָמען און איבעראַנדערשען צו בעסער די אויפפירונג. אויף דעם אַז די אַלע פיר זאַכען האָבען בכח מבטל צו מאַכען אַ גזר דין ברענגט די גמרא ראיות פון פסוקים און פון זאַכען וועלכע זיינען פאָרגעקומען בפועל ממש, אַז פריער איז געווען אַ גזר דין און דורך איינע פון די פיר זאַכען איז דער גזר דין בטל געוואָרען. צדקה איז מבטל אַ גזר־דין ווי עס שטייט צדקה תציל ממות, צדקה ראַטעוועט פון טויט, צעקה איז מבטל אַ גזר דין ווי עס שטייט ויצעקו אל ה' בצר להם וממצוקותיהם יוציאם, זיי האָבען געשריען צו השי"ת מיט אַ גרויס אויסגעשריי אין זייער ענגשאַפט, און ער האָט זיי אַרויסגענומען פון זייער ענגשאַפט. אויף דער מוטער שרה שטייט ותהי שרה עקרה אין לה ולד, די מוטער שרי איז געווען קינדערלאָז, זי האָט ניט געהאַט קיין געבער־מוטער און דורך דער עצה פון שינוי השם, ווי עס שטייט שרי אשתך לא תקרא את שמה שרי כי שרה שמה, וברכתי אותה וגם נתתי ממנה לך בן, שרי דיין פרוי זאָלסטו ניט רופען איר נאָמען שרי (מיט אַ יוד) נאָר שרה (מיט אַ הא) איז איר נאָמען, איך האָב זי געבענשט און דיר אויך געגעבען פון איר אַ זוהן. שינוי מעשה ווען השי"ת האָט געשיקט יונה הנביא קיין נינוה זאָגען די איינוואוינער פון דער שטאָט אַז צוליב זייערע זינד און שלעכטע אויפפירונג וועט אין פערציג טעג אַרום די שטאָט חרוב ווערען, האָבען די שטאָט לייט תשובה געטאָן, און דער קעניג צוזאַמען מיט אַלע שרי המלוכה האָבען געפאַסט און האָבען אויך אויפגע־פאָדערט אַלע איינוואוינער פון דער שטאָט צו פאַסטען און אָנטאָן טרויער קליידער, אויך אפילו בעלי חיים זאָל מען ניט געבען קיין עסען, איז וירא אלקים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה וינחם האלקים על הרעה אשר דבר לעשות להם ולא עשה, השי"ת האָט געזען זייער גוטע אויפפירונג אַז זיי האָבען זיך צוריק געצויגען פון זייערע שלעכטע דרכים האָט ער זיך צוריק געצויגען פון דעם גזר דין און האָט דאָס ניט געטאָן. אין די דברי כבושין פון אַ תענית ציבור זאָגט די משנה (מסכת תענית פ"ב מ"א), ברידער, ביי דער תשובה פון די אנשי נינוה שטייט ניט אַז השי"ת האָט געזען זייערע טרויער־זעק און זייער תענית, נאָר עס שטייט השי"ת האָט געזען זייער גוטע אויפפירונג.

קיצור. פיר זאַכען, וואָס דאָס זיינען פיערליי אופני עבודה אין קיום המצות און תשובה. די פיר זאַכען זיינען: צדקה געבען, דאַוונען מיט אַ האַר־ציגען אויסגעשריי, איבעראַנדערשען א) די פירונג, ב) דעם נאָמען, איז אָט די פיר זאַכען זיינען מבטל א גזר דין. שינוי השם לערנט מען אָפּ פון שרה און שינוי מעשה פון אנשי נינוה.

ב.

והנה די פיר זאַכען צדקה צעקה שינוי השם ושינוי מעשה וועלכע זיינען מבטל אַ גזר דין, דאָס זיינען דרכי התשובה און מעשים טובים וועלכע קומען דורך דער עבודה פון א לב נשבר ונדכה, א צובראָכען האַרץ. דער מענש וואָס האָט אַ געפיהל אויף מיט צופילען דעם צווייטען און קוקט זיך צו מיט אַ גוט אויג צו דעם צווייטענס שווערען צושטאַנד הן אין געזונט און הן אין פרנסה ווי יענער איז אָרעם און ליידט צוזאַמען מיט די בני בית הונגער און קעלט און זיי זיינען אָפּגעריסען, און ער באַרעכענט זיך מיט אַ קלאָרער איבערלעגונג אין דעם עצם המהות פון דעם וואָס ליידט אַז ער איז באמת גאָר העכער אין מעלה פון אים, און ווי באמת איז קיין מענש ניט זיכער, אפילו דער רייכסטער, פון אַ אומגליק וואָס ברענגט צו אָרעמקייט, ווי די גמרא זאָגט שטענדיג דאַרף דער מענש בעטען באַ השי״ת ער זאָל ניט קומען צו אָרעמקייט און נויט וואָרום עס איז אַ ראָד וועלכער דרייט זיך אויף דער וועלט, אויב השי״ת היט אָפּ אַ מענשען פון נויט און אָרעמקייט איז מען נאָך ניט זיכער אַז זיין קינד וועט ניט פאַראָרעמט ווערען און ליידען נויט. און אויב השי״ת וועט אויך זיין קינד געבען אַ רייך לעבען איז מען נאָך ניט זיכער אַז זיין קינדס קינד וועט ניט פאַראָרעמט ווערען און ליידען נויט. נאָר די עצה איז געבען צדקה, ווי די גמרא דערציילט, אַז מונבז המלך האָט צעטיילט די קעניגליכע אוצרות פאַר אָרימעלייט, ווען מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס טיילט ער פאַנאַנדער די גרויסע אוצרות וועלכע זיינע עלטערען האָבען אַנגעזאַמעלט אין משך פון אַ סך דורות, האָט ער געענטפערט אַז זיינע עלטערען האָבען באַהאַלטען זייערע אוצרות אין קעלערען, ער אָבער גיט זיי איבער דעם אויבערשטען ב״ה צו באַהאַלטען, ווייל צדקה איז אַ פאַרזיכערונג פון נויט, איז ווען אַ מענש באַרעכענט זיך אין דעם, ווערט בא אים דאָס האַרץ צובראָכען און ער העלפט מיט דעם צווייטען מיט דעם וואָס ער קען, צעקה, ווען דער מענש בערעכענט זיך, אַז אַלץ וואָס מיט אים טוט זיך איז בהשגחה פרטית און השי״ת גיט אים געזונט און פרנסה מער ווי ער איז ווערט, און אויב ח״ו ער איז ניט געזונט, אָדער ער האָט ניט קיין פרנסה איז נאָר ער אַליין שולדיג אין דעם, ווי די משנה זאָגט הרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי, איך האָב זיך שלעכט אויפגעפירט האָב איך צעשטערט מיין פרנסה, איז ווען אַ מענש מאַכט אַ חשבון צדק און בערעכענט זיך גוט אין דעם, ווערט באַ אים אַ לב נשבר און פון דער טיפעניש פון פינטעל האַרצען טוט ער תפלה להשי״ת, ווי עס שטייט אליך הוי׳ אקרא ואל הוי׳ אתחנן, צו דיר השי״ת רוף איך און צו דיר השי״ת בעט איך, מה בצע בדמי ברדתי אל שחת היודך עפר היגיד אמתך, וואָס פאַר א גוטס וועט אַרויסקומען פון דעם אַז איך וועל פאַלען אין אָפּגרונט, צי דען איז די כוונה אַז

די ערד זאָל לויבען השי"ת און זאָגען די ריכטיגקייט פון געטליכקייט, דאָס מיינט צוזאָגען אַז הגם די ערד זאָגט שירה, אָבער די כוונה וואָס השי"ת האָט בעשאַפען דעם מענשען איז דאָך צוליב דעם, אַז דער מענש זאָל פאַרשטיין געטליכקייט וואָס דערפאַר האָט השי"ת געגעבען דעם מענשען שכל און חכמה, אָבער צו דעם מוז דער מענש האָבען אַ געוויסע רוהיגקייט אַז ער זאָל האָבען דאָס וואָס ער האָט נויטיג, וואָס דורך דעם לב נשבר ווערט די צעקה א טיפער האַרציגער אויסגעשריי מיט א בקשה להשי"ת.

קיצור. דער וואָס פילט מיט דעם שווערען אָרעמען לעבען און די ליידען פון דעם צווייטען, און בערעכענט זיך אַז קיינער, אפילו די זייער רייכע, זיינען — זיי, אָדער זייערע קינדער אָדער קינדס קינדער — ניט געשיצט פון אָרעמקייט און ליידען, באַ דעם ווערט א לב נשבר און ער איז מתפלל להשי"ת מיט אַ טיפען האַרציגען אויסגעשריי.

ג.

והנה דער פסוק ויצעקו אל הוי' בצר להם וממצוקותיהם יוציאם, שטייט אין מזמור ק"ז אין תהלים פיר מאָל (מיט א שינוי הלשון ויצעקו — ויזעקו), נאָר אין דעם אופן פון ישועת הוי' שטייט דריי לשונות, יצילם, השי"ת טוט זיי ראַטעווען, יושיעם, השי"ת טוט זיי העלפען, יוציאם, השי"ת טוט זיי אַרויס־נעמען, וואָס יעדער פון די דריי לשונות איז אַ באַזונדער מין, ד. ה. אַ בעזונדער מין ישועה, ווייל די פיר מאָל ויצעקו איז פירערליי יסורים און פירערליי ישועות. ווארום דער מזמור ק"ז איז די ברכת הודאה פון די ארבעה צריכים להודות, די וואָס זיינען דורך געפאָרען דעם ים, די וואָס האָבען געבלאָנדזשעט אין אַ וויסטעניש (מדבר) און זיינען אָנגעקומען אין אַ ישוב, די וואָס זיינען קראַנק געווען און געזונט געוואָרען און די וואָס זיינען געזעסען אין בית האסורים אין אַ לעבענס־געפאַר. באַ דער ישועה פון דער מדבר געפאַר שטייט דער לשון יצילם און באַ דער ישועה פון בית האסורים און אַ חולאת געפאַר שטייט יושיעם און באַ דער ישועה פון ים געפאַר שטייט יוציאם. שטייט אין ספרים אַז דעם מזמור זאָגט מען פרייטאָג צו מנחה, ווייל דאָס איז אַ ברכת הודאה להשי"ת פאַר די אַלע טעג פון דער וואָך (ששת ימי המעשה) אין וועלכע דער מענש איז פאַרנומען מיט דאגות הפרנסה און מאַכט דורך די אַלע פירערליי יסורים ביז ער פאַרדינט זיין פרנסה ווי עס שטייט בזעת אפך תאכל לחם, מיט שווייס פון דיין פנים וועסטו עסען דיין ברויט, און ווען עס קומט דער שבת וואָס איז דער מנוחה טאָג נאָך די זעקס שווערע ארבעטס טעג, ווי דער מדרש זאָגט באַ שבת באַ מנוחה, עס קומט דער שבת קומט די רוהע און פערגעניגען, וואָס דאָס איז דער אונטערשייד צווישען שבת און ימים טובים. די ימים טובים הייסען מועדים לשמחה, טעג פון פריילי‌כקייט און שבת הייסט יום מנוחה, אַ רוהע און פערגעניגען טאָג, איז ערב שבת זאָגט מען דעם מזמור פון ברכת הודאה. וואָס די אַלע פיר זאַכען, יורדי הים, הולכי מדבריות, חולה שנתרפא ויוצא מבית האסורים זיינען פאַראַן אין עבודת השי"ת, וואָס דאָס זיינען פיר חסרונות כללים באַ אַ מענשען.

יורדי הים אין עבודה מיינט וואָס אַ מענש ווערט פאַרטרונקען אין אַלע ענינים הגשמי׳, וואָס אין דעם זיינען פאַראַן כמה אופנים שונים, עס זיינען דאָ אַזעל־כע וועלכע ווערען פאַרטרונקען אין תאוות ועניני הנאה, עס זיינען דאָ אַזעל־כע וועלכע ווערען פאַרטרונקען אין וועלט זאַכען, אַז אַ חוץ דעם וואָס זיי זיינען אַריינגעטאָן אין מסחר ומשא ומתן באופן אַז זיי האָבען קיין צייט ניט אויף לערנען און דאַוונען בציבור, איז לבד זאת איז די פריקת עול פון דברים בטלים נעמט באַ זיי צו מער צייט ווי דער עסק און זיי ווערען פאַרטרונקען אין דברים בטלים, עס זיינען דאָ אַזעלכע וועלכע הייסען הולכי מדבריות. מדבר איז אַ וויסט אָרט וואָס דאָרט וואַקסט גאָר ניט, אין עבודה הייסט דאָס הולכי בטל, לײדיג גייער און ליגען אין אַזעלכע זאַכען שאין בהם ממש. עס זיינען פאַראַן אַזעל־כע וואָס הייסען חולאים ר״ל אין חולי הנפש, ווי דער רמב״ם ז״ל זאָגט אַז אַזוי ווי עס זיינען דאָ חולי הגוף אַזוי זיינען אויך דאָ חולי הנפש, הן אין מוחין והן אין מדות. עס זיינען דאָ אַזעלכע וועלכע זיינען ח״ו אין בית אסורים באַ דעם יצה״ר און נפש הבהמית. און אָט צו די אַלע פיר חסרונות כללים איז פאַראַן די רפואה אין די פיר תשובה זאַכען, צדקה, צעקה, שינוי השם און שינוי מעשה, וואָס אויף דעם שטייט קרוב הוי׳ לכל קוראיו, אַז יעדער איינער וואָס רופט להשי״ת אין איינעם פון די פיר זאַכען ענטפערט אים השי״ת. אָבער דאָס איז אַלץ אידער עס איז אָפּגעחתמ׳ט געוואָרען דער גזר דין, אָבער ווען דער גזר דין איז שוין אָפּ־גע׳חתמ׳ט, אַז אין ישראל נגאלין אלא בתשובה, דאַן זיינען די פירערליי אופני תשובה ניט גענוג און עס בעדאַרף זיין אשר יקראוהו באמת, די קריאה דורך תורה, גלויבן באמונה פשוטה אין דעם אַלעם וואָס שטייט אין דער תורה לויט דעם אויסטייטש פון חז״ל. אין די אַלע יאָרען פון זמן הגולה זיינען די פירערליי אופני תשובה געווען אַ דבר המספיק לרבים, אָבער איצטער אין דער ביאת המשיח צייט איז דאָס ניט מספיק. יעדער איד דאַרף און מוז וויסען אַז עס איז ביאת המשיח צייט, און כימי צאתנו מארץ מצרים איז געקומען דער חצוף עמלק קאַלט מאַכען די אידען צו תורה ומצות און געטליכקייט, אַזוי איז אויך איצטער פאַראַן די וואָס מאַכען קאַלט פון גלויבען אין די יעודי השי״ת בתורה ע״י הנביאים וחז״ל. בשעת מ״ת האָט השי״ת געגעבען דעם כח האמונה אין תורה און דעם כח אויף תשובה באמת אויף צו פאַרלייכטערען די חבלי משיח און מען זאָל זוכה זיין לקבל פני משיח צדקנו בקרוב ממש בחסד וברחמים.

קיצור. אין ברכת הודאה זיינען פאַראַן דריי רעטונגס אויסשפּראַכען, ראַטעווען, העלפען, אַרויסנעמען, געגען די פיר שוועריגקייטען אין טרדות הפרנסה, אין די זעקס וואָכעדיגע טעג, וואָס דער מענש מוז זיך היטען פון א) פאַרטרונקען ווערען אין מסחר. ב) ליידיג גייערײ און דברים בטלים. ג) חסרונות דחולי הנפש. ד) פון געפאַנגען ווערען ביים יצה״ר. איצטער, אין משיח׳ס צייט, מוז זיין די קריאה באמת.

דער רמב״ם ז״ל זאָגט: שמונה פרקים פ״ג.

יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא,

עס איז בעסער איין שעה פון תשובה און מעשים טובים אויף דער וועלט פון דעם גאַנצען לעבען וואָס מען לעבט אין עולם הבא. עס זיינען פאַראַן צווייערליי סוגים אין לעבען. איין סוג וואָס די נשמה לעבט אין גן עדן איידער זי קומט אַראָפּ אויף דער וועלט, אָדער נאָכדעם ווי זי גייט אַוועק פון גוף און פון דער וועלט, וואָס דיביידע אופני לעבענס, הגם זיי זיינען פאַרשידענאַרטיג אָבער דאָך זיינען זיי ביידע רוחניות׳דיגע לעבענס. דער צווייטער סוג לעבען איז ווען די נשמה קומט אַראָפּ אין עולם הזה וועלט און בעלעבט דעם קערפּער, און אָט אויף דעם סוג לעבען זאָגט ער אַז עס איז בעסער איין שעה אין תשובה ומעשים טובים אויף דער וועלט פון דעם גאַנצען לעבען וואָס מען לעבט אין עולם הבא. בעדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז ידער מיין אין דעם. נאָך אַלעם דעם איז דאָך דער עולם הזה׳דיקער לעבען אַ גשמיות׳דיקער לעבען, אַפילו די צבא השמים זיינען אויך ניט דורכאויס רוחניות, ווי עס שטייט עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט, אַז די בעשאַפונג פון די מלאכים העליונים איז פון די צוויי יסודות אש און רוח, וואָס דאָס איז איינער פון די הויפּט אונטערשיידען צווישען צבא השמים און צבא הארץ. צבא הארץ האָט זיי השי״ת בעשאַפען אַז זיי זיינען מורכבים (צוזאַמענגעמישט) פון די פיר יסודות אש רוח מים עפר, וואָס די פיר יסודות אש רוח מים עפר זיינען פיר פאַרשידענאַרטיגע חומרים (מאַ־טעריען) וואָס יעדער איינער פון זיי, אָנהויבענדיג פון דעם יסוד האש איז שווער־וואָגיקער פאַר דעם ערשטען. דער יסוד הרוח וועלכער איז דער צווייטער יסוד פון די פיר יסודות איז שווער וואָגיקער פון דעם יסוד האש, וואָס דער יסוד האש איז דער רוחניות׳דיגער און דער לייכטעסטער פון אַלע פיר יסודות. דער צווייטער יסוד איז דער יסוד הרוח וועלכער איז אויך ניט קיין שווערוואָגיקער, דער יסוד הרוח איז ניט אַזאַ רוחניות׳דיגער ווי דער יסוד האש, אָבער ער איז אַ רוחניות׳דיגער, דערפאַר האָט השי״ת טובע געווען אין ביידען (הן אין יסוד האש און הן אין יסוד הרוח) איין טבע וואָס זיי ביידע האָבען אַ טבע ציהען זיך צו הע־כער און ביידע יסודות אש און רוח זיינען שטאַרקע בעלי כח וגבורה, הגם זייערע שטאַרקע כחות זיינען פאַרשידענאַרטיג, דער כח פון יסוד האש איז אויף צו מכלה זיין אַלץ (פאַרברענען) און דער כח פון יסוד הרוח איז צוזשטערען אַלץ און צו־ברעכען, אָבער ביידע זיינען שטאַרקע בעלי כח וגבורה. דער יסוד המים איז שווערוואָגיקער פון דעם יסוד הרוח, און אין דעם יסוד המים האָט השי״ת טובע געווען אַ אַנדער טבע ווי אין די צוויי יסודות אש און רוח. טבע המים איז צו ציהען זיך פון העכער צו נידעריקער (מים יורדים מגבוה לנמוך), וואָס די טבע וועלכע השי״ת האָט טובע געווען אין יסוד המים איז להיפך ממש מהטבע וואָס השי״ת האָט טובע געווען אין די צוויי יסודות אש און רוח. דער טעם פון דעם איז וויל דער יסוד המים איז שוין אַ גשמיות׳דיגער לגבי די פריהערדיגע צוויי יסודות. אש און רוח זיינען רוחניות׳דיגע איז זייער טבע אויך אַ רוחניות׳דיגע, די טבע העלי׳ מנמוך לגבוה, דער יסוד המים אָבער וועלכער איז אַ גשמיות׳דיגער איז זיין טבע אויך אַ גשמיות׳דיגע, ירידה מגבוה לנמוך, וואָס אַזוי זעהען מיר אויך אין טבעי בני אדם, דער מענש וועלכער איז בטבעו א איידעלער איז ניט נאָר וואָס ער האָט ליב און האָט גערן איידעלקייט, נאָר עס ציהט אים צו איידעל־

קייט און צו א העכערען לעבען און פארשטאנד, און דער מענש וואס איז בטבע א מגושמ׳דיגער האט ליב און האט געדן גראבקייט און ציהט זיך צו גראבקייט, וואס דאס איז איינער פון די אלגעמיינע אונטערשיידען צווישען רוחניות און גשמיות, רוחניות איז איידעל און גשמיות איז גראב, איידעל ציהט זיך צו העכער און גראב ציהט זיך צו נידעריקער. דער יסוד המים איז אויך א שטארקער בעל כח. דער יסוד העפר איז דער שווער וואגיקסטער פון אלע יסודות, איז די צבא הארץ האט השי״ת באשאפען אין דער הרכבה פון די פיר יסודות אש רוח מים עפר און די צבא השמים האט השי״ת באשאפען אין דער הרכבה פון די צוויי יסודות אש און רוח וועלכע זיינען רוחניים. און דאס איז וואס עס שטייט עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט, פאראן מלאכים וואס השי״ת האט זיי בעשאפען פון דער הרכבה פון דיביידע יסודות אש און רוח, וועלכע זיינען יסודות רוחנים, און פאראן מלאכים וועלכע השי״ת האט באשאפען נאר פון איינעם פון די יסודות, אש אדער רוח, וואס די אלע צבא השמים איז זייער לעבען א רוחניות׳דיגער, אבער די צבא הארץ וועלכע השי״ת האט באשאפען פון דער הרכבה פון אלע פיר יסודות, אויך דעם מענשען, און זיי לעבען אין עולם הזה, וואס דער אלגעמיינער עולם הזה לעבען איז א גשמיות׳דיגער, איז דאך אפילו די תשובה ומעשים טובים אויך גשמיות׳דיג, היינט ווי אזוי איז דאס העכער פון דעם עולם הבא לעבען וואס איז דאך א רוחניות׳דיגער.

קיצור. דער לעבען פון דער נשמה אין גן עדן איידער זי נידערט אראפ און ווען זי גייט אוועק פון דער וועלט איז א רוחניות׳דיגער לעבען. די נשמה אין קערפער איז א גשמיות׳דיגער לעבען, פון די פיר יסודות איז אש דער איידעלסטער, רוח איז גרעבער, מים איז גשמי, איידעל ציהט זיך צו העכער, גשמי צו גרעבער. עפר איז דער גרעבסטער יסוד.

ב.

והנה די גמרא זאגט (פסחים דנ״ד ע״א) שבעה דברים נבראו קודם שנברא העולם ואלו הן תורה ותשובה וגן עדן וכו׳, זיבען זאכען זיינען פריער פאר דער וועלט. אין די זיבען זאכען רעכענט מען גן עדן און תשובה, בעדארף מען פארשטיין גן עדן איז דאך תשלום שכר אויף תורה ומצות וועלכע דער מענש טוט אויף דער וועלט, דער שכר פון יעדער זאך איז דאך נאכדעם ווי מען טוט אפ די זאך, וכמו שכיר יום, אז מען דינגט איינעם צו טאן א געוויסע זאך איז דער שכר פאר דער זאך וואס ער האט געטאן קומט נאך דער זאך, באצאלען פאר א זאך מוז מען דאך פריער טאן די זאך, ווארום איידער מען טוט די זאך ווי קען זיין דער שכר אויף דעם, דער שכר פון א זאך איז העכער פאר דער זאך אליין, במילא איז ניט מובן ווי אזוי איז די זאך אליין מער ווי דער שכר פאר דער זאך, אז די משנה זאגט, אז תשובה ומעשים טובים זיינען בעסער ווי דער לעבען אין גן עדן, היינט ווי אזוי איז דער לעבען אין גן עדן א שכר אויף דער עבודה פון תורה און מצות. אויך איז ניט מובן ווי אזוי איז געמאלט די זאך

פון תשובה נאָך איידער השי"ת האָט בעשאַפען די וועלט. אין אַלגעמיין בעדאַרף מען פאַרשטיין דאָס וואָס ער זאָגט, יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא, איז דער מאמר אַ המשך צו דעם וואָס ער זאָגט פאַר דעם, אַז העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, די וועלט אין וועלכער מיר לעבען מיט אַ גשמיות'דיגען קערפערליכען לעבען איז געגליכען צו אַן אַריינגאַנג צום רוחניות'דיגען עולם הבא־לעבען, בעדאַרף מען זיך פאַרבערייטען אין דעם אַריינגאַנג בכדי מען זאָל אַריינגיין אַ ריינער, איז דאָך עולם הזה מער ניט ווי אַ פרוזדור צו עולם הבא, הײנט ווי אַזוי איז דער יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים וואָס דאָס איז ניט מער ווי אַ פאַרבערייטונג אין עולם הזה צוליב קומען אין עולם הבא, איז דאָס בעסער פאַר דעם עולם הבא לעבען, וואָס דער עולם הבא לעבען איז דאָך אַ רוחניות'דיגער לעבען, וואָס רוחניות און גשמיות זיינען דאָך הפכים ממש, רוחניות ציהט זיך צו העכער און גשמיות ציהט זיך צו נידע־ריגער, וואָס באמת באַדאַרף מען פאַרשטיין דאָס גופא ווי אַזוי איז דער עולם הזה אַ פרוזדור צו עולם הבא אַז דער עולם הזה לעבען איז אַ גשמיות'דיגער און דער עולם הבא לעבען איז אַ רוחניות'דיגער, ווי אַזוי איז גשמיות אַן אַריינגאַנג צו רוחניות. והנה דער מיין פון די חז"ל אַז גן עדן און תשובה איז באַשאַפען פריער פון דער וועלט, איז דער טייטש פון קודם שנברא העולם מיינט ניט פריער פאַר דער וועלט נאָר העכער פאַר דער וועלט, די וועלט ווערט אָנגערופען מיט'ן נאָמען עולם וואָס דאָס מיינט העלם, באַהאַלטען, עס זעט זיך ניט אָן די ריכ־טיגקייט וואָס דאָס איז. אין יעדער זאַך וואָס השי"ת האָט באַשאַפען איז פאַראַן דער קערפער פון דעם נברא און דער נפש און נשמה פון דעם נברא דער עיקר איז דאָך דער נפש וואָס באַלעבט דעם גוף, אָבער זעהען זעהען מיר נאָר דעם גוף פון דעם נברא אָבער דעם נפש פון דעם נברא זעהען מיר ניט ווייל ער איז באַהאַלטען. אין ספרים שטייט אַז דער מענש ווערט אָנגע־רופען עולם קטן, אַ קליינע וועלט, און די וועלט ווערט אָנגערופען גוף גדול, אַ גרויסער קערפער, וואָרום אַלץ וואָס איז פאַראַן אין דער וועלט איז פאַראַן ביים מענשען. אין מדרש שטייט מה הנשמה מחי' את הגוף כך הקב"ה מחי' את העולם, אָט אַזוי ווי דער נפש באַלעבט דעם קערפער אַזוי באַלעבט השי"ת די וועלט, און דאָס איז וואָס עס שטייט ומבשרי אחזה אלקה, פון מיין קערפער זעה איך געטליכקייט. דער נפש וואָס איז מחי' דעם גוף איז דער מענש פילט דאָך דעם נפש און ווייסט גוט אַז אין אים איז פאַראַן אַ נפש וואָס באַלעבט אים און וויס אַז אַלע כחות און חושים קומען נאָר פון נפש, דער גוף אַליין אָן דעם נפש איז הגם ער פאַרמאָגט אַלע אברים אָבער זיי זיינען ניט פועל פעולה, נאָר דאַן ווען דער נפש איז אָנגעטאָן אין גוף דאַן לעבט דער גוף. דער מוח פאַרשטייט שכל, די אויג זעהט, דער אויער הערט וואָס דאָס איז אַלץ פון נפש. און דאָס איז דער מיין וואָס דער מענש ווערט אָנגערופען אַ קליינע וועלט און די וועלט ווערט אָנגערופען אַ גרויסער קערפער ווייל דער מענש קען פון דעם לעבען פון דער קליינער וועלט פאַרשטיין דעם לעבען פון דעם גרויסען קערפער פון דער וועלט.

קיצור. תשובה און גן עדן האָט השי״ת באַשאַפען פון אַ העכערע דרגא ווי די וועלט, עולם איז העלם, דער חיות איז באַהאַלטען, דער גוף הנברא פאַרשטעלט דעם חיות הנברא. דער מענש איז אַ עולם קטן און די וועלט איז אַ גוף גדול.

ג.

והנה הגם דער מענש ווייס אַז אין אים איז פאַראַן אַ נפש וואָס איז מחי׳ זיין קערפּער און ער פילט דעם חיות וואָס דער נפש איז מחי׳ דעם גוף פונדעסטוועגען איז דעם מהות החיות ווייס ער ניט, במילא איז אָט דער וויסען וואָס דער מענש ווייסט אַז עס איז פאַראַן אַ חיות, איז הגם דאָס איז אַ זיכערער וויסען און ער פילט אַז עס איז אַזוי, דאָך איז דער דאָזיגער וויסען מער ניט ווי אַ ידיעת המציאות, ער ווייס אַז אין אים איז דאָ אַזאַ חיות, אַ לעבענס קראַפט, וואָס באַלעבט אַלע אברים, אָבער וואָס דער חיות איז, ד. ה. דער מהות פון דעם חיות דאָס ווייס דער מענש ניט. און אַזוי ווי אַ מענש קען זיך ניט פאַר־שטעלען דעם געשטאַלט פון נפש ווייל דער מענש האָט ניט קיין הכרה (ערקענונג) אין נפש, וואָרום ווען דער מענש וואָלט געהאַט אַ פאַרשטעלונג און ערקענונג אין נפש וואָלט ער געקענט אויסמאָלען אין דבור אַ ציור וואָס נפש איז אָט אַזוי ווי אין גשמיות קערפּערליכע זאַכען קען דאָך דער מענש זיך פאַרשטעלען אויך אפילו אַזאַ זאַך וועלכער ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן, און דאָס וואָס דער מענש שטעלט זיך פאָר קען ער דאָך אויסמאָלען אין דבור ווי אין אַ ציור אויף פּאַפּיר, נאָר דאָס איז אין אַ גשמיות׳דיגער זאַך, אָבער אין דעם נפש הרוחני האָט דער מענש קיין פאַרשטעלונג ניט, און וויבאַלד דער מענש האָט קיין שום פאַר־שטעלונג אין דעם וואָס דער נפש איז במילא קען ער דאָס ניט מצייר זיין אפילו אין דבור, נאָר די גאַנצע ידיעה וואָס דער מענש ווייס וועגען דעם נפש איז מער ניט אַז אין אים איז דאָ אַ נפש וועלכער איז אים מחי׳, און די כחות וחושים וועלכע דער מענש האָט ווייס ער זיי נאָר פון זייערע פעולות, ווען דער מענש פילט אַז ער פאַרשטייט אַ ענין שכלי פון דעם ווייס ער אַז ביי אים איז פאַראַן אַ כח השכל וואָס ער האָט אַ זיכערע ראי׳ אויף דעם, ווייל פריער האָט ער די השכלה ניט געוואוסט און איצט ווייס ער די השכלה, וואָס דער וויסען איז אַ ראי׳ אַז ער האָט אַ כח השכל, און פון דעם וואָס ער זעט און הערט און די איבע־ריגע זאַכען וואָס ביי אַ מענשען זיינען פאַראַן איז אַ ראי׳ אַז ער האָט די כחות וועלכע זיינען פועל יעדער כח אין זיין כלי, כח השכל אין מוח, כח הראי׳ אין אויג, כח השמיעה אין אויער, כח ההילוך אין פוס און דאָס גלייכען אין אַנדערע אברים. אָבער די דאָזיגע ידיעה וואָס דער מענש ווייס די כחות הנפש מצד זייערע פעולות אין די אברים איז דאָס מער ניט ווי ידיעת המציאות, דאָס הייסט אַז דורך די פעולות פון די אברים ווייס מען אַז עס איז פאַראַן אַ מציאות פון אַזעלכע כחות און דורך די פעולות ווייס מען די מציאות פון די דאָזיגע כחות אָבער דעם מהות הכחות ווייס מען דורך די פעולות אויך ניט. עס איז אָבער דאָ אַיין אונטערשייד צווישען דער ידיעה וואָס דער מענש ווייס די מציאות הכחות און דער ידיעה וואָס דער מענש ווייס דעם מציאות הנפש, וואָרום די כחות זיינען דאָך פרטים, יעדער כח איז אַ איינצעלנער, מער ניט דאָס וואָס ער

איז, דער כח השכל איז אַ כח פרטי פון שכל וואָס ער זעט ניט און הערט ניט און גייט ניט, דער כח הראי׳ איז אַ כח פרטי פון זעהן, ניט ער פאַרשטייט און ניט ער הערט און דער כח השמיעה איז אַ כח פרטי פון הערען און אַזוי איז יעדער כח פון נפש איז אַ כח פרטי וואָס פירט דורך אַ פעולה פרטית, במילא איז די ידיעה פון דעם מענשען דורך דער פעולה פון דעם כח אַ ידיעה אין מהות המציאות פון דעם כח. דער נפש אָבער וואָס זיין פעולה איז אַ כללות׳דיגע ניט קיין פרטות׳דיגע איז דעם מענשענ׳ס ידיעה אין נפש מער ניט אין דער מציאות פון מציאות הנפש. און ניט אין דעם מהות פון מציאות הנפש. די כחות הנפש ווייס מען דעם מהות המציאות און אין נפש ווייס מען מער ניט ווי די מציאות המציאות פון נפש.

קיצור. דעם זיכערען וויסען וואָס דער מענש ווייס דעם נפש וועלכער איז בא אים פאַראַן איז דאָס מער ניט ווי די מציאות, און דאָס גופא ווייס מען נאָר דורך די פעולות פון די כחות הנפש אָבער דעם מהות הנפש ווייס מען גאָר ניט, אָפילו דורך די פעולות הכחות ווייס מען אויך ניט. כחות זיינען פרטים און נפש איז אַ כללית, אין די כחות ווייס מען דעם מהות המציאות אין נפש מער ניט ווי דעם מציאות המציאות.

* * *

והנה און דאָס איז וואָס עולם הזה ווערט אָנגערופען אַ פרוזדור צו עולם הבא, הגם די ידיעה פון דעם מענשען אין דעם ענין הרוחניות ווי נפש וכדומה איז מער ניט ווי אַ ידיעה אין דעם מציאות פון מציאות הרוחני פון נפש, אָבער על כל פנים עפעס אַ ידיעה איז דאָס, דערום באַדאַרף זיין התקן עצמך בפרוזדור ווייל דורך דער ידיעה קומט מען צו אַ העכערע ידיעה, וואָס אַזוי איז דער סדר אין השכלה אַז פון איין פאַרשטאַנד קומט מען צו אַ העכערען פאַרשטאַנד ביז מען קומט צו אַז מען באַגרייפט אַ שכל אלקי אין די לבושים פון שכל אנושי און עס מאַכט אַ בענקעניש צו געטליכקייט און עס גיט אַ געשמאַק אין לימוד התורה און קיום המצות וואָס דאַן איז דער עוה״ז אַ פרוזדור צום טרקלין.

ואחר עורי נקפו זאת ומבשרי אחזה אלקה. איוב וועלכער איז פריער געווען דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט און נאָכדעם ווען דער שטן האָט אויף אים מקטרג געווען און האָט גע׳טענה׳ט פאַר דעם בורא עולם ב״ה אַז זיין פרומקייט איז מער ניט ווייל השי״ת האָט אים באַגליקט מיט געזונט און געזונטע קינדער און מיט רייכטום, אָבער אויב השי״ת זאָל ביי אים צונעמען די קינדער און דעם רייכטום און אים קראַנק מאַכען דאַן וועט דער איצטיגער פרומער איוב לעסטערען דעם הייליגען נאָמען פון השי״ת. דער בורא ב״ה האָט איבערגעגעבען איוב׳ן אין דעם שטן׳ס נסיון האַנט. איוב האָט פאַרלאָרען די קינדער, דעם רייכטום און האָט באַקומען פאַרשידענע קראַנקהייטען און אין די ויכוחים מיט

זיינע חברים־טרייסטער זאָגט ער אַז ער איז זיכער אַז זיין אויסלייזער פון די יסורים לעבט, ער איז איבערצייגט אין השגחה פרטית און דאָס וואָס ער איז קערפערליך צובראָכען און צושניטען, איז דאָס ווייל דער הינטערגרונד פון די אַלע יסורים איז די השגחה פרטית וואָס השי״ת שטראָפט צוליב אַ געוויסען תכלית, און דאָס איז דער מיין פון די ווערטער ואחר עורי נקפו זאת, דאָס וואָס דער קערפער איז אַ צובראָכענער איז פון דעם גואלי חי ווייל דער אמת איז אַז ומבשרי אחזה אלקה, פון דעם אייגענעם נפש און גוף קען אַ מענש פאַרשטיין געטליכקייט, אַט אַזוי ווי דער גוף לעבט פון דעם נפש וועלכען השי״ת גיט אַריין אין גוף אַזוי לעבט די וועלט מיט אַלע אירע באַשעפענישען פון געטליכקייט, נאָר דער געטליכער חיות וועלכער איז מחי׳ אַלע נבראים איז זייער באַהאַלטען, באופן אַז מיר נבראים ווייסען גאָר ניט דעם אמת׳ן מציאות פון דעם חיות, ווייל מיר ווייסען נאָר דעם מציאות פון דעם חיות דורך דער פעולה, ווען מיר זעהען אַז די וועלט מיט אַלע אירע באַשעפענישען לעבען, די בוימער וואַקסען און גיבען פירות, די תבואות אויף די פעלדער וואַקסען און אַזוי ווייטער, און עס איז דאָך ידוע אַז קיין זאַך ווערט ניט פון זיך אַליין, מוז דאָך זיין אַ קראַפט פון וואָס די זאַכען ווערען, און עס איז ידוע אַז אַ מציאות פון אַ מציאות, דאָס הייסט יש מיש קען ניט זיין. ווי מיר זעהען אַז ווען מען פאַרזייט אַ קערענדעל אין דער ערד, איז נאָר ווען דער קערענדעל ווערט צופוילט און פאַראייניגט זיך מיט׳ן וואוקס קראַפט וואָס השי״ת האָט אַריינגעגעבען אין דער ערד, דעמאָלט ערשט וואַקסען אויס די פרישע געוויקסען, פון דעם זעט מען אַז פון דעם גרעין הנזרע ביז די תבואה וואָס וואַקסט אויס מוז זיין צווישען אַ רקבון וואָס הייסט אין, ווי עס איז ידוע אַז בריאת העולם וואָס השי״ת האָט באַשאַפען איז בדרך בריאה יש מאין, אַ מציאות פון ניט אַ מציאות, וואָס דער ענין הבריאה איז נאָר בחיק הבורא. די זאַך פון באַשאַפען איז נאָר אין די מעגליכקייטען פון השי״ת, וכמאמר הידוע אלמלא מתכנשין כל באי עולם אינם יכולים לברא כנף יתוש ולהטיל בו נשמה, ווען עס זאָלען זיך צוזאַמענקומען אַלע וועלט איינ־וואוינער וועלען זיי ניט קענען באַשאַפען אַ פליגעל פון אַ פליג און אַריינגעבען אין אים אַ נשמה, ווייל דער ענין פון באַשאַפען איז נאָר בחיק הבורא ב״ה, און דאָס וואָס דער גשמי ווערט באַשאַפען פון דעם רוחני איז דאָס בריאת יש מאין וואָס דאָס איז נאָר בחיק הבורא ב״ה.

קיצור. ומבשרי אחזה אלקה, פון דעם צוזאַמענלעבען פון גוף ונפש פאַרשטייען מיר די געטליכקייט וועלכע איז דאָ אין דער וועלט מיט אַלע באַשעפענישען, וואָס זייער באַשאַפונג און באַלעבונג איז נאָר בחיק הבורא.

ב.

והנה דער ענין און אופן פון בריאה יש מאין איז אין צוויי הפכים׳דיגע גדרים, די געטליכע קראַפט וואָס דאָס איז דער אין וואָס באַשאַפט דעם יש

אַז זיין אויסלייזער: פאַר דעם פסוק ואחר עורי גו׳ שטייט ואני ידעתי גואלי חי גו׳.

מוז זיך כסדר געפינען אין דער באַשאַפונג. די בריאת היש· איז ניט גליך צו דעם ווי דער בעל מלאכה מאַכט אויף אַ כלי, וואָס די כלי באַדאַרף שוין מער ניט דעם בעל מלאכה אַז ער זאָל אויפהאַלטען איר מציאות· אָבער דער יש מוז האָבען אַז דער אין דער געטליכער כח וואָס האָט אים באַשאַפען זאָל זיך כסדר געפינען אין דעם יש, ווארום דער יש אַליין האָט קיין קיום ניט און אין דער רגע וואָס דער אין, די געטליכע קראַפט, טוט זיך אָפּ פון אים איז אין דער זעלבער רגע ווערט דער יש בטל גלייך ווי עס איז גאָר נישט געווען, און הגם דער גאַנצער קיום פון דעם יש איז די געטליכע קראַפט, דאָך בשעת דער אין איז אין דעם יש מוז דער אין זיין זייער באַהאַלטען פון דעם יש כמאמר העלם הבורא מהנברא, דער באַשאַפער ב"ה מוז זיין באַהאַלטען פון דער באַשאַפונג. איז דער אופן פון בריאה יש מאין אין צוויי גדרים הפכים, דער אין מוז זיין אין יש און ער מוז זיין בתכלית ההעלם אַז דער באַשאַפענער יש, הגם ער אַליין ווייס אַז דער גאַנצער מציאות זיינער איז די געטליכע קראַפט, אָבער די געטליכע קראַפט איז זייער באַהאַלטען פון דעם יש, אַז דער יש ווייס ניט וואָס דאָס איז און דערום רופט מען די געטליכע קראַפט אין, דאָס איז ניט באַוואוסט, וואָס דאָס איז איינע פון די אונטערשיידען צווישען דעם ענין פון בריאה יש מאין און דעם ענין פון עילה ועלול. עילה הייסט דער וואָס מאַכט נאָך אַ זאַך און עלול הייסט אָט די זאַך וואָס איז געוואָרען דורך דער עילה, שכל און מדות אָדער מחשבה און דבור זיינען עילה ועלול, שכל איז די עילה וואָס פון דעם ווערט דער עלול פון מדות, מחשבה איז די עילה וואָס פון דעם ווערט דער עלול פון דבור, איז די עילה פון שכל געפינט זיך אין דעם עלול פון מדות, די עילה פון מחשבה געפינט זיך אין דעם עלול פון דבור, דער עלול פון מדות איז משיג די עילה פון שכל און דער עלול פון דבור וועט ניט זיין מער ווי די עילה פון מחשבה, ווייל אין עילה ועלול איז די עילה נאָהענט און גלוי צו דעם עלול, און דער עלול באַגרייפט די עילה. אָבער אין בריאה יש מאין איז דער יש באַגרייפט ניט דעם אין און דער אין, דער חיות אלקי, וועלכער איז מחי' די וועלט מיט אַלע באַשעפענישען איז זייער באַהאַלטען באופן אַז מיר נבראים קענען דאָס ניט באַגרייפען, הגם אין פועל ונפעל ווייס מען דאָך פון די פעולות די מציאות פון דעם וואָס איז פועל די פעולות, איז אָבער אין דער פעולה פון דעם חיות אלקי וואָס איז מחי' די וועלט מיט אירע באַשעפענישען ווייסען מיר פון דעם מער ניט ווי די מציאות המציאות פון דעם חיות אלקי. אין די כחות הנפש איז פון די פעולות ווייסען מיר דעם מהות המציאות פון די כחות, אָבער אין נפש איז פון פעולות הנפש ווייסען מיר מער ניט ווי דעם מציאות המציאות פונ'ם נפש. דער טעם פון דעם איז ווייל די כחות זיינען דאָך פרטים יעדער כח איז אַ פרטי במילא איז פון דער פעולה ווייסען מיר ניט דעם מהות הכח אָבער דעם מציאות הכח ווייסען מיר יאָ, אָבער אין נפש וואָס ער איז דאָך אַ כללי איז פון די פעולות ווייסען מיר נאָר דעם מציאות המציאות פון נפש אָבער דעם מהות המציאות פון נפש ווייסען מיר ניט, און אַזוי איז אויך אין דעם חיות

עילה ועלול: זע אויך דעם מאמר בינו בוערים (פיידוש 24).

אין די כחות הנפש: זע אויך דעם מאמר יפה שעה אחת (פיידוש 67).

אלקי וועלכער איז מחי׳ דעם עולם איז אַ חוץ דעם וואָס דאָס איז אַ חיות כללי וועלכער איז מחי׳ פאַרשידענע באַשעפענישען אין איין רגע, איז דער עצם החיות וועלכער איז מחי׳ די וועלט זייער באַהאַלטן, און דערום ווערט די וועלט אָנגע־רופען עולם לשון העלם.

קיצור. בריאה יש מאין איז ניט ווי אַ אומן מאַכט אַ כלי, דער חיות איז זייער באַהאַלטען פון נבראים. עס איז ניט גלייך צו עילה ועלול שכל ומדות מחשבה ודבור, די עילה איז נאָהענט צום עלול, דער עלול איז משיג די עילה, נבראים ווייסען מער ניט ווי מציאות המציאות פון דעם חיות אלקי.

ג.

והנה ווען מיר וועלען טיפער פאַרשטיין דעם ענין איז דער פאַרשטאַנד פון ידיעת המציאות פון נפש ניט קיין הסבר אויף דעם ידיעת המציאות פון דעם חיות אלקי, ד. ה. אַז אַזוי ווי די ידיעה וועלכע דער מענש ווייסט און פילט אין נפש איז הגם ער ווייסט דאָס זיכער דאָך איז די ידיעה מער ניט ווי אַ ידיעת המציאות, און על־פי שכל פאַרשטייען מיר אַז די ידיעת המציאות וואָס אַ מענש ווייס און פילט אין די כחות הנפש, וואָס די כחות זיינען פרטים, כח השכל איז אַ פרטי פון שכל און ניט ראי׳ און ראי׳ איז אַ כח פרטי פון ראי׳ און ניט שמיעה און אַזוי אין יעדער כח איז נאָר אַ פרטי, במילא איז דער מציאות פון דעם כח אַ מציאות פרטי׳ אָבער דער נפש איז זיין פעולה אַ פעולה כללית במילא איז זיין מציאות אויך אַ מציאות כללי, וואָס ער איז כולל אַלע כחות פון דעם העכסטען כח ביז דעם נידעריגסטען, וואָס דאָס קען אַ נברא ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי איין מציאות קען כולל זיין אַלע פאַרשידענע כחות, הגם די כחות ווי זיי זיינען אין נפש זיינען זיי גאָר אין אַן אַנדער אופן לגבי די כחות וועלכע נבראים ווייסען פון זייערע פעולות. אין יעדער זאַך איז פאַראַן גוף ונפש, וואָס דער גוף איז אַ גשמי און דער נפש איז אַ רוחני. גשמי און רוחני איז אין דעם גשמי אויך פאַראַן אַ מהות רוחני און אין אַ רוחני איז פאַראַן דער מהות גשמי, נאָר דער מהות רוחני וועלכער איז פאַראַן אין דעם מהות גשמי און דער מהות גשמי וועלכער איז פאַראַן אין דעם רוחני זיינען לפי ערך דעם גשמי און רוחני. למשל, די פלייש פון דער פיאַטע איז אַ גשמי און דער שטאָף פון דעם מוח איז אויך אַ גשמי וואָס הן אין שטאָף פון מוח און הן אין די פלייש פון פיאַטע איז פאַראַן אַ מהות רוחני, עס איז אָבער פאַראַן אַ אונטערשייד צווישען דעם מהות רוחני וועלכער איז פראַן אין דעם גשמי פון מוח ביז דעם מהות רוחני וועלכער איז פאַראַן אין דעם גשמי פון פיאַטע. די מלאכים זיינען אַ מהות רוחני דאָך איז אין זיי אויך פאַראַן אַ מהות גשמי ווי עס שטייט עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט, השי״ת מאַכט זיינע שלוחים פון ווינט און זיינע באַדינער פון בראַנד־פייער, וואָס ווינט און פייער הגם זיי זיינען די איידעלסטע יסודות אָבער דאָך איז דאָס גשמי׳ די כחות ראי׳ ושמיעה ווי זיי זיינען אין די כחות הגלוים איז דער כח הראי׳ זעט נאָר אַ דבר גשמי און דער כח השמיעה הערט נאָר אַ דבר רוחני, וואָס קול איז אַ רוחני לגבי דבר גשמי וואָס די אויג זעט, אָבער די כחות

ראי׳ ושמיעה ווי זיי זיינען אין נפש זעט דער כח הראי׳ אויך דעם מהות רוחני וועלכער איז דאָ אין דעם גשמי און דער כח השמיעה וואָס אין נפש הערט אויך דעם מהות גשמי וואָס איז פאַראַן אין דעם דבר הרוחני, וואָס אַזוי איז געווען בשעת מתן תורה ווי עס שטייט וכל העם רואים את הקולות שטייט אין מדרש אַז אידען האָבען געזעהן דאָס וואָס מען הערט און געהערט דאָס וואָס מען זעט, וואָס פון דעם פאַרשטייט מען אַז די כחות ווי זיי זיינען אין נפש זיינען זיי אַנדערש ווי זיי זיינען בהתגלות, במילא איז מבשרי אחזה אלקה, אין דעם חיות אלקי, אַז נבראים ווייסען מער ניט ווי דעם מציאות המציאות פונ׳ם חיות אלקי. אָבער באמת איז דאָס ניט קיין הסברה אויף דעם חיות אלקי ווייל דער נפש איז אַ נברא און דער חיות איז אלקות וואָס דער ענין פון אלקות איז גאַר ניט באַגרייפליך ביי נבראים נאָר דער חיות אלקי אין וועלט און אין נבראים איז בהעלם והסתר.

קיצור. די ידיעת המציאות וואָס מיר ווייסען פון כחות הנפש איז ניט קיין פול־קאָמער פאַרשטאַנד אויף דעם ידיעת המציאות פון דעם חיות אלקי וואָס איז דאָ אין דער וועלט מיט אַלע באַשעפענישען. אין יעדער זאַך איז פאַראַן גשמי ורוחני לפי אופן המהות והמציאות פון דער זאַך, הגם די כחות ווי זיי זיינען אין נפש זיינען כללי׳ אָבער בגילוי זיינען זיי פרטיים.

ד.

והנה דער חיות אלקי וואָס איז אין דער וועלט הגם עס איז דאָך באַשיינפּערליך, דאָך איז ער, אין וואָס ער איז, בהעלם גמור אַז נבראים קענען גאַר ניט פאַרשטיין אפילו דעם מציאות המציאות פון דעם חיות אלקי, וואָרום דער חיות אלקי איז דאָך אַ חיות כללי וועלכער איז כולל אַלע דרגות פון דצח״מ, פון דער נידעריגסטער דרגא — דומם — ביז דער העכסטער דרגא — מדבר —, וואָס אַזאַ אופן פעולה באַווייזט אַז דער כח הפועל איז אַ כח כללי וואָס נבראים קענען דאָס ניט פאַרשטיין, און אַ זאַך וואָס איז העכער פון פאַרשטאַנד רופט מען טבע, וואָרום טבע איז אַ כלליות׳דיגער נאָמען אויף אַלץ וואָס איז העכער פון פאַרשטאַנד ווי דער רבי נ״ע שרייבט אין תניא פי״ט וטבע זה הוא שם המושאל לכל דבר שאינו בבחינת טעם ודעת. דער נאָמען טבע איז איין אַנטליענער נאָמען אויף יעדער זאַך וועלכע איז אויסער פון פאַרשטאַנד. נאָר דאָס איז אַלץ דער חיות אלקי וועלכער איז דאָ אין דער וועלט און אין אַלע נבראים איז דער חיות איז זייער בהעלם, אָבער אין גן עדן דאָרט איז מאיר דער אור אלקי בגילוי וכמאמר הידוע העוה״ב אין בו אכילה ושתי׳ אלא צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה. אין גן עדן איז ניט פאַראַן קיין עסען און קיין טרינקען נאָר די צדיקים זיצען מיט די קרוינען פון דער תורה וועלכע זיי האָבען געלערנט אויף דער וועלט ווי דער מאמר הידוע אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו, וואויל איז דעם וועלכער קומט אַהער — אין גן עדן — און זיין תורה איז ביי אים, וואָס דאָס ווערט אַ קרוין ביי דעם צדיק אויף דעם קאָפּ און די מצות

וועלכע מען טוט אויף דער וועלט ווערען לבושים פאַר דער נשמה אין גן עדן, וואָרום דער עולם הבא איז דאָך לפי ערך דעם עולם הזה, ווי דער מאמר הידוע עלמא עילאה כגוונא דעלמא תתאה, די קומענדע וועלט פון עולם הבא איז ווי די וועלט, אָט דער וואָס לערנט תורה און איז מקיים מצות אויף דער וועלט איז ער זוכה צו גן עדן און עולם הבא. וואָס אין גן עדן איז דער גילוי המהות פון דעם חיות אלקי. און דאָס מיינט מען מיט דעם מאמר שבעה דברים קדמו לעולם און איינע פון די זיבען רעכנט מען וואָס גן עדן קדם לעולם, אַז די מעלת האור וואָס אין גן עדן איז העכער ווי אין וועלט. נאָר דאָס איז אָבער אַלץ ווען דער חיות איז בהעלם דעמאָלט איז דער אור פון גן עדן העכער ווי דער אור פון דער וועלט, אָבער ווען דער חיות אלקי וואָס אין וועלט וועט נתגלה ווערען ווי עס שטייט ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדו כי פי ה׳ דבר, אַז דעם בורא ב״ה׳ס כבוד וועט אַנטפּלעקט ווערען וועט די פליישיגע אויג זעהן דעם דבר ה׳ וואָס אין אַלע באַשעפענישען, דאָס הייסט אַז דעמאָלט וועט אין דעם חיות נתגלה ווערען דער אור עצמי וואָס עס איז אין חיות, איז דער עצמי איז העכער אין מעלה פאַר דעם מהות אור אלקי וואָס אין גן עדן, און דאָס וואָס דער אור אלקי שבגן עדן איז אַ שכר פאַר תורה ומצות דאָס איז אַלץ איצטער ביז משיח צדקנו וועט קומען בב״א, אָבער ווען משיח וועט קומען דעמאָלט וועט נתגלה ווערען דער אור עצמי פון דעם חיות אלקי וואָס אין דער וועלט און אין די נבראים, און דערפאַר זיינען תשובה ומעשים טובים וואָס דער מענש טוט אין עולם הזה בעסער פון דעם לעבען אין גן עדן, הגם דער אור אין גן עדן איז מהות האור דאָס איז אָבער ניט קיין אור עצמי, און דאָס איז די מעלה פון תשובה. וואָרום תשובה איז אַ עבודה. ד. ה. ניט ווי מענשען מיינען אַז תשובה איז נאָר אויף חטא ועון. תשובה איז דער טייטש השבה אומקערען זיך, דאָס הייסט אַז די נשמה ווי זי איז למטה אין גוף ונפש הטבעי זאָל זיין אין דער זעלבער הויכער מדריגה ווי זי איז געוועזן פריהער אידער זי איז נאָך אַראָפּ אין גוף. און ווען די נשמה ווי זי איז למטה אין גוף גשמי איז זיך עוסק אין תורה ועבודה מיט אַ מסירת נפש דאַן ווערט אַ עלי׳ אין דער נשמה צו די העכסטע דרגות, אָבער די עבודה באַדאַרף זיין מיט אַ סדר והדרגה, וואָס די התחלת העבודה איז צוקוקען זיך צו דער השגחה פרטית אַז אין יעדער זאַך איז פאַראַן אַ געטליכע כוונה. און דאָס איז ואחר עורי נקפו זאת, אַז די יסורים פון חבלי משיח איז ווייל גואלי חי, עס דאַרף נאָר זיין ומבשרי אחזה אלקה, אין אַלץ זאָל מען זען געטליכקייט און מען זאָל זיך עוסק זיין בתורה תשובה ומעשים טובים וועט מען זוכה זיין בקרוב לקבל פני משיח צדקנו.

קיצור. דער חיות אלקי וואָס אין וועלט און באַשעפענישען איז אַזוי באַהאַלטען אַז הגם מיר פאַרשטייען און ווייסען אַז עס איז פאַראַן דער מציאות, אָבער באַגרייפען קענען מיר ניט אפילו אין מציאות המציאות אָבער אין גן עדן איז מאיר מהות אלקות. תשובה איז אַ עבודה פון שטרעבען צו העכער. אין תורה ומצות און תשובה איז מאיר דער אור עצמי פון אלקות וואָס דאָס וועט נתגלה ווערען אין ביאת המשיח.

אני לדודי ודודי לי הרועה בשושנים. דער ר"ת פון די פיר ווערטער אֲני לדודי ודודי לי איז אלול. פריער (ב, טז) שטייט דודי לי ואני לו הרועה בשושנים איז רש"י מפרש דודי לי השי"ת וואָס ער וויל מאָנט ער נאָר ביי מיר — אידען — און נאָר מיר זאָגט ער מאַכט אַ פסח, הייליגט די בכורות, מאַכט אַ משכן, ברענגט קרבנות און מאָנט דאָס ניט פון איין אַנדער פאָלק, ואני לו און מיינע באַדערפעניש מאָן איך ביי אים און ניט ביי קיין אַנדערע געטער, השי"ת פיטערט זיינע שאָף — בשושנים אויף אַ גוטען פיטער פּלאַץ. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער אונטערשייד פון דעם פסוק דודי לי ואני לו און דעם פסוק אני לדודי ודודי לי. דער ענין אין דעם איז, אין דער התעוררות צו דער עבודה אלקית, דינען דעם בורא ב"ה, זיינען פאַראַן צווייערליי אופנים איין אופן איז וואָס די התעוררות אויף עבודת הבורא ב"ה קומט פון הימעל, וואָס מלמעלה איז מען מעורר דעם מענשען ער זאָל זיך נְרוועקען לעבודת הבורא. די התעוררות מלמעלה קומט אין פאַרשידענע אופנים און דורך פאַרשידענע סיבות. עס שטייט (ש"ב יד. יד) וחשב מחשבות לבלתי ידח ממנו נדח, דער בורא ב"ה גיט דעם מענשען פולע מעגליכקייטען צו גיין בדרך הישר פון תורה ומצות, אויך אפילו דער וועלכער איז אַראָפּ פון דרך הישר, אַז ער זאָל תשובה טאָן און גוטמאַכען דאָס וואָס ער האָט שלעכט געטאָן, וואָרום דער בורא ב"ה איז כביכול ווי ער טראַכט זיך אַריין ווי צו ראַטעווען אויך אַפילו דעם וועלכער פיהלט זיך שוין אָפּגעריסען און פאַרשטויסען פון דעם אידישען פאָלק, דאָס הייסט הגם השי"ת גיט דעם מענשען אַ בחירה חפשית אַז דער מענש אַליין זאָל אויסקלייבען זיין לעבענס־וועג, ווי עס שטייט ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע, השי"ת גיט דעם מענשען ביידע וועגען די וועג פון גוטעס וואָס דאָס איז אַ קערפּערליכער און אַ גייסטיגער לעבען פאַר דעם מענשען און די שלעכטע וועג וועלכע איז אַ קערפּערליכער און אַ גייסטיגער טויט אורטייל פאַר דעם מענשען, און דער מענש זעלבסט קלייבט זיך אויס זיין לעבענס־וועג ווי ער וויל, איז ווען דער מענש קלייבט זיך אויס אַ שלעכטען וועג און פאַלט ר"ל פון שטופע צו שטופע ביז ער ווערט אָפּגעריסען פון אידישקייט און פאַרשטויסען פון אידישען פאָלק, איז השי"ת מיט זיין גרויס רחמנות מאַכט פאַרשידענע סיבות אויף פאַרשידענע אופנים אַז אויך אפילו אָט דער אָפּגעריסענער פון אידישקייט און דער פאַרשטויסענער פון אידישען פאָלק זאָל זיך אויך צוריק קערען צו אידישקייט און צו השי"ת, וואָס אָט די ערוואַכונג קומט אַמאָל דורך אַ געוויסען חלום, אַמאָל דורך אַ פלוצימדיגער עראינערונג — זכרון — וואָס פון זיך אַליין, אָן קיין שום באַוואוסטע סיבות, דערמאָנט ער זיך אָן איינעם פון זיינע עלטערען אָדער יוגענט פריינט, וואָס דורך די אַלע אויבענדערמאָנטע סיבות נעמט אים אַרום אַ שטאַרקער האַרץ־ווייטאָג און עס טוט אים זייער ווי זיין נידעריגער גייסטיגער צושטאַנד און ער ווערט זייער צוברָאכען ביי זיך און מאַכט באַ זיך אַ אייזען־שטאַרקען באַשלוס, אַז פון דעם טאָג אָן זאָל ער ווערען אַ שומר תורה ומצות, צוברעכט זיינע טריפה כלים און רייסט איבער זיינע חבר'שאַפט מיט שלעכטע חברים און ווערט אַ מניח תפילין, אוכל כשר, שומר את הטהרה, שומר שבת און טוט אַלע מצות ווי השי"ת האָט געבאָטען, דאָס איז איין אופן, וועלכער ברענגט די התעוררות אויף תשובה און עבודת הבורא ב"ה. דער צווייטער אופן וואָס ברענגט די

התעוררות אויף תשובה און עבודת הבורא ב"ה, איז וואָס דער מענש אַליין איז מעורר זיך צו תשובה טאָן און פאַרבעסערען זיין הנהגה. דער ענין פון תשובה איז ניט ווי די וועלט מיינט אַז דאָס איז נאָר אויף אַ חטא ועון, דער ענין פון תשובה איז צו ווערען בעסער און איידעלער ווי געווען, וואָס די תשובה קומט דורך אַ געוויסער התבוננות איבערלעגונג וואָס דער מענש איבערלייגט זיך אין דעם תכלית פון בריאת האדם אויף דער וועלט, וואָס דאָס איז דער אונטערשייד פון דעם וואָס שטייט דודי לי ואני לו וואָס דאָס מיינט דעם אופן ההתעוררות וואָס קומט פון הימעל, און דאָס וואָס עס שטייט אני לדודי ודודי לי מיינט דעם צווייטען אופן התעוררות וואָס דער מענש איז זיך אַליין מעורר אויף תשובה צו טאָן און אויף עבודת הבורא ב"ה.

קיצור. הגם השי"ת גיט דעם מענשען אַ פרייע בחירה אין גוטעס און שלעכטעס דאָך איז דודי לי ואני לו, אַז עס קומט אַ ערוועקונג פון הימעל דורך אַחלום אָדער אַ זכרון אַז אפילו אַ נדח ווערט אני לו. אני לדודי ודודי לי איז אַז דער מענש איז זיך אַליין מעורר דורך אַ איבערלעגונג אין דעם תכלית פון בריאת האדם.

ב.

והנה און דאָס איז אני לדודי ודודי לי ר"ת אלול, ווייל חודש אלול איז די צייט וואָס דער מענש באַדאַרף זיך אַליין מעורר זיין אויף תשובה און אויף עבודת הבורא, וואָרום חודש אלול איז דער זמן פון חשבון הנפש אויף אַלעס וואָס האָט פאַסירט מיט דעם מענשען במשך פון יאָר, דאָס הייסט אַז דער חשבון הנפש באַדאַרף זיין, הן אין דעם וואָס ער האָט ניט געטאָן דאָס וואָס ער האָט יאָ באַדאַרפט טאָן, און הן אין דעם וואָס ער האָט געטאָן דאָס וואָס ער האָט ניט באַדאַרפט טאָן. עס שטייט (תהלים לד. טו) סור מרע ועשה טוב בקש שלום ורדפהו, האָט דער בעש"ט נ"ע געזאָגט אין יעדער דבר גשמי פון דברים המותרים זיינען פאַראַן טוב ורע, דער גשמי איז רע און דער חיות אלקי וואָס איז מחי' דעם גשמי איז טוב. באַדאַרף דער מענש וואָס באַנוצט דעם גשמי זיין אַ סור מרע, ניט וועלען דעם תענוג וואָס איז פאַראַן אין דעם גשמי' און זיין ועשה טוב ווע־לען געשפייזט און געהאַלפען ווערען פון דעם חיות אלקי וואָס איז אין דעם דבר הגשמי, בקש שלום ורדפהו, דער מענש וואָס איז אַ סור מרע און אַ עשה טוב, באַדאַרף זוכען און נאָכלויפען צו מאַכען שלום צווישען דעם גשמי און דעם חיות אלקי וואָס איז אים מחי', און דאָס איז דער תכלית בריאת האדם און ירידת נשמתו לעולם הזה אויף מברר בירורים זיין, און אויף דעם באַדאַרף זיין דער דין וחשבון פון דעם מענשען אין חודש אלול אויף די אַלע זאַכען וואָס האָבען פאַסירט מיט'ן מענשען אין משך פון דעם יאָהר, לא מבעי אין מעשה נאָר אפילו אין דבור, ווען דער מענש זאָגט אַ שלעכט וואָרט אויף יענעם איז באמת זאָגט ער דאָס אויף זיך, די גמרא זאָגט (ברכות דף י"ט ע"א) לעולם אל יפתח אדם פיו לשטן דאָס הייסט אַז דער מענש זאָל אויף זיך אַליין ניט זאָגען קיין ניט גוטען וואָרט. על־פי תורה באַדאַרף אַ מענש בכלל זיין אַ נזהר בלשונו, אַפגעהיט

דער ענין פון תשובה: זע אויך פיידזש 73.

אין די רייד און באַדאַרף רעדען נאָר מיט אַ ריינער אײדעלער אויסשפּראַך, ווי עס שטייט באַ נח׳ן ומן הבהמה אשר איננה טהורה וואָס דאָ זיינען דאָ איבעריגע אותיות, עס האָט דאָך געקענט שטיין הבהמה הטמאה ווארום זאָגט ער אשר איננה טהורה, דאָס ווייזט אַז מען באַדאַרף רעדען מיט אַ אײדעלער אויסשפּראַך. עס איז אויך באַוואוסט דער גרויסער עונש וואָס השי״ת איז מעניש אַ מענשען וועלכער זאָגט אַרויס אַ קללה וואָרט און דער גרויסער שכר וואָס השי״ת באַצאָלט דעם וואָס זאָגט אַ ברכה דעם צווייטען, ווי עס שטייט באריכות אין ספרי מוסר. דער טעם דערפון איז ווייל חביבין ישראל שנקראו בנים למקום, חיבה יתרה נודעת להם שנקראו בנים למקום שנאמר בנים אתם לה׳ אלקיכם. אידען זיינען ליב וואָס השי״ת רופט זיי אַן קינדער, דאָס איז אַ באַזונדערע ליבשאַפט וואָס השי״ת רופט אַן אידען קינדער ווי עס שטייט אין פסוק איר זייט קינדער ביי השי״ת. אין גשמיות זעהען מיר אַז אַ פאָטער וועלכער האָט ליב זיין קינד איז ווען מען בענשט זיין קינד איז ער זייער צופרידען און באַצאָלט דערפאַר אַ גוטען שכר און ווער עס איז חלילה מקלל זיין זון באַשטראָפט ער אים, אַזוי איז אויך למעלה, דער וואָס בענשט אַ אידען באַצאָלט אים השי״ת שכר טוב און דער וואָס זאָגט ח״ו אַ קללה וואָרט ווערט ער זייער באַשטראָפט, און אפילו זאָגען אַ שלעכט וואָרט אויף זיך אַליין דאַרף מען זיך היטען, ווי דער בעש״ט נ״ע האָט מפרש געווען די משנה ונפרעין מן האדם מדעתו ושלא מדעתו מען באַצאָלט דעם מענשען פאַר זיינע ניט גוטע זאַכען וועלכע ער האָט געטאָן מיט זיין וויסען און אויך אפילו אָן זיין וויסען, איז פון זיין וויסען הייסט ווען דער מענש רעדט זיך אויס אויף זיך אַליין אַ שלעכט וואָרט, ווי מיר זעהען ווען ח״ו איינער האָט יסורים אין קינדער אָדער אין געזונט אָדער אין פרנסה ווען אים איז ח״ו זייער ניט גוט רעדט ער זיך אויס אַ שווער וואָרט אַז ח״ו וח״ו איז אים ניט ניחא דער לעבען, אָדער ער זאָגט אַז ווידער אַזאַ ביטערער לעבען וויל ער בעסער דעם פאַרקערט ח״ו וח״ו וכדומה אַזעלכע אויסשפּראַכען. דער שלא מדעתו איז ווען איינער רעדט וועגען דעם צווייטען און זאָגט אַז יענער וועלכער האָט געזאָגט אָדער געטאָן דאָס און דאָס איז ווערט אַזאַ און אַזאַ עונש, איז מיט דעם וואָס ער זאָגט אַזוי פסק׳נט ער דאָס ניט אויף יענעם נאָר אויף זיך אַליין, און דאָס איז ונפרעין מן האדם שלא מדעתו, אַז דער מענש ווייס ניט אַז ער פסק׳נט דעם עונש אויף זיך אַליין, דאָס הייסט מיט דעם וואָס ער זאָגט אַז יענעם קומט אַזוי און אַזוי פסק׳נט ער דאָס אויף זיך אַליין.

קיצור. אלול איז דער זמן פון חשבון הנפש. דער גשמי פון דעם דבר המותר איז רע און דער חיות איז טוב, באַדאַרף זיין סור מרע ועשה טוב בקש שלום ורדפהו, דער גרויסער עונש פאַר אַ קללה, דער גרויסער שכר פאַר אַ ברכה און טרייסט וואָרט, דעם שלעכטען וואָרט וואָס מען זאָגט אויפ׳ן צווייטען פסק׳נט מען אויף זיך.

ג.

והנה אָט דאָס איז דער פירוש אל יפתח אדם פיו לשטן, אין די צוויי פעלע הן אין דעם פאַל וואָס אַ מענש באַדאַרף אויף זיך אַליין ניט זאָגען קיין

שלעכט וואָרט און ח״ו וח״ו הי׳ לא תהי׳ אויב דער מענש האָט יסורים ח״ו פון קינדער, געזונט אָדער פרנסה באַדאַרף ער ניט זיין קיין בועט ביסורים און באַדאַרף וויסען אַז געוויס זיינען זיינע יסורים אַ גרויסער צער ביי השי״ת, ווי למשל אַ פאָטער האָט צער פון די יסורים פון אַ קינד אַזוי און נאָך מער איז דער צער כביכול ביי השי״ת פון דעם צער פון אַ אידען ווי עס שטייט בכל צרתם לו צר, אין אַלע זייערע ענגשאַפטען איז אים כביכול ענג, איז געוויס זיינען זיינע יסורים ח״ו מצד החסד ורחמים און דער מענש דאַרף מפשפש במעשיו זיין און זעהען תשובה צו טאָן, און ווען דער מענש פאַרשטייט אַז די יסורים ח״ו זיינען דאָס מצד החסד והרחמים, דאַן איז ער זיי מקבל בשמחה און שמחה איז מהפך די יסורים אויף אַ חסד גלוי, ווי מיר זעהען במוחש אַז לפעמים איז דאָס וואָס דער מענש רעכנט פאַר יסורים אָדער דאָס איז לשעה געווען יסורים איז די יסורים אַליין זיינען געווען אַ סיבה צו אַ ישועה גדוֹלה און אַ טוב גמור. און דער צווייטער פאַל אין דעם אל יפתח אדם פיו לשטן, אַז דער מענש טאָר ניט רעדען קיין שווער וואָרט אויפ׳ן צווייטען, חוץ דעם וואָס אַ מענש באַדאַרף שטענדיג זיין אַ מלמד זכות אויפ׳ן צווייטען, וואָרום עס איז דאָך אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו. אַ מענש האָט ניט דאָס רעכט צו זאָגען אַ מיינונג אויפ׳ן צווייטען ביז ער וועט ניט זיין אויף זיין פּלאַץ, וואָרום באמת וויס דאָך איינער ניט וואָס דער צווייטער לעבט איבער און ווי שווער איז אים צו טאָן וואָס מען באַדאַרף טאָן און אָפּהאַלטען זיך ניט צו טאָן דאָס וואָס מען באַדאַרף ניט טאָן. אָט אַזוי ווי מענשען אונטער־שיידען זיך אין זייערע פאַרשטאַנדען און געזיכטער אָט אַזוי אונטערשיידען זיי זיך אין זייערע מדות און רצונות און געפיהלען, און איינער וויס ניט וואָס ביים צווייטען אויפ׳ן האַרצען איז, איז חוץ דעם וואָס מצד האנושיות באַדאַרף מען זיין אַ מלמד זכות אויפ׳ן צווייטען און קוקען אויף אים מיט אַ גוטער אויג אַז דאָס וואָס דער צווייטער טוט איז גוט, וואָס אַ מענש מיט אַ שכל בריא און דעתן, דאָס הייסט איבערלייגטער מענש קען פאַרשטיין דעם צווייטענס איבערלע־בונגען פון זיך אַליין, דער מענש וויס ביי׳ זיך אַז אין אים זיינען דאָ אַזעלכע שלעכטע זאַכען, הן אין דעות והן אין מדות אָדער נידעריגע נייגונגען און תאוות, וואָס דער צווייטער קען דאָס אויף אים גאָרניט משער זיין, אָבער ער אַליין וויס ווי גרויס עס זיינען זיינע פעלערען און וויפיל יסורים ער האָט פון דעם און וויפיל יגיעה ער באַדאַרף האָבען אויף צו כובש זיין זיינע תאוות אָדער שלעכטע נייגונגען, איז במילא פון זיך פאַרשטייט ער אויפ׳ן צווייטען און איז אַ מלמד זכות, נאָר דאָס איז דאָך נאָר מצד דער מדה פון לימוד זכות וואָס דאָס איז דאָך צוליב דעם צווייטען, מען באַראַדף אָבער זיין אַ נזהר בלשונו, ניט זאָגען קיין שווערען וואָרט אויפ׳ן צווייטען ווייל ווען מען זאָגט ח״ו אַ שווער וואָרט אויפ׳ן צווייטען הייסט דאָס אַז מען זאָגט אויף זיך, די תשובה אויפ׳ן חטא הדבור איז חוץ דעם וואָס עס באַדאַרף זיין אַ תשובת המשקל, רעדען גוטע רייד, טרייסטען אַ לב נשבר ונדכה, איז אַ חוץ דעם מוז ער מזכך זיין זיין דבור דורך אותיות התפלה ואותיות התורה, אַז לבד זאת וואָס יעדער וואָרט וועלכען ער זאָגט הן אין תפלה און הן אין לימוד התורה באַדאַרף זיין ריין דייטליך קלאָר אָן גמגום איז חוץ דעם באַדאַרף זיין דער ריבוי אותיות, אַז עס זאָל מטהר זיין דעם נפש פון דעם ריבוי אותיות וואָס ער האָט גערעדט באיסור, וואָס דער זמן אויף דעם

תקון הדבור איז בחודש אלול. און בפרט אויף די ענינים פון מעשה איז די תשובה בחודש אלול. וואָס חודש אלול איז חודש הרחמים ווי דער מאמר הידוע וואָס רבינו נ״ע האָט געזאָגט בשם הבעש״ט נ״ע בחודש תשרי גיט השי״ת מזונותיו של אדם בהקפה און אין חודש אלול באַדאַרף מען מאַכען דעם חשבון און באַצאָלען דאָס וואָס קומט, די צאָלונג איז מיט תשובה, ווען השי״ת זעט אַז מען צאָלט און מען וויל צאָלען שענקט ער דעם רעשט חוב וואָס דאָס זיינען די ימי הסליחות און דורך דער תשובה פון ימי הסליחות ווערט מען אַ בטוח אַז ר״ה גיט השי״ת אַ קצבה אויף אַ שנה טובה ווייטער בהקפה. און דאָס איז אני לדודי ודודי לי ר״ת אלול, ווייל חודש אלול איז דער זמן התשובה וואָס דער מענש באַדאַרף זיך אַליין מעורר זיין און דאָס איז אַ הכנה אויף אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה.

קיצור. אל יפתח אדם פיו לשטן. א) ער זאָל ניט זאָגען אויף זיך אַליין קיין שלעכטען וואָרט אָדער קללה וואָס אפילו ווען אים איז ניט גוט און ער לײדט, זאָל ער ניט זיין קיין בועט ביסורים. ב) מען טאָר ניט זאָגען קיין שלעכט וואָרט אויף דעם צווייטען, תשובת המשקל אין ריבוי אותיות אויף לתקן חטא הדבור, אלול וסליחות זיינען א הכנה אויף אַ כתיבה וחתימה טובה.

והי׳ ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לה׳ בהר הקדש בירושלים. דאָס איז די נבואה וואָס ישעי׳ הנביא זאָגט אין ג־ט־ס נ״ה נאָמען אויף דעם אחרית הימים פון דער גאולה האחרונה, ווי עס שטייט אין פריערדיגען פסוק ואתם תלוקטו (מן הגליות. רש״י) לאחד אחד בני ישראל. אין דעם זמן הגלות איז דאָך דער עם ישראל צושפרייט געוואָרען אין אַלע עקען פון דער ערד ווי עס שטייט (זכריה, ב׳ י׳.) כי כארבע רוחות השמים פרשתי אתכם נאום ה׳, איז ווען עס וועט קומען דער זמן הגאולה דאַן וועלען די אידען וואָס וועלען זיך געפינען אין פאַרשידענע אפילו פאַרוואָרפענע ווינקלען פון דער ערד, אויך אפילו די אידען וואָס וועלען זיך געפינען אין די גאַר ווייטע קליינע אינזלען, אויך אפילו אין די ערטער וואו עס וועלען זיך געפינען מער ניט ווי איינצעלנע אידען וועלען זיי אויך אויפגע־קליבען ווערען אויף אַריינגנומען צו ווערען אין דעם כלל ישראל, איז הגם די קליינע צאָל אידען און בפרט די איינצעלנע אידען וואָס וועלען זיך געפינען אין פאַרשידענע פאַרוואָרפענע ווינקלען פון דער ערד און די אינזלען פון ים וועלען דאָך זיין זייער פאַרגרעבט און פאַרזונקען אין וועלטליכע זאַכען און אָפּ־געפרעמדט פון אידישקייט בכלל און ניט וועלען אַרויס פון זייערע גוט איינגע־אָרדענטע הימען צו מיטגיין מיט משיח צדקנו קיין ארץ ישראל, זיי וועלען גאָר אין גאַנצען ניט וועלען הערען וועגען דער גליקליכער אויסלייזונג פון גלות דורך משיח צדקנו, היינט ווי אַזוי וועט מקויים ווערען דעם אויבערשטענס

ב״ה הבטחה וואָס ישעי׳ הנביא זאָגט בשם השי״ת אַז עס וועט קומען נאָהענט צו דער גאולה צייט און אַ טייל אידען וועלען איבער פאַרשידענע סבות, ווי שלעכטע חברים אָדער שלעכטע פירער, זייער פאַרגראָבט ווערען און אויסגע־מישט ווערען מיט דער באַפעלקערונג פון די לענדער וואו זיי וועלען זיך געפינען, וואָס מאַנכע וועלען פאַרגעסען אָדער ניט וועלען וויסען זייער אידישע אָפּשטאַמונג איז ווי אַזוי אַרום וועלען זיי זיך דאָך צוריק קערען צו זייער פאָלק, אויף דערויף זאָגט די צווייטע נבואה אַז עס וועט דערהערט ווערען דער קול פון דעם גרויסען שופר וואָס וועט אַלעמען אויפציטערען. די ערשטע נבואה איז אַז ערב דער גאולה וועט השי״ת אויפטרייסלען די וועלט מיט אַזאַ שטאַרקען טרייסעל, אַז די גאַנצע מענשהייט וועט אויפגערודערט ווערען און אַז די אויסערגעוויינליכע אויפטרייסלונג וועט מאַכען צו דערקענען אַז אויך אפילו די גאַר פאַרגעסענע אידען זיינען אידען. און די צווייטע נבואה איז אַז דער שופר גדול וועט ערוועקען אפילו די אובדים ונדחים אַז זיי זאָלען אויך האָבען דעם באַגער צו קניען פאַר דער הייליגער געטליכקייט אין ירושלים.

קיצור. ערב דער גאולה וועט השי״ת אויפשטורמען די גאַנצע וועלט, דאַן וועלען ערקענען אויך אפילו די גאַר אָפּגעפרעמדטע אידען, אַז זיי זיינען אידען. דער שופר גדול וועט ערוועקען דעם נקודת היהדות, אויך אפילו ביי די אובדים ונדחים אידען.

ב.

והנה דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער ענין פון דעם שופר גדול, עס שטייט (זכרי׳ ט׳, י״ד) ואדני הוי׳ בשופר יתקע והלך בסערות תימן, וואָס דער פסוק איז אויך אַ נבואה דורך זכרי׳ הנביא אויף דעם אחרית הימים פון דעם גלות האחרון, איז וואָס איז דער מער פון דעם שופר גדול, נאָר דער ענין איז אַז די נבואה ואד׳ הוי׳ בשופר יתקע איז דאָס דער שופר של מלחמה וואָס דאַרף חרוב מאַכען די לענדער וואָס האָבען פיל געזינדיגט בכלל און קעגען דעם עם ישראל בפרט, און דאָס איז וואָס עס שטייט והלך בסערות תימן, אַז דער קול השופר וואָס ואד׳ הוי׳ בשופר יתקע איז דאָס דער מלחמה שופר וואָס והלך בסערות תימן ער גייט חרוב מאַכען די זינדיגע לענדער. אין דער נבואה ווערען דערמאָנט צוויי, דעם אויבערשטענס נעמען, דעם שם אד׳ און דעם שם הוי׳ וואָס שם אד׳ איז דער נאָמען פון דין און שם הוי׳ איז דער נאָמען פון רחמים, וואָס הגם די ענינים פון חורבן און מלחמה זיינען ענינים פון דין, אָבער באמת איז דער דין רחמים, חוץ דעם וואָס דורך דעם ווערען די זינדיגע ריין געוואַשען פון זייערע זינד, איז די מלחמה מיט אירע שטורעמדיגע אויפטרייסלונגען אַ הכנה און אַ געוויסע הכשרה צו דער גאולה שלמה דורך משיח צדקנו, וואָס דאָס איז דער מער פון דעם שופר גדול, וואָס ער וועט ערוועקען באַ אַלע אידען דעם נקודת היהדות, אַז יעדער איינער, לויט זיין מעמד ומצב זאָל ווערען בעסער און העכער אין דעם אידישען תורה ומצות לעבען, אַז משיח צדקנו וועט בקרוב קומען, דאַן וועט מקויים ווערען דאָס, וואָס עס שטייט (שמות י״ט, ו׳) ואתם תהיו לי ממלכת

כהנים וגוי קדוש, וואָס די חבלי משיח האָבען געריינינגט און ריינינגען אויס דעם עם ישראל פון אַלע זייערע אָנגעקליבענע שמוץ און דער שופר גדול וועט אַלע־מען ערוועקען צו דערהערען די געטליכע הייליגקייט, אַז אויך אפילו די אובדים ונדחים וואָס זיינען אינגאַנצען פאַרפרעמדט געוואָרען פון דעם עם ישראל און האָבען זיך איינגעשלאָסען אין פרעמדע פעלקער, אויך אפילו אַזעלכע וואָס זיינען אזוי וויט פאַרשטויסען און נידעריג געפאַלען, אַז זיי שעמען זיך מיטן נאָמען איד און זיינען בייז ווען מען דערמאָנט זיי זייער אידישע אָפּשטאַמונג און טוען אַלעס מעגליכע אויף אָפּצוזונדערען זיך פון אידישקייט און אידען, וועט דער קול השופר און די סערות תימן זיי אויך מאַכען צו ערקענען, אַז זיי זיינען אידען, ווי מיר זעהען דאָס במוחש, אַז די חבלי משיח האָבען אַלעמען שטאַרק אָנגערירט און אין אַ געוויסער מאָס נעהנטער געמאַכט צו אידישקייט און עס וועט נאָך מאַכען נאָך נעהנטער, נאָר דאָס זיינען דאָך אַלץ די יסורים פון חבלי משיח, אָבער דער שופר גדול דאָס איז השי״ת׳ס פּאַטערליכער קירוב׳דיגער רוף וואָס וועט דערגרייכען אַלע אידען, אפילו צו די אובדים ונדחים אידען.

קיצור. ואד׳ הוי׳ בשופר יתקע, איז דער מלחמה קול שופר וואָס והלך בסערות תימן, חרוב מאַכען די זינדיגע וועלט און צוריקברענגען די אָפּגע־פרעמדטע אידען צום כלל ישראל, אד׳ איז דין, די חבלי משיח, הוי׳ איז רחמים, די הכשרה צו דער גאולה שלמה, דער יתקע בשופר גדול איז דער געטליכער קירוב תשובה רוף צו אַלע אידען.

ג.

והנה דער געטליכער קירוב־תשובה־רוף, וואָס וועט זיין נאָך די חבלי משיח וועט זיין אַזוי שטאַרק אַז חוץ דעם וואָס ער וועט מעורר זיין די בני תורה און שומרי מצוה מיט אַ אויסערגעוויינליכער בענקעניש צו געטליכקייט און איבערמענשליכע איבערגעגעבענקייט צום קיום המצות און לימוד התורה און אַ שטאַרקען באַגער צו שטייגען אין יראת שמים, אהבת הבורא ב״ה ואהבת ישראל מיט מדות טובות, וועט דער געטליכער קירוב תשובה רוף דערגרייכען אויך אפילו צו די גאָר נידעריג געפאַלענע און פאַרזונקענע אין וועלטליכע תאוות׳דיגע שמוץ, אַז די אובדים בארץ אשור און די נדחים בארץ מצרים, ד.ה. אַז אויך אפילו אָט די וועלכע ליגען אין דעם טיפסטען זומפּ פון הפקירות׳דיגען תאווה לעבען וואָס ברענגט צו די גרעסטע מערדערליכע מעשים, איז אויך, צו אַזעלכע וועט דער געטליכער קירוב תשובה רוף דערגרייכען און וועט אויך אין זיי דערוועקען דעם באַגער צום אידישען תורה און מצות לעבען און זייער אינער־ליכע בענקשאַפט וועט זיין צו קניהען צו דער געטליכער הייליגקייט אין ירושלים, און דאָס מיינט ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים, די אַלגעמיינע מענשליכע זינד ווערען איינגעטיילט אין צוויי טיילען, וועלכע האָבען צווייערליי פערשידענע אייגענשאַפטען, איינע איז קאַלט מיושב׳דיגער פאַרגע־ניגען און די צווייטע איז ברען פייערדיגע שטורעמדיגע איבערגעגעבענקייט, וואָס די צווייערליי אייגענשאַפטען האָבען צוויי באַזונדערע מקורים, דער מקור פון

קאַלטען און מיושב׳דיגען פאַרגעניגען פון תאוות גשמיות איז בעיקרו שכל און דער מקור פון די ברען פייערדיגע שטורעמדיגע איבערגעגעבענקייט צו תאוות גשמיות איז בעיקרו מדות, דאָס וואָס מען זאָגט בעיקרו שכל און בעיקרו מדות, איז דער מיין אין דעם, הגם איןביידע פאַלען איז דאָך דער עיקר העיקרים דער פאַרגעניגען און די תאוות גשמי׳, דאָך איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין וואָס פאַר אַן אויסדרוק דער פאַרגעניגען און די תאוות גשמי׳ קומען, צו דאָס איז אַ קאַלט מיושב׳דיגער פאַרגעניגען צי דאָס איז אַ ברען פייערדיגער איבערגעגעבענער פאַרגעניגען, וואָס דער חילוק איז, אַז דער קאַלט מיושב׳דיגער פאַרגעניגען זעטיגט דעם בעל תאוה און די זעטיקייט ציט אַריין דעם בעל תאוה מער און מער ביז ער ווערט פאַרטרונקען אין דעם און דאָס איז דער אובד בארץ אשור, אשור מיינט פאַרגעניגען און גליק, דער וואָס גיט זיך איבער צו תאוות פאַרגעניגען איז ער א אובד בארץ אשור, די ברען פייערדיגע שטור־רעמדיגע איבערגעגעבענקייט צו תאוות גשמי׳ מאַכט אין דעם בעל תאוה מער דורשט צו די תאוות ביז ער ווערט פאַרשטויסען אין דעם נידעריגסטען זומפּ פון פאַרברעכען וואָס דאָס איז דער נדח בארץ מצרים. מצרים מיינט די נידעריגסטע זומפּ פון זינד. פריהער איז די חבלי משיח פון דעם ואד׳ הוי׳ בשופר יתקע אויף אויפצוטרייסלען אידען בכלל און די אָפּגעפרעמדטע בפרט, און נאָכדעם וועט זיין דער יתקע בשופר גדול דער געטליכער פּאַטערליכער קירוב תשובה רוף וועלכער וועט ערוועקען דעם נקודת היהדות ביי אַלע אידען בכלל און ביי די וועלכע זיינען געווען אובדים ונדחים אידען בפרט, אַז אַלע וועלען גיין מיט משיח צדקנו בקרוב ממש להשתחוות לה׳ בהר הקדש בירושלים.

קיצור. נאָך די מבהיל׳דיגע פירכטליכע חבלי משיח וועט קומען זעהר אַ שטאַר־קער געטליכער קירוב תשובה רוף וואָס וועט ווירקען אויף אַלע אידען אויך אפילו אויף די גאָר אָפּגעפרעמדטע, וואָס זיינען קאַלט מיושב׳דיג, אָדער ברען פייערדיג שטורמיש איבערגעגעבען צו די נידעריגסטע הפקירות תאוות און זיי וועלען זיך אויך קערען צו תורה ומצות לעבען, און אַלעמען וועט משיח צדקנו בקרוב ממש מיטפיהרען אין דער גוט געבענטשטער ארץ ישראל.

טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף. עס איז בעסער די תורה וואָס דו האָסט אונז געזאָגט פון די טויזענטער גאָלד און זילבער. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דאָס פאַר אַ חידוש, אַז תורה איז בעסער פון טויזענטער גאָלד און זילבער. תורה איז חכמה ושכל, וואָס דאָס איז רוחניות און גאָלד און

אשור מיינט פאַרגעניגען: פון דעם לשון אשרי יושבי ביתך.
מצרים מיינט די נידעריגסטע זומפּ פון זינד: מצרים איז געווען פאַרזונקען אין די נידעריגסטע זינד, ווי ער זאָגט (ויקרא יח, ג) כמעשה ארץ מצרים גו׳. זע אויך יחזקאל כג, מסכת קדושין מט, ב א. ז. וו.

זילבער זיינען גשמיות, אפילו גאַר אַ קליינער בר דעת פאַרשטייט אויך, אַז רוחניות איז בעסער פון גשמיות איז וואָס איז דאָ דער חידוש אַז טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף. אין ספרי הקבלה ווערט אהבה, ליב האָבען השי״ת אָנגערופען כסף און יראה, מורא האָבען פאר השי״ת, ווערט אָנגערופען זהב, אלפי איז דער טייטש לערנען און אויפפירונג, טייטשט דער רבי נ״ע *), טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף, דוד המלך ע״ה זאָגט, אַז עס איז העכער אָט דאָס וואָס די נשמה לערענט תורה אויף דער וועלט מיטן פה הגשמי פון דער עבודה און אויפפירונג פון דער נשמה, ווען זי איז למעלה איידער השי״ת שיקט זי אַראָפּ למטה, וואָס דאָס איז אלפי זהב וכסף, אהבה ויראה, דער טעם פאַרוואָס איז טוב לי תורת פיך וואָס די נשמה לערנט און איז מקיים מצות אויף דער וועלט, ווי די עבודה פון דער נשמה אין אהבה ויראה אין די אויבערשטע וועלטען, ווייל די כונה עליונה איז, אַז אידען זאָלען מברר זיין די וועלט דורך זייער עבודה אין תורה ומצות ומעשים טובים, דערום איז יעדע נשמה וועלכע קומט אַראָפּ אויף דעם עולם איז פאַראַן אין איר א כונה פרטית און זי האָט אַ ספּעציעלע שליחות וואָס די נשמה דאַרף דורכפירען אויף דער וועלט, און יעדע נשמה גיט מען אַ געוויסע צאָהל יאָרען וויפיל זי זאָל זיין אויף דער וועלט אויף אויסצופיהרען די כוונה און שליחות צוליב וועלכע זי איז אַראָפּגעקומען, ווי עס שטייט ימים יוצרו ולו אחד בהם, טעג זיינען באַשאַפען געוואָרען מיט דער כונה עס זאָל זיין דער אחד, אחד איז ר״ת א׳ח׳ד׳. א׳ מיינט אלופו של עולם, דער האַר פון דער וועלט, ח׳ מיינט די זיבען הימלען און די ערד, ד׳ מיינט די פיר זייטען פון דער וועלט, אַז די הימלען און די ערד מיט אַלע פיר זייטען פון דער וועלט מיט אַלעס וואָס איז אין זיי דאָ, הן צבא השמים והן צבא הארץ, זיינען אַלע בטל צו אלקות, און דאָס איז דער ולו אחד בהם, אז צוליב דעם גיט מען די ימים בכדי דער מענש זאָל דורכפירען די כוונה צוליב וועלכער די נשמה איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, וואָס פון דעם אַליין וואָס די נשמה קומט אַראָפּ אויף דער וועלט אויף אַ משך פון יאָרען, ווי עס שטייט ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה, אויך ווי עס שטייט והיו ימיו מאה ועשרים שנה, דעם מענשענס יאָרען זיינען זיבעציג, אכציג, הונדערט און צוואַנציג יאָהר, איז אפילו אָט דער משך יאָרען ניט בערך לגבי דעם צאָל יאָרען וועלכע די נשמה געפינט זיך אויפ׳ן הימעל און וואַרט ביז זי וועט אַראָפּקומען למטה, און דורך דעם וואָס די נשמה למטה לערענט תורה און איז מקיים מצות ווערט די עלי׳ אין דער נשמה, פאַרשטעהט מען פון דעם די מעלה פון דעם וואָס די נשמה למטה איז מקיים תורה ומצות, אַז דורכדעם ווערט די עלי׳ פון דער נשמה אין אַזאַ מדריגה וועלכע איז העכער פון דעם ווי זי איז פריער געווען.

קיצור. פרעגט וואָס איז דער פאַרגלייך פון זהב וכסף וועלכע זיינען גשמים צו תורה וואָס זי איז חכמה ורוחנית, נאָר דער מיין איז אַז די עבודת הנשמה אין תורה ומצות אויף דער וועלט איז העכער ווי איר עבודה אין אהבה

*) געמיינט דער אַלטער רבי (בעל התניא), אין זיין ספר תורה אור אָנהייב פרשת וישב.

ויראה אין די הויכע וועלטען. יעדע נשמה האָט אַ ספּעציעלע שליחות דורכ־צופירען וואָס צוליב דעם גיט מען איר אַ געוויסע צאָל יאָרען.

ב.

והנה עס שטייט כל ישראל בני מלכים הם, אַז די נשמות קומען פון ספירת המלכות, הגם דער שרש הנשמות איז דאָך אין ספירת החכמה, אָבער די החלטה, אַז די נשמה זאָל אַראָפּקומען אויף דער וועלט און אויף וויפיל יאָר, דאָס איז פון ספירת המלכות ווי עס שטייט אין זהר ההוא דרגא דכל יומין ושנין דבר נש בי׳ תלין דדא היא ה׳ בתראה. עס איז דאָ אַ געוויסע דרגא למעלה, וואָס אין דער דאָזיגער דרגא איז אָנגעוויזען דער גאַנצער אינהאַלט פון די טעג און יאָרען פון א מענשען. אָט די דרגא דאָס איז דער ה׳ אחרונה פון שם הוי׳. אין שם הוי׳ זיינען דאָ פיר אותיות, י׳ה׳ו׳ה׳, וואָס ווי זיי זיינען אין די ספירות איז י׳ ספירת החכמה, ה׳ איז ספירת הבינה, ו׳ זיינען די זעקס מדות חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד. ווי עס שטייט לך הוי׳ הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד כי כל בשמים ובארץ, וואָס גדולה מיינט מען מדת החסד, ווי עס איז ידוע אַז די מקובלים הראשונים האָבען גערופען מדת החסד מיט׳ן נאָמען גדולה, און דאָס וואָס עס שטייט כי כל בשמים ובארץ מיינט מען מיט׳ן וואָרט כל מדת היסוד, איז אין דעם דאָזיגען פסוק אויסגערעכענט אַלע זעקס מדות און דאָס איז דער אות ו׳ פון שם הוי׳, און דער ה׳ אחרונה איז ספירת המלכות, וואָס אין ספירת המלכות איז אָנגעוויזען דער גאַנצער אינהאַלט פון די טעג און יאָרען וואָס דער מענש האָט צו לעבען אויף דער וועלט. דער טעם פון דעם פאַרוואָס דוקא אין ספי׳ המל׳ איז אָנגעוויזען דער אינהאַלט פון מענשען׳ס לעבען איז ווייל ספי׳ המלכות איז די ספירה דורך וועלכער השי״ת איז מחי׳ און מהווה די וועלט, ווי עס שטייט ואתה מחי׳ את כלם, זאָגט ער אין זהר, אַז ואתה איז דאָס ספירת המלכות. אין מדרש שטייט אל תקרא מחי׳ אלא מהווה, אַז דער חיות אלקי וואָס איז מחי׳ די וועלט איז ער ניט נאָר מחי׳ נאָר אויך מהווה די וועלט, ד. ה. אַז דורך ספירת המלכות פירט זיך דורך די כונה העליונה פון קיום העולם, און עס שטייט מלכותך מלכות כל עולמים, אַז כל עולמים פון ריש כל דרגין ביז׳ן עולם התחתון איז די התהוות און חיות פון יעדער עולם דורך ספירת המלכות, וואָס ספירת המלכות פון דעם העכערען עולם איז דער יסוד פון דעם עולם וואָס איז נידעריקער פון אים, וואָס די נידעריגסטע מדריגה פון ספירת המלכות פון העכערען עולם, וואָס דאָס איז דער יסוד פון דעם נידעריגען עולם, איז אין נידעריגען עולם, איז דאָס די העכסטע מדריגה, ווי עס שטייט מלכות דאצילות נעשה עתיק וכתר לעולם הבריאה. ספירת המלכות איז די לעצטע ספירה אין יעדער עולם, ווי עס שטייט לך ה׳ הממלכה וואָס דאָס איז ספירת המלכות שטייט דאָס נאָך אַלע ספירות, ווייל ספירת המלכות איז די לעצטע ספירה אין יעדער עולם, וואָס אַזוי איז אויך אין עולם האצילות איז די ספירת המלכות די לעצטע ספירה, ווי דער מאמר, אַז מלכות איז סופא דכל דרגין דאצילות, די צען ספירות זיינען פון ספירת החכמה ביז ספירת המלכות און פריהער, פאַר ספירת החכמה, איז דאָ ספירת הכתר וועלכע איז ניט פאַררעכענט

אין מדרש שטייט: זע ראשית חכמה שער הקדושה סוף פ״ז.

צווישען די צען ספירות ווייל ספירת הכתר איז אַ מדריגה ממוצעת צווישען די בײדע וועלטען, און דאָס איז וואָס ספירת המלכות פון דעם העכערען עולם ווערט ספירת הכתר פון דעם נידעריגען עולם, וואָס די ספירת הכתר איז דער שרש פון אַלע צען ספירות פון דעם דאָזיגען עולם.

קיצור. ערקלערט אַז די החלטה אויף דער ירידת הנשמה און אויף וויפיל יאָר, איז דאָס אין ספירת המלכות וואָס זי איז דער פערטער אות פון שם הוי׳ און דורך איר ווערט אויסגעפירט די כוונה פון דער באַשאַפונג און לע־בען פון אַלע וועלטען מיט זייערע באַשעפענישען.

ג.

והנה אין ספירת הכתר זיינען פאַראַן צוויי מדריגות, איין מדריגה הייסט עתיק און די צווייטע אריך. עתיק הייסט אָפּגערוקט, ווי עס שטייט ויעתק משם, ער האָט זיך אָפּגערוקט פון דאָרט, ווי דער תרגום טייטשט ואסתלק מתמן, און דאָס איז די מדריגה פון עתיק וואָס אין ספירת הכתר וואָס הגם די מדריגה איז אין ספירת הכתר פון דעם עולם דאָך איז די מדרי׳ פון עתיק בעצם ענינה איז זי אָפּגערוקט און אָפּגעטאָן פון עולם. די צווייטע מדריגה אין ספי׳ הכתר הייסט אריך, אריך מיינט לאַנג, עס איז פאַראַן אריכות און קיצור, וואָס הגם אין קיצור איז דאָ דער אינהאַלט פון די גאַנצע אריכות און נאָך דעם אינהאַלט פון די אריכות אָט אַזוי איז דער קיצור, דאָך איז דער קיצור ניט בערך צו דער אריכות, למשל, אין קיצור שלחן ערוך שטייט דער פסק דין פון יעדער הלכה, ווי די הלכה איז דאָ באריכות אין גמרא ופוסקים, אָבער דער פסק דין איז ניט בערך צו דער הלכה, ווי זי איז דאָ אין גמרא ופוסקים, הגם דער פסק דין איז גוט און קלאָר, אָבער אין דעם קיצור פעלט דער אור פנימי און דער חיות פון דער הלכה, למשל, די מצות טהרה, חינוך, כשרות פון מליחה און תערובות בשר בחלב וואָס די אַלע הלכות ווי זיי שטייען אין קיצור שלחן ערוך איז דאָס נאָר דער פסק הלכה, אַז אין געוויסע צייטען באַדאַרף אַ פרוי זיך אויפפירען אַזוי, אָדער אַז אַזוי באַדאַרף זיין דער חינוך פון א קינד אַז מען באַדאַרף אים מרגיל זיין אין נטילת ידים, צו שלאָפען בכיסוי הראש און באַלד ווי ער הויבט אָן צו ריידען אפילו ניט גאָר שאַרף באַדאַרף מען מיט אים זאָגען דעם פסוק שמע ישראל און ווען ער ווערט עט־וואָס עלטער באַדאַרף מען אים צוגעוואוינען צו שמירת שבת, דאָס זעלבע איז אויך אין די דינים פון שבת, זאַלצען און אָפּהיטען פליישיגס פון מילכיגס, דאָס איז אָבער אַלץ מער ניט ווי דער פסק הלכה וואָס מען באַדאַרף טאָן און וואָס מען טאָר ניט טאָן, און די אַלע הלכות ווי זיי זיינען אין גמרא ופוסקים, איז אַ חוץ דעם וואָס אין יעדער הלכה איז דאָ אַ טעם און אַ פאַרשטאַנד, ווי אַזוי די מצוה שטייט אין פסוק און ווי אַזוי דאָס איז הלכה למשה מסיני איז אַ חוץ דעם איז אין יעדער מצוה ארומגערעדט געוואָרען אויספיהרליך אַלע פרטי דינים און עס ווערט ערקלערט די האַרבקייט וואָס אין יעדער הלכה איז, למשל, כל זמן די פרוי האָט זיך ניט טובל געווען אין דער געוויסער צייט אין א כשרה מקוה איז דאָס אַ איסור כרת און אין ספרים ווערט דערציילט וועגען דעם גרויסען שכר

און גוטע קינדער וועלכע עס האָבן געהאַט די פרויען וואָס האָבן אָפּגעהיט די דינים בהידור, און ח״ו די גרויסע שטראָפן אין קראנקע און שלעכטע קינ־דער וואָס האָבן געהאַט די פרויען וועלכע האָבן מזלזל געווען אין דעם וואָס השי״ת האָט זיי געהייסן, און אזוי איז אויך איזן אלע הלכות, אָבער אין קיצור שלחן ערוך שטייט נאָר די הלכה פסוקה. און אַזוי וועט מען אויך פאַרשטיין אין דער ספירה פון אריך וואָס עס הייסט אריכות. די צען ספירות פון חכמה ביז מלכות ווערען צוטיילט אויף צווי טיילען. דריי שכליים — חכמה בינה ודעת — און זיבען מדות — חסד גבורה תפארת נצח הוד יסוד מלכות — די זעקס ספירות פון חסד ביז יסוד ווערען אָנגערופען זעיר אנפין, אַט למשל ווי דער קיצור שלחן ערוך, און די מדריגה אין כתר ווערט אָנגערופען אריך, למשל, ווי די הלכה ווי זי שטייט אין גמרא ופוסקים באריכות.

קיצור. ערקלערט אַז אין ספירת הכתר זיינען פאַראַן צוויי מדריגות, עתיק וואָס איז אָפּגערוקט פון דעם עולם און אריך וואָס געהערט צו דעם עולם, נאָר דאָס איז באריכות לגבי די עשר ספירות פון דעם עולם, ווי אין גמרא ופוסקים זיינען אַלע הלכות באריכות מיט דעם שכר ועונש און אין קיצור שלחן ערוך איז מער ניט ווי דער פסק הלכה.

ד.

והנה די מדריגה פון אריך איז כולל אַלע ספירות פון חכמה ביז מלכות, וואָס אריך איז די אריכות פון אלע צען ספירות, כשם ווי די אריכות פון די הלכות לגבי די קצורי דינים איז דאָך די אריכות כמו ווי אַן אַנדער ענין, ד. ה. אַז הגם אַז דאָס איז דער זעלבער ענין וואָס אין קיצור נאָר ווייל אין אים איז דאָך פאַ־ראַן די גאַנצע אריכות ווי אויך די טעמים איז דורכדעם ווערט דאָס גאָר ווי איין אַנדער ענין, אַט אַזוי איז אויך אין דער מדריגה פון אריך לגבי די ספירות, הגם אריך איז כולל אַלע ספירות אָבער דורך די אריכות פון מדרי׳ אריך איז הגם דאָס זיינען די זעלבע ספירות וועלכע קומען נאָכדעם בפרטות אָבער ווי זיי זיינען מדרי׳ אריך זיינען זיי גאָר ווי אַן אַנדער מדריגה. איז הגם די ספירות ווי זיי זיינען אין אריך זיינען זיי אין אַ העכערער מדריגה לגבי ווי זיי קומען נאָכדעם בפרט דאָך האָבען זיי אַ שייכות צום עולם, ד. ה. אַז די מדריגה פון אריך האָט אַ שייכות צום עולם התחתון, און די מדרי׳ פון עתיק האָט אַ שייכות צום העכערען עולם. ספירת הכתר וועלכע איז אַ מדריגה ממוצעת צווישען דעם העכערען עולם און נידעריגען עולם איז אין כתר פאַראַן צוויי מדרי׳ עתיק און אריך, וואָס די מדריגה פון עתיק איז שייך צום העכערען עולם, און די מדריגה פון אריך איז שייך צום נידעריגערען עולם, וואָס דיביידע מדריגות עתיק און אריך פון דעם נידעריגען עולם זיינען אין דער ספירת המלכות פון דעם העכערען עולם. ד. ה. אַז אין ספירת המלכות, וואָס דאָס איז דער יסוד און שרש פון דעם נידעריגערען עולם זיינען פאַראַן די צוויי מדריגות עתיק און אריך. דער טעם הדבר, וואָרום דוקא מלכות, וועלכע איז די לעצטע מדריגה פון די עשר ספירות, איז זי דוקא דער שרש פון נידעריגערען עולם און ווערט דער כתר פון נידעריגערען עולם, איז ווייל

דער שרש המלכות איז העכער פון אַלע ספירות, ווי מיר זעהען בחוש אין די כחות הנפש אַז דער כח ההתנשאות איז העכער פון אַלע כחות, און אַזוי איז אויך ספירת המלכות אַז בשרשה אין ספירת הכתר איז זי העכער פון אַלע אַנדערע ספירות, ווי עס שטייט אין ספרים נעוץ תחלתן בסופן, ספירת הכתר פון יעדען עולם הייסט תחלה און ספירת המלכות הייסט סוף, איז נעוץ תחלתן בסופן, אַז דער תחלת פון כתר איז אַנגעבונדען אין סוף אין ספירת המלכות, און אין ספירת המלכות דוקא איז פאַראַן די תחלה פון כתר, ווי מיר זעהען בחוש אין גוף האדם, אַז די רגלים ברייינגען די קאָפּ אין אַזאַ אָרט וואוהין די קאָפּ אַליין קען ניט קומען, און אַמאָל ווען דער מענש האָט קאָפּ ווייטאָג איז דורך אַ רפואה צו די פיס, העלפט מען דעם קאָפּ ווייטאָג, און אַזוי איז אויך אין ספירת המלכות און כתר, אַז דער נעיצת התחלה פון כתר איז אין מלכות און דערפאַר ווערט ספירת המלכות דער שרש, ד. ה. דער כתר פון דעם נידעריגערען עולם, און דערום איז ספירת המלכות דער ה׳ אחרונה פון שם הוי׳ וואָס אין דער מדריגה זיינען אַנגעוויזען דעם מענשען׳ס יאָרען, ווייל דער תכלית הכוונה פון די יאָרען איז צו מברר זיין די וועלט וועלכע ספירת המלכות איז מהווה און מחי׳, און דערום איז טוב לי תורת פיך וואָס די נשמה לערנט אויף דער וועלט מאלפי זהב וכסף פון דער עבודה אין איר פריהערדיגער אהבה ויראה, ווייל דורך דעם ווערט אַ עלי׳ אין דער נשמה.

קיצור. ערקלערט, אַז אָט אַזוי ווי דורכדעם וואָס יעדער הלכה וואָס ווערט ברייט ארומגערעדט אין גמרא ופוסקים מיט די אַלע פרטי דינים און שכר ועונש איז דאָס גאָר איין אַנדער זאַך ווי די זעלבע הלכה איז אין קיצור שלחן ערוך, אָט אַזוי איז אויך אַנדערש אריך פון די עשר ספירות, ערקלערט דעם יתרון המעלה אין ספירת המלכות, וואָס דאָס מיינט די כנסת ישראל.

בדבר ה׳ שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם. דער בורא ב״ה האָט מיט זיין רייד דעם הימעל באַשאַפען און מיט דעם ווינט פון זיין מויל האָט ער אַלע זייערע הערשאַפטען באַשאַפען. דער פסוק איז אַ המשך פון דעם פריהערדיגען פסוק וואָס ער זאָגט חסד ה׳ מלאה הארץ, דער בורא ב״ה׳ס גענאָד פילט אָן די ערד, זאָגט דער מעזריטשער מגיד נ״ע, אַז דאָס איז אַ חסד ה׳ וואָס השי״ת האָט געגעבען די באַשעפעניש׳ען דעם כח צו באַגרייפען דעם ענין פון געטליכקייט און דאָס מיינט חסד ה׳ מלאה הארץ, אַז פון די אַלע ערדישע זאַכען וואָס מענשען רופען נאַטור זעהט מען געטליכקייט, און ווייל בדבר ה׳ שמים נעשו דערום איז דער מענש מיט זיין דבור אין תורה ותפלה ודבורים טובים מקיים די וועלט און מען באַדאַרף מרבה זיין אין זאָגען אותיות התורה. פאַרשטיין קלע־רער דעם ענין וואָס בדבר ה׳ שמים נעשו באַדאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס הייסט די מדריגה מיט וועלכער השי״ת האָט באַשאַפען די וועלטען מיט אַלע

זייערע באַשעפעניששען בשם דבור. נאָר דער ענין איז, אַז דער דיבור פון השי״ת ווי דאָס איז אין די ספירות העליונות איז דאָס ספי' המלכות ווי עס שטייט באשר דבר מלך שלטון, ווי די רייד פון אַ קעניג וואָס געוועלטיגט. וואָס ביי אַ מענשען דער ענין פון דבור איז דאָך צוליב דעם צווייטען, דאָס הייסט אַז דיבור איז אַ גילוי פאַר דעם זולת, פאַר זיך זעלבסט באַדאַרף דאָך דער מענש ניט האָבען דעם ענין פון דיבור נאָר צוליב דעם אַז דער צווייטער זאָל וויסען דאָס וואָס ער וויל אים מודיע זיין, אָט דאָס איז דורך דיבור, און דאָס איז דער אונטערשייד צווישען דיבור און די איבעריגע כחות, וואָס די איבעריגע כחות זיינען נאָר צוליב זיך אַליין, דער כח השכל וואָס מיט אים און דורך אים פאַרשטייט מען השכלות איז דאָך געוויס אַז דער כח השכל איז פאַר דעם מענשען אַליין זעלבסט, וואָרום צו פאַרשטיין אַ שכל באַדאַרף ער דאָך ניט האָבען דעם צווייטען, אדרבא אַמאָל טרעפט גאָר אַז דער צווייטער איז גאָר אַ שטער און איז מבלבל צו טאָן אין מושכלות. ווי מיר זעהען במוחש אַז די מענשען וועלכע זיינען איבערגעגעבען צו השכלה זיינען מער אין שטילע אָפּגעזונדערטע ערטער, ווייל די אָפּגעזונדערטקייט פון מענשען און די רוהיג־קייט ווירקען בעסער ער זאָל קענען זיין איבערגעגעבען צו השכלות אין די שכליים אויף וועלכע ער האָרעוועט, ווייל די זאַך פון שכל איז ביי דעם מענשען נאָר פאַר זיך אַליין און ער קען אויסקומען אָהן דעם צווייטען, אויך אפילו דער ענין המדות וואָס דאָס קען שוין ניט זיין אָהן דעם צווייטען, למשל, מדת החסד מוז דאָך זיין אַ צווייטער מיט וועמען צו טאָן חסד. ביי אַ מענשען איז אויף זיך אַליין ניט שייך דער ענין פון מדות און עס מוז זיין אַ צווייטער אויף וועמען ער פירט אויס די מדה, ווייל דער גאַנצער ענין פון מדות איז נאָר שייך ווען עס איז פאַראַן אַ זולת אָבער דאָך זיינען מדות כחות נפשיים, דאָס הייסט אַז הגם מדות זיינען כחות וואָס זייער אופן זיין איז נאָר ווען עס איז דאָ אַ זולת אויף וועמען אויסצופירען די מדה, אָבער דאָך איז די עצם מדה אַ כח וועלכער איז נוגע דעם מענשען אַליין. למשל, די מדות אהבה און שנאה זיינען שייך נאָר ווען עס איז דאָ אַ צווייטער וועמען מען קען ליעב האָבען און וועמען מען קען פיינט האָבען, נאָר דאָס איז דאָך אַלץ די פעולות פון די מדות אויף דעם מוז מען האָבען אַ זולת אויף וועמען אויסצופירען די פעולות פון די מדות, אָבער דאָך איז דאָס נוגע דעם מענשען זעלבסט, ער איז דאָך דער וואָס האָט ליב און ער איז דער וואָס האָט פיינט, זיינען די מדות אהבה און שנאה נוגע דעם מענשען אַליין, נאָר דאָס איז דאָך אין אַ זאַך וואָס איז חוץ פון אים עס איז ניט גליך צו שכל וואָס דאָס איז דאָך נאָר אין דעם מענשען אַליין. אָבער אין די מדות איז די פעולות המדות מוזען זיין אויף אַ צווייטען, אָבער די עצם מדה איז נוגע דעם מענשען אַליין, נאָר עס קומט אין אַזעלכע זאַכען וועלכע זיינען מחוץ להאדם.

קיצור. ערקלערט אַז פון אַלע ערדישע נאַטור־זאַכען באַגרייפט מען געטליכ־קייט, שכל איז נאָר פאַר דעם מענשען אַליין, דער צווייטער קען שטערען. די מדות זיינען אויך פאַר דעם מענשען אַליין נאָר דער אויספירען

פון די מדות איז אין זאַכען וואָס זיינען מחוץ להאדם, אָבער דיבור איז נאָר צוליב דעם צווייטען.

ב.

והנה אָבער דער ענין פון דיבור איז הגם דאָס איז אַ כח אין נפש אָבער דאָס איז בעיקרו צוליב דעם צווייטען, צוליב זיך באַדאַרף דער מענש ניט האָבען קיין דיבור, וואָס דאָס איז דער אונטערשייד פון מחשבה ביז דיבור. מחשבה און דיבור ווערען ביידע אָנגערופען לבושי הנפש, וואָס דורך ביידען איז דער גילוי כחות הנפש, נאָר דער אונטערשייד איז, וואָס מחשבה איז מגלה דעם גילוי צו דעם מענשען אַליין, למשל, דער גילוי פון כח השכל קומט דעם מענשען דורך מחשבה, און דיבור איז מגלה דעם גילוי צום צווייטען, איז דאָך דער ענין מחשבה נאָר פאַר זיך, ווי מיר זעהען בחוש אַז אַ מענש זאָל אפילו טראַכטען אַ גאַנצען טאָג וועט דער צווייטער ניט וויסען וואָס ער טראַכט, און הגם מחשבה איז אויך מער ניט ווי אַ לבוש צום נפש, דאָך איז מחשבה א לבוש הפנימי, דערום איז דער לבוש המחשבה פאַראייניגט מיט'ן נפש, אַזוי ווי דער נפש איז שטענדיג אין גוף אַזוי איז אויך מחשבה שטענדיג, אָבער דער לבוש הדיבור איז אַ לבוש החיצון ווי עס שטייט עת לדבר ועת לחשות מלדבר, עס איז פאַראַן אַ צייט צו ריידען און אַ צייט צו שווייגען פון ריידען, און דער גאַנצער ענין פון דיבור איז מער ניט ווי צוליב דעם צווייטען, און מיט דעם פאַרשטייען מיר אַז דער אור וחיות וואָס השי"ת איז מגלה אויף צו מהווה ומחי' זיין עולמות ונבראים בעלי גבול ווערט אָט דער אור וחיות אָנגערופען בשם דיבור, אַז אַזוי ווי דער ענין פון דיבור ביים מענשען איז דאָך נאָר צוליב דעם זולת אָט אַזוי איז אויך דער ענין הדיבור למעלה וואָס איז מהווה ומחי' נבראים בעלי גבול, וואָס נבראים בעלי גבול לגבי אלקות זיינען כביכול ווי אַ דבר הזולת, אלקות איז בלי גבול און באמת איז דאָך אין לך דבר שחוץ ממנו, עס איז ניטאָ קיין זאַך אויסער געטליכקייט, ווייל גבול איז געטליכקייט וואָס האָט זיך אָנגעטאָן אַ לבוש פון הגבלה אָבער דאָך איז די געטליכקייט פון הגבלה כמו ווי אַ דבר הזולת לגבי די געטליכקייט פון בלי גבול, איז כשם ווי אין דיבור ביי דעם מענשען איז דאָך דער דיבור אַ נפרד פון דעם מענשען, וואָס דערום איז דיבור אַ גילוי צום זולת, וואָס דיבור איז ניט ווי מחשבה, מחשבה בלייבט אין דעם מענשען און דיבור גייט אַרויס פון דעם מענשען, אָט אַזוי איז אויך בכדי עס זאָלען זיין עולמות און נבראים בעלי גבול דורך וועמען עס זאָל זיך אויספירען די כוונה העליונה וואָס עלה ברצונו יתברך, האָט השי"ת מהווה געווען די עולמות דורך ספירת המלכות וואָס דאָס איז דער דיבור העליון, וואָס אין דיבור איז פאַראַן אַ יתרון המעלה געגען אַלע כחות אפילו געגען די העכסטע כחות, וואָס חוץ דעם וואָס דער גילוי פון אַלע כחות איז דורך דיבור איז חוץ דעם ווערט דורך דיבור אַ הגדלה — אַ פאַרגרעסערונג — אין דעם כח, למשל, אין כח השכל איז חוץ דעם וואָס גילוי השכל איז דורך דיבור איז דורך דיבור אין שכל ווערט מער שכל, חוץ דעם וואָס דער דיבור גיט אַרויס דעם שכל אין אַ גוט קלאָרען אויסשפּראַך מאַכט דער דיבור אַ ברייטקייט אין דעם פאַרשטאַנד דורך דעם וואָס דער דיבור רופט אַרויס פאַרשידענע אויס-

פירליכע ערקלערונגען, ווי מיר זעהען דאָס בחוש אַז בשעת דעם ריידען אין אַ דבר השכלה איז חוץ דעם וואָס דורך דעם ריידען אין דער השכלה ווערט ביי אים קלערער די השכלה, איז חוץ דעם קומט בא אים צו ערקלערונגס ענינים וואָס פריער איידער ער האָט אין דעם גערעדט איז דאָס ביי אים ניט געווען, דערום באַדאַרף מען לערנען תורה בדיבור דוקא, ווייל דער דיבור מאַכט אַ הגדלה אין דעם כח השכל, און דאָס זעלבע אויך אין מדות, אַז דער דיבור מאַכט אַ הגדלה אין דער מדה. ווי מיר זעהען במוחש אין די מדות אהבה און שנאה ווען מען רעדט דברי אהבה ווערט שטאַרקער דער גילוי האהבה און אַזוי אויך אין מדת השנאה והכעס אַז דורך דעם דיבור ווערט מער די שנאה און דער כעס, דערום שטייט אין ספרי מוסר אַ עצה אויף צו מנצח זיין מדת הכעס אַז מען זאָל ניט ריידען בשעת מען ווערט אין כעס, ווייל דיבור איז מגדל די מדת האהבה ושנאה, און אַזוי איז אויך אין יעדער מדה. דאָס הייסט אַז אַלע גילוים זיינען דורך דיבור וואָס אין די ספירות זיינען אַלע גילוים דורך ספירת המלכות, און דאָס מיינט בדבר ה׳ שמים נעשו, אַז די באַשאַפונג פון די וועלטען מיט אַלע זייערע באַשעפענישען איז דורך דיבור העליון, און די כוונה העליונה פון דער באַשאַפונג פון די וועלטען איז דאָך צוליב דעם אַז אידען דורך לימוד התורה און קיום המצוה והנהגות במדות טובות זאָלען מברר זיין און אויסאיידלען די וועלט.

קיצור. ערקלערט דעם אונטערשייד פון מחשבה וואָס איז אַ לבוש פנימי צום נפש ביז דיבור וואָס איז נאָר אַ לבוש חיצוני. דבור העליון איז די געטליכקייט וואָס איז אין נאַטור, גבול איז ווי אַ זולת פאַר בלי גבול. דיבור מאַכט אַ הגדלה אין שכל ומדות דערום איז דורך זאָגען אותיות התורה איז דער קיום העולם.

ג.

והנה דער מענש איז די הויפּט־בריאה אין דער גאַנצער יצירה וואָס השי״ת האָט באַשאַפען, און רצון הבורא ב״ה איז אַז דורך דעם מענשען׳ס עבודה אין תורה ומצות און מדות טובות זאָלען געשפייזט ווערען אַלע עולמות העליונים און דער קיום פון דעם עולם התחתון איז אָפּהענגיג פון דעם מענשען׳ס אויפפיהרונג, אין זוהר פרשה חיי שרה אין מדרש הנעלם שטייט אַז אברהם און שרה זיינען אַ כינוי פון דעם מענשען׳ס גוף און נשמה. ר׳ יהודה זאָגט אַז אַלץ וואָס דער מענש טוט, הן גוטס הן שלעכטס, איז פאַרשריבען למעלה, אויף אַלץ וועט דער מענש באַדאַרפען אָפּגעבען אַ רעכענונג, ווי רב האָט געזאָגט אַט דאָס וואָס שטייט גלמי ראו עיניך, מיין גולם האָבען דיינע אויגען געזעהן, אַלע זאַכען וואָס דער גולם — וועלכער טראַכט ניט וועגען עולם הבא — טוט זעט מען דאָס אַלץ למעלה און אַלעס איז פאַרשריבען און דער מענש באַדאַרף אָפּגעבען אַ דין וחשבון, אפילו אַ דיבור וואָס דער מענש רעדט ווערט ניט פאַרפאַלען און די גוטע רייד וועלכע דער מענש רעדט ווערען אים פאַר־רעכענט פאַר אַ זכות, אַז אַ חוץ דעם וואָס השי״ת גיט אים די פירות אויף דער

וועלט איז דער קרן קימת לעולם הבא, ווי עס שטייט ביי דער מצוה פון צדקה ווען מען גיט אַ אָרעמאַן אַ נדבה ווערט מען געבענשט מהשי"ת מיט זעקס ברכות, און ווען מען טרייסט דעם אָרעמאַן מיט גוטע רייד ווערט ער געבענשט מהשי"ת מיט עלף ברכות, וואָס דאָס זיינען אַלץ די פירות פון מצות הצדקה וועלכע השי"ת גיט דעם מענשען אויף דער וועלט, אָבער דער קרן פון מצות הצדקה בלייבט לעוה"ב ווי עס שטייט הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד, ביתו מיינט מען עולם הזה און עולם הבא, ווי עס שטייט כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, יעדע אידישע נשמה האָט אַ טייל אין דעם עולם הבא וואָס קומט נאָך דעם עולם הזה, דערום ווערען ביידע וועלטען — דער עולם הזה און דער עולם הבא וואָס קומט נאָכ'ן עולם הזה — אָנגערופען ביתו, דאָס איז די הויז פון דעם מענשען, און דאָס איז דער טייטש פון הון ועושר בביתו, אַז דער הון און עושר פון תורה ומצות איז דער שכר פאַר דעם איז בביתו בעולם הזה ובעולם הבא, אָבער וצדקתו ,ווען דער מענש טוט די מצוה מיט אַ חיות און געשמאַק, בדוגמת דעם געשמאַק וועלכען אַ צדיק האָט אין קיום המצוה, דאָס הייסט, ווען ער טוט די מצוה מיט אַ איבערגעבענקייט וואָס דאָס הייסט וצדקתו דאַן איז עומדת לעד אָן הגבלה, רבינו נ"ע טייטשט דעם פסוק הון ועושר בביתו, דער הון ועושר וואָס אַ אידישע נשמה זאַמעלט אָן אין עולם הזה איז דער גילוי אור אלקי מאיר אין ביתו, ג' עולמות בי"ע און עס איז עולה אין אצילות און דער שכר אויף דעם איז אויך פון די גילוים וואָס אין ג' עולמות בי"ע, אָבער וצדקתו די מדה אין עבודה אַז מען טוט די עניני תורה ומצות מיט אַ מסירת הרצון'דיגע איבערגעבענהייט איז יעמאָלט עומדת לעד איז דער גילוי אור אלקי פון דער עבודה מאיר אין עולם אצילות און פון דאָרט ווערט נמשך דער שכר וואָס ער איז בלי גבול אויך אין עולם התחתון. דער גלוי אור אלקי וואָס מען איז ממשיך אין ג' עולמות בי"ע איז אויך זייער אַ גרויסער אָבער בי"ע זיינען עולמות בעלי גבול און עולם אצילות איז בלי גבול לגבי בי"ע דערום איז דער אור און דער שכר עומדת לעד אַז עס איז בלי גבול. און פאַר שלעכטע מחשבות און רייד איז מען מעניש דעם אדם און עס ו׳ערט פאַרשריבען לחובתו אַז אַ חוץ דעם וואָס נאָך דער פטירה פון דעם מענשען שטראָפט מען אים מיט חיבוט הקבר און כף הקלע, וואָס חיבוט הקבר איז אַ שטראָף פאַר דעם גוף און כף הקלע איז אַ שטראָף פאַר דעם נפש, וואָס דער ענין כף הקלע איז וואָס מען וואַרפט אַרום דעם נפש פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען, די כוונה פון דעם איז בכדי אָרויסצונעמען פון נפש די ווערטער פון דברים בטלים וואָס דער מענש האָט גערעדט, ווי, למשל, אַ בגד וועלכער איז פול מיט פלעקען און שטויב איז איידער מען וואַשט אויס די פלעקען מיט קאַלטע אָדער הייסע וואַסער קלאַפּט מען פון אים אַרויס דעם שטויב, און דאָס זעלבע איז אויך איידער מען באַשטראָפט מיט גהינם, של שלג אָדער של אש, איז קומט די שטראָף פון חיבוט הקבר, וואָס די עצה ווי אַזוי פטור צו ווערען פון דער דאָזיגער שטראָף איז מען זאָל זאָגען אותיות התורה, און אַזוי איז אויך אויף אַלע זאַכען וואָס דער מענש טוט איז דאָ אַ דין ומשפט, הן אויפ'ן נפש און הן אויפ'ן גוף.

קיצור. ערקלערט אַז אַלץ וואָס דער מענש טוט, גוטעס אָדער שלעכטעס, אפילו אַ שיחה קלה ווערט פאַרשריבען אין הימעל. פאַר די גוטע רייד ווערט דער מענש באַלוינט בעולם הזה ובעולם הבא, ביתו עולם הזה ועולם הבא, צדקתו אָן הגבלה, ביתו איז בי"ע, לעד עולם האצילות, און פאַר די שלעכטע רייד ווערט ער באַשטראָפט מיט חיבוט הקבר און כף הקלע.

ד,

והנה דער מדרש הנעלם טייטשט אויס די פרשה פון שרה'ס פטירה און אברהם'ס הספד, אויף דעם ענין פון שכר ועונש פון גוף ונפש נאָך דער פטירה, עס שטייט השבעתי אתכם בנות ירושלים אם תמצאו את דודי מה תגידו לו שחולת אהבה אני, די נשמה, וועלכע קומט, נאָך דער פטירה פון גוף, אין עולם האמת צום בית־דין של מעלה און גיט אָפּ אַ דין וחשבון אויף אַלע זאַכען וועלכע זיינען פאַרשריבען אין ספר הזכרונות, זאָגט צו די נשמות וועלכע האָבען זוכה געווען בדין ביים בית־דין של מעלה אויף אַריינצוגיין אין ירושלים שלמעלה, איך באַשווער אייך, איר בנות ירושלים, ווען איר וועט טרעפען את דודי, מיינט מען השי"ת, זאָלט איר אים זאָגען אַז איך בין קראַנק פון דעם וואָס איך גלוסט צו זעהן זיין ליכטיגקייט און צו זיין אונטער זיין באַשיצונג. רב הונא זאָגט אַז דער טייטש חולת אהבה די נשמה זאָגט אַז דאָס וואָס זי איז אַ חולה איז ווייל זייענדיג אין עולם הזה האָט זי געהאַט אַ אהבה צו וועלטליכע זאַכען פון דברים המותרים און דורך די דברים המותרים איז זי פאַרפירט געוואָרען אַז זי איז געוואָרען אַ חולה. ר' יהודה זאָגט אַז דער טייטש חולת אהבה איז די ליבשאַפט וואָס די נשמה האָט ליב דעם גוף און ווען עס קומט די ענדע פון די טעג וואָס דער גוף לעבט אויף דער וועלט איז ניכר די אהבה פון דער נשמה צום גוף, וואָס די נשמה באַדויערט זייער ווי אָרים דער מענש גייט אַוועק פון דער וועלט. ותמת שרה בקרית ארבע היא חברון בארץ כנען. השי"ת האָט באַשאַפען דעם גוף אין דער מזיגה והרכבה פון די פיר יסודות אש רוח מים עפר, וואָס אין דער צייט ווען דער גוף לעבט זיינען די אַלע פיר יסודות מחובר אין גוף און ווען דער גוף הערט אויף צו לעבען ווערען די יסודות נפרדים און דאָס מיינט מען ותמת שרה, דער גוף איז געשטאָרבען, דער שטאַרבען פון גוף איז דאָס וואָס די קרית ארבע — די פיר יסודות — וואָס זייענדיג אין ארץ כנען זיינען זיי געווען חברון — מחובר — זיינען איצט נפרדים. די וועלט עולם הזה איז ארץ כנען, כנען איז דער טייטש אַ הענדלער. די וועלט הייסט ארץ כנען, אַ לאַנד פון מסחר, דער גאַנצער מסחר פון ירידת הנשמה בגוף, איז נאָר אויף דער וועלט, ווי עס שטייט היום לעשותם, אַז נאָר אויף דער וועלט קען דער מענש מקיים זיין תורה ומצות, און אויב ער האָט פאַרפעלט אַ מצות עשה אָדער געטאָן אַ לא תעשה קען ער נאָך תשובה טאָן, אָבער אַלץ נאָר ווען דער מענש איז אין גוף אויף דער וועלט, אָבער נאָך דער פטירה העלפט ניט קיין תשובה, וואָס דאָס איז איינע פון די שווערסטע יסורים מיט וואָס מען באַשטראָפט די זינדיגע ווען מען קומט אויף דער צווייטער וועלט און מען זעט די גרויסע יסורים מיט וואָס מען באַשטראָפט די זינדיגע

ווערט דער זינדיגער איבערראַשט פון דעם גרויסען געוויין און האָרץ אויס־געשרייען פון די געשטראָפטע און ער ווײנט פון טיפען האַרצען אַז ער טוט תשובה און האָט חרטה אויף די אַלע שלעכטע זאַכען וואָס ער האָט געטאָן, ענטפערט מען אים אַז תשובה קען מען טאָן נאָר אויף דער וועלט פון עולם הזה, נאָך דער פטירה, ווען מען קומט אויפ׳ן עולם האמת העלפט ניט קיין חרטה און מען קען ניט תשובה טאָן. און ווייל דער גאַנצער מסחר פון ירידת הנשמה בגוף, וואו מען קען זיך עוסק זיין אין תורה ומצות און מעשים טובים איז נאָר אויף דער וועלט דערום ווערט די וועלט אָנגערופען ארץ כנען. ויבא אברהם דאָס איז די נשמה, לספוד לשרה ולבכותה. די נשמה קלאָגט אויף דעם גוף, ווען דער גוף איז פון אַ זינדיגען מענשען ווערט ער נאָך דער שטראָף פון חיבוט הקבר און כף הקלע איבערגעגעבען צו די מלאכי חבלה אַז זיי זאָלען אויספירען די שטראָף לויט׳ן פסק דין פון בית־דין של מעלה, און אויב דער גוף איז פון אַ צדיק איז הגם דער גוף ווערט נכלה אָבער דער זעלבער גוף וועט אויפשטיין צו תחית המתים, און דאָס איז ויהיו חיי שרה, אין דעם לעבען פון גוף, וואָס די כוונה פון בריאת העולם און בריאת הגוף איז דאָך צוליב עבודה אין תורה ומצות, נאָר אין דער עבודה גופא זיינען פאַראַן חלוקי מדריגות וואָס דאָס זיינען די דרגות פון מאה שנה וואָס דאָס איז די דרגא פון כתר, עשרים שנה די דרגא פון מוחין חכמה ובינה, ושבע שנים די דרגא פון מדות, וואָס דאָס איז דער רמז אין די יאָרען פון שרה וואָס מיינט דעם גוף, שני חיי שרה אַז דאָס איז דער תכלית פון לעבען אין גוף. און דערום באַדאַרף דער מענש מרבה זיין אין זאָגען אותיות התורה (זאָגען תהלים, חזר׳ן משניות), ווען און וואו ער קען בכדי צו שטאַרקען דעם קיום העולם בכדי מציל צו זיין זיך פון חיבוט הקבר און כף הקלע און זוכה צו זיין צו אַלע העכסטע גילוים.

קיצור. ערקלערט אַז חולת אהבה איז די חולאת וואָס ווערט פון ליב האָבען גשמיות. די ליבע פון דער נשמה צום אָרעמען גוף, ארץ כנען איז עולם הזה וואו מען קען איינהאַנדלען תורה ומצות ומעשים טובים און תשובה. שרה איז דער גוף אברהם איז די נשמה, ווען דער גוף שטאַרבט באַקלאָגט די נשמה דעם גוף פון אַ צדיק וואָס ער ווערט פריי פון תורה ומצות און דעם גוף פון אַ זינדיגען אויף די עונשים, דורך אותיות התורה איז מען זיך מציל פון חיבוט הקבר און כף הקלע.

והריקותי לכם ברכה עד בלי די. איך וועל אייך אָנפילען מיט בענטשונג מער ווי גענוג, ווי דער אבן עזרא טייטשט ניט נאָר גענוג נאָר עס וועט זיין מער ווי גענוג. ווי דער מאמר עד שיבלו שפתותיכם מלאמר די. אייערע ליפען וועלען מיד ווערען זאָגענדיג די, עס וועט זיין אַזאַ גרויסע שפע אַז איר וועט מיד ווערען זאָגען גענוג. אָט די גרויסע שפע ברכה והצלחה זאָגט

צו השי"ת צו די וואָס וועלען היטען די מצות מעשר וואָס אַזוי האָבען געטאָן די אבות, אברהם יצחק ויעקב. זיי האָבען געגעבען מעשר און האָבען געהאַט גרויס עשירות און הצלחה. פאַרשטייען דאָס. עס שטייט ויעתק משם ויחפור באר אחרת ולא רבו עליה ויקרא שמה רחובות ויאמר כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ. יצחק האָט זיך אָפּגערוקט פון דאָרטען (פון דעם פּלאַץ וואו ער האָט פריער געגראָבען צוויי ברונימס), און געגראָבען נאָך אַ ברונים און אויף דעם ברונים האָבען די רועי גרר ניט געקריגט, האָט ער דעם ברונים אַ נאָמען געגעבען רחובות, ברייטקייט, און האָט געזאָגט אַז איצטער האָט השי"ת אונז בּרייט געמאַכט און מיר וועלען זיך מערען אין דעם לאַנד. יצחק האָט געלעבט אין ארץ כנען, און ווען עס איז געוואָרען אַ גרויסער הונגער האָט ער בדיעה געהאַט גיין קיין מצרים, אַט אַזוי ווי זיין פאָטער אברהם האָט געטאָן בעת עס איז געווען דער גרויסער הונגער. ווען יצחק איז געגאַנגען פון כנען קיין מצרים איז ער אָנגעקומען קיין פּלשתים, ווייל פּלשתים ליגט צווישען מצרים און כנען, און די קירצסטע וועג פון כנען קיין מצרים איז דורך פּלשתים, ווי עס שטייט ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא. יצחק האָט גערעכנט אַז ווען ער וועט קומען קיין פּלשתים וועט דער מלך אבימלך, וועלכער האָט געמאַכט אַ שטאַרקען בונד מיט זיין פאָטער אברהם, אים געוויס אַרויסהעלפען אין אַזאַ עת צרה פון אַזאַ גרויסען הונגער. קומענדיג קיין פּלשתים האָט זיך יצחק באַזעצט אין גרר און דאָ האָט ער געזען דעם גרויסען טעות וועלכען ער האָט געמאַכט מיט דעם וואָס ער האָט גערעכנט אַז אבימלך וועט אים אַנטקעגען קומען מיט אַ געוויסער הילף אין זיין גרויסער נויט און הונגער. ווי עס שטייט אין דער משנה אבות (פ"ב מ"ג) הוו זהירין ברשות שאין מקרבין לו לאדם אלא לצורך עצמן נראין כאוהבין בשעת הנאתן ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקו. איר זאָלט זיין פאָרזיכטיג מיט דער מאַכט, זיי זיינען מקרב מענשען נאָר צוליב אייגענע נוצען, זיי זעהען אויס ווי פריינד בשעת זיי האָבען נויטיג צוליב זיך, און זיי העלפען ניט דעם מענשען בשעת ער איז אין אַ נויט. זייענדיג אין גרר אין הונגער און נויט האָט ער ביי זיך מחליט געווען צו גיין אין מצרים, האָט זיך השי"ת צו אים באַוויזען און אים געזאָגט זאָלסט ניט גיין אין מצרים און זאָלסט בלייבען לעבען אין ארץ פּלשתים. איז יצחק פאַרבליבען אין גרר און האָט זייער פיל געליטען פון די איינוואוינער ביז דער מלך האָט אָנגעזאָגט אַז מען זאָל יצחק'ן מיט זיין פאַמיליע ניט באַרירען, און יצחק האָט געזייט די פעלדער וועלכע זיינען געווען אין זיין רשות און השי"ת האָט געגעבען זיין ברכה, אז הגם די ערד איז געווען שלעכטע, אַ הונגער צייט, ווייניג רעגען און אַ סך ווינטען, דאָך איז מיט השי"ת'ס ברכה האָבען די שלעכטע פעלדער אין דער שלעכטער צייט אַרויסגעגעבען הונדערט מאָל מער ווי מען האָט גערעכנט אַז די פעלדער וועלען אַרויסגעבען.

קיצור. ערקלערט אַז השי"ת גיט שפע ברכה צו די וואָס היטען מעשר. ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער גרויסער הונגער אין כנען האָט יצחק אבינו געוואָלט גיין אין מצרים. אָפּשטעלענדיג זיך אין פּלשתים איז ער געווען פאַרוואונדערט אויף די גלייכגילטיגקייט פון אבימלך — וועלכער האָט געהאַט

געמאַכט אַ בונד מיט זיין פאָטער אברהם — צו זיינע הונגער ליידען. השי״ת האָט געגעבען אַ וואונדערליכע הצלחה ברכה אין דעם וואוקס פון זיינע פעלדער.

ב.

והנה רש״י זאָגט אויף דעם פסוק ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים ויברכהו ה׳. יצחק האָט געזייט די פעלדער אין יענעם לאַנד און האָט אין יענעם יאָר אַראָפּגענומען הונדערט מאָל אַזוי פיעל אוז השי״ת האָט אים געבענשט, אַז די הונדערט מאָל דאָס איז דער מעשר טייל דאָס הייסט אַז דער מעשר טייל האָט אָנגעטראָפען הונדערט מאָל אַזוי פיעל ווי מען האָט פריער אָפּגעשאַצט. אין פרקי דר״א שטייט ויזרע יצחק, ער האָט געזייט צדקה, ער האָט געגעבען מעשר פון אַלץ וואָס ער האָט געהאַט. ווי עס שטייט ביי אברהם ויתן לו מעשר מכל, ווען אברהם האָט זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה מיט די מלכים, האָט שם בן נח, וועלכער איז געווען מלך אין דער שטאָדט שלם — די שפּעטערע ירושלים — אים באַגעגענט מיט ברויט און ווייז, און אברהם האָט געגעבען שמ׳ן מעשר פון אַלץ וואָס ער האָט געהאַט. אויך יעקב האָט געגעבען מעשר פון אַלץ וואָס ער האָט געהאַט ווי עס שטייט וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך, אַלץ וואָס דו וועסט מיר געבען וועל איך דער־פון געבען מעשר צו דיר. און אַזוי אויך יצחק האָט געגעבען מעשר פון אַלץ וואָס ער האָט געהאַט. ביי דער מצוה פון מעשר שטייט אין דער תורה עשר תעשר את כל תבואת זרעך, זאָגט אויף דעם ר׳ יוחנן (תענית ד״ט ע״א) וואָס איז דאָס וואָס אין דער תורה שטייט אויף דער מצוה פון מעשר דער אויסשפּראַך עשר תעשר. ר׳ יוחנן מיינט צו זאָגען, אַז עס וואָלט דאָך גענוג געווען די תורה זאָל זאָגען עשר את כל תבואת זרעך צוליב וואָס שטייט עשר תעשר, אויף דעם זאָגט ר׳ יוחנן אַז דער מיין מיט׳ן וואָרט תעשר איז דו זאָלסט רייך ווערען, און דאָס איז דער פירוש עשר תעשר, גיב מעשר בכדי דו זאָלסט רייך ווערען, ווי די גמרא זאָגט (שבת קיט, א) רבי האָט געפרעגט ביי ר׳ ישמעאל בר׳ יוסי פאַרוואָס האָבען די רייכע מענשען פון ארץ ישראל זוכה געווען צו זייער רייכקייט, האָט אים ר׳ ישמעאל געענטפערט, ווייל זיי היטען אָפּ די מצוה פון מעשר. די גמרא (תענית ד״ט ע״א) דערציילט אַז ר׳ יוחנן האָט געטראָפען זיין שוואָגער ריש לקיש׳ס אַ קינד, פרעגט אים ר׳ יוחנן וועלכען פסוק ער האָט היינט געלערנט, האָט דאָס קינד געענטפערט, אַז זיי האָבען געלערנט דעם פסוק עשר תעשר און פרעגט ביי ר׳ יוחנן וואָס מיינט עשר תעשר, האָט אים ר׳ יוחנן געענטפערט דער מיין איז אַז דו זאָלסט געבען מעשר בכדי דו זאָלסט רייך ווערען. האָט אים דאָס קינד געפרעגט פון וואַנען ווייסטו אַז עס איז אַזוי, אַז ווען מען היט אָפּ די מצוה פון מעשר ווערט מען רייך, האָט ר׳ יוחנן געענטפערט גיי און טו אַזוי וועסטו זעהן, פרעגט דאָס קינד ביי אים מעג מען דען פּרוּווען השי״ת, עס שטייט דאָך לא תנסו את ה׳, איר זאָלט ניט פּרוּווען דעם אויבערשטען, האָט ר׳ יוחנן געענטפערט, אַז אויף קיין זאַך טאָר מען טאַקע ניט פּרוּווען השי״ת, נאָר אויף דער מצוה פון מעשר האָט השי״ת געזאָגט דורך דעם נביא

פרקי דר״א: פרק לג.

מלאכי ובחנוני נא בזאת, ברענגט דעם גאַנצען מעשר אין די אוצרות פון בית המקדש און עס זאָל זיין אויף אַלע באַדערפעניש׳ען פון בית המקדש וואָס מען האָט געגומען פון די מעשר געלט און פּרוואווט מיך מיט דעם אויב איך וועל ניט עפענען די פענסטער פון הימעל און איך וועל אייך געבען אַ ברכה אָן אַ גענוג, ביז איר אַליין וועט זאָגען אַז עס איז גענוג וואָס דאָס איז אַלץ פאַר דעם וואָס מען גיט מעשר.

קיצור. ערקלערט, רש״י זאָגט אַז די ברכה פון מאה שערים האָט באַטראָפען דער מעשר. אין פרקי דר׳ אליעזר שטייט אַז יצחק אבינו האָט געגעבען מעשר פון אַלעס ווי אברהם אבינו, און יעקב אבינו האָבען געגעבען מעשר. מעשר ברענגט עשירות. די מעשה מיט ריש לקיש׳ס זון. השי״ת זאָגט אַז מען זאָל אים ית׳ אין דעם אויספּרואוון.

ג.

אין תוספות אין דער גמרא תענית (שם) אויף די ווערטער עשר תעשר שטייט און אַזוי שטייט אין ספרי אויף דעם פסוק עשר תעשר את כל תבואת זרעך היוצא השדה שנה שנה. פון דעם לשון את כל תבואת זרעך ווייסען מיר אַז פון תבואה באַדאַרף מען געבען מעשר, פון וואַנען ווייסען מיר אָבער אַז אויך פון אַנדערע פּאַרדינסטען באַדאַרף מען געבען מעשר, איז פון דעם וואָס שטייט את כל תבואת, וואָרום צוליב דעם אַז מען באַדאַרף געבען מעשר פון תבואה וואָלט גענוג זיין עס זאָל שטיין עשר תעשר את תבואתך, נאָר מיט דעם וואָרט כל מיינט מען צו זאָגען אַז פון יעדער פּאַרדינסט וואָס אַ מענש פאַרדינט באַדאַרף ער געבען מעשר. עס שטייט היוצא השדה שנה, ווען מען גיט מעשר גיט השי״ת אַ ברכה אין דער זאַך פון וועלכער מען האָט געגעבען מעשר, אָבער ווען מען היט ניט די מצות מעשר פון תבואה דאַן וואַקסט אויף דער פעלד נאָר אַזוי פיעל ווי פיעל עס האָט אָנגעטראָפען דער מעשר פון פאַריגען יאָר, און דאָס מיינט היוצא השדה שנה שנה, וואָס די פעלד גיט אַרויס דעם יאָר איז שנה וויפיעל עס האָט אָנגעטראָפען דער מעשר פון פאַריגען יאָר. איינער איז געווען זייער אָפגעהיט אין דער מצוה פון מעשר, ער האָט געהאָט אַ פעלד אויף וועלכער עס פלעגט יעדען יאָר וואַקסען טויזענד מאָס תבואה און ער פלעגט אָפּגעבען פון זיי הונדערט מאָס מעשר, אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען אַ גאַנץ לעבען און איז געווען אַ גרויסער עושר. פאַר׳ן טויט האָט ער גערופען זיין זון און האָט אים געזאָגט, אַז די און די פעלד גיט יעדען יאָר טויזענד מאָס תבואה און האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל אָפּהיטען אָפּצוגעבען די הונדערט מאָס מעשר יעדען יאָר. דעם ערשטען יאָר נאָך דעם פאָטער׳ס טויט האָט דער זון אָפּגעגעבען די הונדערט מאָס מעשר, דעם צווייטען יאָר אָבער האָט ער זיך מיישב געווען אַז עס איז צופיל אָפּצוגעבען הונדערט מאָס אויף מעשר און האָט באַשלאָסען ניט צו געבען קיין מעשר, האָט די פעלד מער ניט געגעבען ווי הונדערט מאָס, דאָס הייסט עס איז אויסגעוואַקסען ניט מער וויפיעל ער האָט פאַריגען יאָר געגעבען מעשר. האָבען אים זיינע קרובים

געזאָגט, בשעת דו האָסט געטאָן ווי דיין פאָטער האָט דיר אָנגעזאָגט האָט די פעלד געגעבען טויזענט מאָס תבואה און דו האָסט געגעבען מעשר, ביזטו געווען דער בעל־הבית און השי״ת דער כהן, אָבער ווען דו האָסט באַשלאָסען ניט צו געבען קיין מעשר איז אויסגעוואָקסען נאָר הונדערט מאָס, איז השי״ת דער בעל־הבית און דו ביזט דער כהן, און דאָס איז דער טייטש פון דעם פסוק ואיש את קדשיו לו יהיו, אַזוי ווי דער מענש פירט זיך מיט זיינע קדשים אָט אַזוי זיינען זיינע אייגענע זאַכען, אַז דער וואָס גיט ניט דעם מעשר ווי מען באַדאַרף האָט ער מער ניט וויפיעל דער מעשר טרעפט אָן, און דער וואָס גיט מעשר בעין יפה גיט אים השי״ת אַ ברכה מרובה, און דאָס איז ויברכהו ה׳ אַז דורך מעשר האָט יצחק זוכה געווען צו גרויס עשירות.

קיצור. ערקלערט אַז פון אַלעס באַדאַרף מען געבען מעשר, אַ וואונדערליכע דערציילונג וועגען מעשר. מעשר גיט דער בעל הבית צו דעם כהן, ווען מען גיט מעשר איז דער מענש דער בעל־הבית און השי״ת דער כהן, ווען מען גיט קיין מעשר איז השי״ת דער בעל־הבית און דער מענש דער כהן, וואָס האָט מער ניט ווי מעשר פון דעם וואָס ער וואָלט האָבען ווען ער גיט מעשר.

מעין גנים באר מים חיים ונוזלים מן לבנון, דער וואַסער קוואַל פון די גערטנער, דער ברונים פון די לעבעדיגע וואַסער און דאָס וואָס פליסט פון דעם אָרט וואָס ווערט גערופען לבנון. אין מדרש שטייט געשריבען ר׳ יוחנן זאָגט אַז באר מים חיים מיינט תורה וואָרום אַכט און פערציג מאָל ווערען אין דער תורה דערמאָנט די ווערטער באר און בארות (מתנות כהונה) געגען די אַכט און פערציג מעלות פון דער תורה ווי זיי זיינען אויסגערעכענט אין דעם לעצטען פרק פון מסכת אבות. אין דעם פסוק רעדט זיך וועגען דריי וואַסער פליסיגקייטען, אַ קוואַל, אַ ברונים און די פליסיגקייט פון דעם לבנון, וואָס אין ערשטען אויגענבליק זעט אויס אַז עס מיינט דריי באַזונדערע זאַכען, אָבער באמת איז דאָס איין זאַך נאָר עס איז איינגעטיילט אין דריי טייל. אין פליסיגקייטען זיינען פאַראַן פאַרשידענע מינים מיט פאַרשידענאַרטיגע אייגענשאַפטען וועלכע השי״ת האָט אין זיי אַריינגעגעבען. יעדע פליסיגקייט האָט איר באַזונדערע מעלה וועלכע די אַנדערע פליסיגקייטען באַזיצען ניט. עס זיינען פאַראַן פליסיגקייטען זייער שאַצבאַרע און קאָסטען זייער טייער, למשל גוטע ריינע אויל, אַלטע וויינען וואָס האָבען גוטע געשמאַקען און שטאַרקען דעם געזונט, דאָך זיינען פאַראַן איינפאַכע פליסיגקייטען וואָס האָבען אַ מעלה וואָס די גוטע וויינען און אוילען האָבען ניט. וואַסער איז אַן איינפאַכע פליסיגקייט אָבער עס האָט אין זיך אַזעלכע מעלות וואָס די בעסטע אוילען און וויינען האָבען ניט. אין וואַסער האָט השי״ת אַריינגעגעבען דעם כח פון מאַכען וואַקסען און דערפרישען אַלע באַשעפענישען וואָס זיינען איינגעטיילט געוואָרען אין די פיר טיילען דומם צומח חי מדבר, דאָס מיינט אַז אַלע באַשעפענישען פון די קלענסטע ביז די גרעסטע מוזען האָבען וואַסער צוליב זייער וואוקס און

צוליב זייער דערפרישונג. וואַסער מוז מען האָבען נויטיגער ווי ברויט, חוץ דעם וואָס וואַסער זעטיגט וואָס דערום באַדאַרף מען טרינקען נאָכ'ן עסען וואָס דאָס מאַכט זאַט, ווי די חז"ל זאָגען אויף דעם פסוק ואכלת ושבעת ואכלת זו אכילה ושבעת זו שתי', איז וואַסער נויטיגער ווי ברויט און עס איז אפילו שווערער צוצונעמען וואַסער־הונגער ווי ברויט־הונגער און דערום האָט השי"ת, וועלכער איז דער זן ומפרנס לכל הברואים, באַשאַפען אַז אין אַלע מקומות הישוב זאָל וואַסער זיין מצוי און מען זאָל דאָס האָבען אומבאַצאָלט, און דאָס איז מעין גנים באר מים חיים ונוזלים מן לבנון, די אַלע דריי באַזונדערע דרגות, מעין באר און נוזלים, גיבען אַלע אַרויס די גרויסע געטליכע וואונדערליכע מעלה וואָס וואַסער באַזיצט און יעדער איינער פון די דריי מעין באר ונוזלים האָט אַ באַזונדער באַדייט.

קיצור. ערקלערט אַז מעין באר און נוזלים זיינען איין וואַסער פליסיגקייט וואָס איז איינגעטיילט אין דריי טייל, יעדע פליסיגקייט, פון די בעסטע ווי בוימאייל און וויין ביז די איינפאַכסטע ווי וואַסער, האָט אַ באַזונדער אייגענ־שאַפט און נויטיגקייט פאַר די באַשעפעני־שען. אין וואַסער האָט השי"ת אַריינ־געגעבען דעם כח פון וואוקס און דערפרישונג.

ב.

והנה פאַרשטיין דעם ענין און דעם מיין פון מעין גנים באר מים חיים ונוזלים מן לבנון אין עבודה אין מענשענ'ס לעבען. גנים מיינט מען גן עדן, הגם אין גן עדן וואָס דאָרט איז דער שכר טוב אויף די מצות און הנהגות במדות טובות וועלכע דער מענש טוט אויף דער וועלט, זיינען פאַראַן זייער פיעל דרגות פאַרשידען איינע פון דער צווייטער, דאָך זיינען אַלע פאַרשידענע דרגות פון גן עדן איינגעטיילט אין צוויי מדרגות גן עדן התחתון און גן עדן העליון, און דאָס מיינט דער וואָרט גנים, גאָרטענס, גן עדן התחתון און גן עדן העליון. מעין מיינט די נשמה ווייל דאָס איז דער לעבענס־קוואַל וואו השי"ת האָט אַריינגעגעבען די רוחניות'דיגע געטליכע לעבענס־קראַפט אויף צו באַ־לעבען דעם קערפּער. מעין גנים, דער אָרט פון מעין הנשמה איז די גנים העליונים, גן עדן התחתון וגן עדן העליון, און פון דעם מעין הנשמה וואָס געפינט זיך אין די גנים העליונים פון גן עדן התחתון וגן עדן העליון קומט אַראָפּ אַ גרויסער גילוי אור המאיר וואָס באַלייכט דעם נפש וואָס איז זיך מתלבש אין גוף האדם, ווי עס איז ידוע אַז עס זיינען אין יעדע נשמה פאַראַן פינף מדרגות וואָס יעדע מדרגה האָט אַ גאַנץ באַזונדערען אינהאַלט און וויר־קונג אויף דעם מענשען. די פינף מדרגות אין נשמה ווערען אָנגערופען נפש רוח נשמה חי' יחידה. די פיר מדרגות פון נפש רוח נשמה חי' זיינען פאַרשיידענ־אַרטיג איינגעטיילט אין דעם מענשען, הן אין דער קערפּערליכער באַלעבונג און הן אין די גייסטיגע באַלעבונגען. נפש וואָס איז די נידעריגסטע מדרגה אין די מדרגות הנשמה האָט אין איר השי"ת אַריינגעגעבען די קערפּערליכע באַלעבונג קראַפט, רוח איז די געטליכע רוחניות'דיגע קראַפט וואָס באַלעבט דעם מענשענ'ס מדות (זיטען), נשמה איז די געטליכע קראַפט וואָס באַלעבט דעם

מענשען׳ס פאַרשטאַנד ווי עס שטייט ונשמת שדי תבינם, די געטליכע נשמה מאַכט זיי צו פאַרשטיין. חי׳ איז דער טייל נשמה וואָס באַלעבט די כחות פון תענוג און רצון און יחידה דאָס איז דער העכסטער טייל אין דער נשמה וואָס איז פאַרבונדען מיט׳ן בורא יחיד ב״ה, און אַט דער טייל נשמה גיט אַ השפעה אין די אַלע פיר טיילען פון דער נשמה, וואָס אַט דורך דער השפעה ווערען געשטאַרקט זייערע קרעפטען, אַז יעדער פון זיי פירט דורך זיינע געטליכע פעולות מיט דער בעסטער פינקטליכקייט און שטאַרקייט באופן אַז דער מענש קען קומען צו דער גרעסטער שלימות, הן אין דער אמת׳ער הנהגה פון מדות טובות על־פי התורה, און הן אין קיום המצות מיט אַ חיות אַז די מצות לעבען ביי אים, זיי זיינען ניט קיין מצות אנשים מלומדה, און הן אין לימוד התורה, נאָר צו דער דאָזיגער שלימות קען מען צוקומען נאָר ווען מען האָרעוועט אויף דעם מיט אַ יגיעה גדולה וואָס דאָס איז דער מיין אין באר מים חיים אַז פון דער השפעה וואָס קומט פון דעם נשמה׳דיגען מעין גנים זאָל דער מענש דורך זיין עבודה און יראת שמים מאַכען אַ באר מים חיים.

קיצור. ערקלערט מעין גנים באר מים חיים אין עבודה. גנים זיינען גן עדן התחתון והעליון. אין דער נשמה זיינען פאַראַן פינף דרגות, פון די פיר דרגות נפש רוח נשמה חי׳ איז נפש באַלעבט דעם קערפער, רוח נשמה חי׳ באַלעבען מדות שכל און רצון ותענוג, יחידה איז דער צוזאַמענבונד פון דער נשמה מיט׳ן בורא ב״ה און גיט איר השפעה אין די פיר דרגות נפש רוח נשמה חי׳ וואָס דורך דער עבודה פון באר קומט דער מענש צו צו שלימות.

ג.

והנה די עבודה פון באר מים חיים אין רוחניות איז דאָס געווען די עבודה פון יצחק אבינו. ווען יצחק אבינו האָט זוכה געווען, דורך אַפהיטען די מצוה פון מעשר, צו גרויס עשירות האָבען אים די פלשתים מקנא געווען. פלשתים דאָס איז אַ קליפה געגען יראת שמים. אין גשמיות איז אַ גאַס וועלכע האָט אַ טויער און איז פאַרשלאָסען איז זי געהיט פון גנבים און גזלנים וועלכע קענען שלעכט טאָן, אָבער אַ מבוי המפולש, אַן אָפענע גאַס אָן אַ טויער קען פאַסירען אין איר אַלע אומגליקען פון גנבה גזלה און רציחה, דאָס זעלבע איז אין רוחניות, יראת שמים דאָס איז אַ זיכערער שלאָס וואָס היט אָפּ דעם מענשען פון דורכפאַלען, הן אין מדות הן אין תורה ומצות, וואָס יראת שמים איז די מדרגה פון יצחק אבינו וואָס איז מדת הגבורה, דער תגבורת החיות אין תורה ומצות און מדות טובות. די פלשתים האָבען געוואָלט מקבל זיין אַ יניקה פון קדושה האָט יצחק פאַרלאָזט גרר. און מעשה אבות סימן לבנים, אַלע עובדות פון די אבות הקדושים, איז חוץ דעם וואָס דאָס איז אַ עבודה קדושה וואָס די אבות הקדושים האָבען געטאָן איז דאָס אויך אַ סימן לבנים, דאָס איז אַ הוראה לבנים

ד ו ר ך אָ פּ ה י ט ע ן : זע דעם פריערדיקען מאמר.

ווי מען באַדאַרף זיך אין אַזאַ פאַל אויפפירען, למשל, די עבודה פון אברהם אבינו אויף לפרסם מציאות הבורא ב״ה, געבען צו פאַרשטיין, אַז עס איז פאַראַן אַ בורא ב״ה וואָס ער ית׳ האָט באַשאַפען די וועלט און ער ית׳ איז דער מנהיג העולם ומשגיח און די השגחה פרטית וואָס השי״ת איז משגיח אויף נבראים גיט זיי אַ חיות, און אברהם אבינו האָט מפרסם געווען דעם ענין פון מציאות און אחדות הבורא ב״ה. עס שטייט וכוש ילד את נמרוד, דער נאָמען נמרוד איז ווייל ער האָט געמאַכט ווידערשפעניגען די וועלט קעגען השי״ת, ווי עס שטייט אין תרגום יונתן בן עוזיאל נמרוד פלעגט ריידען צו מענשען זיי זאָלען זיך דער־ווייטערען פון השי״ת׳ס געבאָטען און זאָלען אָננעמען זיינע געבאָטען, להבדיל אברהם אבינו האָט זיך ניט געקריגט מיט נמרוד הרשע און האָט מיט אים ניט געפירט קיין מלחמות. אברהם אבינו האָט געטאָן זיין עבודה, באַקאַנט צו מאַכען דעם ענין פון געטליכקייט, ניט רעכענענדיג זיך מיט נמרוד׳ס אַרבעט. נמרוד איז געווען אַ קעניג און געהאַט אַ שטאַרקע מאַכט האָט זיך אברהם אבינו מיט זיין קראַפט און מאַכט ניט גערעכענט און איז ווייטער אַנגעגאַנגען מיט זיין הייליגער אַרבייט צו פאַרשטיין געבען דעם ענין פון אחדות הבורא און השגחה פרטית. אפילו דאַן ווען נמרוד הרשע האָט אַנגעווענדעט זיין מאַכט קראַפט געגען אברהם אבינו און האָט אים פאַרשפאַרט אין די שווערסטע תפיסות פון כותא און קרדו אויף צען יאָר, אפילו דאַן האָט אברהם אבינו געטאָן זיין אַרבייט צו מפרסם זיין געטליכקייט, ביז נמרוד הרשע האָט געמיינט אַז אים וועט געלינגען צו פאַרברענען אברהם׳ען. פון דעם לערנען מיר אַז מיט רשעים וואָס ווי־דערשפעניגען השי״ת און די תורה באַדאַרף מען קיין מגע ומשא ניט האָבען, ניט קריגען זיך מיט זיי נאָר מבטל זיין בתכלית הביטול אויך ווען זיי האָבען קראַפט און מאַכט, און אויך אפילו ווען מען האָט די שווערסטע יסורים ר״ל טאָר מען די אַרבייט ח״ו ניט אויפגעבען. פון יצחק אבינו לערנען מיר אַז ווען די קליפה זוכט זיך צו חבר׳ן מיט דעם מענשען באַדאַרף מען זיך פון איר דערווייטערען. יצחק האָט פאַרלאָזט די שטאָט גרר, און האָט זיך באַזעצט נעבען דער שטאָט אין נחל גרר, דאָרט האָט יצחק געגראָבען אַ ברונים נאָר די רועי גרר האָבען זיך געקריגט מיט רועי יצחק און האָבען געזאָגט לנו המים, צו זיי געהערט די וואַסער, האָט יצחק אַ נאָמען געגעבען דעם ברונים עשק. דער טייטש פון וואָרט עשק איז קריגעריי, האָבען יצחק׳ס קנעכט געגראָבען אַ צווייטען ברונים האָבען זיי זיך אויך געקריגט. דעם צווייטען ברונים האָט יצחק אַ נאָמען געגעבען שטנה וואָס מיינט שטערונג, נאָכדעם האָט זיך יצחק אָפגערוקט פון דאָרט פון דעם אָרט וואו ער האָט געגראָבען די צוויי ברונימס און אויף דעם נייעם אָרט האָט ער געגראָבען אַ דריטען ברונים. אויף דעם דריטען ברונים איז שוין קיין קריג ניט געווען און יצחק האָט אים אַ נאָמען געגעבען רחובות.

קיצור. ערקלערט די פלשתים זיינען אַ קליפה געגען יראת שמים וואָס איז די מדריגה פון יצחק. פלשתים האָבען פיינט יצחק׳ן נאָר ווען יצחק איז רייך געוואָרען פון ברכת ה׳ זיי האָבען זיי געוואָלט מקבל זיין אַ יניקה, אברהם האָט מבטל געווען נמרוד׳ן און האָט ניט אויפגעגעבען זיין אַרבייט אפילו ווען ער איז געווען אין תפיסה. יצחק לערענט אונז צו ווייכען פון אַ רשע.

ד.

והנה די דריי ברונימס פון יצחק אבינו שטייט אין רמב״ן אַז זיי זיינען אַ רמז אויף די דריי בית המקדש׳ן. דער ערשטער און דער צווייטער וועל־כע זיינען חרוב געוואָרען און דער דריטער וועלכער וועט זיין ווען משיח וועט קומען בב״א. און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט באר מים חיים, אַ ברונים פון לעבעדיגע וואַסער. מים חיים מיינט דער בית המקדש. דעם ערשטען מאָל ווען השי״ת האָט געהייסען מאַכען דעם משכן שטייט אין דער תורה ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, השי״ת זאָגט די אידען זאָלען מיר מאַכען אַ מקדש ד. ה. אַ הייליגען אָרט וועל איך רוהען צווישען זיי, זאָגען רז״ל עס האָט דאָך באַדאַרפט שטיין ושכנתי בתוכו, איך וועל רוהען אין אים, וואָרום שטייט ושכנתי בתוכם, איך וועל רוהען אין זיי, נאָר דאָס מיינט מען אין יעדען איינעם פון זיי, דאָס הייסט, אַז יעדער איד איז זיין קאָפּ און האַרץ אַ מקדש פאַר השי״ת, און דאָס איז דער מיין פון דעם ציווי ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם. דער טעם פאַר וואָס דער בית המקדש ווערט אָנגערופען באר איז ווייל דער כללות ענין פון באר אין עבודה איז העלאה מלמטה למעלה. עס זיינען דאָ צוויי אופנים אין עבודת השי״ת, איין אופן איז בדרך המשכה מלמעלה למטה, למשל, דער ענין העבודה אין תורה, וואָס דער אור התורה באַלייכט אַלע ענינים הגשמי׳ אַז ער פירט זיך אויף על פי התורה איז די עבודה בדרך המשכה מלמעלה למטה, וואָס תורה וועלכע איז מעלה וואָס דאָס איז חכמתו ורצונו ית׳ איז מאיר דעם מטה ווי עס שטייט ותורה אור, תורה באַלייכט די וועלט דורך דעם וואָס דער מענש פירט זיך על פי תורה. דער צווייטער אופן העבודה איז בדרך העלאה מלמטה למעלה, למשל, דער ענין העבודה אין תפלה וואָס דער ענין התפלה איז אויף צו הייבען דעם מטה אַז דער מטה זאָל ווערען העכער און איידעלער וואָס דאָס איז דורך דעם בירור וזיכוך פון דעם מטה, און דאָס איז די עבודה פון באר וואָס דאָס איז העלאה מלמטה למעלה, ווי עס שטייט עלי באר וואָס אַ באר איז זיין נביעה מלמטה למעלה און אַזוי אויך אין עבודת השי״ת. די עבודה פון באר איז בדרך העלאה מלמטה למעלה, אָבער די עבודה פון תפלה גופא באַדאַרף זיין על פי תורה, וואָרום כשם ווי די עבודה אין תורה באַדאַרף זיין על פי דער עבודה פון תפלה, וואָס תפלה איז הכנעה ושפלו׳ת ווי דער מאמר אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש, וואָס די התבוננות אין גדולת ה׳ אין תפלה ווירקט אַז ער פאַרשטייט די מעלת התורה אַז עס איז חכמתו ורצונו ית׳ און מען באַדאַרף לערנען תורה מיט ביטול, ווי עס שטייט תען לשוני אמרתך, ווי איינער זאָגט נאָך דאָס וואָס דער צווייטער זאָגט, אָט אַזוי באַדאַרף זיין דער לימוד התורה נאָכזאָגען דעם דבר הוי׳ וואָס אין תורה, וואָס דאָס אַלץ קומט דורך דער עבודה פון תפלה, אָט אַזוי איז אויך די עבודה פון תפלה באַדאַרף זיין על פי תורה, און דאָס מיינט מעין גנים באר מים חיים אַז דורך דער עבודה פון באר מים חיים ווערט נתגלה דער מעין גנים פון דער נשמה.

קיצור. ערקלערט די דריי ברונימס זיינען אַ רמז אויף די דריי בית־המקדש׳ן, דער בית ראשון ושני זיינען בעוונותינו חרוב געוואָרען און דאָס מיינט

עשק און שטנה, אבער רחובות, דער בית המקדש השלישי, וועט זיין א נצחי, עבודה פון תורה איז המשכה, עבודה פון תפלה איז העלאה.

בידך אפקיד רוחי פדית אותי ד׳ אל אמת. אין דיין האנט טו איך באהאלטען מיין געמיט, דו טוסט מיך אויסלייזען ג־ט דער ג־ט פון אמת. אין מדרש שטייט ר׳ אלכסנדרי זאגט, ווען איינער באהאלט א פקדון ביי א מענשען, אפילו א נייעם חפץ, ווערט דער פקדון במשך הזמן אפגעריבען, דאס מיינט אז באהאלטען באהאלט מען א נייע און אומקערען קערט מען אום אן אלטע אפ־געריבענע זאך. אבער דער פקדון פון דעם געמיט וואס מען באהאלט ביי השי״ת גיט מען באהאלטען א צוריבענע און א שוואכע זאך און ער ית׳ קערט אום דעם מענשען זיין פקדון א פרישען און א געזונטען ווי גאר א נייע, ווי מיר זעהען באשיינפערליך א מענש וואס ארבייט זייער שווער דעם טאג לייגט זיך שלאפען א פארהארעוועטער א צובראכענער און אלע גלידער טוען אים וויי, גיט איבער זיין שוואכען אויסגעמאטערטען געמיט א פקדון להשי״ת און השי״ת קערט אים אום זיין פקדון א געזונטען א פרישען ווי ניי געבארען, און דאס מיינט פדית אותי ד׳ אל אמת, אז חוץ דעם וואס בידך אפקיד רוחי אז מען גיט איבער דעם פקדון אין האנט פון השי״ת איז גאר אנדערש ווי דער שטייגער איז אפילו ווען די זאך איז א נייע איז ביז דעם אומקערען ווערט זי אלט, ער, דער נפקד, איז ניט שולדיג, די צייט אליין מאכט אלט די זאך וואס דער מפקיד האט באהלטען, אבער דעם פקדון וואס מען גיט השי״ת צו באהאלטען גיט מען אן אלטע צובראכענע זאך און השי״ת קערט אום דעם פקדון א פרישען א געזונטען, איז חוץ דעם איז פאראן נאך אן אומשעצבארע מעלה וואס ביי מענשען איז דאס ניט פאראן. מיר זעהען ווען איינער האט געזינדיגט געגען דעם צווייטען אפילו גאר א קליינע זינד טראגט דער צווייטער אויף אים א הארץ פארוואס האט ער געזינדיגט אנקעגען אים. אים ארט ניט וואס יענער איז באגאנגען אן עולה און האט ניט גוט געטאן נאר אים ארט פארוואס האט ער קעגען אים געזינדיגט, און ווען עס מאכט זיך א געלעגענהייט אז יענער פאלט אריין צו אים אין די הענט בא־שטראפט ער אים, און בפרט ווען א מענש זינדיגט קעגען א קעניג וואס האט די פולע מאכט און אין א פאל וואס איז זייער אן ערנסטער, ער האט ווידער־געשפעניגט דעם קעניגליכען שטרענגען געזעץ, הן אין ניט דערפילען דעם פקודת המלך צו טאן וואס דער מלך האט געהייסען, און הן ער האט געטאן א זאך וואס דער מלך האט שטרענג פארבאטען אז מען זאל דאס ניט טאן, ווערט דער זינדיגער פאר׳משפט צו א שטרענגער שטראף און מען זוכט אויס־צופירען די שטראף באלד און זייער שטרענג. אויב דער זינדיגער באהאלט זיך אויס מאכט מען די גרעסטע אנשטרענגונגען אויפצוזוכען אים און ווען ער פאלט אריין אין די הענט פון די שוטרים פירט מען דורך די שטראף מיט דער גרעסטער בייזקייט, אבער דער זינדיגער וואס זינדיגט להשי״ת און ער גיט איבער זיין פקדון צו השי״ת, וואס אין שלאף קומט זיין נפש אין עולם העליון, וואס דאן זיינען אלע בייזע שלעכטע מלאכים, וועלכע זיינען באשאפען געווארען

דורך דעם מענשען׳ס זינד, זייער צורייצט און ווילען זיך נוקם זיין אָן דעם זינדיגען, אָבער השי״ת האָט גרויס רחמנות און מיטלייד אויף דעם זינדיגען און באַשיצט אים קעגען די מלאכי חבלה, און דאָס איז דער מיין פדית אותי ד׳ אל אמת, אַז השי״ת מיט זיין מדת הרחמים וואָס דאָס איז דער טייטש פון שם הוי׳, וואָס דאָס איז רחמים, לייזט אויס דעם מענשען. פאַרוואָס טוט דאָס השי״ת, ווייל ער יתברך איז אל אמת, דער ג־ט ב״ה וואָס זעט אין יעדער זאַך דעם אמת, אַז ניט אַלע מאָל איז דער זינדיגער אַליין שולדיג, ווי די חז״ל זאָגען, הרבה חברים רעים עושים, וואָרט השי״ת ביז דער זינדיגער וועט פאַרשטיין דעם אמת און תשובה טאָן.

קיצור. ערקלערט דעם מיין פון בידך אפקיד רוחי, ווען מען גיט אַ נייע גוטע זאַך צו אַ מענשען בפקדון איז ביז׳ן אומקערען ווערט דאָס אַלט און שוואַך, און צו השי״ת גיט מען בפקדון אַ שווער אויסגעשעפטען געמיט מיט אַ צובראָכענעם פאַרמאַטערטען גוף און ער ית׳ קערט אום אַ געזונטען גוף מיט אַ מוטיגען געמיט. פדית אותי פון די מלאכי חבלה וואָס דער מענש שאַפט מיט זיינע עבירות. אל אמת, ער ית׳ איז מסבב אַז מען זאָל פאַרשטיין דעם אמת.

ב.

והנה דעם פסוק בידך אפקיד רוחי פדית אותי ד׳ אל אמת זאָגען מיר אין ק״ש וואָס פאַר׳ן שלאָפען גיין. ווען מען גייט שלאָפען באַדאַרף מען לייענען קריאת שמע, וואָס קריאת שמע בכלל איז דער ענין פון אחדות הבורא ב״ה, איז פאַר׳ן שלאָפען גיין באַדאַרף מען לייענען קריאת שמע, אָט אַזוי ווי פאַר׳ן אַוועקגיין פון דער וועלט צו גיין אויף דער צווייטער וועלט באַדאַרף מען זאָגען שמע ישראל, וואָס דאָס מיינט דער ענין היחוד באחדות הבורא ב״ה וואָס דאָס איז דער עיקר התכלית פון בריאת העולם און פון ירידת הנשמה בגוף פון אַ אידען, אַז דורך תורה ומצות וואָס אידען זיינען מקיים ווערען נתברר די ניצוצות וואָס זיינען אין די דברים הגשמים און זיינען עולה לשרשם הקדום וואָס דורך אַלעם דעם ווערט אחדות העולם והבורא ב״ה, אָט אַזוי איז יעדען טאָג אַז צום סוף טאָג באַדאַרף מען לייענען קריאת שמע. קריאת שמע איז דער סיום פון דעם טאָג. און דאָס איז וואָס עס שטייט (תהלים קלט, טז) ימים יוצרו ולו אחד בהם, אָט דאָס וואָס השי״ת האָט באַשאַפען די טעג און גיט זיי דעם מענשען איז דאָס צוליב דעם ולו אחד בהם אַז דער מענש זאָל בעבודתו דורכפירען דעם ענין פון אחדות, וואָרום דער אחד איז כולל דעם גאַנצען ענין פון דער עבודה אין מענשען׳ס לעבען, אָט דער אחד, דאָס איז וואָס עס בלייבט איבער פון מענשען׳ס לעבען, וואָס דאָס איז דאָך וואָס מיר זאָגען אין דער תפלה עזרת אבותינו, ויכסו מים צריהם אחד מהם לא נותר, אַז די מצריים זיינען אויסגעשטאָרבען דורך דעם וואָס די וואַסער האָט זיי פאַרדעקט, זיי זיינען דערטרונקען געוואָרען, אָבער קיין אחד איז נאָך זיי ניט געבליבען, אָבער, להבדיל, אַ איד ווען ער גייט אַריבער פון דער וועלט אויף דער צווייטער וועלט

ימים יוצרו: זע דעם מאמר טוב לי תורת פיך (פיידוש 81).

בלייבט נאָך אים אַ אחד, דאָס וואָס ער האָט כל ימי חייו געהאָרעוועט אין תורה ומצות. און דאָס איז וואָס קריאת שמע, פאַר׳ן שלאָפען גיין בכלל, איז דער ענין פון אחדות הבורא וואָס מיר לייענען אין סוף פון דעם טאָג, און בדרך פרט איז דער ענין פון קריאת שמע שעל המטה די עבודה פון חשבון הנפש, אין וואָס און ווי אַזוי איז ביי אים דורך דער טאָג, וואָס אין דעם זיינען פאַראַן פאַרשידענע דרגות פון פאַרשידענע סוגי בני־אדם, וואָס יעדער פון זיי באַדאַרף האָבען זיין חשבון הנפש נאָך זיין מהות נאָך. עס איז פאַראַן דער חשבון הנפש פון אַ פשוט׳ן אידען אַ בעל עסק אָדער אַ בעל מלאכה ער איז אויפגעשטאַנען זייער פרי, האָט געאיילט דאַוונען ביחידות ניט ווי אַלע מאָל וואָס ער גייט גאַנץ פרי זאָגען תהלים און דאַוונט בצבור, היינט האָט ער קיין תהלים ניט געזאָגט אפילו ביחידות און זייער געאיילט מיט׳ן דאַוונען און איז געגאַנגען אין זיין עסק אָדער צו זיין אַרבייט, האָט געאַרבייט אַ גאַנצען טאָג ביז שפּעט אין אָוונט, איז געווען אַזוי פאַרנומען דעם גאַנצען טאָג אַז ער האָט ניט געדאַוונט מנחה־ומעריב אין שוהל און ניט געהערט דעם שיעור עין יעקב ווי געוויינליך, ער באַרעכענט זיך וואָס פאַר אַ דיבורים ער האָט דעם טאָג גערעדט, וויפיעל דברים בטלים, וויפיעל שקרים און חניפות, און וואָס האָט ער געהאַט דערפון, און צוליב דעם האָט ער מבטל געווען תפלה בצבור און זיין קביעות עתים אויף לערנען, און ער האָט זייער חרטה אויף דעם וואָס ער האָט אַזוי פיעל שעות געאַרבייט און וואָס ער איז געווען אַזוי פיל פאַרנומען, און מאַכט ביי זיך אָפּ אַ הסכם חזק, אַז פון היינט אָן זאָל ער היטען תפלה בצבור און לערנען די שיעורים. עס איז אויך פאַראַן דער חשבון הנפש פון גרויסע בעלי עסקים און גרויסע בעלי פרנסה ווען זיי באַטראַכטען זיך אין זייער סדר היום אין וואָס גייט ביי זיי אַוועק דער טאָג, אין דברים בטלים און לצנות וואָס קומט פון זחות הלב, אַ צולאָזענע האַרץ גאוה, כבוד המדומה און ועל כולם דער עשיר יענה עזות, ער איז מבטל בני תורה און יראי אלקים, ער פאַרגעסט אויף דעם וואָס שטייט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ עשירות וואָס ברענגט שלעכטס דעם עשיר. עס איז אויך פאַראַן דער חשבון הנפש פון די גדולי התורה, פאַראַן אַזעלכע וואָס זיינען גרויס אין ידיעת התורה אָבער זיי האָבען שלעכטע מדות זיי זיינען גסי הרוח, זוכען כבוד, בעלי קנאה, בעלי לשון הרע און רכילות׳ניקעס, ווי עס שטייט אויף דואג האדומי (תהלים נב), מה תתהלל ברעה הגבור, דוד המלך ע״ה זאָגט צו דואג, דו וואָס דו ביזט דער ראש הסנהדרין, ווייל דו ביזט אַ גבור אין תורה, זאָלסטו זיין אַ בעל לשון הרע, און דאָס, דער חשבון הנפש איז דער מיין פון דעם וואָס מיר זאָגען דעם פסוק בידך אפקיד רוחי פדית אותי ה׳ אל אמת אין קריאת שמע פאַר׳ן שלאָפען גיין.

קיצור. ערקלערט אַז ק״ש איז דער ענין פון אחדות הבורא וואָס דאָס איז דער תכלית פון לעבען, ימים יוצרו ולו אחד, לייענען ק״ש פאַר׳ן שלאָף איז דאָס מעין ווי דער לעצטער שמע ישראל פאַר׳ן טויט, ווייל ק״ש שעל המטה איז דער חשבון הנפש פון אַ פשוט׳ן אידען פון אַ גרויסען בעל עסק און אַ גביר און דער חשבון הנפש פון אַ גדול בתורה.

וקבל היהודים את אשר החלו לעשות. די אידען האָבען אויף זיך גענומען

צו טאָן דאָס וואָס זיי האָבען אויף זיך גענומען, ווי רבא זאָגט (שבת פ״ח ע״א) קימו מה שקבלו כבר, זיי האָבען דערפילט דאָס וואָס זיי האָבען אויף זיך גענומען בשעת מתן תורה. דער רבי נ״ע זאָגט בשם הבעש״ט נ״ע וקבל היהודים מיט מסירות־נפש׳דיגען קבלת־עול האָבען זיי מתקן געווען את אשר החלו, אַט דאָס וואָס זיי האָבען וואָכעדיג געמאַכט מצד זייער וואָכעדיגקייט וואָס קומט פון חולאת רוחני. דאָס זיינען צוויי טייטשען אין דעם וואָרט החלו. איין טייטש איז החלו מלשון חולין, וואָכעדיג, דער מיין פון דעם וואָרט וואָכעדיג איז אין צוויי אופנים, א) וואָכעדיג געוואָרען, ב) וואָכעדיג געמאַכט, דער צווייטער טייטש פון החלו איז מלשון חולי, קראַנקשאַפט, די אידען בזמן מרדכי זיינען קראַנק געוואָרען אויף דער מחלה רוחנית פון נהי׳ ככל הגוים, וואָס דער אויס־גאַנג פון דער מחלה איז אַז מען ווערט וואָכעדיג, דאָס מיינט מען ווערט אַ מגושם מיט די אַלע גראָבע גשמיות׳דיגע אייגענשאַפטען, אַז דער גאַנצער מהות פון דעם מענשען איז נאָר גשמיות הון ורכוש, גוט עסען, גוט טרינקען, שיין קליידען זיך, פאַרברענגען די צייט אין כל־ערליי פאַרגעניגענס גשמיים און אַלץ זיך נאָכגעבען אָהן קיינע גרעניצען פון די איסורי התורה, און מען איז אַזוי קראַנק אַז מען גייט אויך אַריבער די גרעניצען פון אנושיות אַז נמשלו כבהמות נדמו, מען ווערט אַזוי וואָכעדיג אַז מען וואַרפט פון זיך אַראָפּ אפילו בושה, מען שעמט זיך ניט, אַט אַזוי ווי בעלי חיים וועלכע טוען אַלע זייערע קערפּערליכע באַדערפעענישען ברבים אָהן בושה, אַט אַזוי זיינען די מגושמ׳דיגע בעלי תאוות וואָס מיט זייערע אויפפירונגען ווערען זיי נאָך וואָכעדיגער פון די נידעריגסטע גרעבסטע פאַרדאָרבענע בעלי חיים. מיר זעהען במוחש אין די טבעי הבעלי חיים אַז נאָכדעם ווי זיי טוען אָפּ אַ קערפּערליכען תאוה פאַרלאַנג, אפילו די חיות הטורפות, באַפאַלט זיי נאָכדעם אַ געוויסער אומעט און מאַנכעס מאָל זאָגאַר אַ מין אַראָפּגעפאַלענקייט און נידערגעשלאָגענקייט. חוקרים זאָגען אַז דאָס איז אַ בעל־חיים׳דיגער מוסר כליות, דאָס מיינט אַז ווען אַ בעל חי ערפילט שוין זיין קערפּערליכע טבעיות׳דיגע באַדערפעניש ווערט ביי אים עפּעס אַ העכערער געפיהל וואָס דאָס שאַפט ביי אים אַ אומעט פון אַ נידערלאַגע, אָבער ביי די מגושמ׳דיגע בעלי תאוות איז זו לא זו בלבד וואָס לא יתבוששו, זיי האָבען ניט קיין בושה, איז נאָך כי הלל רשע על תאות נפשו, ער באַרימט זיך, נאָך מיט זיינע תאוות און ער מאַכט וואָכעדיג תורה ומצות, דער בעל־תאוה פאַר־שוועכט אַלע אידישע הייליגקייטען וואָס מיט דעם מאַכט ער וואָכעדיג די מצות פון שבת, טהרה, תפילין וכו׳, און דאָס איז דער מיין פון דעם בעש״ט׳ס טייטש אין דעם וואָרט החלו, די אידען אין יענער צייט, ווי אַ טייל אידען אין דער איצטיגער צייט, זיינען קראַנק געווען מיט דער מחלה נהי׳ ככל הגוים און זיינען געוואָרען אַזוי וואָכעדיג מגושם אַז זיי האָבען וואָכעדיג געמאַכט שבת, טהרת־המשפחה וכו׳, האָט השי״ת געטאָן די תוכחה עצה, ווי ער ית׳ האָט מתרה געווען אַז די אידען פון אַלע דורות זאָלען וויסען אַז ווי זיי וועלען זיך פירען מיט תורה ומצות אַזוי וועט ער ית׳ זיך פירען מיט די אידען און וועט געבען די מאַכט אַ געוויסען המן׳ען וועלכער וועט ברענגען די אידען צו תשובה, און דאָס מיינט וקבל היהודים, דער תשובה געשריי מיט אַ מסירת־נפש ווען המן

האָט באַקומען די דערלויבעניש פון אחשורוש׳ן להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, האָבען די אידען דערפילט אַז דאָס איז די תוכחה עצה האָבען זיי גלייך תשובה געטאָן, חרטה געהאַט אויף די מעשים רעים און גענומען אויף זיך פירען לויט די תורה ומצות וועגען, אַט אַזוי ווי זיי האָבען אויף זיך מקבל געווען בשעת מתן תורה, און דאָס איז וקבל היהודים, דער קבלת־עול פון די אידען און די תשובה תנועה צו פאַרריכטען דאָס וואָס זיי האָבען פריער וואַכעדיג געמאַכט, אַט דאָס האָט געבראַכט די גרויסע ישועה אַז ונהפוך הוא אַז דער להשמיד להרוג ולאבד ווערט אויסגעפירט אויף המן׳ען און אַלע שונאי ישראל.

קיצור. ערקלערט דעם מיין פון דעם בעש״ט׳ס טייטש אין דעם פסוק וקבל היהודים אַז דער קבלת עול פון שמירת התורה והמצות האָט אויס־געהיילט די אידען פון דער נהי׳ ככל הגוים מחלה און פון זייער מגושמ׳דיגער וואַכעדיגקייט. ערקלערט אַז די נהי׳ ככל הגוים מחלה מאַכט וואַכעדיג און ני־דעריג גראָב מער נאָך ווי די נידעריגקייט פון אַ בעל חי און פאַרשוועכט די הייליגקייט פון תורה ומצות. די תוכחה עצה פון אַ המן ברענגט אידען צו תשובה און צו אַ ישועה אמיתית.

ב.

והנה, די עבודה פון קבלת עול איז מער ניט ווי אַ מבוא צו תשובה ומעשים טובים. עס שטייט ואבדיל אתכם מכל העמים, השי״ת זאָגט איך וועל אייך אָפּזונ־דערען פון אַלע פעלקער, די כשרונות, מדות און טבע ביי אידען זיינען אַנדערש ווי ביי אַלע פעלקער, און אין דעם איז די הילף פון קבלת עול צו דערגרונטעווען זיך אויף אויפצודעקען די טיפעניש פון דעם אידישען נאַטירליכען גוט טיפען פאַרשטאַנד, אידישע מדות טובות אידישע גוטע אייגענשאַפטען, און דערום ווערט די גאַנצע עבודה גערופען מיט׳ן נאָמען באר, און דער גוטער פאַרשטאַנד, מדות טובות און גוטע אייגענשאַפטען ווערען אָנגערופען מיט׳ן נאָמען מים חיים. צו פאַרשטיין דעם ענין פון באר אין עבודה באַדאַרף מען פאַרשטיין דעם ענין באר אין גשמיות. דער ענין פון באר איז עס זאָל זיין וואַסער, וואָס די וואַסער קומט פון די קוואַלען וועלכע געפינען זיך אין דער ערד, באַדאַרף מען אַראָפּ־גראָבען די ערד און דאַן ווערט נתגלה דער וואַסער שליסעל, וואָס דער קוואַל איז דאָך אַ בריאה וואָס השי״ת האָט באַשאַפען, דער קוואַל איז דאָך ניט אַ זאַך וואָס מענש מאַכט, דעם מענשען׳ס אַרבייט איז נאָר אַראָפּצונעמען די ערד אָדער אַנדערע זאַכען וועלכע פאַרדעקען דעם קוואַל, און ווען דער קוואַל איז פאַר־דעקט מיט ערד אָדער אַנדערע זאַכען איז גלייך ווי דער קוואַל איז גאָר ניטאָ, הגם אין דער טיפעניש פון דער ערד איז דער קוואַל יעמאָלט אויך דאָ וואו ער פליסט, עס איז אָבער פון דעם ניטאָ קיין תועלת, דער תועלת פון דעם קוואַל איז נאָר ווען ער איז בהתגלות, דערפאַר באַדאַרף מען גראָבען בכדי אַראָפּצונעמען די ערד און די שטיינער אָדער אַנדערע זאַכען וועלכע פאַר־דעקען דעם קוואַל, און ווען דער קוואַל ווערט נתגלה דאַן ברענגט ער אַ

מיטן נאָמען באר: זע דעם מאמר מעין גנים (פיידזש 96).

תועלת, און ווען דער קוואַל ווערט נתגלה איז דער אופן פון דער וואַסער־זאַמלונג פון אונטען אַרויף. דער וואַסער שליסעל איז נידעריגער און די וואַסער זאַמעלט זיך העכער פון דעם אָרט פון קוואַל. אַזוי ווערט מען אויך פאַרשטיין דעם ענין פון באַר אין עבודה רוחנית. ביי אַ מענשען איז דאַ אַ נפש האלקית און אַ נפש הבהמית. דער נפש האלקית איז דער מעין מים חיים, דער קוואַל פון לעבעדיגע וואַסער, ווי דער רבי זאָגט ונפש השנית בישראל היא חלק אלקה ממעל ממש, דער צווייטער נפש ביי אידען איז אַ טייל פון געטליכקייט און דאָס איז דער מעין מים חיים, אָבער דער קוואַל איז פאַרדעקט מיט ערד און אַנדערע זאַכען, און די עבודה איז אַראָפּצונעמען אַלע גראָבקייטען מיט וועלכע דער נפש הבהמית פאַרדעקט דעם נפש האלקית, הן דער העלם וואָס דער נפש הבהמית איז מעלים אויף דעם כללות האור פון נפש האלקית און הן דער העלם וואָס דער נפש הבהמית איז מעלים אויף די כחות פרטיים פון נפש האלקית, ווי מיר זעהען אין דעם חיות פון נפש וואָס איז מחי' דעם גוף איז דער חיות מער ניט ווי אַ הארה פון דעם עצם נפש וואָס קומט אין גוף אין אַ חיים בשריים נאָך דעם גוף נאָך וואָס דאָס איז דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם נפש הטבעית, ווייל די הארה פון דעם נפש וואָס איז מחי' דעם גוף איז אַ רוחנית, אַט אַזוי ווי די רוחנית פון נפש, און דאַך ווערט די הארה אַ חיים בשרים, וואָס דאָס איז דורך דער התלבשות פון נפש הטבעית, דאָס הייסט אַז דורך דער התלבשות ווערען נתגשם די כחות הנפש, אַזוי איז אויך אין רוחניות אַז דער נפש האָט אַ רצון און חפץ צו געטליכקייט, וואָס דער רצון איז אַ רצון עצמי וואָס איז פאַראַן תמיד אין נפש, נאָר ווען דער נפש איז מלובש אין גוף ווערט דער רצון ניט דערהערט איבער דעם העלם והסתר פון נפש הבהמית וועלכער איז מעלים ומסתיר אויף דעם נפש האלקית. וואָס אין דעם זיינען דאָ חלוקי־דרגות, דער וואָס טוט אין עבודה ביי אים ווערט דערהערט אַ געטליכער געפיל און דער וואָס טוט ניט אין עבודה ביי אים ווערט דער געטליכער געפיל ניט דער־הערט, וואָס דאָס אַלץ איז איבער דעם העלם פון נפש הבהמית.

קיצור. ערקלערט אידען האָבען געבירטליכען גרעסערען פאַרשטאַנד, אידע־לערע זיטען, בעסערע אייגענשאַפטען ווי אַנדערע פעלקער, נאָר דאָס איז באַהאַלטען אין דער טיפעניש פון נפש אַזוי ווי מים חיים קוואַלען אין דער טיפעניש פון דער ערד. קבלת עול איז אַ מבוא צו תורה ומעשים טובים, דער עיקר איז די התגלות פון נפש האלקית אין דער עבודה פון באַר, אַראָפּנעמען דעם העלם פון נפש הבהמית.

ג.

און דאָס איז די עבודה פון באַר אַראָפּצונעמען די העלמות און הסתרים פון נפש הבהמית וועלכער איז מעלים ומסתיר אויף די כחות פון דעם נפש האלקית, אַז דער שכל ומדות פון נפש האלקית זיינען צו בהעלם, וואָס איבער דער הגשמה פון נפש הבהמית ציט זיך דער מענש נאָר נאָך ענינים

דער רבי זאָגט: אין תניא פרק ב.

הגשמי׳ און ער האָט קיין פאַרשטאַנד אין געטליכקייט ווי אויך קיין המשכה צו געטליכקייט, און דאָס איז די עבודה פון באר אַראָפּנעמען דעם פאַרשטעל פון דעם נפש הבהמית וועלכער פאַרשטעלט אויף דעם נפש האלקית און עס זאָל נתגלה ווערען דער מעין מים חיים פון דעם נפש האלקית, הן אין געטליכע פאַרשטאַנדען און הן אין אַ המשכה צו געטליכקייט מיט אַ אהבה ויראה וואָס דאָס איז גורם אַז דער קיום המצות זאָל זיין מיט אַ חיות פנימי, וואָס די התחלת העבודה אין דער חפירה פון דעם באר איז וואָס עס באַדאַרף זיין דער שבחי עמך ובית אביך, דאָס הייסט אַרויסגיין פון די אַלע ענינים אין וועלכע דער מענש איז פאַרטרונקען און איינגעוואוינט, וואָס די אַלע זאַכען זיינען פון די עצם טבעיות׳דיגע חומריות, ווי מיר זעהען בחוש אין טבע בני אדם וואָס ז״י האָבען חסרונות וואָס זיי אַליין ווייסען אַז דאָס איז אַ חסרון נאָר ווייל דער חסרון איז בטבעם, אָדער זיי זיינען אין דעם זייער איינגעוואוינט פילט ער ניט דעם חסרון, ווייל אויף זיך זעט מען ניט קיין חסרון, איז די התחלת העבודה אַראָפּ־צונעמען אָט די גראָבע טבעיות׳דיגע חומריות איז דורך דער עבודה פון קבלת עול, די כפי׳ וואָס דער מענש נויט זיך אַליין מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסענער שטאַרקייט אַז ער זאָל דורכפירען אָט אַזוי ווי ער האָט ביי זיך מחליט געווען, הן אין סור מרע און הן אין עשה טוב און אין לימוד התורה מער וויפיעל ער איז רגיל, ווי אויך אין מצות הצדקה מער ווי זיין טבע און רגילות זיינען, וואָס דורך דער דאָזיגער עבודה נעמט מען אַראָפּ די כלליות׳דיגע חומריות פון דעם נפש הבהמית און עס ווערט נתגלה די הארה כללית פון נפש האלקית אַז ביי אים ווערט נתגלה אַ געטליכער געפיל און אַ המשכת אהבה צו געטליכקייט. אין פרטיות זיינען פאַראַן דריי מינים. פאַראַן דער באר פון מדות טובות, דער באר פון פאַרשטאַנד און דער באר פון מסירת נפש אויף געטליכקייט, וואָס דאָס זיינען די דריי ברונעמס וואָס יצחק האָט גע־גראָבען. יצחק איז דער ענין פון גבורה, שטאַרקייט פון קבלת עול. מיט קבלת עול שטאַרקייט האָט מען בכח אויפצוגראָבען אַלע דריי ברונעמס. עס שטייט את זה לעומת זה עשה האלקים, דער באר פון מדות טובות האָט אַ לעומת זה, וואָס דאָס זיינען די וועלטליכע מדות בני אדם וועלכע מאַכען וואָכעדיג די מדות טובות וואָס זיינען על פי תורה, און דאָס איז דער באר עשק, די וועלטליכע הנחות וואָס מאַכען וואָכעדיג די תורה מדות טובות. דער באר פון תורה פאַר־שטאַנד האָט אַ לעומת זה חכמות חיצוניות, השכלות וואָס זיינען היפוך פון תורה פאַרשטאַנד וואָס דאָס איז דער באר שטנה, וואָס דער באר פון אפיקורסות דאָס איז דער שטן המנגד אויף אמונה און קדושת התורה, און די כופרים ואפיקורסים האָבען פיינט דעם ירא שמים תורה איד און מיט דער גרעסטער חוצפה און די שטאַרקסטע רשעות פאַרשוועכען זיי די קדושת המצות מעשיות און מיט די גרעסטע פרעכקייט זיינען זיי מחלל שם שמים, אָבער דער באר פון מסירת נפש האָט ניט קיין לעומת זה דערפאַר ווערט ער אָנגערופען רחובות ווי עס שטייט כי עתה הרחיב ה׳ לנו, דורך מסירות נפש אויף געטליכקייט קומט די ישועה. און דאָס איז וקבל היהודים את אשר החלו לעשות. וואָס אַזוי איז איצטער אויך אין זמן פון גלות האחרון המר אַז דורך דעם וקבל היהודים אַז אידען וועלען אויף זיך נעמען דעם מסירת־נפש׳דיגען

קבלת עול מתקן צו זיין דעם אשר החלו לעשות אַט דאָס וואָס זיי האָבען וואָכעדיג געמאַכט שבת, כשרות, טהרה וכו׳ און אַרויס פון דער מחלה נהי׳ ככל הגוים, אָפּטרייסלען זיך פון דער אייגענער וואָכעדיגקייט און אומקערען זיך צום תורה ומצות לעבען וועלען זיי אויך זוכה זיין לקבל פני משיח צדקנו בקרוב ממש.

קיצור. ערקלערט אַז אַראָפּנעמען די הגשמה פון נפש הבהמית און אַרויסגיין פון דער תאות פאַרטרונקענקייט איז דאָס דורך אַנטשלאָסענעם קבלת עול שמים וואָס דורך קבלת עול מלכות שמים דערגרונטעוועט מען זיך צו אַלע דריי בארות, מדות טובות, תורה און מסירת נפש, די בארות מדות טובות און תורה פאַרשטאַנד האָבען מנגדים פון לעומת זה און ווערען אַנגערופען עשק הנחות העולם, שטנה כופרים ואפיקורסים, אָבער מסירת נפש האָט ניט קיין מנגדים ווערט אַנגערופען רחובות. איצטער ווען השי״ת פּירט דורך אויף אידען די תוכחה שטראָף איז די וואָס וועלען מתקן זיין די מצות מעשיות וואָס זיי האָבען וואָכעדיג געמאַכט וועלען אויך זוכה זיין לקבל פני משיח צדקנו בקרוב ממש.

כי ישאלך בנך מחר לאמר מה העדות והחקים והמשפטים אשר צוה ה׳ אלקינו אתכם ואמרת לבנך עבדים היינו לפרעה במצרים ויוציאנו ה׳ ממצרים ביד חזקה. אַז דיין קינד וועט ביי דיר פרעגען וואָס איז דער מיין פון די מצות וואָס ווערען איינגעטיילט אין דריי טיילען, עדות (באַווייזע) חקים (געזעצען) משפטים (פּירונגען) וואָס השי״ת האָט אייך צוגעזאָגט אָפּצוהיטען, זאָלסטו זאָגען דיין זון, קנעכט זיינען מיר געוועזען ביי דעם קעניג פּרעה אין מצרים און השי״ת האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים מיט אַ שטאַרקער האַנד. אין פיר פאַרשידענע סוגים ווערען די בני ישראל איינגעטיילט, וואָס אַלע ווערען זיי אַנגערופען בנים למקום, ווי עס שטייט בנים אתם לה׳ אלקיכם, וואָס דאָס זיינען די פיר בנים וואָס מיר זאָגען אין דער הגדה: כנגד ארבעה בנים דברה תורה חכם רשע תם ושאינו יודע לשאול. דריי פון די פיר זיינען פרעגער און דער פערטער ווייס ניט ווי צו פרעגען. די דריי וואָס ווייסען יאָ ווי צו פרעגען, איז הגם דער אינהאַלט פון זייערע פראַגעס איז דער זעלבער, וואָס איז דער מיין פון תורה ומצות און מיט וואָס איז די גאולה פאַרבונדען מיט תורה ומצות, דאָך איז דורך דעם נוסח פון די פראַגעס ווערען באַצייכענט די פרעגער, און לויט די פרעגער און זייערע פראַגעס אַזוי זיינען די ענטפערס. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זעהען אַז עס קומט פאַר עפּעס אויסערגעוויינליכעס, נאָר זיי זיינען אַזוי פאַרנומען אין אַנדערע זאַכען, אָדער פאַרגרעבט, אַז ניט נאָר וואָס זיי ווייסען ניט וואָס די אויסערגעווינליכע פּאַסירונגען מיינען, נאָר זיי ווייסען אפילו ניט ווי צו פרעגען, דאָס הייסט, זיי ווייסען ניט אַז די אויסערגעוויינליכע פּאַסירונגען זיינען שייך צו דער אָנקומענדער גאולה און אַז דאָס איז פאַרבונדען מיט תורה ומצות, אַט די מענשען ווערען אַנגערופען שאינו יודע לשאול. אַ שאינו יודע לשאול באַדאַרף מען דערציילען דעם ענין פון ביאת המשיח, וואָס

השי״ת האָט אונז אידען צוגעזאָגט אין דער תורה און נביאים, אַז ער ב״ה וועט אונז אויסלייזען פון גלות און וועט אונז ברענגען קיין ארץ ישראל דורך משיח צדקנו. די חז״ל האָבען פאַראויסגעזאָגט אַז בעפאָר די גאולה דורך משיח צדקנו וועלען זיין חבלי משיח, און דאָס זיינען די אויסערגעוויינליכע אידישע צרות און וועלט־פאַסירונגען וואָס קומען פאָר און דורך תשובה קען מען פאַרלייכ־טערען די חבלי משיח. עס זיינען פאַראַן וואָס ווייסען יאָ אַז די אויסערגעווינ־ליכע פאַסירונגען האָבען אַ שייכות צו שמירת קיום המצות און זייער פראַגע איז, וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו דער גאולה דורך משיח׳ן, און זיי פרעגען: מה זאת, וואָס די חבלי משיח ליידען אויך תורה ומצות אידען. אַזאַ סוג פרעגער איז אַ תם, אַזעלכע פרעגער באַדאַרף מען גוטמוטיג ערקלערען, אַז די אויסערגע־וויינליכע אידישע צרות און וועלט פאַסירונגען פון חבלי משיח איז דאָס וואָס השי״ת זאָגט דורך דעם נביא אם לא ביד חזקה אמלוך עליכם, ווי די גמרא (בבא קמא דף ס׳ ע״א) זאָגט: אין פורעניות באה לעולם אלא בזמן שהרשעים בעולם ואינה מתחלת אלא מן הצדיקים תחלה. עס זיינען פאַראַן די וואָס פרעגען: מה העבודה הזאת לכם. די אויסערגעוויינליכע אידישע צרות און וועלט פאַסירונגען טייטשען זיי אויס אויף זייער כפירה שטייגער, און חבלי משיח און אין ביאת המשיח לייקענען זיי. די גאולה ווילען זיי ניט, און אויף דעם גאַנצען ענין פון תורה ומצות פרעגען זיי מה העבודה הזאת לכם, לבד זאת וואָס זיי זיינען כופר אין דעם גאַנצען ענין פון תורה ומצות מעשיות קענען זיי ניט ליידען וואָס אידען זיינען מקיים תורה ומצות מעשיות, אָט דער סוג פרעגער איז אַ רשע. דער ענטפער צו דעם רשע־פרעגער איז אויסהאַקען דעם שי״ן פון דעם וואָרט רשע, דאָס מיינט צונעמען ביי די רשעים די אידישע מנהגים וואָס זיי ווילען אָפּהיטען דאַן בלייבען זיי נאָר ביי זייער רע און מען באַדאַרף אים זאָגען, אַז אין דער גאולה הראשונה אין מצרים זיינען געווען אַזעלכע ווי ער וואָס האָבען געלייקענט אין דער גאולה אויך ווען השי״ת האָט באַוויזען מופתים, השי״ת האָט געדולד ביז דער מכה פון חשך טאָמער וועלען זיי תשובה טאָן, ווען זיי האָבען ניט תשובה געטאָן זיינען אַלע כופרים אין דער גאולה אויסגעשטאָרבען, אָט אַזוי איז אויך אין דער אָנקומענדער גאולה, גיט השי״ת די כופרים די מעגליכקייט תשובה צו טאָן. עס זיינען פאַראַן אַזאַ סוג וואָס פרעגען וואָס איז דער גאַנצער ענין פון מצות מעשיות, דער סוג פרעגער איז אַ חכם, ווייל זיי ווייסען אַז השי״ת איז ה׳ אלקינו נאָר די פראַגע איז וואָס איז דער מיין פון מצות, אָט די פרעגער באַדאַרף מען ערקלערען דעם ענין אַז דער געשמאַק פון דעם קרבן פסח באַדאַרף אימער זיין, וואָס דורך דער ערקלערונג וועט מען במילא פאַר־שטיין די אָנגעבונדענקייט פון דער גאולה אין קיום המצות און אַז דורך תשובה מאַכט מען לייכטער די חבלי משיח ווייל דער תכלית הכוונה איז די עבודה מיט זיך לאהוב את ה׳.

קיצור. כנגד ארבעה בנים דברה תורה, דעם שאינו יודע לשאול באַדאַרף מען דערציילען אַז די אויסערגעוויינליכע אידישע צרות און וועלט פאַסי־רונגען זיינען די חבלי משיח, אַן אָנזאָג, אַז מען זאָל תשובה טאָן איידער די גאולה קומט דורך משיח׳ן. דעם תם באַדאַרף מען ערקלערען, אַז די חבלי

משיח איז דאָס וואָס השי"ת האָט געזאָגט ביד חזקה אמלוך עליכם, ברענגען צו תשובה אַז עס זאָל קומען די גאולה. דעם רשע וואָס טייטשט אַלעס אויס אויף זיין כפירה שטייגער באַדאַרף מען ערקלערען, אַז אין דער גאולה ראשונה האָט השי"ת געוואַרט ביז דער חשך מכה אַז די רשעים זאָלען תשובה טאָן און די וואָס האָבען ניט תשובה געטאָן זיינען אויסגעשטאָרבען. איצט צו דער אַנקומענדער גאולה וואַרט אויך השי"ת אַז די רשעים זאָלען תשובה טאָן. דער חכם וואָס ווייס אַז ה' איז אלקינו באַדאַרף מען ערקלערען דעם מיין פון מצות מעשיות.

ב.

והנה פאַרשטיין דעם ענין פון מצות מעשיות בכלל און וואָס מיינט, אַז נאָכדעם ווי מען עסט דעם אפיקומן, וואָס דער אפיקומן איז ביי אונז, בזמן הגלות, אַ זכר לפסח, באַדאַרף מען שוין נאָכדעם קיין זאַך ניט עסען, חוץ דעם כוס רביעי, וואָס איז אַ סימן אויף דער אַנקומענדער גאולה דורך משיח צדקנו. דאָס איז כדי דער טעם פון דעם וואָס איז אַ זכר צום קרבן פסח זאָל איבערבלייבען. דער מיין פון קרבן פסח איז אַז אַ איד באַדאַרף גלויבען אין השגחה פרטית, און אפילו אין דער גרעסטער געפאַר באַדאַרף ער האָבען אמת'ן בטחון אין השי"ת אַז ער ב"ה איז דער שומר ישראל, ווי עס שטייט הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל, ווייל די פירונג פון השי"ת מיט אידען איז למעלה מדרך הטבע. ווען אַ איד גיט איבער אַלע זיינע ענינים הטבעים לעבודת הבורא ב"ה העלפט אים השי"ת בדרך למעלה מן הטבע און דאָס איז דער מיין וואָס ביי אידען באַדאַרף שטענדיג זיין דער טעם פון קרבן פסח, וואָס ואת בתינו הציל, וואָס דאָס איז אויך דער ענין פון יציאת מצרים, אַ ענין וואָס איז למעלה מדרך הטבע. פאַרשטיין קלערער דעם ענין באַדאַרף מען פריער פאַר־שטיין דעם ענין העבודה אין דעם מענשען אַליין. אַז דער גאַנצער מיין אין טבע (נאַטור) איז צו קומען צו למעלה מן הטבע (העכער פון נאַטור). עס שטייט גם את העולם נתן בלבם, אַז די בירורים אין עולם איז דאָס תלוי לפי ערך די אויסאיידעלונג וואָס דער מענש איידעלט זיך אַליין אויס דורך עבודה און מצות מעשיות. עס שטייט ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך, וארז"ל בכל לבבך בשני יצריך, ביצ"ט וביצה"ר, ובכל נפשך אפילו נוטל את נפשך. די צוויי אהבות פון בכל לבבך ובכל נפשך איז בכל לבבך איז דער יצר טוב און יצר הרע אויך זאָ־לען האָבען אהבה צו אלקות, און די אהבה פון בכל נפשך איז די עבודה פון צונעמען דעם תענוג ביי דעם נה"ב, וואָס דיביידע עבודות זיינען נאָר בדרך מלחמה, ווי עס שטייט כי תצא למלחמה על אויבך, ווען דו ווערסט אַרויס מיט אַ מלחמה אויף דיין שונא, וואָס דער יצה"ר דאָס איז דער שונא פון דעם מענשען, זאָגט דער זהר שעת צלותא שעת קרבא, די צייט פון תפלה איז די צייט פון דער מלחמה צווישען דעם נפש הבהמית און דעם נפש האלקית, וואָס בייביידען זיינען פאַראַן שכל ומדות. דער שכל פון נפש האלקית פאַרשטייט נאָר דעם טוב פון אלקות און דער שכל פון נפש הבהמית פאַרשטייט נאָר דעם טוב פון עניני עולם, וואָס

שעת צלותא שעת קרבא: זע דעם מאמר הוי כי גדול (פיידוש 54).

דער שכל פון נה"ב איז איבערגעגעבען צום גוט פון גשמיות, ווי עס שטייט כי טוב העץ למאכל וכי תאוה הוא לעינים. און דער שכל פון נה"א גיט צו פארשטיין דעם נה"ב דעם טוב פון אלקות מיט אזעלכע פארשטאנדען וואס דער נה"ב קען זיי אויך פארשטיין, ווייל דער נה"ב האט שכל קען ער פארשטיין אז אלקות איז גוט, הגם דער שכל פון נה"ב איז איבערגעגעבען און פארטרונקען אין דעם טוב פון גשמיות, נאר ווייל אין נה"ב איז פאראן שכל, וואס דאס איז דער אונ־טערשיעד פון נה"ב און יצה"ר, וואס יצה"ר איז נאר מדות און נה"ב איז שכל. הגם עס איז שכל אנושי אבער אויך שכל אנושי קען פארשטיין אז דער גוט פון אלקות איז בעסער ווי דער גוט פון גשמיות, וואס דאס קען דער נה"ב גוט באגרייפען מיט געוויסע שכל'דיגע ראיות, אז אין גוט איז פאראן חלוקי דרגות, עס איז פאראן דער גוט פון גוטע מאכלים, העכער פאר דעם איז דער גוט פון ניגון, העכער פון דעם איז דער פון מדות טובות, העכער פון דעם איז דער גוט פון פארשטאנד, אז איידעלער גוט ווייל מעלת השכל איז העכער פאר מעלת המדות, ווייל מדות זיינען מער מורגש פון שכל. שכל ציט זיך צו פארשטיין וואס העכער פון שכל און מדות זיינען א המשכה צו נידעריגער פון זיך, וואס דורך די הסברים פארשטייט דער שכל אנושי פון נה"ב אז א טוב רוחני איז העכער במעלה ומדרגה פון א טוב גשמי, און ווען דער נה"א גיט צו פארשטיין דעם נה"ב השגות אלקות מיט הסברים און משלים פון אזעלכע זאכען וואס שכל אנושי קען דאס באגרייפען, איז פון צייט צו צייט ווערט דער שכל פון נה"ב נעהענטער צו פארשטיין א שכל אלקי ביז דער נה"ב קומט צום פאר־שטאנד אז דער טוב פון אלקות איז דער טוב האמיתי און אז אט דעם טוב באדארף דער מענש וועלען, און דאס איז ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך בשני יצריך, אז דער נה"ב קומט אויך צו אהבה לאלקות.

קיצור. דער מיין פון אפיקומן וואס דאס איז א זכר לקרבן פסח אז מען זאל שטענדיג געדענקען אין השגחה פרטית און אז די הנהגה מיט אידען איז בדרך למעלה מן הטבע. דער מיין פון מצות מעשיות איז צו מאכען איידעל דעם גשמי פון עולם, וואס איז תלוי אין דער עבודה וואס דער מענש מאכט זיך אליין איידעל, דורך דער עבודה וואס ער ווירקט אויף דעם נפש הבהמית אז דער נפש הבהמית — דורך די פארשטאנדען וואס דער נפש אלקית גיט אים צו פארשטיין — ווערט ביי אים א צי און אהבה צו געטליכקייט, וואס דאס איז די אהבה פון בכל לבבך.

ג.

והנה די עבודה פון דער אהבה בכל נפשך איז צוצונעמען ביי דעם יצה"ר און נפש הבהמית דעם תענוג און דעם טוב טעם וועלכען זיי האבען אין דברים הגשמים, וואס דאס קען זיין נאר דורך א יגיעה גדולה אין דער התבוננות וואס עס שטייט ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע. זע איך גיב דיר היינט דעם לעבען און גוט, דעם טויט און שלעכט, און צום סוף פון דער פרשה שטייט ובחרת בחיים, זאלסט זיך אויסוויילען דעם

לעבען, די כוונה פון חיים ומות מיינט מען דאָ דעם רוחניות׳דיגען לעבען און טויט, דער חיות און קיום פון יעדער גשמי איז די געטליכקייט וואָס האָט אים באַשאַפען און וועלכע באַלעבט אים, ווייל אלקות איז חיים און טוב. ווי עס שטייט וה׳ אלקים אמת הוא אלקים חיים, אלקות איז חיים וטוב, דברים הגשמים זיינען מות ורע, ווי מיר זעהען בחוש אַז ווען אין דעם דבר הגשמי איז ניט פאַראַן דער חיות ווערט ער צופוילט און ווערט אַ דבר מאוס, און אַזוי איז מיט דעם דבר התאוה וואָס אין דעם איז דאָך ניט פאַראַן קיין חיות אלקי איז דאָס אַ דבר מאוס בעצם, און אַז דער מענש באַרעכענט זיך, אַז די אַלע דברים הגשמים האָבען אין זיך פסולת און די אַלע תאוות גשמי׳ וואָס דער מענש וויל זיינען באמת אַ דבר מאוס, יעמאָלט ווערט ביים נפש הבהמית פאַרלאָרען דער געשמאַק און דער טוב טעם וואָס ער האָט אין ענינים הגשמים, וואָס צו דעם אַלץ קומט דער מענש דורך אַ יגיעה עצומה, ווייל דער נפש הבהמית וויל ניט אָפלאָזען זיינע גשמיות׳דיגע תאוות, און אויך ווען דער נה״ב פאַרשטייט אַז דער טוב פון רוחני איז בעסער ווי דער טוב פון גשמי דאָך ווייל דער נה״ב ניט אָפלאָזען דעם גשמיות׳דיגען געשמאַק און ער וויל ביידע זאַכען, דאָס הייסט ער זאָל האָבען תענוג אין די דברים הגשמים המותרים, וואָס באמת איז פון די גשמיות׳־דיגע דברים המותרים באַדאַרף מען האָבען דעם תועלת און חיזוק הכח אָבער ניט דעם תענוג, וואָס אין דעם איז די עבודה פון דעם נפש האלקית, אין דער אהבה פון בכל נפשך אויף צונעמען ביי דעם נה״ב דעם תענוג אין דברים הגשמים. וואָס די התחלת העבודה אין דיביידע אהבות איז אין תפלה, וואָס אין תפלה דאַן איז דער זמן פון די ביידע התבוננות, הן די התבוננות וואָס דער נה״א גיט צו פאַרשטיין דעם נה״ב דעם גוט פון געטליכקייט און הן דער פאַרשטאַנד אַז אין דברים הגשמים באַדאַרף מען וועלען נאָר דעם תועלת פון דעם אָבער ניט דעם תענוג (פאַרגעניגען) פון דעם, אָבער די עבודה עיקרית איז בכל היום בשעת ער איז אין די וועלט ענינים, און די ביידע אהבות זיינען דורך מלחמה וואָס דער נה״א איז לוחם מיט׳ן נה״ב, וואָס דער יצה״ר און נה״ב זיינען לוחם קעגען דעם. וואָס אויך אפילו ווען דער נה״א איז מנצח במלחמה און דער מענש האָט די ביידע אהבות פון בכל לבבך און בכל נפשך איז דאָס אַלץ באַגרענעצטע אהבות, אָבער די אהבה פון בכל מאודך דאָס איז די אהבה עצמית פון אַ נשמה צו געטליכקייט, וואָס דאָס איז העכער פון פאַרשטאַנד, וואָס מצד דער דאָזיגער אהבה איז יעדער איד גרייט אויף מסירת נפש און בייצו־שטיין אַלע נסיונות, און די דאָזיגע אהבה איז פאַראַן ביי יעדען אידען ווייל אַ איד איז ניט ער קען און ניט ער וויל זיין אָפגעריסען חלילה פון געטליכקייט, וואָס אויף דער אהבה פון אַ נשמה צו אלקות איז ניטאָ קיין התנגדות פון נה״ב. און דאָס איז דער ענין פון יציאת מצרים, דער אַרויסגאַנג און באַפרייאונג פון אַלע מיצרים און באַשרענקונגען, און דאָס איז אויך וואָס די דריי ברונימס וואָס יצחק האָט געגראָבען, עשק, שטנה, רחובות — די ביידע אהבות ווערען אָנגע־רופען די בארות עשק און שטנה וועלכע זיינען געווען מיט קריגעריי פון דעם מנגד — איז אויף דעם באר רחובות שטייט ולא רבו עלי׳, זיי האָבען ניט געקריגט אויף איר, אין דעם באר איז ניט פאַראַן קיין מנגד. און דאָס איז וואָס אויף דעם באר שטייט ויעתק משם ויחפור באר אחרת, ווייל בכדי דער

מענש זאָל צוקומען צום באר רחובות וואָס דאָס איז די אהבה פון בכל מאדך איז דאָס נאָר דורך דעם ויעתק משם, אַז דער מענש זאָל זיך אָפּרוקען פון די גשמיות וואָס אין די ענינים הגשמים און אַז יעדער דבר גשמי מעלה זיין לשרשו אין אלקות. און דאָס איז דער ענטפער אויף דער פראַגע פון דעם בן חכם, וואָס אויבען אויף קוקט אויס די פראַגע פון דעם חכם ענליך צו דער פראַגע פון דעם בן רשע אָבער באמת איז דעם בן חכם׳ס פראַגע וואָס איז דער מיין פון מצות מעשיות, אויף דעם איז דער ענטפער אַז די כוונה אין תורה ומצות איז אויסצואיידלען די דברים הגשמים. און דאָס איז די כוונה פון חבלי משיח מעורר זיין אויף תשובה אַז מען זאָל זוכה זיין צו דער גאולה דורך משיח צדקנו בקרוב ממש.

קיצור. די עבודה פון בכל נפשך איז אויף צונעמען ביי דעם נה״ב דעם טוב טעם אין דברים הגשמים דורך דעם פאַרשטאַנד אין דעם געטליכען גוט. וואָס געגען די צוויי אהבות איז דאָ התנגדות, אָבער בכל מאדך איז העכער פון התנגדות אָט ווי דער באר רחובות וואָס די רועי גרר האָבען ניט געקריגט אויף אים. נאָר דער באר רחובות קומט דורך קיום מצות מעשיות און תשובה מאַכט מען לייכטער די חבלי משיח און מען וועט זוכה זיין לקבל פני משיח צדקנו בקרוב.

וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה שבע שבתות תמימות תהיינה. איר זאָלט ציילען צו אייך פון אויף מאָרגען פון דעם שבת פון דעם טאָג וואָס איר וועט ברענגען דעם עומר פון אויפגעהויבענקייט זיבען שבתים פולע זאָלען זיי זיין. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער מיין פון דעם וואָרט לכם. ענליך געפינען מיר ביי מצות אתרוג ולולב שטייט אויך ולקחתם לכם ביום הראשון. דאָרט איז דער מיין פון דעם וואָרט לכם, אַז איר זאָלט נעמען פון אייערע ניט פון גזל. אויך ביי דעם יום טוב שמיני עצרת שטייט ביום השמיני עצרת תהי׳ לכם, דאָרט איז דער מיין, אַז דער יום טוב און די קרבנות פון שמיני עצרת זיינען שייך נאָר צו די אידען אַליין, ווייל די זיבען טעג סוכות זיינען די קרבנות געוועןן פאַר דער אַלגעמיינער מענשהייט וואָס השי״ת האָט באַשאַפען, ניט נאָר פאַר די אידען, אָבער שמיני עצרת זיינען די קרבנות געוועןן נאָר פאַר די אידען אַליין, ווי עס שטייט אין מדרש אַ משל פון אַ קעניג, וועלכער האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר זיינע אונטערטאַנען זיבען טעג, דערנאָך זאָגט ער צו זיין בעסטען פריינד, איצט ווען מיר האָבען שוין באַערט אַלע מיינע אונטערטאַנען וועלען מיר, איך און דו, זיך פרייהען צוזאַמען, און דאָס איז דער מיין פון דעם וואָרט לכם אַז שמיני עצרת און די קרבנות זיינען נאָר שייך צו אידען אַליין. אָבער ביי דער מצוה פון ספירה וואָס איז דער מיין פון דעם וואָרט לכם, ווי אַזוי קען זיין, אַז מען זאָל מקיים זיין די מצוה פון ספירה און עס זאָל ניט זיין קיין לכם, וואָס די תורה באַדאַרף פאַר־זאָגען אַז די ספירה זאָל זיין לכם. בשלמא ביי דער מצוה פון לולב ואתרוג

באַדאַרף מען האָבען די אזהרה לכם אַז אַ לולב ואתרוג באַדאַרפען זיין משלכם, אויך ביי דעם יום טוב שמיני עצרת איז דער לכם אַ הוראה, אַז די קרבנות פון שמיני עצרת זיינען אַנדערש פון די קרבנות, וואָס אין די פריהערדיגע טעג, איז ווייל עס קען דאָך זיין דער קיום המצות אָן דעם לכם און דאָן וואָלט דאָס ניט געווען דער קיום המצות ווי השי"ת האָט געמיינט דערום שטייט דער וואָרט לכם וואָס זאָגט אַרויס דייטליך דעם אופן הקיום פון די מצות, אָבער ביי דער מצוה פון ספירת העומר וואָס קאָן דאָך ניט זיין אָהן אַ לכם, וואָס דער אופן פון קיום המצוה איז אַז מען באַדאַרף ציילען די טעג בדבור איז וואָס איז דער מיין מיט דעם וואָרט לכם, מוז מען דאָך זאָגען, אַז כשם ווי דער וואָרט לכם וואָס שטייט ביי מצות לולב ואתרוג און ביי שמיני עצרת מאַכט דייטליך דעם אופן הקרבנות פון שמיני עצרת און דעם אופן קיום מצות לולב ואתרוג, אַט אַזוי איז דער לכם פון מצות ספירת העומר מוז מאַכען דייטליך קלאָר דעם אופן פון קיום מצות הספירה. די גמרא אין מנחות דף ס"ה ע"ב זאָגט, אַז דער לכם איז שתהא ספירה לכל אחד ואחד, אַז יעדער איינער מוז ספירה'נען, אַז די מצוה פון ספירת העומר איז ניט גלייך צו דער מצוה פון ספירת השמיטה ויובל, וואָס ביי דער מצוה פון ספירת שמיטה יובל שטייט וספרת לך שבע שבתות שנים אַז דער בית דין באַדאַרף סופר'ן די שני השמיטה והיובל, אָבער די מצוה פון ספירת העומר איז אַז יעדער איד באַדאַרף סופר'ן. אויך באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס מיינט ממחרת השבת וואָס האָט שבת פאַר אַ שייכות צו דער ספירת העומר, וואָס באמת איז דער נאָמען שבת מיינט דאָ יום טוב וואָס זיין אינהאַלט איז שבת. אויך באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס ביי דער הקרבה פון עומר איז אַלץ דערמאָנט דער ענין הנפה, ביז אַז דעם עומר אַליין רופט מען עומר התנופה, און וואָס איז דער מיין פון די ווערטער תמימות תהיינה וואָס לכאורה איז דאָך אַז עס איז שבע שבתות במילא זיינען זיי תמימות וואָס דאַרף מען נאָך מפרש זיין תמימות תהיינה.

קיצור. פרעגט וואָס איז דער מיין פון דעם וואָרט לכם, און ערקלערט דעם מיין פון דעם וואָרט לכם ביי מצות אתרוג ולולב ומיניו אַז דאָס מיינט משלכם, און ערקלערט דעם מיין פון דעם לכם וואָס שטייט ביי שמיני עצרת און זיינע קרבנות און פרעגט ווי קען זיין ספירה אָהן אַ לכם, אויך וואָס האָט דער אינהאַלט פנימי פון שבת אַ שייכות צו ספירת העומר און וואָס איז דער מיין מיט דעם נאָמען עומר התנופה און וואָס איז דער מיין פון תמימות תהיינה.

ב.

והנה פאַרשטיין דעם ענין פון ספירת העומר אין עבודה בנפש האדם, דער קרבן העומר איז געווען פון שעורים (גערשטען) וואָס שעורים איז פון די חמשה מיני דגן, נאָר חטים איז מאכל אדם און שעורים איז מאכל בהמה. דער עומר איז געבראַכט געוואָרען פון שעורים וואָס איז מאַכל בהמה, און דער סדר פון קרבן העומר איז, אַז יעדער עבודה אין דעם ענין פון עומר באַדאַרף זיין אַ דרייענדיגע. דריי סאין תבואה לחים (פייכטע) אין דריי באַ־

זונדערע קערב און די זאַנגען קלאַפּט מען אויס און די תבואה ווערט דורכגע־
ברענט אין אַ ספּעציעלער כלי באופן אַז דער פייער זאָל אַרומנעמען די גאַנצע
תבואה און נאָכדעם האָט מען געמאָלען די קערנער און איבערגעזיפּט אין דרייצען
זיפּען און פון די גאַנצע תבואה קערנער נעמט מען אַרויס נאָר איין עשרון.
דער קרבן העומר איז דער קרבן פון מאכל בהמה, וואָס אין דעם מענשען איז
פאַראַן אדם ובהמה. אין עבודה זין איז אדם נפש האלקית וואָס בעיקרו איז
ער שכל און זיינע מדות זיינען על פי השכל, און בהמה איז דער נפש הטבעית
וואָס בעיקרו איז ער מדות וואָס דער שכל זיינער איז אויף דורכצופירען זיינע
מדות און זיינע באַגערען. דער קרבן העומר איז צו שניידען, צו ברענגען און צו
מאָלען די קערנער פון דעם מאכל בהמה, אַז נאָכדעם ווי די שלשה סאין מאכל
בהמה ווערען איבערגעזיפּט אין דרייצען זיפּען איז דער עשרון ריכטיג ריינע
גוטע מעל אַ קרבן להוי׳, און נאָכדעם ווי מען ברענגט דעם קרבן באַדאַרף
מען אָנהויבען ציילען ספירה זיבען וואָכען, יעדער וואָך איין ספירה אָבער יעדער
איין ספירה באַדאַרף מען ציילען זיבען מאָל, דאָס מיינט די זיבען ספירות וואָס
זיינען אין יעדער ספירה. די ערשטע וואָך באַדאַרף מען ציילען די זיבען מדות
וואָס זיינען אין מדת החסד. די צווייטע וואָך די זיבען מדות וואָס זיינען אין
מדת הגבורה, ביז אַז אין משך פון די זיבען וואָכען ווערען אויסגע׳סופר׳ט די
אַלע זיבען ספירות ווי זיי זיינען במלואם, וואָס יעדער ספירה איז ערגענצט מיט
די זיבען ספירות, וואָס מיר קענען דאָס פאַרשטיין פון די כחות הנפש און די
מדות שבלב. די ערשטע מדה איז מדת החסד, חסד איז דער ענין פון אהבה,
ליבשאַפט, וואָס פון דער ליבשאַפט קומט אַרויס דער חסד ווי עס שטייט אהבת
עולם אהבתיך על כן משכתיך חסד, חסד שבחסד איז די גלוי׳דיגע אהבה, זי
קומט ארויס פון דער אינערליכער טבעית׳דיגער אהבה, כמו די ליבשאַפט
פון אַ פאָטער צו אַ קינד איז אַן אינערליכע טבעית׳דיגע ליבשאַפט, דאָס איז
חסד און אַז די טבעית׳דיגע אהבה פון פאָטער צום קינד ווערט אַנטפּלעקט,
אַז אַלע זעהען דאָס, הגם אין דער אַנטפּלעקונג איז ניט פאַראַן קיין שום
התחדשות, ווייל די אהבה הטבעית פון פאָטער צום קינד איז דאָך אימער פאַראַן,
דאָך איז די התגלות האהבה איז חסד שבחסד. גבורה שבחסד איז ווען דער
חסד איז זיך מתלבש אין אַ מדה וואָס זי איז אַ פאַרקערטע פון מדת החסד,
חסד איז אהבה און גבורה איז שנאה, גבורה שבחסד איז די שנאה וואָס קומט
מצד החסד, דאָס וואָס ער האָט פיינט דעם שונא פון זיין פריינד, דער דין
ושנאה וואָס קומט אַרויס פון דער אהבה וואָס ער האָט ליב איז גבורה שבחסד.
תפארת איז די רוחניות׳דיגע שיינקייט, למשל, ווען איינער מאַכט אַ ציור פון
עטליכע פאַרבען איז דער ציור שענער ווי דער ציור פון איין שוואַרצער פאַרב,
די מדת התפארת איז דער צוזאַמענשטעל פון חסד און גבורה, ווי צו באַגיין
זיך מיט אַ מענשען וואָס פאַרדינט ניט אַז מען זאָל זיך מיט אים פירען מיט
מדת החסד נאָר מען באַדאַרף זיך מיט אים פירן מיט מדת הגבורה,
די מדת התפארת איז אַז הגם ער איז ניט ווערט אַ הנהגה פון
חסד, דאָך באַדאַרף מען אויף אים רחמנות האָבען. תפארת שבחסד איז די
שיינקייט פון חסד, דאָס מיינט אויסניצען דעם חסד נאָר אויף רוחניות׳דיגע
פּרוכטבאַרע זאַכען, ווי צדקה, הרבצת תורה וכדומה, וואָס דאָס איז אַ תפארת

לעושי׳. נצח שבחסד, דורכפיהרען דעם ריכטיגען חסד אונטער אַלע אומשטענדען, ניט אָפּשטעלען זיך פאַר קיין ענין שבעולם. הוד שבחסד, די שטאַרקייט פון דער אהבת חברו אַז ער שטעלט איין זיין לעבען מציל צו זיין זיין אוהב. יסוד שבחסד, די שטאַרקע צוגעבונדענקייט פונ׳ם ליבהאָבער צו דעם וועמען ער האָט ליב. מלכות שבחסד איז דאָס וואָס ער רעדט דברי אהבה מיט זיין אוהב, וואָס די אַלע זיבען מדות זיינען משלים די מדת החסד, און אַזוי איז אויך די אַנדערע זעקס מדות וואָס די שלמות זייערע איז פון די זיבען מדות וואָס אין זיי.

קיצור. ערקלערט אַז דער עומר איז פון שעורים לחים טריקענען אין פייער נאָכדעם באַדאַרף מען נעמען נאָר אַ עשרון וואָס ווערט איבערגעזיפּט אין דרייצען זיפּען. נאָך דער הקרבה פון עומר באַדאַרף מען סופר זיין די זיבען מדות אין זיבען וואָכען, יעדער מדה אַ שלמה, חסד אהבה, חסד שבחסד אהבה גלוי׳, גבורה שבחסד פיינט האָבען זיין אוהב׳ס שונא. תפארת שבחסד דער חסד צו שטאַרקען רוחניות׳ נצח שבחסד ניט רעכענען זיך מיט מניעות, הוד שבחסד לוחם זיין בשביל הצלת האוהב. יסוד שבחסד די פאַרבונדענקייט מיט׳ן אוהב, מלכות שבחסד די ליבליכע רייד.

ג.

והנה די אַלע מדות דאָס זיינען מדות בני אדם. דער מענש האָט שכל און מדות וואָס מיט דעם איז ער אַנדערש פון די בעלי חיים, הגם די בעלי חיים האָבען דאָך אויך שכל ומדות, נאָר עס זיינען פאַראַן צוויי אונטערשיידען צווישען אדם ובהמה. אַ אדם איז עיקרו שכל און די מדות זיינען על פי השכל און בעלי חיים איז עיקרם מדות און דער שכל איז נאָר אין דעם וואָס האָט אַ שייכות צו מדות. אויך איז אַ אונטערשיעד פון שכל ומדות שבאדם ובעלי חיים, וואָס די שכל ומדות פון בעלי חיים זיינען נאָר טבעיות׳דיגע. אויך דער שכל ומדות פון בני אדם זיינען מער ניט ווי שכליות׳דיגע, אָבער דער אדם אתם איז דער שכל ומדות זיינען ניט נאָר שכליות׳יגע נאָר אויך געטליכע, וואָס די געטליכע שכל ומדות האָבען די ריכטיגע געטליכע קראַפט צו ווירקען דורך דעם שכליות׳דיגען שכל און מדות אויף די טבעיות׳דיגע שכל ומדות וואָס דאָס איז דער שכל ומדות פון נפש הבהמית און יצר הרע. דער נפש הבהמית איז שכל און יצר הרע איז מדות. חסד איז די גופניות׳דיגע און וועלטליכע ליבשאַפט חסד שבחסד איז דער קאָך און דער טוב טעם ר״ל אין תאוות גופניות און וועלטליכע הנחות. גבורה שבחסד איז די שנאה צו אַ שומר תורה ומצות. תפארת שבחסד איז דער כי הלל רשע על תאוות נפשו. נצח שבחסד איז דער חוטא ומחטיא את הרבים מיט אַ שטאַרקייט, שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך. הוד שבחסד איז דער יודע את רבונו ומכוון למרוד בו׳ ער טוט אפיקורס׳ישע ענינים און איז עובר עבירות ניט נאָר ווי אַ מומר לתיאבון ווייל ער האָט אַ צולאָזענע הארץ און איז אַ בעל־תאווה׳ניק נאָר ווייל ער איז אַ מומר להכעיס. יסוד שבחסד איז וואָס ער איז פאַרקאַכט און צוגעבונדען צו די תאוות גופנים והומריים ער ווערט אַ מערדער צוליב דערפילען זיינע תאוות, ער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין געפאַר צוליב זיינע תאוות חומריות אויך אפילו ווען ער ווייס אַז דאָס וואָס ער טוט איז שעדליך פאַר זיין געזונד און ער קען באַצאָלען מיט׳ן לעבען.

מלכות שבחסד איז די ריבוי דבורים אסורים בכלל און די דבורי כפירה בפרט אָט די וואָס זיינען כופרים בה׳ ובתורתו און לאָכען אָפּ פון מצות ה׳ בדבור ובכתב וואָס זיי זיינען מפרסם, וואָס דורך דער ווילדער צולאָזענער הנהגה פון די כופרים און פוקרים פאַרגרעבען זיי די וועלט, היפוך פון דער כוונה וואָס דער בורא עולם ב״ה האָט באַשאַפען די וועלט אַז אידען דורך קיום התורה און מצות זאָלען די וועלט מאַכען איידעלער וואָס דאָס איז דורך דער השפעה פון די געטליכע שכל ומדות פון דעם נפש האלקית. חסד איז די אהבה טבעית וואָס דער נפש האלקית האָט צו געטליכקייט, חסד שבחסד איז אַז די געטליכע אהבה טבעית זאָל זיין בהתגלות אין אַלע זיינע כחות ניט נאָר אין האַרצען אַליין, וואָס דאָס איז דער אונטערשיעד פון דער אהבה וואָס עס מיינט בכל לבבך דאָס איז די אהבה אלקית אין האַרצען און די אהבה פון בכל נפשך איז די אהבה צו אלקות וואָס צושפרייט זיך אין אַלע כחות, וואָס די אהבה ווירקט אויף צו דוחה זיין די תאוות גופניות און וועלטליכע הנחות. גבורה שבחסד איז פיינט האָבען די שונאי הוי׳ ווי עס שטייט אוהבי הוי׳ שנאו רע, תכלית שנאה שנאתים, תפארת שבחסד, דער ויגבה לבו בדרכי ה׳, די גאַנצע שיינקייט גיט ער אַריין אין דרכי התורה והמצוה. נצח שבחסד וואָס ער איז מנצח זיין נה״ב און יצר הרע, הוד שבחסד וואָס ער שטעלט זיך געגען די מינים ואפיקורסים מיט דער גרעסטער שטאַרקייט פאַרדאַמען זיי און אויס־רייסען זייער השפעה אויף אידען. יסוד שבחסד די מסירות נפש׳דיגע צוגע־בונדענקייט צו תורה ומצות. מלכות שבחסד וואָס תמיד רעדט ער דבורי אותיות התורה והתפלה, וואָס דאָס איז די שלמות פון מדת החסד דקדושה, און אַזוי אין אַלע מדות, וואָס דורך דעם ווערען נתברר די מדות פון יצר הרע און עס ווערען איידעלער די מדות שכליות. און דאָס איז וספרתם לכם איר זאָלט מאַכען ריין קלאָר אייער לכם, דער לכם (דער איך) פון אַ אידען איז מדות דקדושה. עומר איז די מדות טבעיות, די מצוה אויפהויבען די מדות טבעיות, ג׳ אנשים, ג׳ מגלות, ג׳ סאים, ג׳ סלים באַצייכענען אַז די עבודה איז אין מדות, עומר לח חסד טריקענען באש גבורה, די י״ג נפות דאָס זיינען די י״ג מדות, ווען קען זיין ספירת העומר, קלאָר מאַכען די מדות טבעיות, ווען עס איז פאַראַן דער שבת די שביתה פון הנחות העולם, די הכרה גמורה אַז אַ איד מוז זיך איבער־געבען צו תורה ומצות. דאַן ווען דער איד האָרעוועט מתקן צו זיין זיינע שבע שבתות אַז די שבע מדות פון נפש אלקית זאָלען מברר זיין די שבע מדות פון יצר הרע און מזכך זיין די שבע מדות טבעיות, דאַן האָט ער די זיכערע הבטחה מן השמים אַז תמימות תהיינה.

קיצור. ערקלערט אַז דער לכם פון אידען איז די געטליכע שכל ומדות וואָס דורך זיי איז וספרתם קלאָר מאַכען דעם לכם, חסד איז אהבה, חסד

ג׳ אנשים, ג׳ מגלות: דער עומר איז געשניטען געוואָרען דורך דריי מענשען און דריי מגלות (מנחות סג, ב).

באַצייכענען אַז די עבודה איז אין מדות: וואָרום עקרי המדות זיינען דריי: חסד, גבורה, תפארת. זע אויך דעם מאמר משכני אחריך פון ש״פ במדבר ה׳תש״א.

שבחסד אהבה דבכל נפשך. גבורה שבחסד פיינט האָבען כופרים ואפיקורסים, תפארת שבחסד די שיינקייט פון עבודת הבורא ב״ה. נצח שבחסד מנצח זיין דעם נה״ב ויצר הרע הוד שבחסד שטעלען זיך געגען די כופרים׳שע השפעה. יסוד שבחסד צוגעבונדענקייט צו תורה ומצות. מלכות שבחסד מרבה זיין אין אותיות שבתורה.

משכני אחריך נרוצה הביאני המלך חדריו נגילה ונשמחה בך. רש״י איז מפרש משכני (אידען זאָגען צו השי״ת) איך האָב געהערט אַ וואונק (רמז) פון דיינע שלוחים (משה ואהרן) אַז דו האָסט געזאָגט אַז דו ווילסט מיך צוציהען צו זיך האָב איך דאַן געזאָגט אחריך נרוצה, נאָך דיר וועלען מיר נאָכלויפען, הביאני המלך חדריו, אויך נאָך היינט איז ביי אונז אַ גרויסע פרייד וואָס מיר האָבען זיך באַהעפט מיט דיר, ברוך הוא, נגילה ונשמחה בך, מיר זיינען זייער אויפ־געלייגט און פרייען זיך מיט דיר. דעם פסוק זאָגט שלמה המלך ברוח הקדש אויף דעם אידישען צושטאַנד אין דעם זמן פון יציאת מצרים און די צייט ווען די אידען זיינען געגאַנגען פון מצרים דורך דעם ים־סוף און מדבר ביז דעם הר סיני און מקבל געווען די תורה, און דאָס איז דער מיין משכני, זייענדיג אין מצרים האָב איך געהערט אַ רמז פון דיינע שלוחים אהרן און משה אַז דו ב״ה ווילסט מיך צוציהען צו זיך, דאַן האָב איך געזאָגט נאָך דיר וועל איך ניט נאָר גיין נאָר לויפען, גיין קען מיינען אַ הילוך בהכרח, אַ געוויינטער גאַנג אָדער אַ שלעפּ נאָכלעסיגער גאַנג, אָבער דער אויסשפּראַך מרוצה באַדייט אַ פריוויליגער אָדער פרעליך אויפגעלייגטער לויפען און דאָס איז אחריך נרוצה מיט אַ פאַרגעניגען לויפען, וואָס אין אַזאַ אופן גיין ווערט אויסגעדריקט אַ געוויסע זיכערקייט, ווי עס איז געווען אין דעם אופן ההליכה פון מצרים ביז דעם באַרג סיני, אַז אידען זיינען געגאַנגען זיכער מיט׳ן גרעסטען מסירת נפש פון גיין אין ים און מדבר ביז זיי זיינען געקומען צום באַרג סיני נעמען די תורה, וואָס דאָס מיינט אָט דאָס וואָס ער זאָגט הביאני המלך חדריו נגילה ונשמחה בך. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס דער אָנהויב פון פסוק איז משכני לשון יחיד און נאָכדעם זאָגט ער אחריך נרוצה לשון רבים, וואָס דיביידע אויסשפּראַכען משכני אחריך נרוצה זאָגט דער פסוק לשון נוכח און דעם אויס־שפּראַך הביאני המלך חדריו זאָגט ער לשון נסתר און דעם אויסשפּראַך נגילה ונשמחה בך זאָגט ער ווידער לשון נוכח. אויך באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס אידען זאָגען איך האָב געהערט אַ וואונק פון דיינע שלוחים אַז דו ווילסט מיך צוציהען צו זיך וואָס דאָס אַלעס איז פאַראַן אין עבודה הרוחנית פון דעם מענשען, באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס זיינען די שלוחים און דער רמז פון משכני און וואָס איז דער אחריך נרוצה. דער ענין איז משכני מיינט אַ געטליכע אַנט־פּלעקונג וואָס קומט פון דעם בורא ב״ה אָהן דער הכנה און דערוועקונג פון דעם מענשען, און די געטליכע אַנטפּלעקונג פאַרמאָגט די געטליכע קראַפט וואָס ציהט צו דעם אויך גאָר איינפאַכען ערדישען מענשען צו געטליכקייט, ווי דער וואָס קויפט אַ נייעם חפץ נעמט ער דעם חפץ פון זיין פּלאַץ און שטעלט אים

איבער אויף איין אַנדער פּלאַץ, וואָס משיכה איז דער דרך הקנין פון אַ חפץ. און די געטליכע אַנטפּלעקונג צו די אידען אין מצרים איז געווען די משיכה וואָס דער בורא ב"ה האָט קונה געווען דעם עם ישראל, וואָס מיט דער משיכה האָט דער בורא ב"ה אַרויסגענומען די אידען פון די מ"ט שערי טומאה און אַנידערגעשטעלט זיי אין אַ ריינעם רוחניות'דיגען פּלאַץ, אַז אויך זייענדיג נאָך אין מצרים האָבען זיי געקענט הערען וואָס די שלוחי הבורא ב"ה, משה ואהרן, זאָגען און ניט נאָר הערען און דערהערען נאָך אויף פאַרשטיין אַ וואונק פון די שלוחי השי"ת. ווען מענשען זיינען פאַרזונקען אין שערי טומאה ר"ל ווערען זיי אַזוי פאַרגראָבט פון זייער טומאה לעבען אַז זיי באַגרייפען גאָר ניט די רייד פון שלוחי השי"ת, דער טומאה לעבען און די אכילת טריפה און חילול שבת ברענגט זיי צו כפירה גמורה בה' ובתורתו, אַז זיי זיינען ניט נאָר חוטאים נאָר אויך מחטיאי הרבים, אָבער די אידען אין מצרים וואָס דער געטליכער משכני האָט זיי אַרויסגענומען פון די מ"ט שערי טומאה האָבען געהערט די רייד פון שלוחי השי"ת און פאַרשטאַנען זייערען אַ וואונק.

קיצור. ערקלערט אַז משכני מיינט די געטליכע אַנטפּלעקונג צו די אידען אין מצרים, וואָס האָט זיי אַרויסגענומען פון מ"ט שערי טומאה. אחריך נרוצה מיינט די צייט וואָס פון יציאת מצרים ביז זיי זיינען געקומען צום באַרג סיני, דאָס ווערט אָנגערופען נרוצה, ווייל עס איז געווען אַ פריוויליגער מסירת־נפש גאַנג, הביאני המלך חדריו נגילה ונשמחה בך מיינט די צייט פון מתן תורה.

ב.

והנה, אָט די אַלע דריי ענינים פון דעם משכני, וואָס מיט דער געטליכער קראַפט גייט מען אַרויס פון מ"ט שערי טומאה און מען באַקומט אַ רוח טהרה, אַז מען באַגרייפט די רייד און מען פאַרשטייט אויך אַ רמז וואָס די שלוחי השי"ת ריידען און זיינען מרמז, דער פריוויליגער מסירת נפש גאַנג צו קבלת התורה און דער ענין פון קבלת התורה גופא, איז אָט די אַלע דריי ענינים זיינען פאַראַן אויך אין דער פערזענליכער עבודה רוחנית פון אַ מענשען. עס שטייט ונשמות אני עשיתי, דער בורא ב"ה האָט באַשאַפען צוויי ערליי נשמות, דעם נפש אלקית און דעם נפש הבהמית און האָט זיי ביידע אַריינ־געגעבען אין דעם מענשען, און דאָס איז משכני לשון יחיד, דאָס מיינט די עבודה פון נפש אלקית, און אחריך נרוצה לשון רבים מיינט די עבודה פון נפש הבהמית, דאָס הייסט אַז די ניצוצות הקדושה וואָס זיינען אין דברים הגשמים איז אויך ווען דער מענש איז זיי מברר וואָס דאַן ווערען די ניצוצות נכלל אין אחדות הבורא ב"ה, דאָס הייסט זיי (די ניצוצות המתבררים) זיינען עולה צו זייער שרש, אָבער ווייל די ניצוצות ווערען נתברר פון די דברים הגשמים וואָס זיינען רבים איז דער בירור פון די דברים הגשמים אויך לשון רבים, אָבער דער מברר, דער נפש האלקית, איז לשון יחיד. בכדי מיר זאָלען דעם ענין פאַר־שטיין, ווענלען מיר דאָס פאַרשטיין פון די כחות הנפש, הגם דער עיקר מעלה פון מענשען איז דער שכל וואָרום קלוגשאַפט און וויסענשאַפט זיינען די מעלות האדם, דאָך איז דער כח הרצון נאָך העכער פון שכל, ווייל רצון ווירקט אויף

שכל, אַז ווען דער מענש האָט דעם אמת׳ן רצון קען ער דאַן באַגרייפען די גרעסטע און טיפסטע השכלה, וואָס אַזוי איז אויך אין דעם נפש האלקית, אַז הגם דער עיקר המעלה פון נפש האלקית איז שכל אלקי, ער (דער נפש האלקית) באַגרייפט געטליכקייט, דאָך איז דער עיקר רצון וואָס דער נפש האלקית האָט צו געטליכקייט וואָס דער רצון איז אויף צוויי פאַרשידענע אופנים. עס איז פאַראַן דער רצון צו אלקות וועלכער קומט דורך שכל און איבערלעגונג, ווען ער איבערלייגט זיך אין ענינים פון געטליכקייט, ווי למשל אין דעם ענין פון השגחה פרטית ווי השי״ת פירט די וועלט, וואָס ער ווייס דעם ענין פון השגחה פרטית וואָס מיט אים אַליין האָט פאַסירט און ווי השי״ת פירט מיט אים און מיט זיין פאַמיליע, אָדער ער איבערלייגט זיך אין שכל צו באַטראַכטען דעם ענין פון בריאה יש מאין, איז דורך דעם פאַרטיפען זיך אין דער גדולת הבורא ב״ה איז פון דעם טיפען פאַרשטאַנד ווערט ביי אים אַ רצון צו געטליכקייט, וואָס דער רצון נעמט זיך פון דעם שכל׳דיגען פאַרשטאַנד און פאַרטיפונג אין געטליכקייט. עס איז באַוואוסט אַז אין דער נשמה איז פאַראַן פינף דרגות: נפש, רוח, נשמה, חי׳ ויחידה, איז דער אופן רצון קומט פון די דרגות נשמה און חי׳, אויף נשמה שטייט (איוב לב, ח) ונשמת שדי תבינם און אויף חי׳ שטייט והחכמה תחי׳. דערום איז דער אופן רצון אַ באַגרעניצטער לפי אופן דעם שכל וואָס ברענגט דעם רצון. יעדער רצון שאַפט אַ אהבה, איז די אהבה וואָס ווערט פון דעם רצון אויך אַ באַגרעניצטע, וואָס בכללות איז דער רצון אַ באַגרינדעטער אויף שכל און טיפע איבערלעגונג. עס איז פאַראַן נאָך אַ אופן רצון אין דעם נפש האלקית צו געטליכקייט וואָס איז אַ אומבאַגרעניצטער רצון, וועלכער איז העכער פון פאַרשטאַנד און אָהן קיין שום פאַרוואָס, וואָס אָט דער אופן רצון איז ניט וואָס ער קומט על פי שכל נאָר ער קומט פון נפש וואָס איז העכער פון שכל און פאַרטיפונג, וואָס דער רצון איז ניט קיין באַגרעניצטער. יעדע באַגרעניצונג קומט מצד דעם שכל וואָס איז אַליין באַגרעניצט מאַכט ער אַ הגבלה אין יעדער זאַך. דער רצון וואָס מצד הנפש איז ער ניט באַגרעניצט און ער קומט פון דער מדריגה יחידה וואָס איז פאַראייניציגט מיט יחיד ב״ה, וואָס דער אופן רצון איז נאָר אין געטליכקייט, דאָס הייסט אַז דער אופן רצון איז פאַראַן נאָר אין נפש האלקית צו געטליכקייט. און דער אופן רצון איז פאַראַן ביי יעדער אידען, וואָס יעדער איד איז זיך מוסר נפש אויף געטליכקייט, וואָס דאָס איז וואָס מיר זאָגען חבוקה ודבוקה בך, כנסת ישראל איז אַרומגעאַרעמט און איינגעשלאָסען אין דיר, טוענת עולך, זיי טראָגען דיין יאָך פון תורה ומצות, יחידה ליחדך זיי זיינען זיך מוסר נפש צו פאַראייניציגען דיך.

קיצור. ערקלערט אַז די עבודה פון נפש אלקית איז ניט נאָר דער באַשיינ־פערליכער פאַרשטאַנד אין געטליכקייט, ווי דער מענשליכער פאַר־שטאַנד אין גשמיות׳דיגע וועלטליכע זאַכען, נאָר דער עיקר איז דער רצון פון נפש אלקית צו געטליכקייט, עס איז פאַראַן דער רצון וואָס קומט פון נשמה וחי׳ וואָס דער רצון איז באַגרעניצט מיט דער הגבלה פון שכל. אַנדערש איז מיט דעם רצון וואָס קומט פון יחידה וואָס ער איז ניט באַגרעניצט און ברענגט צו מסירת נפש, וואָס דער רצון איז פאַראַן ביי יעדען איינעם.

ג.

והנה את זה לעומת זה עשה אלקים, אויך אין דעם נפש הבהמית וואס איז דער לעומת זה פונ׳ם נפש האלקית איז פאראן די צווייערליי אופנים פון רצון, דער רצון וואס קומט פון דעם פארשטאנד און איבערלעגונג אין די דברים הגשמים פון דער וועלט. דער נפש הבהמית האט אויף זיך ניט די הגדרה פון תורה ומצות, אדרבה זיין גאנצער וועזען איז דאך געגען תורה ומצות, וואס דאס איז דער מהות פון נפש הבהמית, א בהמה׳שער רצון וואס איז אין אלע הינזיכטען אין ווידערשפרוך צו דעם מהות נפש האלקית דעם געטליכען רצון, איז אויך ביי דעם נפש הבהמית פאראן א רצון וואס איז העכער פון פארשטאנד און אהן קיין פארוואס, ווי מיר זעהען במוחש ביי די מענשען וועלכע זיינען אפגעריסען ר״ל פון תורה ומצות וואס דער נפש הבהמית איז זייער פירער און פירט זיי אין צווייערליי וועגען. פאראן אזעלכע וועלכע זיינען אומבאגרע־ניצטע בעלי תאוות, זיי טוען אלץ וואס זייערע פארגרעבטע תאוות׳דיגע הער־צער געלוסטען, חוץ דעם וואס זיי האבען ניט די הגדרה פון תורה ומצות האבען זיי אויך ניט די הגדרה פון אנושית. עס איז ניטא קיין בושה אז נמשל כבהמות נדמו, אט אזוי ווי בהמות וחיות האבען קיין בושה ניט אט אזוי האבען זיי אויך קיין בושה ניט, אבער דאך איז דאס אלעס וואס די בעלי תאוות טוען איז מיט א פארוואס, דער פארוואס איז ווייל זיי זיינען בעלי תאוות און מומרים לתיאבון, ניט קיין להכעיס׳ניקעס. עס זיינען פאראן אזעלכע מענשען וואס זיינען מומרים להכעיס, וואס זיי טוען איז אלץ צוליב אויסלאכען תורה און מצות און ווידערשפעניגען דעם בורא עולם ברוך הוא, אט די רשעים בענוגענען זיך ניט וואס זיי זיינען חוטאים בכל מיני חטאים נאר זיי זיינען אויך מחטיאי הרבים, מיט דער גרעסטער העזה און חוצפא של עמלק שפאטען זיי אפ פון בורא עולם ברוך הוא, פון תורה ומצות, און אין דעם איז זייער גאנצער תענוג און דאס איז זייער שטאלץ, אט אזוי ווי מיר זעהען במוחש אין דער אייגענשאפט פון א חצוף, אז דער גאנצער שטאלץ זיינער איז וואס ער איז מעיז פנים א גדול, א עז פנים האט אויך א גרעניץ וויפיעל העזה ער פארמאגט, אז פאר א גדול מפורסם האט ער אויך אפשיין און א געוויסע מאס דרך ארץ, אבער א חצוף אין זיין העזה אהן קיין שום גרעניץ. דער חצוף וויס אז ער איז א בריאה שפלה און דער שטאלץ פון א חצוף איז זיין העזה וואס ער איז מעיז געגען דעם וואס איז א גדול מפורסם, און וואס א גרעסערער חצוף מער העזה. עס זיינען פאראן דרייערליי חצופים, פאראן א חצוף וואס זיין העזה וחוצפה איז אין ריידען, ער לאכט פון דעם בורא ב״ה מיט דער גרעסטער חוצפה, ער שפאט אפ פון תורה ומצות, א הפקר יונג, פאראן א חצוף וועלכער באנוגענט זיך ניט מיט דער חוצפה פון ריידען על ה׳ ועל תורתו, ער איז א חצוף וואס בייסט זיך, ער איז אזא חוצפה׳ניק וואס מאכט פון תורה ומצות אט דאס וואס ער וויל, ער איז אזא חצוף וואס ער איז מכריח שומרי תורה ומצות זאלען אויס־טייטשען די תורה מיט זיין חוצפה׳דיגער העזה. עס איז פאראן א חצוף וואס לייקענט אפ דעם גאנצען ענין פון אמונת הבורא און שמירת התורה והמצות און ער זאגט אז זיין דיעה און יושר זיינען העכער — להבדיל בין טומאה לטהרה

— פון תורה ומצות, וואָס אָט די דרייערליי חצופים קעגען דעם בורא ב״ה און תורה ומצות רופט דוד המלך אָן מיט די נעמען כלב, ארי׳ וראם. דעם רעדענדיגען חצוף רופט דוד המלך כלב, ווי עס שטייט מכלב יחידתי. די אייגענשאַפט פון אַ כלב איז צו בילען. ער בילט אפילו אויף דער לבנה. דעם תורה חצוף רופט דוד המלך ארי׳ ווי עס שטייט הושיעני מפי ארי׳. דעם דריטען חצוף וועלכער איז ביי זיך אַזוי שטאָלץ מיט זיין התנגדות אויפ׳ן בורא ב״ה און תורה ומצות רופט דוד המלך ראם. וואָס די דרייערליי רשעים ווערען געפירט פון דעם נפש הבהמית, וואָס השי״ת האָט געגעבען אַ געטליכע קראַפט אין דעם נפש האלקית, אַז ער האָט בכח אַרויסנעמען און מציל זיין די אַלע וועלכע ווערען פאַרשלעפט און בעאיינפלוסט פון די דרייערליי חצופים רשעים. און דאָס מיינט משכני פון דעם נפש האלקית קראַפט וואָס קומט פון יחידה אַז אחריך נרוצה, נאָך השי״ת און תורה ומצות נרוצה וועלען מיר לויפען לשון רבים. דער משכני איז דוחה די דרייערליי חצופים איינפלוס, און דאָס איז דורך קבלת התורה וואָס איז איינגעטיילט אין צווייערליי סוגי בני אדם, יודעי תורה בנגלה ובנסתר וואָס מיינט הביאני המלך חדריו, און די צווייטע זיינען פשוטע אידען וועלכע דאַווענען, זאָגען תהלים און הערען ווי מען לערענט, וואָס דאָס מיינט נגילה ונשמחה בך, זיי פרייען זיך מיט די כ״ב אותיות התורה ווי עס שטייט אין מדרש. וואָס דורך קבלת התורה און קיום המצות ווערט מען ניצול פון די חצופים און מען איז זוכה צום נפש האלקית, משכני, אויף צו פאַרשטיין דעם רמז פון שלוחי הבורא ברוך הוא. זיין שטאַרק אין אמונה און לימוד התורה און אין קיום מצות מעשיות בתמימות.

קיצור. ערקלערט אַז דער נפש הבהמית איז דער לעומת זה פון נפש האלקית און האָט אויך צווייערליי רצונות, בעלי תאוה׳ניקעס וועלכע האָבען ניט קיין בושה, אָט אַזוי ווי בהמות, וואָס זיינען מומרים לתיאבון, אַנדערש איז מיט די רשעים מומרים להכעיס וואָס זיינען דרייערליי חצופים וועלכע דוד המלך רופט זיי אָן מיט דרייערליי נעמען. פאַראַן חצופים וואָס לאַכען אָפּ פון אידישקייט און רעדען על ה׳ ועל תורתו ומצותיו, זיי רופט דוד המלך מיט׳ן נאָמען כלב. חצופים וועלכע טייטשען אויס תורה און מצות ווי זיי ווילען, זיי רופט דוד המלך מיט דעם נאָמען ארי׳. חצופים וואָס האַלטען זיך העכער פאַר תורה ומצות זיי רופט דוד המלך מיט דעם נאָמען ראם. דורך לימוד התורה און זאָגען אותיות התורה ווערט מען ניצול פון אַלע חצופים, און דאָס שטאַרקט די אמונה און קיום התורה ומעשה המצות.

מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל. אהל מיינט דער צודעק פון אַ געצעלט און משכן מיינט דער רוה פלאַץ, דער אינוועניג פון דעם געצעלט, ווי גוט עס זיינען דיינע געצעלטען יעקב און דיינע רוהונגען ישראל. די גמרא (ברכות יג, א) זאָגט דער וואָס רופט אברהם׳ן אברם איז עובר אויף דעם צוזאָג ולא

יקרא עוד שמך אברם, מען וועט ניט רופען מער דיין נאָמען אברם, פרעגט די גמרא אויב אַזוי איז דער וואָס רופט יעקב׳ן מיט׳ן נאָמען יעקב ניט ישראל זאָל אויך עובר זיין אויף דעם צוזאָג פון לא יקרא שמך עוד יעקב, ענטפערט די גמרא אז אין דעם נאָמען יעקב איז אַנדערש ווי אין דעם נאָמען אברם, ווייל אַז השי״ת האָט געגעבען אברמ׳ן דעם נאָמען אברהם, איז פון דאַן אָן ווערט אין דער תורה אָנגערופען נאָר דער נאָמען אברהם. אַנדערש איז אָבער מיט דעם נאָמען יעקב, אַז נאָכדעם ווי השי״ת האָט געגעבען יעקב׳ן דעם נאָמען ישראל ווערט אויך דער נאָמען יעקב אָנגערופען אין דער תורה, דאָס הייסט אַז דער נאָמען אברהם האָט אינגאַנצען פאַרביטען דעם נאָמען אברם און דער נאָמען אברם ווערט שוין מער ניט דערמאָנט אין דער תורה, און דער וואָס רופט אברהם׳ן אברם איז עובר אויף אַ לאו, אַנדערש איז אָבער מיט דעם נאָמען יעקב, אַז נאָכדעם ווי השי״ת האָט אים געגעבען דעם נאָמען ישראל ווערט אויך מערערע מאָל דערמאָנט דער נאָמען יעקב אין דער תורה. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער אונטערשייד פון דעם נאָמען אברם און דעם נאָמען יעקב, ביי ביידען, הן ביי דעם נאָמען אברם און הן ביי דעם נאָמען יעקב שטייט אין פסוק ולא יקרא עוד שמך וגו׳ איז וואָס איז דער חילוק צווישען די ביידע נעמען. אויך באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער אונטערשייד צווישען דעם נאָמען אברהם און דעם נאָמען ישראל, אַז מען מוז רופען נאָר מיט דעם נאָמען אברהם אָבער דער נאָמען ישראל איז ניט בדוקא, מען קען רופען מיט׳ן נאָמען ישראל און מען קען רופען מיט׳ן נאָמען יעקב. וואָס באמת איז דער ענין נעמען זייער אַ גרויסע זאַך, ווייל דורך דעם נאָמען איז דער מענש מקבל זיין חיות, דערום ווער עס איז לא עלינו אַ חולה מסוכן גיט מען אים צו אַ נאָמען, ווייל די אותיות פון דעם נאָמען זיינען כלים צו דעם חיות. דאָס איז נאָר די נעמען וואָס זיינען על פי תורה בלשון הקדש, ווי עס שטייט אין של״ה הקדוש אַז פאַר וואָס האָט אדם הראשון געוואוסט צו געבען נעמען, ווייל ער האָט געזען וואָס פאַר אַ נעמען זיינען אין דער מרכבה העליונה וואָס פון דאָרט קומט דער געטליכער חיות צו אַלע באַשעפענישען, איז אַזעלכע נעמען האָט ער זיי געגעבען. די גמרא (יומא דף פ״ג) זאָגט ר׳ מאיר מדייק בשמא, ער האָט דערקענט דעם מהות פון דעם מענשען דורך זיין נאָמען, ווייל דער נאָמען איז זייער אַ גרויסע זאַך, איז דאָך זיכער פאַראַן אַ אונטערשייד צווישען דעם נאָמען יעקב און דעם נאָמען ישראל, איז כשם ווי דער נאָמען אברהם איז אַ מעלה לגבי דעם נאָמען אברם, אָט אַזוי איז דער נאָמען ישראל אַ מעלה אויף דעם נאָמען יעקב, ווי דער מלאך זאָגט בפירוש כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל, איז פאַרוואָס איז געבליבען אויך דער נאָמען יעקב. אויך באַדאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס ביי דעם נאָמען יעקב זאָגט ער אהליך און ביי דעם נאָמען ישראל זאָגט ער משכנותיך.

קיצור. פרעגט וואָס איז דער אונטערשייד צווישען די נעמען אברם און יעקב אַז דוקא דער וואָס רופט אברהם׳ן אברם איז עובר אויף דעם צוזאָג ולא יקרא, וואָס איז די מעלה אין דעם נאָמען אברהם לגבי ישראל. ערקלערט די וויכטיגקייט פון דעם לשון הקדש נאָמען וואָס ברענגט דעם געטליכען לעבען.

ב.

והנה דער אונטערשייד צווישען דעם נאָמען אברהם און דעם נאָמען ישראל איז וואָס דער נאָמען אברהם איז א שם החילוף און דער נאָמען ישראל איז אַ שם המעלה. דער חילוק פון שם החילוף ביז שם המעלה איז, וואָס דער שם החילוף איז ניט מער ניט וואָס ער איז אַ שם המעלה, נאָר ער פאַרבייט דעם פריערדיגען נאָמען, אַז דער פריערדיגער נאָמען איז שוין מער ניט פאַראַן, און שם המעלה פאַרבייט ניט דעם פריערדיגען נאָמען. ער, דער נייער נאָמען, איז אַ שם המעלה וואָס איז העכער פון דעם פריערדיגען נאָמען אָבער ניט אַז ער פאַרבייט אים. דער נאָמען ישראל איז אַ שם המעלה לגבי דעם נאָמען יעקב, אָבער ער פאַרבייט ניט דעם נאָמען יעקב. פאַרשטיין דעם ענין אין עבודה בנפש האדם. די אַלע פיר נעמען אברם און אברהם, יעקב און ישראל, זיינען פיר פאַרשידענע דרגות אין עבודה. די ערשטע דרגא איז אברם און נאָכדעם קומט די דרגא פון אברהם. אברהם אבינו האָט אָנגעהויבען זיין עבודה בעבודת הבורא מיט זיך אַליין, ער האָט געזוכט צו געפינען אין דעם צווייטען די מעלות וואָס יענער האָט און האָט זיך אָפּגעגעבען אויף צו פאַרשטיין געטליכקייט און האָט געטאָן נאָר גוטעס פאַר דער מענשהייט, געטיילט צדקה און אַלעמען געהאָלפען, ער האָט זיך אַזוי הויך געבראַכט ביז ער איז געוואָרען דער ווירט פון זיין קערפּער אַז זיינע אברים זיינען געווען אויסגעאיידעלט. עס זיינען פאַראַן פינף אברים וואָס דער מענש קען זיי שווער באַזיגען. אַז אברהם האָט זיך אליין אויסגעאיידעלט אין די רמ״ג אברים וואָס דאָס מיינט דעם נאָמען אברם האָט מען אים געגעבען די קראַפט אַז ער זאָל קענען באַזיגען אויך די פינף אברים, וואָס עס מיינט דער נאָמען אברהם רמ״ח, אַז אלע זיינע רמ״ח אברים און פינף חושים זיינען געווען איבערגעגעבען צו עבודת הבורא ב״ה ווי דער מדרש (מד״ר בראשית פמ״ז) זאָגט האבות הן הן המרכבה, אַזוי ווי אַ רייטוואָגען איז דאָך צוליב דעם רייטער אָט אַזוי איז די אבות הקדושים זיינען מרכבות צו געטליכקייט, און דאָס איז דער מיין פון די צוויי נעמען אברם און אברהם. אברם איז דער נאָמען פון דער עבודה וואָס דער מענש קען אויפטאָן מיט דער מענשליכער קראַפט, דער מענש באַדאַרף פיעל האָרעווען אָבער דאָך קען ער דאָס דערגרייכען, און דאַן גיט אים השי״ת די געטליכע קראַפט צו באַזיגען אויך די פינף אברים אַז זיי זאָלען אויך זיין איבערגעגעבען נאָר לעבודת הבורא ב״ה, דאָס הייסט אַז די עבודה פון אברהם פאַרבייט די עבודה פון אברם. ער איז מיט זיין עבודה צוגעקומען צו אַזאַ הויכער דרגא וואָס די פריער־דיגע דרגא איז פאַרשוואונדען, אָבער אין די דרגות פון עבודת הבורא וואָס ווערט געמיינט מיט די נעמען יעקב און ישראל איז דער נאָמען ישראל מער ניט ווי אַ מעלה נאָמען, ניט וואָס ער פאַרבייט דעם נאָמען יעקב, יעקב און ישראל זיינען צוויי פאַרשידענע דרגות אין עבודת הבורא ב״ה, די עבודה פון יעקב איז עבודת עבד ווי עס שטייט שמע אלי יעקב עבדי, וואָס די עבודה פון אַ קנעכט איז אין דברים פשוטים און מצד מורא. די עבודה פון ישראל איז עבודת הבן ווי עס שטייט בני בכורי ישראל, וואָס די עבודה

פינף אברים: זע נדרים לב, ב.

פון בן איז מצד ההכרה אין גדולת הוי׳, וואס די עבודה פון בן איז א מעלה לגבי דער עבודה פון עבד. אבער עס פארבייט ניט די עבודה פון עבד. און דאס איז מה טובו אהליך יעקב, אהל איז מקיף, די מורא וואס ברענגט די עבודה פון יעקב, משכנותיך ישראל, אבער די עבודה פון בן איז ניט מצד המקיף נאר א פנימית.

קיצור. ערקלערט די פיר נעמען אין עבודת הבורא, אברם איז די עבודה וואס מען קען אויפטאן מיט מענשליכע קרעפטען, אברהם איז די געטליכע קראפט צו ברענגען אלע אברים און פינף חושים לעבודת הבורא. אברהם פארבייט אברם, יעקב איז עבודת עבד, ישראל עבודת בן, אהל איז מקיף, משכן איז פנימי.

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם. טרייסט טרייסט מיין פאלק טוט זאגען גאט. באדארף מען פארשטיין וואס איז דער מיין פון דעם וואס ער זאגט נחמו נחמו צוויי מאל, א צווייענדיגער טרייסט. רש״י ז״ל זאגט דעם פירוש פון דעם צווייענדיגען טרייסט, נחמו אתם נביאי נחמו את עמי, טרייסט איר מיינע נביאים, טרייסט מיין פאלק, וואס נאך דעם נאך איז די נבואה רייד געזאגט געווארען צו די נביאים אז זיי די נביאים זאלען טרייסטען די אידען, ווי ער זאגט אין מצודות דוד אלקיכם יאמר אל הנביאים נחמו את עמי, ג־ט ב״ה וועט זאגען צו די נביאים טרייסט מיין פאלק. דער רד״ק זאגט כל אלה הנחמות עתידה לימות המשיח, די אלע טרייסטען איז דאס אין משיח׳ס צייטען. באדארף מען פארשטיין וואס איז אנדערש די נבואת הנחמה פון אלע נבואות וואס גאט ב״ה רעדט צו די נביאים און טרייסט זיי אז זיי זאלען טרייסטען די אידען. באמת איז דאך די נבואה אליין די אויפריכטיגע נחמה, וואס דאס אליין איז די גרעסטע טרייסט, וואס אין אנדערע נבואה רייד וואס גאט ב״ה רעדט צו די נביאים און הייסט די נביאים אז זיי זאלען איבערגעבען די נבואה, גאט ב״ה׳ס רייד, צו די אידען איז על פי רוב שטייט אז אזוי האט גאט ב״ה געזאגט און נאך דעם שטייט וואס די נבואה איז, אבער אין דער נחמה נבואה שטייט ניט קיין כה אמר ה׳ נאר דער ערשטער נחמו איז א געטליכע טרייסט וואס השי״ת טרייסט זיך פאר די נביאים און דער צווייטער נחמו אז די נביאים זאלען טרייסטען די אידען, וואס פון דעם אלעמען איז געדרונגען אז עס איז פאראן א נחמה וואס איז נאך העכער ווי די נבואה, באדארף מען פארשטיין וואס איז די נחמה וואס זי איז העכער פאר דער נבואת הנחמה. אויך באדארף מען פארשטיין וואס איז די נחמה וואס השי״ת זאגט אז מען זאל כביכול אים ב״ה טרייסטען, ווי ער זאגט אין פסיקתא אז דער קעניג וואס מען פאנגט זיינע קינדער, דאס מיינט מען דעם גלות ישראל, אדער מען פארברענט זיין פאלאץ, דאס מיינט מען דעם חורבן בית המקדש, דארף מען דאך טרייסטען דעם קעניג אויף דער געפאנ־גענשאפט פון זיינע קינדער און אויף דעם פארלוסט פון זיין פאלאץ, אט אזוי דארף מען טרייסטען השי״ת אויף דעם חורבן און אויף דעם גלות וואס די אידען זיינען פארטריבען און צושפרייט אין ארבע פינות העולם, ווי די גמרא זאגט (ברכות ג, ע״א) ווי איז דעם פאטער וואס פארטרייבט זיינע קינדער

און ווי איז די קינדער וואָס ווערען פאַרטריבען פון דעם פאָטער'ס טיש. עס איז בייביידען, סיי ביים פאָטער און סיי ביי די קינדער, אַ צווייענדיגער צער. דער צער פון דעם פאָטער וואָס ער האָט ניט די קינדער אין זיין גוטער היים וואָס ער האָט פאַר זיי געמאַכט, און נאָך גרעסער איז זיין צער אַז צוליב דער שלעכטער פירונג פון די קינדער האָט ער זיי פאַרטריבען פון זייער גוטער היים און פון גרויס פאַרביטערקייט האָט דער געטרייער פאָטער חרוב געמאַכט די היימען פון זיינע קינדער, אויך דעם פאַלאַץ וואָס דער קעניג האָט געלאָזט ספּעציעל בויען ער זאָל זיך דאָרט צוזאַמענקומען מיט די קינדער, האָט דער קעניג אויך געהייסען חרוב מאַכען. און דער צווייענדיגער צער פון די פאַרטריבענע קינדער, ערשטענס פון דעם וואָס זיי זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען הגם אפילו נאָר צייטווייליג, פון זייערע היימען און האָבען געליטען גרויסע נפשות פאַרלוסטען. צווייטענס דער גרויסער צער פון דעם נע ונד לעבען אין די גלות מדינות, וואו אומעטום זיינען זיי איבעריג און געשענדעט, ערגעץ זיינען זיי ניט זיכער מיט'ן לעבען, ווי עס ווערט געזאָגט אין די ביטערע תוכחות וואָס ווערען איצטער אין די חבלי משיח צייט מקויים, ביז אידען וועלען תשובה טאָן ווי עס שטייט ושבת עד ה' אלקיך און ווי דער רמב"ם זאָגט (הלכות תשובה פרק ז' הלכה ה) אין ישראל נגאלין אלא בתשובה.

קיצור. וואָס איז דער מיין וואָס ער זאָגט צווי מאָל נחמו. רש"י זאָגט השי"ת טרייסט די נביאים אַז זיי זאָלען טרייסטען די אידען פרעגט ער פאַר־וואָס איז די נבואת הנחמה וואָס גייט אויף דער משיח צייט אַנדערש ווי אַלע נבואות. אין פסיקתא שטייט אַז השי"ת זאָגט טרייסט מיך, דער צווייענדיגער צער פון הקב"ה און פון די אידען.

ב.

והנה אין מדרש שטייט נחמו נחמו פאַרוואָס צווי מאָל, רבי זאָגט ווייל אַלע שטראָפען וואָס אידען זיינען געשטראָפט געוואָרען זיינען געווען צוויי־ענדיגע, ווי דער נביא ירמיהו זאָגט מיט דעם אויסשפּראַך, שבר על שבר אַ בראָך אויף אַ בראָך, בכה תבכה, עיני עיני יורדה מים, חטא חטאה ירושלים, און ווייל זייער זינד איז אַ צווייענדיגע איז אויך זייער שטראָף אַ צווייענדיגע און ווייל די געבאָטען, מצות פון השי"ת, זיינען צווייענדיגע איז די טרייסט אויך אַ צוויי־ענדיגע וואָס דערום שטייט נחמו נחמו צווי מאָל, באַדאַרף מען פאַרשטיין פאַר־וואָס רעכענט מען דעם עונש און די נחמה אַ צווייענדיגע אַז דער חטא איז אַ צווייענדיגער איז דאָך דער עונש און די נחמה אַ איינציגע, דאָס הייסט פאַר יעדער חטא אַ שטראָף און פאַר יעדער שטראָף אַז מען טוט תשובה גיט השי"ת אַ נחמה, איז פאַרוואָס שטייט נחמו נחמו צווי מאָל. אויך באַדאַרף מען פאַר־שטיין וואָס איז דער מיין אין מצות כפולות, צווייענדיגע מצות. אין מדרש אויף דעם פסוק חטא חטאה ירושלים, אַ צווייענדיגע זינד, ווי עס שטייט (ירמי' ב. יג) כי שתים רעות עשה עמי אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב

והנה אין מדרש: ילקוט שמעוני רמז תתריח.
אויף דעם פסוק: ילקוט שמעוני שם.

להם בארות נשברים אשר לא יכילו המים, צוויי שלעכטע זאַכען, זאָגט השי״ת, האָט מיין פאָלק געטאָן, מיך דעם מקור פון לעבעדיגע וואַסער טוען זיי פארלאָזען און פאַרבייטען אויף צובראָכענע ברונעמער וואָס קענען ניט איינ־האַלטען די וואַסער וואָס מען גיסט אין זיי אַן. פאַר אַזאַ פאַרדאַרבענע עולה מוז די וועלט חרוב ווערען וואָס אויף דעם זאָגט ער שמו שמים אַז ניט נאָר די ערד נאָר אויך דער הימעל מוז חלילה פאַרוויסט ווערען ווייל אַזאַ שלעכטע פירונג איז געגען דער געטליכער כוונה אין דער וועלט באַשאַפונג. השי״ת האָט באַשאַפען די וועלט און לאָזט אַראָפּ די הייליגע נשמה אין דעם בלוט און פלייש קערפּער אין דער ערדישער וועלט, אַז דער איד זאָל דורך זיין תורה ועבודה אויסאיידלען די גראָבקייט פון דער חומריות׳דיגער וועלט, וואָס דאָס איז דאָך דער טעם וואָס מצות זיינען אָנגעטאָן אין דברים הגשמי׳. אויף יעדער זאַך וואָס מען עסט און טרינקט מוז מען מאַכען אַ ברכה. אויף דער טיר פון דער וואוינונג מוז זיין אַ מזוזה, באָרד און פיאות זיינען אַ סימן צו דערקענען אַ אידישען פרצוף פנים, ציצית איז צו דערקענען דעם אידען אין זיינע קליידער וואָס אין דעם אַלעם און אין אַלע מצות איז פאַראַן אַ צווייענדיגע באַדייטונג, וואָס איידעלט אויס דעם מענשען, אַז ניט אַלץ מעג מען עסען, ניט מיט אַלעמען קען מען זיך חבר׳ן און ניט אומעטום קען מען גייען, אויך מיט דעם מאַכט מען איידעל די וועלט אַז מען פיהלט די געטליכקייט אין דער וועלט. וואָס באמת איז יעדער איד מחוייב צו פאַרשטיין געטליכקייט, ווי עס שטייט וידעת היום והשבות אל לבבך כי הוי׳ הוא האלקים. אלקים איז בגימט׳ הטבע׳ דאָס וואָס מענשען רופען נאַטור, דאַרף יעדער איד וויסען אַז הוי׳ הוא אלקים אַז אויך נאַטור איז געטליכקייט וואָס איז אומפאַרשטענדליך ווי עס שטייט החקר אלקה תמצא, נאָר ווייל דער מענש ווערט צו דעם געוואוינט לייגט ער ניט קיין אַכט אויף דעם, אָבער דער מענש דאַרף וועלען און קען פאַרשטיין געטליכקייט, ווי עס שטייט ומבשרי אחזה אלקה, אַ מענש איז פון קערפּער און נפש פאַרשטייט ער די געטליכקייט וואָס איז אין דער גאַנצער באַשעפעניש, און דאָס איז דער מיין אין מצות כפולות׳ במילא אַז מען איז ניט מקיים די מצות איז חטאו בכפלים, עס פעלט די איידעלקייט אין דעם מענשען און אין דער וועלט, במילא איז לקו בכפלים, דאָס אַליין וואָס עס פעלט די ביידע זאַכען, דאָס אַליין איז דער עונש, אָבער ווען מען טוט תשובה איז נחמו נחמו׳ אַ נחמה למעלה און אַ נחמה למטה און די נחמה אמיתית וועט זיין אין ביאת המשיח בקרוב.

קיצור. ער פרעגט אויב חטא בכפלים דאַן איז לקה בכפלים און דורך תשובה נחמה בכפלים אויך מער ניט ווי איינע. ערקלערט וואָס מיינט מצות כפולות, וואָס איידעלט אויס דעם מענשען און די וועלט אַז מען הערט און מען פאַרשטייט די געטליכקייט אין דער וועלט. משיח איז די אמת׳ע נחמה.

ז אָ ג ט ע ר : פאַר דעם פסוק כי שתים רעות גו׳.

ו מ ב ש ר י א ח ז ה : זע דעם מאמר הנוטע אוזן (פיידזש 29).

אני לדודי ודודי לי הרועה בשושנים. דודי איז השי״ת, אני איז כנסת ישראל, זאָגט כנסת ישראל אני לדודי, איך בין נאָר להשי״ת ודודי לי און השי״ת איז נאָר צו מיר, ווי פריער (ב. טז) שטייט דודי לי ואני לו הרועה בשושנים, זאָגט רש״י דודי לי אַז אַלץ וואָס השי״ת האָט געוואָלט האָט ער אַלץ ב״ה צו מיר געהייסען, דעם קרבן פסח, הייליגען בכורים, בויען דעם משכן, ברענגען קרבנות, אַלץ מאָנט השי״ת ביי כנסת ישראל און מאָנט ניט ביי איין אַנדער אומה, ואני לו, און אַלע באַדערפענישען וואָס כנסת ישראל באַדאַרף מאָנט זי נאָר ביי השי״ת ניט ביי איין אַנדערען. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער חידוש דבר אין דעם פסוק אני לדודי ודודי לי אויף דעם פריערדיגען פסוק דודי לי ואני לו, דער אינהאַלט פון די ביידע פסוקים איז דאָך דער זעלבער און ביידע פסוקים איז דער סיום הרועה בשושנים, זאָגט ער אין מדרש ששונים הלכות, איז וואָס איז דער חידוש דבר אין דעם פסוק אני לדודי ודודי לי אויף דעם פסוק דודי לי ואני לו. נאָר דער ענין איז, אין עבודת הבורא ב״ה זיינען פאַראַן צוויי אופני עבודה, איינער איז די עבודה פון צדיקים און דער צווייטער די עבודה פון בעלי תשובה, און דאָס איז דער חילוק צווישען די צוויי פסוקים, דודי לי ואני לו גייט אויף דער עבודה פון צדיקים וואָס די צדיקים ווייסען און זיינען מקיים אַלץ וואָס השי״ת מאָנט ביי דער כנסת ישראל, הן מצות עשה, הן מצות לא תעשה און לימוד התורה אויך הנהגות ישרות אין מדות טובות על פי התורה, און דערפאַר איז ביי צדיקים ואני לו אַז אַלץ וואָס זיי באַדאַרפען מאָנען זיי ביי השי״ת אַז ער זאָל זיי געבען וואָס זיי באַדאַרפען אָן אַ התעסקות מצדם, וואָס דאָס איז דער אונטערשייד פון לחם מן הארץ צו דעם מן וואָס איז לחם מן השמים, דער לחם מן הארץ באַדאַרף האָבען עבודה און יגיעה חרישה זריעה קצירה און טחינה, אָבער לחם מן השמים דאַרף קיין יגיעה ניט האָבען. בעלי עסקים איז זייערע הצטרכות איז לחם מן הארץ דורך עבודה ויגיעה, אָבער יושבי אהל וועלכע זיינען עוסק בתורה און צדיקים וועלכע זיינען עוסק בתורה ועבודה, זייערע הצטרכות איז לחם מן השמים אָהן קיין שום התעסקות פון זיי אַליין, וכמעשה הידוע מהרה״צ הקדוש ר׳ זוסיא מאניפאָליע ווען ער איז געקומען פון מעזריטש. דעם משך הזמן וואָס ער איז געזעסען אין מעזריטש האָבען זיך זיינע בני בית מתפרנס געווען פון די ביסעל מעל און ירקות וואָס ער האָט זיי איבערגעלאָזען איידער ער איז אַוועק. קומענדיג האָט ער געטראָפען זיינע בית הונגערען, איז הרה״צ הק׳ ר׳ זוסיא אַוועק מחוץ לעיר און האָט תפלה געטאָן: רבש״ע זוסיא מיט זיינע בני בית ווילען עסען, גייענדיג פון פעלד האָט הרה״צ הק׳ ר׳ זוסיא דערזען אָן דער זייט פון וועג איין אָפענע גרוב און דאָרטען ליגען מטבעות, האָט ער עטליכע גענומען און די איבעריגע געלאָזען, פאַרשאָטען די גרוב, געקויפט מעל און ירקות אויף אַ משך זמן און ווייטער זיך איבערגעגעבען לעבודתו הקדושה בעבודת הבורא ב״ה. און דאָס איז דער מיין פון דעם פסוק דודי לי דער רצון הבורא ב״ה וואָס נתאווה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים, דער רצון השי״ת איז אַז מען זאָל דורך דער עבודה פון תורה ומצות מאַכען כביכול פאַר אים ית׳ אַ דירה אין

אני לדודי: זע אויך דעם ערשטען מאמר אני לדודי (פיידזש 74).

דער גשמיות׳דיגער וועלט, ווי דער רבי זאָגט (אין תניא פּרק ל״ו) אַט אַזוי איז אַרויפגעגאַנגען אין זיין הייליגען רצון יתברך׳ אַז עס זאָל זיין אַ נחת רוח פאַר אים ית׳, ווען מען בויגט איין די סטרא אחרא און מען מאַכט פון דער פינ־סטערניש ליכטיגקייט, אַז עס זאָל לייכטען דער אור ה׳ אין סוף ב״ה אין דעם אָרט פון פינסטערניש און סטרא אחרא פון דעם גאַנצען עולם הזה נאָך מער ווי דער אור ה׳ וואָס לייכט אין די עולמות עליונים, און דערפאַר איז ואני לו, וואָס די הצטרכות פון די צדיקים וועלכע זיינען זיך עוסק בתורה ועבודת הבורא איז לחם מן השמים אָן זייער עבודה. די צווייטע עבודה אין עבודת הבורא איז די עבודה פון בעלי תשובה, וואָס דאָס איז דער מיין פון דעם פּסוק אני לדודי ודודי לי וואָס די עבודה איז וואָס דער מענש באַדאַרף דערוועקען אין זיך אַ תשובה תנועה, און דאָס איז אני לדודי ודודי לי ר״ת אלול, ווייל דער חודש אלול איז דער חודש פון חשבון הנפש וואָס יעדער איינער באַדאַרף זיך גוט באַרעכענען אין זיין מעמד ומצב רוחני, און טאָן תשובה על העבר וקבלה טובה על להבא.

קיצור. כנסת ישראל איז נאָר להשי״ת און השי״ת איז נאָר לכנסת ישראל. פרעגט וואָס איז דער מיין פון דעם דרוש אויף דעם פּסוק דודי לי ואני לו, ערקלערט אַז אין עבודת הבורא זיינען פאַראַן צוויי ערליי אופני עבודה, איינע איז די עבודת הצדיקים וואָס זיינען זיך עוסק בתורה ועבודה וואָס דאָס איז דודי לי, און דערום ואני לו אַז דער מילוי הצטרכותם איז לחם מן השמים, המעשה עם הרה״צ הקדוש ר׳ זוסיא נ״ע, דער תכלית הבריאה איז אַז עוה״ז זאָל זיין אַ דירה לו י״ת דורך תורה ועבודה.

ב.

והנה פאַרשטיין קלערער דעם ענין. עס שטייט (תהלים כ״ה, ח׳) טוב וישר הוי׳ על כן יורה חטאים בדרך, זאָגט ער אין מדרש פאַרוואָס איז השי״ת כביכול טוב (גוט) ווייל ער איז ישר (גלייך), און פאַרוואָס איז ער ישר, ווייל ער איז טוב. דוד המלך גיט צו פאַרשטיין דעם יתרון המעלה פון די הימעל מדות אויף מדות בני אדם. אין מדות בני אדם זיינען טוב און ישר צוויי באַזונ־דערע מדות. עס איז פאַראַן די מדה פון ישר און די מדה פון טוב. מדת הישר איז גבורה, ווייל די מדה מאָנט בכל תוקף עוז אַז מען זאָל זיין נאָר ווי מען באַדאַרף צו זיין און אויב ניט באַדאַרף מען שטראָפען, און די שטראָף באַדאַרף זיין אַ שטאַרקע ווי מדת הישר פאַרשטייט. אָבער אין די הימעל מדות זיינען מדות טוב וישר אויסגעבונדען, טוב איז איבערפולט מיט ישר און ישר איז אָנגע־פילט מיט טוב, און חוץ דעם איז דער הימעל טוב וישר יעדער אַליין אויך גאָר אַנדערש פון דעם טוב וישר למטה. אין פסיקתא ווי אויך אין ירושלמי (מכות פרק ב׳, הלכה ו׳) שטייט, מען האָט געפרעגט ביי חכמה וואָס זאָל זיין דער שטראָף פון אַ זינדיגען, האָט חכמה געזאָגט אַז די זינדיגע זאָלען פאַר־יאָגט ווערען פון דער וועלט, האָט מען געפרעגט ביי נבואה וואָס זאָל זיין דער שטראָף פון אַ זינדיגען, האָט נבואה געזאָגט אַ זינדיגער באַדאַרף שטאַרבען,

פ ס י ק ת א : זע פסיקתא דר׳ כהנא פיסקא כה. יל״ש ח״ב רמז שנת, תשב.

מען האָט געפרעגט ביי תורה וואָס זאָל זיין דער שטראָף פון אַ זינדיגען, האָט תורה געזאָגט זאָל דער זינדיגער ברענגען אַ קרבן אשם וועט אים זיין זינד פאַרגעבען ווערען. מען האָט געפרעגט ביי הקב"ה וואָס זאָל זיין די שטראָף פון אַ זינדיגען האָט השי"ת געזאָגט זאָל דער זינדיגער תשובה טאָן וועט אים די זינד פאַרגעבען ווערען. די פיר דיעות אין וואָס זאָל זיין די שטראָף פון אַ זינדיגען, זיינען די צוויי דיעות פון חכמה און נבואה אַזעלכע וואָס נאָר מדת ישר איז מחייב, און ביידע חכמה און נבואה זיינען מעין מדות בני אדם, וואָס ישר איז ניט טוב, אָבער די צוויי דיעות פון תורה און הקב"ה זיינען הימעל מדות, אַז טוב איז ישר און ישר איז טוב, ובדרך פרט איז די עצה פון תורה ישר, וואָס אשם איז אפילו מכפר ניט נאָר אויף שגגות נאָר אויך אויף מזיד, אָבער די כפרה איז דאָך נור דורך אַ קרבן, און ניט אויף אַלע מזיד איז דאָ און העלפט אַ קרבן. און אַן אַ קרבן איז ע"פ התורה ניטאָ קיין עצה. איז דאָך אין דער שטראָף פון זדונות אָן אַ קרבן די דיעה פון תורה אָט אַזוי ווי די דיעה פון נבואה און חכמה. אָבער די עצה פון הקב"ה איז טוב, ווייל תשובה איז מכפר אויך אויף זדונות. עס שטייט (תהלים קלט) אחור וקדם צרתני וגו', זאָגען די רז"ל, אַז דעם מענשען האָט השי"ת באַשאַפען אין זעקס־טען טאָג שוין נאָכדעם ווי דער בורא ב"ה האָט באַשאַפען די גאַנצע בריאה. און דאָס איז דער טייטש אחור למעשה בראשית וקדם למעשה בראשית, אַז דער תכלית פון בריאת העולם איז דער מענש וואָס ער קען און באַדאַרף דורכפירען די כוונה העליונה אין בריאת העולם, אַז דער מענש לערענט תורה און איז מקיים מצות און פירט זיך במדות טובות בין אדם לחברו דאַן מאַכט ער ליכטיגער און איידעלער די וועלט, אָבער אַז דער מענש לערנט ניט קיין תורה, היט ניט קיין מצות מעשיות און האָט ניט קיין מדות טובות איז אפילו אַ פליג חשוב'ער פון אַזאַ מענשען, און אַז מען לערנט ניט קיין תורה קען מען לייכט דורכפאַלען אין אַ סך עבירות, הן אין מצות עשה וואָס מען טוט ניט אָט דאָס וואָס מען באַדאַרף יאָ טאָן און הן אין מצות לא תעשה אַז מען טוט דאָס וואָס מען טאָר ניט טאָן, וואָס דאָס טוט דער מענש בשוגג, ער ווייס גאָר ניט אַז מען טאָר ניט, און ווייל מען איז גרינג אין דעם קיום מצות מעשיות, עס אַרט ניט צי יאָ צי ניט, ווערט מען ר"ל אַ עובר עבירה דאורייתא במזיד. פאַראַן אַזעלכע וואָס זיינען ר"ל עובר אַלע טאָג אָדער יעדע דריי פינף טעג, יעדען מאָל פינף לאַוין דאורייתא און מצד זייער קלות הדעת ווייסען זיי גאָר־ניט אַז זיי זיינען עוברי עבירה ר"ל במזיד. אויף גאָלען די באָרד זיינען פאַראַן פינף לאַוין דאורייתא, עס זיינען פאַראַן פוסקים וואָס זאָגען אַז אויב מען נעמט אַראָפּ די האָר פון באָרד בדיוק אָט אַזוי ווי זיי לערנען צו טאָן, זיינען לדעתם ניט פאַראַן קיין לאַוין, און פאַראַן וואָס האַלטען אַז מען מעג, אָבער דער וואָס ביי אים איז דער קיום המצות לייכט ער גאָלט אָפּ די באָרד און איז עובר אויף פינף לאַוין דאורייתא במזיד אויף דעם סמך וואָס אַנדערע נעמען אַראָפּ די באָרד האָר בדרכי היתר. און דאָס זיינען די עצות פון תורה והקב"ה, אַז דער וואָס איז אַ חוטא בשגגה, אָדער די ווייניגע מזיד וואָס עס איז דאָ אַ קרבן איז יביא אשם ויתכפר לו אָבער דער חוטא במזיד דער מוז האָבען תשובה חרטה

על העבר וקבלה על להבא. חודש אלול איז דער חודש התשובה בכדי אַז ר״ה זאָל מען זוכה זיין צו אַ כתיבה וחתימה טובה בגשמיות וברוחניות בתוך כלל ישראל.

קיצור. אין מדות בנ״א איז טוב וישר צוויי באַזונדערע מדות, ישר מיינט גלייך און שטרענג, הן לטב והן למוטב, אָבער אין די הימעל מדות זיינען טוב וישר איבערפולט איינע פון דער אַנדערער, ערקלערט אַז די פיר עצות פון חכמה נבואה תורה וקוב״ה פאַר אַ חוטא, איז חכמה און נבואה די עצה פון ישר און תורה והקב״ה די עצה פון טוב, מער אויספירליך איז די עצה פון תורה ישר און די עצה פון הקב״ה טוב, ערקלערט אַז דורך ניט לערנען תורה און קלות הדעת ווערט מען אַ עובר עבירה במזיד. די כתיבה וחתימה טובה פון ר״ה ויוהכ״פ קומט דורך דעם חשבון הנפש און תשובה פון חודש אלול.

יחיינו מיומים ביום השלישי יקימנו ונחי׳ לפניו. יומים מיינט די צוויי טעג ראש השנה ווייל ראש השנה איז אַלע מאָל אפילו אין דעם זמן שבית המקדש קיים געווען מאַנכעס מאָל צוויי טעג און יום השלישי מיינט דעם יום הקדוש יום הכפורים, יחיינו מיומים אונזער לעבען קומט אונז דורך די צוויי טעג ראש השנה, און אין דעם דריטען טאָג יום כפור שטעלט השי״ת אונז אויף אַז מיר זאָלען לעבען פאַר אים, דאָס מיינט, אַז מיר זאָלען זיין לעבעדיגע ניט ווי די רשעים וואָס טוען קיין תשובה ניט וואָס ווערען גערופען מתים, אָבער דורך תשובה וואָס מען טוט פאַר ראש השנה און עשרת ימי תשובה דורך דעם איז יחיינו מיומים בר״ה און יקימנו לפניו ביום הכפורים, וואָס דער פסוק יחיינו איז אַ המשך פון דעם פריהערדיגען פסוק, וואָס זאָגט: קומט און מיר וועלען זיך צוריק־קערען להשי״ת ער האָט אונז געמאַכט צומישט און ער ב״ה וועט אונז היילען ער האָט אונז געשלאָגען און ער וועט אונז גאַנץ מאַכען. אַז דער מענש האָט אַ חשבון הנפש וואָס איז מיט אים געווען דעם פאַריגען יאָר און באַרעכענט זיך אין וואָס איז ביי אים דער יאָר אַוועק אָהן תפלה בצבור אָהן קביעות עתים לתורה אָהן אַ חיות אין מצות מעשיות; אַ גאַנץ יאָר איז ער געווען מבולבל פון זיינע עניני משא ומתן און ענינים הגשמיים להרבות הון ועושר ער האָט פאַרביטען דעם זמן תפלה בצבור און קביעות עתים לתורה אויף, ווי ער מיינט, אויף טאָן אַלץ מער הון ועושר. דער אמת איז ניט אַזוי, דער מענש מאַכט אַליין גאָר נישט אויף, עס איז ברכת ד׳ היא תעשיר, השי״ת ברכה גיט די הצלחה. אָבער דער מענש איז דאָך זייער גענאַרט און בפרט דער וואָס ווערט קאָלט צו תפלה בצבור און ווערט ווייט פון דער וואָרימער ליכטיגער סביבה וואָס אכל בי עשרה שכינתא שריא, און אַ גאַנצע וואָך הערט מען ניט און מען זאָגט ניט קיין קדושה וברכו במנין עשרה, ווערט מען פאַרקילט און מען זינקט נידע־ריגער און נידעריגער. און בפרט אַז מען איז ניט קובע עתים לתורה ווערט מען אַ עם הארץ און מען ווערט גראָב אַז מען פילט שוין גאָר ניט די חרפה

ובושה פון די עם הארצות און גראָבקייט, ווי מיר זעהען במוחש אַז עס איז פאַראַן אַזעלכע אַז מען זאָל זיי זאָגען אַז זיי זיינען אטומי המוח פאַרשטאָפּטע קעפּ, אַז זיי קאָנען ניט באַנעמען אַ ענין פון מילי דעלמא ווערען זיי אין כעס וברוגזה, זיי פילען אין דעם אַ ביוש און אַ בזיון, און מיט דעם וואָס זיי זיינען עמי הארצים שעמען זיי זיך כלל ניט, מאַנכע זיינען אַזוי פאַרגרעבט אַז ניט נאָר וואָס זיי שעמען זיך ניט מיט זייער עמי הארצות נאָר זיי זאָגען אַז זייער מוח איז ניט דערצו אויף פאַרשטיין אַ ענין אין לערנען. וואָס דער אמת איז ניט אַזוי, זיי וואָלטען זיכער קאָנען פאַרשטיין וואָס מען לערענט חומש משניות ואגדה נאָר זיי ווילען ניט פאַרשטיין און זיינען צופרידען מיט דעם תירוץ און פאַרבייטען דעם זמן פון לערנען תורה אויף תענוגי עולם הזה. וואָס דאָס פאַרגרעבט זיי מער און מער ביז ר״ל מען קומט צו די לעצטע שטופעס פון גראָבקייט אַז מען קומט צו שרירות הלב ווילדקייט פון האַרצען מען גיט זיך נאָך אַלץ וואָס די האַרץ געלוסט ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם איסור והיתר, צי דאָס איז כשר צי ניט כשר צי מען מעג צי מען טאָר ניט והרבה חברים רעים עושים, אַ סך ווענדעט זיך אָן דער סביבה וואו מען געפינט זיך. אַז מען געפינט זיך אין אַ סביבה פון בני תורה איז דער אור התורה גובר און פועל אַז מען ווערט עפּעס אַנדערש, אַז מען איז לכל הפּחות ניט אַזוי גראָב, אָבער אַז מען איז אין אַ סביבה פון מענשען מגושמים, בעלי תאוות וואָס גייען בשרירות לבם, ווערט מען אַזוי ר״ל אַריינגעצויגען אַז מען פילט גאָר ניט די ירידה ווי מען ווערט ר״ל אַ נופל. אָבער לכל עת אויף יעדער זאַך קומט אַ געוויסע צייט, אַז עלטערען זעהען אַז זייער קינד ווערט ח״ו פון טאָג צו טאָג קראַנקער, זיי פילען אַ גרויסען מיטלייד מיט זייער קינד און זיי טוען אַלץ וואָס זיי קאָנען צו ראַטעווען אים, עס שטייט בנים אתם לד׳ אלקיכם מיר אידען זיינען די קינדער פון השי״ת. אַז השי״ת זעט אַז אַ איד גייט אַראָפּ פון דרך הישר פון תורה ומצות לאָזט מען אים גיין ווייל השי״ת האָט געגעבען דעם מענשען אַ בחירה חפשית אַ פרייע אויסוואַל דער מענש קאָן אַליין אויסקלייבען וואָס פאַר אַ וועג ער וויל, אָבער אַז אין הימעל זעט מען אַז ער איז שוין ר״ל אַזוי טיף פאַרזונקען אַז ער קאָן שוין מיט אייגענע קרעפטען ניט ראַטעווען זיך פון דעם פאַרגרעבטען עבירות זומפּ איז דאַן העלפט מען אים מן השמים אַז ער זאָל תשובה טאָן.

קיצור. יומים איז די צוויי טעג ר״ה, יום השלישי איז יום הכפורים. ערקלערט אַז דער פסוק יחיינו מיומים איז אַ המשך צו דעם פסוק לכו ונשובה, יעדער איד דאַרף מאַכען אַ חשבון צדק אין וואָס איז ביי אים אַוועק דער יאָר, און ער געפינט אויס אַז עס איז געווען א מין טירוף הדעת פון אַ יאָגעניש נאָך הון ועושר, ער האָט פאַרביטען תפלה בצבור און קביעות עתים לתורה אויף תענוגים גשמיים און ער איז פאַרקילט און פאַרגרעבט געוואָרען, אַ סך ווענדעט זיך אין דער סביבה וואָס ער געפינט זיך, אויב דער מענש אַליין ווערט ניט ערוועקט מיט אַ תשובה געפיל ערוועקט מען אים פון הימעל אַז ער זאָל תשובה טאָן.

ב.

והנה פארשטיין קלערער דעם ענין ההתעוררות לתשובה וואס פון הימעל איז מען מעורר דעם מענשען אויף תשובה, אין גשמיות זעהען מיר אז יעדע זאך אין די גופים פון נבראים, אהן קיין אונטערשייד פון די פיר דרגות אין וועלכע אלע באשעפענישען וואס השי"ת האט באשאפען, דומם צומח חי מדבר, ווערען איינגעטיילט, איז די גופי הנבראים האבען א מקור און שורש פון וואנען זיי אנטשטייען, ווי מיר זעהען אין צומח — וואוקס — איז יעדער צמח האט זיך איר ווארצעל פון וואנען דער צמח באקומט איר נארונג. דער ווארצעל פון דעם צמח איז אין דער ערד, וואו השי"ת האט אריינגעגעבען די אייגענשאפט פון דעם כח הצמיחה, וואס דער ווארצעל איז אין ארט נידעריגער ווי דער צמח איז, אט ווי מיר זעהען אין א בנין איז דער יסוד פון דעם בנין אין דער ערד און אויף דעם גרונד וואס דאס איז דער יסוד האלט זיך דער גאנצער בנין. און וואס דער יסוד איז טיפער, אלץ איז שטארקער דער בנין. און אזוי איז אויך מיט דעם צמח, אז וואס ער איז מער און טיפער פאר־ווארצעלט איז דער צמח א שטארקערער, און עס איז געוויס אויך א אונטער־שייד אין דער פרוכט פון דעם צמח ווי מיר זעהען חילוקים אין די פארשי־דענע פרוכט בוימער. אזוי ווי עס איז אין גופי הנבראים אז זיי האבען שרשים פון וואנען זיי באקומען זייער אויפוואקסען און זייער קיום, אט אזוי איז אויך אין די נפשות פון די נבראים, אהן אונטערשייד אין די אלע פיר אפטיילונגען פון דומם צומח חי מדבר, האט יעדער נפש פון דער באשעפעניש וואס השי"ת האט באשאפען, א מקור און שורש פון וואנען ער נעמט זיין בעלעבונג, אז ער זאל קאנען באלעבען דעם גוף פון דעם נברא. מיר זעהען במוחש אז דער נפש פון דעם מענשען באלעבט דעם מענשען, אז ער זאל דענקען ריידען זעהן גיין און אלע אברים זאלען זיין געוויינליך לויט דעם ענין וואס השי"ת האט זיי איבערגעגעבען. אבער דער קיום פון דעם גוף איז ניט נאר פון נפש, וואס דערפאר ווען דער נפש פארלאזט דעם גוף איז א געוויסע צייט איז דער גוף קיים, דאס באווייזט, אז דער קיום הגוף איז ניט נאר פון דעם נפש, דער נפש בשעת ער איז מחי' דעם גוף מוז ער באקומען רוחניות'דיגע דערשטארקונג און דערפרישונג כחות פון די העכערע נשמות טיילען ווי עס שטייט אין מדרש, אז מיט פינף נעמען ווערט די נשמה אנגערופען נפש רוח נשמה חי' יחידה, דאס הייסט אז אין דער נשמה פון א אידען איז פאראן פינף טיילען. די דריי טיילען נפש רוח נשמה באלעבען דעם קערפער, אבער די צוויי טיילען חי' יחידה פון דער נשמה בלייבען איבער אין הימעל. וואס די צוויי טיילען פון דער נשמה חי' און יחידה זיי זיינען דער שרש די ווארצלען פון די טיילען נשמה רוח ונפש אין דער נשמה פון דעם אידען, וואס די חי' און יחידה טיילען פון דער נשמה זיינען דער יסוד פון דער נשמה וואס איז אין דעם אידישען קערפער. אט אזוי ווי דער יסוד פון א בנין וואס האלט אויף דעם בנין און ווי דער ווארצעל פון דעם צמח וואס דערפרישט און גיט חיות אין דעם צמח און אין די פרוכט, מיט דעם אונטערשייד וואס אין דעם קערפער פון דעם צמח איז דער ווארצעל אויך דער יסוד פון דעם בנין למטה און דער שרש פון

דער נשמה איז למעלה. און פון דעם שרש פון דער נשמה ווי זי איז למעלה קומט די ערוואַכונג גאָר פלוצלונג, וואָס דער איד טראַכט גאָר ניט וועגען תשובה טאָן, און ער ווייס גאָר ניט פון וואַנען און פאַרוואָס ער ווערט ערוואַכט מיט אַ תשובה געפיל און ביי אים ווערט אַ שטאַרקער פאַרדראָס אויף דעם אַרט לעבען וואָס ער האָט געלעבט ווי אַ בעל חי אַז ער האָט נאָר געטראַכט וועגען גשמיות, און איבער אַ רוחניות לעבען אַ לעבען פון תורה ומצות האָט ער גאָר ניט געטראַכט. און ער באַטראַכט זיך אַליין אַז ער מיט זיין גשמיות׳דיגען לעבען איז באמת ערגער ווי אַ בעל חי. און פון דעם ווערט אים די האַרץ זייער צובראָכען און ער האָט שטאַרק חרטה על העבר, און ביי אים ווערט אַ שטאַרקער באַגער צו תורה און קומט צו דעם באַשלוס אַז מהיום והלאה זאָל ער פירען אַ תורה ומצות לעבען היטען תפלה בצבור און זיין אַ קובע עתים לתורה הערען ווי מען לערענט. און ער זעט גוט מאַכען זיין שלעכטען עבר מיט אַלץ וואָס ער קאָן פאַרריכטען. און דאָס איז וואָס ער זאָגט לכו ונשובה אל ד׳ אַז מען מאַכט פאַר זיך אַ חשבון צדק אין וואָס דער פאַריגער יאָר איז אַוועק און ער טוט תשובה חרטה על העבר און קבלה טובה על להבא דורך דעם איז מען זוכה אַז יחיינו מיומים מיט אַ כתיבה טובה און ביום השלישי מיט אַ חתימה טובה בשנה טובה ומתוקה ברוחניות ובגשמיות.

קיצור. ערקלערט אַז כשם ווי גופי הנבראים האָבען אַ שרש פון וואַנען זיי אַנטשטייען און באַקומען זייער דערפרישונג און שטאַרקייט, אַ חוץ דעם קיום הגוף, ווי די וואָרצלען פון די צמחים האָבען אויך אַ געוויסע ווירקונג אויף דער פרוכט, אַזוי איז אויך מיט די נפשות הנבראים אַז זיי האָבען אַ שרש ומקור פון וואַנען זיי באַקומען אַ דערפרישונג און שטאַרקייט, דער נפש און נשמה פון אַ אידען האָט אַ שרש אין די העכערע טיילען פון דער נשמה וואָס דורך זיי קומט די תשובה דערוואַכונג אַמאָל גאָר פלוצים אָהן קיין שום הכנה, וואָס דורך תשובה איז מען זוכה צו אַ כתיבה טובה בר״ה און אַ חתימה טובה ביום כיפור.

ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב נאום ה׳. עס וועט קומען צו ציון דער אויסלייזער און צו די צוריקגעצויגענע פון זינד, די בעלי תשובה וואָס זיינען ביי יעקב׳ן זאָגט גאָט. דער פסוק באַציט זיך אויף די פריהער־דיגע פסוקים, וואָס דער נביא זאָגט נביאות אין גאָט ב״ה נאָמען, און גאָט ב״ה וועט זעהן, אַז אין דעם ביטערען גלות זמן וועלען די אידען ווערען פאַרדאָרבען, אַז די זינד וועלען ווערען ווי אַ וואַנט צווישען גאָט ב״ה און די אידען, וואָס פאַר דער שלעכטער אויפפירונג פון די אידען און פאַר זייערע זינד וועלען זיי ווערען גרויזאַם באַשטראָפט און גאָט ב״ה וועט זעהן אַז עס

איז ניט פאַראַן דער ווירדיגער צדיק וואָס זאָל זיך שטעלען בעטען פאַר די אידען און זיין געבעט זאָל ביי השי״ת אָנגענומען ווערען, און כביכול גאָט ב״ה וואונדערט זיך אויך ווי זיי דערנעמט ניט די אידישע צרות וועט השי״ת אַליין גרויזאַם באַשטראָפען אַלע פעלקער וואָס האָבען שלעכט געטאָן די אידען, אויך אפילו די יעניגע פעלקער וואָס לעבען אויף די ווייטע אינזלען וועלען שטאַרק באַשטראָפט ווערען און אַלע וועלען אָנערקענען אַז דאָס איז אַ געט־ליכע פירונג, וואָס די פאַרשפּרייטונג פון דעם פיינט וועט קומען אין אַלע לענדער, ווי דער אויסגוס און פאַרפליצונג פון אַ טייך, און ענדליך וועט דער געטליכער געמיט אויפעסען דעם פיינד, און דער געטליכער הייליגער נאָמען וועט ווערען פירכטיג פון דעם אַלעם וואָס וועט פאַסירען אין מערב, און די געטליכע הייליגע עהרע וועט אַלעמען איבערדעש׳ן פון דעם וואָס וועט פאַר־קומען אין מזרח און די אידען וועלען תשובה טאָן און דאַן ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב נאום ה׳. רש״י זאָגט כל זמן שציון חרבה עדיין לא בא הגואל, אַז כל זמן וואָס ציון איז חרוב איז נאָך ניט געקומען דער אויסלייזער. באַדאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז דער מיין פון דעם פירוש אַז כל זמן ציון איז חרוב איז נאָך ניט געקומען דער אויסליזער, וואָס איז דער מיין פון דעם, עס איז דאָך אַ זעלבסט פאַרשטענדליכע זאַך וואָס אַלע פאַרשטייען דאָס אַז דער עיקר ישועה פון דעם אויסלייזער איז, אַז ער זאָל צוריק אויפבויען אַלע חורבות און זאָל מיט זיין פירונג און קראַפט ברענגען די ריכטיגע פאַרזיכע־רונג אַז עס וועט מער ניט חרוב ווערען און עס וועט אַזוי בלייבען, און כל זמן עס איז חרוב איז נאָך דער גואל ניט געקומען, איז וואָס פאַר אַ נייעס זאָגט אונז רש״י מיט זיין פירוש, ווי מען זעט דעם פירוש אין דעם ערשטען אויגענ־בליק איז דאָס אַזאַ דבר פשוט, וואָס עס איז איבעריג צו זאָגען. נאָר דער זין פון דעם פירוש איז זייער אַ טיפער וואָס אַלע באַדאַרפען דאָס וויסען. די גמרא זאָגט (יומא דף פו, ע״ב) ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב וואָס איז דער טעם, וואָס דער גואל וועט קומען אויסלייזען ציון ווייל לשבי פשע ביעקב, עס וועלען זיך צוריקציהען די זינדיגע וואָס ביעקב, און דורך דער תשובה וועט קומען דער אויסלייזער, און דאָס מיינט רש״י אַז איר זאָלט ניט זיין גענאַרט, אויך אפילו דאַן ווען ארץ ישראל ווערט געבויט אין גשמיות איז נאָך דער אויסלייזער ניט געקומען און די אַלע געביידעס זיינען דאָס אַלץ חורבות, ווייל די חורבות זיינען אין אַלע עניני הדת וואָס די פושעי ישראל זיינען ידם רמה היפך פון דעם אמת פון שבי פשע איז דאָס אַלעס וואָס איז אויפגע־בויט און ווערט געבויט ווי חורבות ר״ל ווייל דער אויסלייזער באַדאַרף קומען דורך די שבי פשע.

קיצור. ערקלערט אַז ובא לציון גואל איז אַ פאַרזעצונג פון די פריהערדיגע פסוקים וואָס ערקלערען די אידישע גלות פאַרדאַרבונגען און די שטראָף וואָס מען באַקומט דערפאַר, אויך די שטראָף פון די אַלע פעלקער וואָס האָבען אידען שלעכטס געטאָן, און דאָס אַלעס וועט ברענגען די אידען צו תשובה. ערקלערט דעם פירוש רש״י אַז כל זמן די פושעי ישראל זיינען די מנהיגי ארץ ישראל זיינען אַלע גשמיות׳דיגע געביידעס חורבות.

ב.

והנה, די גמרא ירושלמי (תענית פ"א הלכה א') און מדרש (דברים פ"ב י"ד) זאָגען, אמר ר"א כשנגאלו ישראל ממצרים לא נגאלו אלא מתוך ה' דברים אלו, מתוך צרה, ומתוך תשובה, ומתוך זכות אבות, ומתוך רחמים ומתוך הקץ וכו', ואף לעתיד לבא אין נגאלין אלא מתוך חמשה דברים הללו, מתוך צרה דכתיב (דברים ד') בצר לך הרי מתוך צרה, ושבת עד ה' אלקיך הרי מתוך תשובה כי אל רחום ה' אלקיך הרי מתוך רחמים, ולא ישכח את ברית אבותיך הרי מתוך זכות אבות, ומצאוך כל הדברים האלה באחרית הימים הרי מתוך הקץ, דורך פינף זאַכען וועט קומען די גאולה אחרונה, אַט אזוי ווי עס איז געווען אין דער ערשטער גאולה וואָס גאָט ב"ה האָט אויסגעלייזט די אידען פון מצרים. די פינף זאַכען זיינען: א) צרה וואָס אידען וואו זיי וועלען ניט זיין, אין אַלע מדינות, וועלען זיי זיך פיהלען פאַרפאַלגט און געדריקט, אויך אפילו די וואָס זיינען גוט אָפּ אין עשירות און תענוגי בני אדם, אויך אפילו די וואָס צייט־ווייליג האָבען זיי פאַרשידענע קירובים און כיבודים פון רשות וואָס מקרבין לאדם לצורך עצמן, ווען זיי דאַרפען, און די וואָס זיינען נראים כאוהבים בשעת הנאתן ווען זיי האָבען אַ תועלת פון דעם, פיהלען אויך די געדריקטקייט און די פאַרפאַלגונגען. ב) תשובה, די געטליכע שטרענגע האַנט וואָס שטראָפט מיט די גרעסטע פאַראויסגעזאָגטע תוכחות שטראָף, ביז סוף כל סוף וועט און מוז ברענגען צו דעם אַז אידען זאָלען תשובה טאָן ווי די גמרא (סנהדרין דף צ"ז ע"ב) זאָגט אַז גאָט ב"ה וועט אויפשטעלען אַ רעגירער וואָס זיינע גזירות וועלען זיין אַזוי שלעכט ווי המן'ס און דאָס וועט די אידען מחזיר למוטב זיין אַז זיי זאָלען תשובה טאָן און וועלען אויסגעלייזט ווערען. וואָרום דער ענין התשובה קומט אויף צוויי אופנים, על דרך משל ווי אַ פאָטער פירט זיך מיט אַ שלעכט אויפפירענדיגען קינד, פריהער פירט דער פאָטער דעם קינד מיט קירוב און אויב עס העלפט ניט אַז דאָס קינד זאָל אָוועקלאָזען זיינע שלעכטע פירונגען און פירען זיך ווי מען באַדאַרף, אַז ער זאָל גיין בדרך הישר, ער זאָל אויס־פאָלגען און אויפפירען זיך ווי דער פאָטער וויל, דאַן שטראָפט דער פאָטער דעם קינד מיט דער גרעסטער שטרענגקייט ביז דער קינד האָט חרטה אויף זיין שלעכטער פירונג און פירט זיך ווי דער פאָטער האָט אים פאַרזאָגט. דעם נמשל איז איבעריג צו ערקלערען באריכות ווייל יעדער ווייס דאָס. עס איז נאָר נויטיג צו דערמאָנען און וואָרענען אָט די יעניגע וואָס האָבען ב"ה אויף זיך און אויף זייערע בני בית און זייער רכוש ניט באַקומען דעם ביטערען שטראָף, אַז זיי זאָלען ניט מיינען, אַז זיי זיינען שוין פון דעם געראַטעוועט און זיי דאַרפען קיין תשובה ניט טאָן. דער רמב"ם (הלכות תשובה פ"ז הלכה ה') זאָגט, אַלע נביאים האָבען פאַרזאָגט אויף תשובה ווייל אידען וועלען אויס־געלייזט ווערען דורך תשובה, און די תורה האָט פאַרזיכערט אַז דער סוף וועט זיין אַז דער ביטערער גלות וועט ברענגען אידען צו תשובה און דאַן וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען. ג) זכות אבות הגם דער עיקר איז דאָך תשובה דאָך מוז מען האָבען דעם ענין פון זכות אבות. ד) רחמים אַז חוץ זכות אבות באַדאַרף מען האָבען רחמים. ה) מתוך הקץ, אַז אין דעם אחרית הימים וואָס אידען

מוזען אויסגעלייזט ווערען איז דאָס נאָר דורך תשובה און זכות אבות מיט רחמים גדולים וואָס איז דער מיין פון די אַלע צרות אַז דורך תשובה איז ממנה יושע. און דאָס איז ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב.

קיצור. ערקלערט דעם ירושלמי און מדרש וואָס זאָגען די זאַכען וואָס וועלען ברענגען די גאולה שלמה, צרה, אַלע אידען אָהן אויסנאָם אין אַלע מדינות ווע׳לען זיך פיהלען געדריקט און פאַרפאָלגט. תשובה, אַ שלעכט פירענ־דיגער קינד ווען דעם פאָטער׳ס קירוב העלפט ניט ער זאָל זיך בעסערען, העלפט די שטרענגע שטראָף, אויך די וואָס זיינען ב״ה ניט געשטראָפט באַ־דאַרפען אויך תשובה טאָן אין דעם באחרית הימים וועט זיך דערוועקען דער זכות אבות און רחמי שמים אַז די אידען ווע׳לען פאַרשטיין דעם מיין פון די צרות און זיי ווע׳לען תשובה טאָן און דאָס וועט ברענגען דעם גואל צדק.

ג.

והנה דער ענין פון תשובה איז ניט ווי די וועלט מיינט, אַז תשובה איז נאָר אויף עבירות אַז נאָר דער וואָס האָט עובר געווען אויף מצות עשה׳ס, ניט געלייגט קיין תפילין, ניט געהיט קיין שבת וכו׳ אָדער דער וואָס איז געווען אַ בעל־עבירה, מחלל שבת געווען, טריפות געגעסען, געפירט אַ פאַמיליען טומאה לעבען וכו׳, נאָר די באַדאַרפען תשובה טאָן, פירען אַ פאַמיליען טהרה לעבען, לייגען תפילין, היטען שבת, עסען כשר וכו׳, איז דאָס ניט אַזוי. עס איז געוויס אַז תשובה מיינט גוט מאַכען אָט דאָס וואָס מען האָט ניט געטאָן דאָס וואָס מען באַדאַרף יאָ טאָן, און דאָס וואָס מען האָט ניט באַדאַרפט טאָן און מען האָט דאָס יאָ געטאָן, איז זיכער אַז די עוברי עבירה באַדאַרפען תשובה טאָן אויפהערען צו טאָן דאָס וואָס עס איז פאַרבאָטען על פי תורה און טאָן דאָס וואָס מען דאַרף טאָן על פי תורה, אָבער ניט דאָס אַליין, פאַרריכטען דאָס וואָס מען האָט פאַרפעלט אין ניט מקיים זיין די מצות עשה׳ס און גוט מאַכען דאָס וואָס מען האָט קאַליע געמאַכט מיט דעם וואָס מען האָט עובר געווען אויף די מצות לא תעשה׳ס איז דער פולער זין פון תשובה. דער טייטש פון דעם וואָרט איז אומקערען זיך, אומקערען זיך אויף צו זיין ווי מען באַדאַרף צו זיין על פי תורה. אָבער דער מיין פון תשובה איז צו זיין בעסער. אין די לויב ווערטער וואָס ערקלערען די מעלות פון אַ זאַך איז פאַראַן צוויי אויסשפּראַכען גוט און בעסער. דער באַגריף פון תשובה איז ניט נאָר דער ענין פון גוט נאָר דער ענין פון בעסער. ווייל לגבי בעסער איז גוט אויך ניט קיין שלימות המעלה, די תנועה פון תשובה מצד וואָס פאַר אַ סיבה זי זאָל ניט קומען איז דאָס אַ געט־ליכער רוף, אַ רוח ממרום. פיר סיבות ברענגען אַ תשובה תנועה: א) די התעוררות פון זיין נשמה וואָס אין הימעל, ווען זי ווערט נתעורר פון דעם וואָס זי הערט די כרוזים וואָס מען רופט אויס אין הימעל שובו בנים שובבים, טוט תשובה ווילדע קינדער, דאָן איז די הימעל נשמה משפיע אין איר צווייג נשמה, וואָס באַלעבט די תשובה תנועה, ווי מיר זעהען אַז עס טרעפט אַז פלוצלונג ווערט דער מענש באַ־הערשט פון הרהורי תשובה און ער ווערט באמת גוט אין אַלעס ווי על פי תורה.

ב) די תשובה וואָס קומט דורך איבערלייגונג ווען דער מענש באַטראַכט זיך גוט אין דעם גאַנג פון זיין לעבען אַז אין תורה ומצות איז ער זייער שוואַך און אין מדות איז ער פאַרגרעבט געוואָרען און ער טראַכט זיך טיף אַריין אין דעם זין פון זיין לעבען אַז דאָס מערסטע פון זיינע יאָרען זיינען ביי אים אַוועקגעגאַנגען אויף צרכי הגוף, איז אַט די איבערלייגונג דערוועקט אַ תשובה־תנועה אַז ער בייט זיין לעבענס שטייגער און ווערט אַ שומר מצוה בהידור און אַ קובע עתים לתורה. ג) די תשובה וואָס קומט דורך קירוב, אַז פון הימעל איז מען מקרב דעם מענשען און מען גיט אים אַ הצלחה גדולה און גרויס שפע אין בני חיי ומזונא, איז אַט דער גרויסער הימעל קירוב דערוועקט אין אים אַ תשובה תנועה. ד) די תשובה וואָס קומט דורך צרות און יסורים ר״ל. איז די אַלע סיבות וואָס ברענגען די תנועת התשובה איז ניט נאָר תשובה על עבירות נאָר אויך ווערען בעסער ווי גוט, וואָס דאָס איז די הכנה טובה לקבל פני משיח צדקנו בקרוב ממש.

קיצור. ערקלערט, הגם תשובה איז פאַרריכטען דאָס וואָס מען האָט פאַרפעלט אין קיום המצות עשה און עובר געווען אויף מצות לא תעשה, איז דער זין פון תשובה ווערען בעסער, לגבי בעסער איז גוט אויך ניט קיין שלימות. פיר סיבות דערוועקען דעם מענשען צו תשובה: א) די ערוואַכונג פון זיין הימעל נשמה דורך די כרוזים. ב) איבערלייגונג אין דעם זין פון זיין לעבען. ג) הימעל קירוב. ד) הימעל שטראָף, דער שטענדיגער בעסער ווערען איז אַ הכנה טובה לקבל פני משיח צדקנו.

ואתה קדוש יושב תהלות ישראל, און דו הייליגער זיצסט צו הערען די לויבונג פון די אידען, ווי דער מדרש זאָגט א״ר שמואל כל קילוס וקילוס שישראל מקלסין להקב״ה כבודו יושב ביניהם, ר׳ שמואל זאָגט יעדעס לויבונג און לויבונג וואָס די אידען לויבען ג־ט ב״ה איז זיין הייליגער כבוד צווישען זיי. דער אַלטער רבי, דער בעל התניא, ווען ער איז געווען ביי זיין רבי׳ן דעם מעזריטשער מגיד האָט דער רבי דער מעזריטשער מגיד איינמאָל דערציילט אַ סיפור וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין רבי׳ן, דעם הייליגען בעש״ט. דער הייליגער בעש״ט ווען ער איז נאָך געווען אַ נסתר און האָט געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט און פון דאָרף צו דאָרף איז ביי דעם הייליגען בעש״ט געווען איינע פון זיינע עבודות הקדש צו פרעגען ביי יעדער אידען, מענער און פרויען, אַלט און יונג, ווי עס גייט זיי אין געזונט, נאָכגעפרעגט זיך אויף יעדער קינד ווי ער איז אין געזונט, פאַנאַנדערגעפרעגט זיך ווי עס גייט אין פרנסה, און איז זייער געווען צופרידען צו הערען די אים זייער ליבע ענט־פערס וואָס די אידען, מענער, פרויען און קינדער, פלעגען אים ענטפערען מיט פאַרשידענע ג־ט לויבענישען אויסשפּראַכען, ברוך השם, געלויבט השי״ת,

דער ליבער גאָט ב״ה פאַרלאָזט ניט, דער ליבער באַשעפער זאָל געבען זיין חסד אויף ווייטער, דער זיסער טאַטע ב״ה שפייזט אונז געלויבט זיין הייליגער נאָמען ברוך הוא וברוך שמו, ער איז דער אמת׳ר רופא חולים און נאָך פאַרשידענאַר־טיגע ג־ט ב״ה לויבונגס אויספראַכען, מענער אויף זייער שטייגער האָבען געלויבט השי״ת פאַר דעם געזונט פון זייערע בני בית און פאַר דער פרנסה, פרויען אויף זייער שטייגער פלעגען לויבען ג־ט ב״ה פאַר דער חיונה און קינדער, די קינדער פלעגען אויף זייער שטייגער לויבען השי״ת פאַר דעם וואָס זיי האָבען עלטערען וועלכע באַזאָרגען זיי מיט אַלע זייערע באַדערפענישען און לערנען זיי תורה. אין די שטעדט און שטעדטלעך, דערפער און ישובים, וואו דער רבי דער בעש״ט פלעגט זיין אין זיינע וואַנדערונגען אַלס פשוט׳ער דאָרפס־מאַן פלעגט ער זוכען די געלעגענהייט צו קומען אין באַרירונג מיט די אידישע פשוטע מענשען, מענער, פרויען און קינדער, אין בית הכנסת, אין גאַס, אין זייערע היימען און קראָמען און אַרבייטס־פלעצער. אַלעמאָל און אומעטום איז דער גרונט — יסוד — פון דעם רבי׳ן דעם בעש״ט׳ס רייד געווען נאָכפרעגען זיך אויף געזונט און פרנסה, מיט זיין הייליגע טיפע כוונה אַז זיי וועלען זאָגען די ג־ט ב״ה לויב ווערטער ווי אויבען דערמאָנט. איין מאָל האָט פאַסירט אַז דער רבי דער בעש״ט איז געקומען אין אַ געוויסען ישוב, האָט דער רבי דער בעש״ט זיך געפירט מיט זיין הייליגען סדר אין עבודת השם יתברך אויף מזכה צו זיין די אידען, מענער, פרויען און קינדער, מיט דעם גרויסען זכות וואָס זיי לויבען ג־ט ב״ה׳ס הייליגען נאָמען. אין יענעם ישוב איז געווען אַ איד אַ גאָר טיפער זקן אַ גרויסער תלמיד חכם, אַ פרוש פון אַלע וועלטליכע זאַכען. שוין איבער אַ יובל, פופציג יאָר, אַז ער זיצט יומם ולילה און לערענט די הייליגע תורה בפרישות ובקדושה. אַלע זיינע יאָרען איז ער אַ יושב בתענית אין טלית ותפילין ביז שפּעטיגער מנחה און ערשט נאָך תפלת ערבית איז ער טועם אַ שטיקעל ברויט מיט וואַסער. ווען דער רבי דער בעש״ט איז אַריינגעגאַנגען צו דעם גאון אין דער פרישות שטיבעל וואָס איז געווען אין אַ ווינקעל פון דער שוהל האָט דער רבי דער בעש״ט געפרעגט ביי דעם גאון ווי גייט עס אים אין געזונט, צי האָט ער זיין הצטרכות און הספקה, דער גאון האָט זיך אויף דעם רבי׳ן, וועלכער איז געווען געקליידעט ווי אַ פשוט׳ער דאָרפסמאַן, ניט אומגעקוקט, דער רבי האָט עטליכע מאָל געפרעגט די פראַגען ביז דער גאון איז געוואָרען זייער בייז און מאַכט צום רבי׳ן מיט דער האַנט אַנווייזענדיג אויף דער טיר אַז ער זאָל אַוועקגיין. זאָגט דער רבי דער בעש״ט צום גאון, רבי פאַרוואָס גיט איר ניט דעם כביכול זיין פרנסה, איר וועט דאָך ח״ו דעם כביכול פאַרהונגערען אַז דער כביכול וועט אַוועק פון דער וועלט. הערענדיג די דאָזיגע רייד איז דער גאון געבליבען ווי צוטומעלט, עפּעס אַ איד אַ דאָרפסמאַן רעדט וועגען דעם כביכול אַז מען דאַרף דעם כביכול געבען פרנסה און מען דאַרף זיך זאָרגען אַז דער כביכול זאָל ניט פאַרהונגערט ווערען און אַוועק פון דער וועלט. דער רבי דער בעש״ט האָט דערקענט די מחשבות פון דעם גאון, זאָגט ער צו אים, די אידען זיצען אויף דער פרנסה וואָס השי״ת גיט זיי, אויף וואָס פאַר אַ פרנסה זיצט דער כביכול, דאָס זאָגט אונז דוד המלך אין תהלים ואתה קדוש און דו הייליגער אויף וואָס פאַר אַ פרנסה זיצסטו, יושב תהלות ישראל, דער

כביכול זיצט אויף די אידישע לויבונגען וואָס אידען לויבען אים ב״ה פאַר דעם געזונט און פרנסה וואָס ער ב״ה גיט זיי. און פאַר די לויב ווערטער וואָס אידען לויבען השי״ת גיט ער ב״ה זיי בני חיי ומזוני רויחא.

קיצור. דערציילט דעם סדר עבודה פון דעם הייליגען בעש״ט ווען ער איז נאָך געווען אַ נסתר, ער האָט געזוכט די געלעגענהייט ברענגען אידען, מענער און פרויען און קינדער צום גרויסען זכות אַז זיי זאָלען אַרויסזאָגען אַ שבח והודי׳ להשי״ת אויף זייער אייגענאַרטיגען שטייגער פאַר דעם געזונט און פרנסה וואָס השי״ת גיט זיי, דערציילט דעם בעש״ט׳ס באַגעגעניש מיט אַ גרויסען גאון וואָס האָט געלערנט תורה בפרישות ובקדושה, ווי דער בעש״ט האָט אויסגעטייטשט דעם פסוק ואתה קדוש וגו׳.

ב.

והנה דעם סדר העבודה פון דעם הייליגען בעש״ט מזכה צו זיין אידען, אנשים נשים וטף אַז זיי זאָלען דערמאָנען ג־ט ב״ה׳ס נאָמען אין זייער טאָג־טעגליכען לעבען אין זייערע היימען און אין זייערע אַרבייטס פלעצער מיט אַ שבח והודי׳ פאַר דעם וואָס ג־ט ב״ה גיט זיי בני חיי ומזוני האָט דער אַלטער רבי ערקלערט מיט דעם וואָס עס שטייט (שה״ש א. טו) הנך יפה רעיתי וגו׳ ווי עס שטייט אין מדרש אויף דעם פסוק (שה״ש א, ט) דמיתיך רעיתי, מהו רעיתי, אמר הקב״ה מפרנסתי הם, שירעו אותי בשני תמידין בכל יום, בתמיד של שחר על עבירות שנעשו בלילה ובתמיד של בין הערבים על עבירות שנעשו ביום. דבר אחר מהו רעיתי, אמר הקב״ה רעייתי של עולמי הם שקבלו את התורה, שאלו לא קבלוה הייתי מחזיר את העולם לתהו ובהו, ג־ט ב״ה רופט די אידען רעיתי, איבער צווי טעמים, איינס איז ווייל די אידען שפייזען כביכול ג־ט ב״ה מיט די קרבנות, דער קרבן תמיד של שחר איז אויף די עבירות וואָס מען האָט געטאָן ביינאַכט, און דער קרבן תמיד של בין הערבים איז אויף די עבירות וואָס מען האָט געטאָן בייטאָג. דער צווייטער טעם פאַרוואָס השי״ת רופט די אידען בשם רעיתי ווייל די אידען מיט דעם וואָס זיי האָבען אָנגענומען תורה ומצות זיינען זיי געוואָרען אנטייל נעמער אין דעם קיום פון דער וועלט, וואָרום ווען די אידען וואָלטען ניט אָנגענומען די תורה וואָלט השי״ת אָפּ־שאַפען די וועלט, ווייל ג־ט ב״ה׳ס כוונה אין דער וועלט באַשאַפונג איז תורה און אידען, דאָס אַלעס איבעריגע וואָס ג־ט ב״ה האָט באַשאַפען אויף דער וועלט זיינען מער ניט ווי אַ טפל זאַך וואָס דינט און איז צוליב דעם עיקר, דער עיקר איז אַז די אידען מיט זייער תורה לערנען און מקיים זיין די מצות ווי אין דער תורה שטייט און פירען זיך מיט די מדות טובות וואָס די תורה זאָגט זאָלען די אידען מאַכען גייסטיג ליכטיג די ערדישע תאווה וועלט. די כוונה העליונה איז אַז די עבודה פון מאַכען גייסטיג איידעל די ערדישע וועלט זאָלען די אידען טאָן בכח עצמם און די עבודה זאָל זיי אָנקומען שווער, האָט השי״ת אַריינגעגעבען אין דעם מענשען אַ יצר הרע וועלכער ווייזט דעם מענשען די

גוטסקייט פון דער ערדישער וועלט און ציהט זיין אויפמערקזאמקייט אויף די אלע קערפערליכע תאוות, וואס מיט דעם שטערט דער יצר הרע דעם מענשען פון צו זיין ריכטיג איבערגעגעבען צו דער ריכטיגער כוונה צוליב וועלכער השי"ת האט באשאפען די וועלט און די אידען און געגעבען אונז זיין תורה ומצות, וואס דאס איז וואס עס שטייט בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, זאגט דער מדרש בראשית איז ב'ראשית, בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראים ראשית, אז דאס וואס השי"ת האט באשאפען את השמים ואת הארץ איז צוליב די צוויי ראשית, תורה און אידען, אז די אידען מיט תורה זאלען גייסטיג ליכטיג מאכען די וועלט, און דאס איז דער מיין רעיתי מפרנסתי ווי דער מאמר ישראל מפרנסין לאביהם שבשמים אידען שפייזען זייער פאטער וואס אין הימעל, די שפייז איז דורך קרבנות בכלל און דורך די קרבנות פון תמיד של שחר און תמיד של בין הערבים בפרט, וואס די עבודה הרוחנית פון קרבנות איז פאראן אויך איצט אין זמן הגלות. אין דער עבודה פון די קרבנות אין בית המקדש איז געווען צוויי זאכען, א קרבן פון די פארשידענע בהמות, שור כשב ועז, און דער וידוי וואס דער וואס האט מקריב געווען דעם קרבן האט זיך מתוודה געווען אויף דעם קרבן, וואס דורך דער תשובה פון דעם וידוי און דורך דעם קרבן איז דער מענש ריין געווארען פון זיין חטא ועון און איז נעהענטער געווארען צום בורא ב"ה, וואס אין רוחניות איז דאס איצטער אויך פאראן ווי עס איז געווען אין בית המקדש וואס דאן אין בית המקדש איז אויך געווען דער עיקר ביי קרבנות די עבודה רוחנית, דער וידוי און די מחשבה פון דעם כהן המקריב. וואס דאס איז דאך וואס עס שטייט אדם כי יקריב מכם קרבן להוי' וואס דער מיין פון דעם פסוק איז אז א מענש פון אייך וועט ברענגען א קרבן, זאגט די תורה ווי אזוי דער קרבן באדארף געבראכט ווערען, האט באדארפט שטיין אין פסוק אדם מכם א מענש פון אייך כי יקריב קרבן להוי', אז ער וועט ברענגען א קרבן להוי', ווארום זאגט ער עפעס אדם כי יקריב מכם קרבן להוי', זאגט דער אלטער רבי אדם כי יקריב אז א אדם זאל ווערען נאהענט להשי"ת און זיין תורה ומצות און מדות טובות וואס על פי התורה, איז מכם, דארפט איר פון זיך אליין ברענגען א קרבן להוי', און דערום שטייט אדם כי יקריב מכם קרבן להוי', די קרבנות מכם וואס מאכען דעם אידען ריינער און נעהענטער להשי"ת און תורה ומצות און מדות טובות זיינען די דריי מיני בהמות שור כשב ועז, וואס דאס זיינען דריי פארשידענארטיגע אייגענשאפטען וואס זיינען פאראן ביי דעם יצר הרע, וואס דער יצר הרע אין אלגעמיין ווערט אנגערופען די גייסטיגע בהמה, שור איז א אקס, וואס איז דער מיין פון גאר א גרויסער שטארקער קראפט, וואס ווען דער יצר הרע וויל עפעס ווענדעט ער אן די גרעסטע קראפט צו ווירקען אויף דעם מענשען, עז איז די אייגענשאפט פון חוצפה וואס קיינער האט ניט קיין באטרעף און ער פירט אויס זיינס, כשב איז מילדקייט, דאס זיינען די קרבנות אז מען זאל דאס אלעס אריבערטראגען אין דער עבודה פון תורה ומצות און מדות טובות, און דאס איז דער מיין פון עבודת הבעש"ט מזכה זיין אידען אז אין זייער טעגליכען לעבען, אין זייערע היימען און ארבייטס פלעצער, זאלען זיי כסדר ליבען השי"ת וואס דאס מאכט די אידען גייסטיג ריינער און נעהענטער

להשי"ת, וואָס דאָס זיינען די קרבנות שור עז וכבש פון דעם יצה"ר וואָס שטאַרקען דעם יצר טוב.

קיצור. ערקלערט ווי דער אַלטער רבי איז מבאר דעם דרך עבודה פון דעם בעש"ט וואָס האָט געזוכט מזכה זיין אידען, מענער פרויען און קינדער, אַז זיי זאָלען אין זייער טעגליכען לעבען דאַנקען השי"ת פאַר דעם געזונט און פרנסה, השי"ת רופט די אידען רעיתי פרנסתי וואָס זיי האָבען מקבל געווען תורה ומצות וואָס דורך דעם האַלטען זיי אונטער די וועלט און מאַכען זי גייסטיג איידעלער. ערקלערט דעם מיין פון קרבנות אַז דער גייסטיגער מיין פון קרבנות איז איבערטראָגען די גרויסע כחות פון יצר הרע צום פאַרשטאַרקונג פון דעם יצר טוב.

יענך הוי' ביום צרה ישגבך שם אלקי יעקב. ג־ט דורך זיין נאָמען הוי' זאָל דיר ענטפערען אין דעם טאָג פון אַנגסט און פלאָג, עס זאָל דיך שטאַרקען דעם נאָמען ג־ט פון יעקב. דער אור אלקי וואָס איז מהווה און מחי', הן דעם עולם התחתון מיט אַלע באַשעפענישען און הן די עולמות עליונים מלאכים ונשמות, איז דאָס אין צוויי פאַרשידענאַרטיגע אופנים, קערפערליך און גייסטיג, וואָס עס איז באַצייכענט מיט צוויי נעמען נאַטור און איבערנאַטירליך. דער גאַנצער קערפערליכער טייל פון מענשען און אַלע באַשעפענישען, פון ערד און שטיינער ביז דער איידעלסטער מאַטעריע פון דעם מענשען'ס קאָפּ מאַרך, וואָס די אַלע באַשעפענישען ווערען פאַררעכענט אין דער ערדישער הערשאַפט, און פון די וואָלקענס וואָס לעבען העכער ווי די ערד און געבירג ביז די מלאכים, וואָס דער רמב"ם רעכענט אויס פאַרשידענע צען סוגים, איז אַלע קערפער־ליכע טיילען פון די ערדישע, הן אויף דער יבשה און הן אין די ימים, וואָס ווערען גערופען צבא הארץ, אויך די אויבען דערמאָנטע צבא השמים, איז זייער קערפערליכער טייל ווערט באַצייכענט מיט דעם נאָמען נאַטור, אָבער דער גייס־טיגער טייל פון אַלע באַשעפענישען אָהן אונטערשייד פון דעם גייסטיגען וואוקס קראַפט אין יעדער טייל לאַנד וואו און וואָס פאַר אַ טייל וועלט עס זאָל זיין מיט די פאַרשידענאַרטיגע קלימאַטען, ווי די גמרא (שבת דף פ"ה ע"א) זאָגט אויף דעם פסוק אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ, וואָס עפּעס חורי זיינען יושבי הארץ און אַלע מענשען זיינען דען יושבי רקיע, זיצען אויפ'ן הימעל, נאָר די בני חורי זיינען געווען לאַנד מענשען, וועלכע האָבען געוואוסט יעדער שטיק לאַנד צו וועלכע געוויקסען ער איז צוגעפּאַסט מיט דער געטליכער וואוקס קראַפט, ביז דער העכסטער געטליכער גייסטיגער קראַפט וואָס אין נשמות און מלאכים איז דאָס באַצייכענט מיט דעם נאָמען איבערנאַטירליכע למעלה מן הטבע.ביידע — טבע און למעלה מהטבע — זיינען די געטליכע ליכטיגקייט אויף

רמב"ם רעכענט: אין יד החזקה הלכות יסודי התורה פ"ב ה"ז.

און אין אַלע וועלטען און אין זייערע באַשעפענישען, נאָר דער אונטערשייד איז אין דעם וואָס טבע, די נאַטור וואָס ג־ט ב״ה האָט אריינגעגעבען אין דעם קערפּערליכען טייל פון אַלע באַשעפענישען, אין צבא השמים און אין צבא הארץ, קען מען דאָס מער וועניגער פאַרשטיין און האָבען עטוואָס אַ באַגריף אין דעם, אָבער אין דעם נפש ונשמה טייל וואָס אין וועלט און באַשעפענישען און נשמות ומלאכים קען מען ניט פאַרשטיין, עס איז מער ניט וואָס די פּעולת הכחות פון נפש וואָס ווירקען אין די קערפּער גלידער איז פון דעם קען מען עפּעס האָבען אַ באַגריף אין די כחות הנפש, למשל, פון דעם וואָס מיר ווייסען אַז אין קאָפּ זיינען פאַראַן דריי באַזונדערע ערטער וואָס אין די דריי ערטער געפינען זיך דריי פאַרשידענאַרטיגע מאַרך שטאָפען, איין טייל האָט די אייגענשאַפט פון קאַלטקייט און פייכטקייט, דער צווייטער טייל האָט די אייגענשאַפט פון וואַרימקייט און טרוקענקייט און דער דריטער טייל האָט אַן אַנדער אייגענשאַפט, וואָס יעדער טייל פון דעם קאָפּ מאַרך איז אַ באַזונדער אַנהאַלטס פּלאַץ — אַ כלי — פאַר אַ באַזונדער טייל פאַרשטאַנד, ווייל וויסענשאַפט טיילט זיך אין דריי הויפּט טיילען: המצאה, איינפאַל, הבנה, פאַרשטאַנד, העמקה פאַרטיפונג, וואָס די דריי טיילען אין וויסענשאַפט ווערען באַצייכענט מיט די דריי נעמען: חכמה, בינה און דעת. דער נאָמען חכמה באַצייכענט אַ המצאה, איינפאַל, בינה באַדייט דער פאַרשטאַנד פון דער המצאה און דעת איז די פאַרטיפונג וואָס ער פאַרטיפט זיין גאַנצע השכלה קראַפט אין דער ערקלערונג פון דער המצאה שכלית, וואָס אַלץ מער ער פאַרטיפט זיך אין דעם פאַרשטאַנד אַלץ מער און קלערער ערקלערט דער פאַרשטאַנד דעם טיפזיניגען אינהאַלט פון דער המצאה, וואָס די אַלע דריי טיילען חכמה, בינה ודעת הגם זיי זיינען דאָך טיילען פון דער וויסענשאַפט דאָך איז יעדער טייל אַ מציאות פאַר זיך, ווי מיר זעהען במוחש אַז די השכלה פעהיגקייטען ביים מענשען טיילען זיך אין די אַלע דריי טיילען. פאַראַן מענשען וואָס זייערע השכלה פעהיגקייטען זיינען אין המצאה, אויפטאָן אַ נייעס, און זיי ווערען גערופען מיט׳ן נאָמען בעלי המצאה. פאַראַן אַזעלכע וואָס זייערע השכלה פעהיגקייטען זיינען אין הבנה והסברה, זיי קענען יעדער המצאה זייער גוט ערקלערען אַז אַלע זאָלען דאָס פאַרשטיין, אָבער אויפטאָן אַ נייעם שכל קענען זיי ניט. פאַראַן אַזעלכע וואָס זייערע השכלה פעהיגקייטען איז אין פאַרטיפען זיך אין דער המצאה און פאַרשטאַנד ביז זיי קריגען אַרויס נייע אויפטואונגען, הן אין דער הבנה און הן אין דער המצאה, וואָס דאָס איז דער יתרון פון דעם כח הדעת לגבי די כחות חכמה ובינה, וואָס די ערקלערונגען זיינען מער ניט ווי אַ השכלה באַגריף.

קיצור. ערקלערט אַז דער אור אלקי אין עולם התחתון און אין עולמות העליונים איז אויף צוויי אופנים: א) וואָס איז מהוה און מחי׳ דעם קערפּערליכען טייל פון אַלע באַשעפענישען; ב) וואָס איז מהוה און מחי׳ די נפשות און נשמות פון אַלע באַשעפענישען. דער אור אלקי וואָס איז מהוה און מחי׳ א) די קערפּערליכע טייל ווערט גערופען טבע. ב) די נפשות און נשמות טייל ווערט גערופען למעלה מן הטבע, וואָס אין טבע איז דאָ אַ באַגריף אין למעלה מהטבע איז מער ניט ווי השערה שכלית.

ב.

והנה אַט דער אונטערשייד צווישען טבע און למעלה מהטבע, וואָס אין טבע האָט מען אַ פאַרשטענדליכען באַגריף און אין למעלה מהטבע איז מער ניט ווי אַ אונגעפערען באַגריף, דאָס הייסט אַ השערה אין דעם פועל וואָס קומט דורך זיינע פעולות, וואָס איז ניט קיין דייטליכער באַגריף ,איז באמת דער אונטערשייד ניט קיין יסודית'דיגער אַז מיר זאָלען זאָגען אַז ביי אונז איז פאַראַן אין אונזער וויסענשאַפטליכען פאַרשטאַנד אַ גרונטיגער אונטערשייד צווישען די באַגריפען פון טבע און למעלה מהטבע. דער טיפער נאָכדענקען אין דער געטליכקייט פון נאַטור און איבערנאַטירליך ברענגט צום אויספיר אַז ניט נאָר דער ענין פון למעלה מהטבע איז ביי אונז באמת אומבאַגרייפליך דער רוחניות'דיגער צושטאַנד פון די גייסטיגע כחות למעלה מהטבע, נאָר אויך טבע וואָס מיר מיינען אַז מיר באַגרייפען איז באמת אויך אומבאַגרייפליך, ווייל אַט דאָס וואָס מיר באַגרייפען יאָ אין נאַטור איז דאָס ניט דער ריכטיגער אמת פון נאַטור. נאַטור איז אומבאַגרייפליך ווי איבערנאַטור, מיט דעם אונ־טערשייד וואָס אין נאַטור האָט ג־ט ב"ה איינגעהילט די איבערנאַטירליכקייט אין זאַכען וואָס דער מענש קען זיי בעאָבאַכטען און פאַרשען און דאָס שאַפט די מיינונג ביי מענשען אַז נאַטור איז באַגרייפליך, אָבער אין תוך גע־נומען איז טבע אומבאַגרייפליך ווי למעלה מהטבע, מיט דעם אונטער־שייד וואָס טבע מאַכט נעהנטער השערה שכלית אין למעלה מהטבע, אָבער מיט דעם אויפריכטיגען באַטראַכטען אין דעם טיפען אינהאַלט פון טבע קומט מען צום ריכטיגען באַשלוס אַז טבע אַליין איז בעצם למעלה מן הטבע, דאָס הייסט אַז די באַגריפען זיינען גלייכע, נאָר אין די זאַכען וואָס די געוואוינ־הייט פון דעם מענשען איז מער רופט ער דאָס נאַטור. למשל, די זון נאַטור אַז אין פרימאָרגען איז דער געבורט פון דער זון אין מזרח און במשך פון טאָג גייט די זון אַלץ צו דרום זייט און פאַרגייט אין מערב זייט, וואָס אַזוי איז דער הילוך השמש פון דעם ערשטען טאָג וואָס ג־ט ב"ה האָט געשאַפען די זון ביז היינטיגען טאָג, איז די געוואוינהייט וואָס דער מענש איז געוואוינט אַלע טאָג צו זעהן דעם זעלבען סדר האָט געשאַפען דעם נאָמען די זון נאַטור און עס מאַכט ניט קיין איינדרוק אויף דעם מענשען ווי עס האָט באַדאַרפט ווירקען אַ אויסערנאַטירליכע פאַסירונג, וואָס באמת ווען דער מענש פאַרטיפט זיך אין דער זון גאַנג אָרדנונג במשך פון איבער פינף טויזענט זיבען הונדערט מיט דריי יאָר, טאָג איין טאָג אויס, אַלץ אין איין און דעם זעלבען אופן און סדר איז דאָך דאָס אַ אמת'ר איבערנאַטירליכער וואונדער, נאָר די געוואוינהייט שאַפט דעם נאָמען נאַטור, אָבער אין תוך גענומען איז דאָס איבערנאַטירליך, און אַזוי זיינען אַלע זאַכען וואָס ווערען גערופען מיט'ן נאָמען נאַטור איז דאָס מצד דער געוואוינהייט אָבער דאָס איז ניט קיין פאַרשטאַנד נאָמען נאָר אַ רגילות נאָמען וואָס מאַכט ניט קיין ריכטיגען אונטערשייד פון טבע ביז למעלה מהטבע, ווייל דער גאַנצער אונטערשייד איז אין דעם וואָס אין דעם אור אלקי וואָס איז מהווה און מחי' די נפשות נשמות ומלאכים האָבען מענשען קיין באַגריף ניט אפילו אין זייערע מציאות, ווער רעדט אין זייער מהות הרוחני אפילו אין זייער מציאות

הרוחני אויך ניט, אָבער אין דעם אור אלקי וואָס איז מהווה און מחי׳ די קער־פּערליכע טיילען פון אַלע באַשעפענישען האָט ג־ט ב״ה געגעבען דעם מענש־ליכען פאַרשטאַנד אַז ער זאָל קענען באַגרייפען לכל הפּחות דעם מציאות פון דעם אור אלקי וואָס איז איינגעהילט אין טבע, וואָס דאָס ברענגט אַ השערה שכלית אין דעם אור אלקי וואָס איז אין למעלה מהטבע, וואָס דאָס איז די כוונה העליונה אין דעם וואָס דער אור אלקי הילט זיך איין אין די זאַכען וואָס זייערע קערפּערליכע טיילען זיינען נאָהענט צו דעם מענשען אום צו געבען דעם מענשען אַ באַגריף אַנהאַלט. וואָס דאָס איז דער ריכטיגער מיין אין טבע, אַז דער אור אלקי איז אַרומגענומען מיט דער רגילות אַט אַזוי ווי די ים וואַסער נעמט אַרום די זאַכען וואָס זיינען אין דער טיפעניש פון דעם ים, וואָס דאָס איז וואָס עס שטייט בראשית ברא אלקים די וועלט האָט ג־ט ב״ה באַשאַפען דורך דעם שם אלקים וואָס עס איז בגימטריא הטבע, וואָס די ריכטיגע וועלט און מלאכים ונשמות שאַפונג איז דורך דעם שם הוי׳ וואָס דער מיין פון דעם נאָמען איז באַשעפער, נאָר די שאַפונג פון שם הוי׳ איז דורך דעם שם אלקים, דיביידע הייליגע געטליכע נעמען אלקים און הוי׳ איז שם אלקים טבע, און שם הוי׳ וואָס איז למעלה מהטבע שאַפט די וועלט און איז מחי׳ דורך דעם שם אלקים וואָס דאָס איז טבע, אויך די הנהגה וואָס ג־ט ב״ה פירט די וועלט איז למעלה מדרך הטבע און איז דורך טבע, און בפרט די הנהגה העליונה מיט׳ן כלל ישראל איז דאָך למעלה מדרך הטבע ממש, ווי דער מאמר הידוע איין שעפּעלע צווישען זיבעציג וועלף און זי איז גאַנץ, די גרויסע שנאה פון אַלע פעלקער אין אַלע מדינות במשך פון דעם גלות המר, וואָס אַלע פעלקער האָבען און זיינען דן דעם עם ישראל בכל מיני מיתות איז דער כלל ישראל חי וקיים און וועלען האָבען אַ קיום נצחי, ווייל דער כלל ישראל זיינען די שומרי ומקיימי תורה ומצות נצחיים מיט אמונה באלקינו ואלקי אבותינו. און דאָס איז יענך הוי׳ ביום צרה ישגבך שם אלקי יעקב, יעדער איד אנשים נשים וטף דאַרפען וויסען אַז אין אַ יום צרה איז די הנהגה למעלה מהטבע נאָר עס דאַרף זיין דער ישגבך שם אלקי יעקב, דער געטליכער נאָמען אַליין דאַרף שטאַרקען די האַרץ פון יעדערען און זיין בטוח אין דער גאולה שלמה, ווי דער מאמר הידוע פון דעם רבין נ״ע וואָס ער האָט געזאָגט צו איינעם ישגבך שם אלקי יעקב, זיי שטאַרק אין דעם שם אלקי יעקב וועט זיין יענך הוי׳ ביום צרה בחסד וברחמים.

קיצור. ערלערט אַז דער פריער ערקלערטער אונטערשייד צווישען טבע און למעלה מהטבע איז ניט קיין גרינדליכער, ווייל טבע זעלבסט איז למעלה מהטבע, נאָר די מענשליכע געוואוינהייט מאַכט דעם פלא׳דיגען למעלה מהטבע פאַר אַ נאַטירליכע זאַך. למשל די זריחה און שקיעה פון דער זון אין משך איבער פינף טויזענד זיבען הונדערט און דריי יאָר אויף איין און דעם זעלבען אופן און סדר, ג־ט ב״ה וואָס למעלה מהטבע האָט באַשאַפען און פירט

מיין אין טבע: פון לשון טביעה דערטרונקען.

די וועלט דורך טבע. דורך דער שטאַרקונג אין דער אמונה ובטחון אין דעם געטליכען נאָמען איז די געטליכע הנהגה בדרך למעלה מהטבע.

דעו כי הוי׳ הוא אלקים הוא עשנו ולו אנחנו עמו וצאן מרעיתו. זייט וויסען אַז ג־ט איז דער שטאַרקסטער האַר ער האָט אונז געמאַכט און זיינע זיינען מיר זיין פאָלק און די שאָף פון זיין פיטערונג. דער ראב״ע טייטשט דעם פסוק זייט וויסען אַז ג־ט ב״ה איז נאָר ג־ט אַליין און מיר זיינען זיינע, מען באַדאַרף וויסען אַז מיר זיינען זיין פאָלק. רש״י טייטשט הוא עשנו ולא ער האָט אונז באַשאַפען ווען מיר זיינען נאָך ניט געווען אויף דער וועלט. דער מצודת דוד טייטשט הוא אלקים ער איז דער בעל יכולת הוא עשנו ער האָט אונז געמאַכט גרויס און געהויבען, ולו אנחנו, מיר זיינען דער איינציגער פאָלק אַז מיר זאָלען גערופען ווערען זיין פאָלק און די שאָף פון זיין פיטערונג. דער אינהאַלט פון די פירושים איז, מיר דאַרפען וויסען אַז נאָר ג־ט אַליין איז ג־ט, ער איז דער בעל יכולת, ער האָט אונז געמאַכט ווען מיר זיינען נאָך ניט געווען אויף דער וועלט, ער האָט אונז געמאַכט פאַר זיין פאָלק, ער האָט אונז געמאַכט גרויס און דערהויבען. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער מיין אין דעם וואָס אַז נאָר ג־ט אַליין איז ג־ט. עס איז אודאי אַזוי אַז נאָר ג־ט אַליין איז ג־ט, און עס איז זיכער אַז ער איז דער בעל יכולת, דאָס זיינען אַזעלכע זאַכען וועלכע מען ברויכט ניט צו זאָגען, יעדער פיהלט דאָס. אויך באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס רש״י זאָגט הוא עשנו ולא, ער האָט אונז געמאַכט ווען מיר זיינען נאָך ניט געווען אויף דער וועלט, אויב אַזוי וואָרום רופט מען דאָס עשנו, און אַז עשנו איז וואָרום זיינען מיר נאָך ניט געווען אויף דער וועלט, און פון דעם טיפען המשך פון פסוק איז קלאָר צו זען, אַז ווען מען ווייס אַז נאָר ג־ט אַליין איז ג־ט, ער איז דער בעל יכולת און האָט אונז געמאַכט ווען מיר זיינען נאָך ניט געווען אויף דער וועלט איז פון דעם ווייסען מיר אַז מיר זיינען זיין פאָלק און די שאָף פון זיין פיטערונג. אויך דאַרף מען פאַרשטיין וואָס אין דער תורה שטייט אתה הראת לדעת כי הוי׳ הוא האלקים וגו׳ אויך שטייט וידעת היום והשבות אל לבבך כי הוי׳ הוא אלקים וגו׳, אויך אין דער תפלה פון אליהו הנביא ביי דעם מזבח אויפ׳ן הר הכרמל שטייט (מלכים א׳ יח) ענני ה׳ ענני וידעו העם הזה כי אתה ה׳ האלקים וגו׳. אין דער הודאה וואָס אַלע אידען האָבען מודה געווען אין אחדות הוי׳ שטייט (שם) וירא כל העם ויפלו על פניהם ויאמרו ה׳ הוא האלקים ה׳ הוא האלקים, און אין דעם פסוק שטייט דעו כי ה׳ הוא אלקים, דאַרף מען פאַרשטיין וואָס מיינט דער חילוק צי עס שטייט האלקים מיט אַ הא צי אלקים אָהן אַ הא. דער וואָרט ולו אנחנו האָט אַ כתיב און אַ קרי, דער כתיב איז ולא מיט אַ אלף און דער קרי איז ולו מיט אַ ו׳. אין מדרש רבה (בראשית פ״ק א) ווערט דער פסוק דעו כי הוי׳ הוא אלקים דערקלערט נאָך דעם כתיב און נאָך דעם קרי פון דעם וואָרט ולא מיט אַ אלף און ולו מיט אַ ואו, ר׳ יהודה בר׳ סימון זאָגט דעו כי ה׳ הוא אלקים הוא עשנו ולא אנחנו, זייט וויסען אַז נאָר ג־ט אליין איז ג־ט ער האָט אונז געמאַכט

און ניט מיר האָבען באַשאַפען אונזערע נפשות (לעבענס). ר׳ אחא זאָגט דעו כי ה׳ הוא אלקים הוא עשנו ולו, זייט וויסען אַז נאָר ג־ט אַליין איז ג־ט ער האָט אונז געמאַכט און אים גיבען מיר איבער אונזערע נפשות (לעבענס). ר׳ יהודה טייטשט אויס דעם פסוק ווי דער כתיב פון דעם וואָרט ולא וואָס איז מיט אַ אלף, אַז מען באַדאַרף וויסען אַז השי״ת האָט אונז געמאַכט און ניט מיר האָבען באַשאַפען אונזערע לעבענס, און ר׳ אחא טייטשט אויס דעם פסוק ווי דער קרי פון דעם וואָרט ולו מיט אַ ואו, אַז מען באַדאַרף וויסען אַז השי״ת האָט אונז געמאַכט און אים גיבען מיר איבער אונזערע לעבענס. ר׳ יהודה און ר׳ אחא זיינען מפרש ביידע גלייך דעם אָנהויב פסוק דעו כי ה׳ הוא אלקים אויף דעם זעלבען אופן אַז מען באַדאַרף וויסען אַז ה׳ הוא אלקים און אַז מען ווייס אַז ה׳ הוא אלקים דאַן קומט מען צו דער ידיעה אַז מיר, דער עם ישראל, זיינען עמו וצאן מרעיתו. נאָר ר׳ יהודה און ר׳ אחא ערקלערען דעם הוא עשנו ולא אנחנו,ולו, לויט׳ן כתיב און לויט׳ן קרי.

קיצור. פרעגט וואָס איז דער מיין ה׳ הוא אלקים. א) נאָר ג־ט אַליין איז ג־ט. ב) ער איז אַ בעל יכולת, וואָס איז דער מיין הוא עשנו ולא, ער האָט אונז געמאַכט ווען מיר זיינען נאָך ניט געווען אויף דער וועלט. אין דער תורה און ביי דער הודאה פון הר הכרמל שטייט ה׳ הוא האלקי׳ דאָ שטייט ה׳ הוא אלקי׳. דער כתי׳ און קרי פון ולא ווערט ערקלערט אין מדרש פון ר׳ יהודה און ר׳ אחא.

ב.

והנה ווען מען איז מעמיק דעת אין דעם טיפען אינהאַלט פון דעם פסוק דעו כי ה׳ הוא אלקים וגו׳ ווערען דאָ אַרויסגעזאָגט פיר ענינים אין וואָס עס באַדאַרף זיין דער דעו. דעו מיינט אַ טיפער אַריינטראַכט און איבערלייגונג אין די דערקלערונגען און פאַרשטאַנדען וואָס מען לערנט. די פיר ענינים פון דעם פסוק אין וואָס עס דאַרף זיין דער דעו אַז ה׳ הוא אלקים, אַז הוא עשנו, אַז ולא — ולו — אנחנו, אַז עמו וצאן מרעיתו. יעדער איינער פון די פיר ענינים האָט אַ באַזונדער דייטליכע ערקלערונג און פאַרשטאַנד וואָס אויף דעם קומט דער ציווי דעו, טראַכט זיך טיף אריין אין דעם און איר וועט קומען צו דעם אמת׳ן פאַרשטאַנד. די אַלע פיר ענינים אין דעם פסוק האָבען אַ מסודר״דיגען אָנשלוס, וואָס איין ענין מאַכט קלערער דעם ענין וואָס פאַר אים איז. דער ערשטער און גרונט־ ענין איז דעו כי ה׳ הוא אלקים, ער זאָגט אויף דעם דעם אויסשפּראַך דעו, זייט וויסען, און ניט האמינו וואָס איז דער אויסשפּראַך פון גלויבען, ווייל די הקדמה פון אמונה (גלויבען) איז השגה (פאַרשטאַנד), ווייל נאָר דורך דער הכנה פון פאַרשטאַנד אין דעם וואָס מען קען פאַרשטיין איז דער גלויבען אַ באַפעסטיגטער, ווייל אמונה איז נאָר אין דעם וואָס דער מענשליכער שכל קען ניט באַנעמען, עס איז איבעריג צו זאָגען אַז די פשוט׳ע אידען וואָס זיינען שוואַך אין לערנען איז זייער גלויבען בה׳ ובתורתו אַ אמונה שלמה, אָבער די וואָס קענען לערנען ביי זיי איז דער פאַרשטאַנד אַ הכנה צו אמונה. דער ענין פון אמונה איז ניט ווי די וועלט מיינט אַז אמונה מיינט אין דעם וואָס השי״ת האָט באַשאַפען די וועלט מיט אַלע באַשעפענישען, די הימלען

מיט אַלע זייערע באַשעפענישען די מלאכים און נשמות, באַלעבט זיי אַלעמען און פירט זיי לויט זיין געטליכען ווילען. זיי האָבען אַ גרויסען טעות, דאָס איז ניט אמונה, וואָס מיינט גלויבען, דאָס איז דעת וואָס מיינט פאַרשטאַנד, ווייל דאָס אַז השי"ת האָט די ערד און הימלען מיט אַלע זייערע באַשעפענישען מלאכים ונשמות באַשאַפען באַלעבט זיי און פירט זיי לויט זיין געטליכען ווילען קען דער מענש גוט פאַרשטיין מיט אַ ביישפּיל פון זיך אַליין, ווי עס שטייט (איוב יט, כו) ומבשרי אחזה אלקה פון מיין קערפּער טו איך זעהן געטליכקייט. אין אבות דר' נתן שטייט אַז דער מענש איז אַ קליינע וועלט און אַז די וועלט איז אַ גרויסער קערפּער, דאָס מיינט אַז דער מענש קען פון זיין אייגענעם קערפּערליכען לעבען, ווי דער נפש באַלעבט דעם קערפּער און דער קערפּער ווערט געפירט פון דעם נפש, אַז ניט נאָר דער לעבען אפילו פון אַ נאָגעל קומט פון דער נפש קראַפט נאָר אַז אויך דער קלענסטער פולס (רירונג) פון דער קלענסטער הויט געוועב קומט פון נפש, און אַזוי איז אויך אין עולם וואָס איז אַ גרויסער קערפּער איז ניט נאָר וואָס השי"ת האָט באַשאַפען די וועלט און באַלעבט זי נאָר אַז די קלענסטע פּאַסירונג אין דער וועלט איז אַלעס פון השי"ת. דער ענין האמונה איז אין דער אחדות הבורא ב"ה אַז ער ב"ה איז אַלץ און אַלץ איז ער, דער נפש און דער גוף זיינען באַזונדערע באַשעפענישען נאָר ברצון הבורא ב"ה איז דער נפש מחי' דעם גוף, אָבער השי"ת און אַלע באַשעפענישען קערפּערליכע און גייסטיגע זיינען פאַראייניגט ווייל ער איז אַלץ, און דאָס איז דער מיין ה' הוא האלקים דער שם אלקים די באַשאַפונג איז ה', דער נאָמען הוי' וואָס איז דער שעפער און דער שם אלקים וואָס איז די שאַפונג איז איין זאַך, און ה' הוא אלקים מיינט אַז דער שם הוי' וואָס ער איז רחמים איז זיך מתלבש אין שם אלקים וואָס איז דין, אָבער די כוונה איז צוליב רחמים ווייל ער איז דער בעל יכולת וואָס ווירקט אַז הפכים זאָלען איינע די צווייטע מיטהעלפען דורכצופירען די כוונה עליונה. הוא עשנו, אין מדרש שטייט אַז השי"ת'ס מחשבה וועגען אידען איז פריהער פאַר אַלץ, און דאָס איז דער מיין ער האָט אונז געמאַכט איידער מיר זיינען געוועזען אויף דער וועלט, וואָס מיט דעם אליין האָט ער אונז געמאַכט גרויס און דערהויבען, ולא אנחנו ניט מיר האָבען געשאַפען אונזערע נפשות נאָר ולו אנחנו מיר זיינען זיינע און צו זיין ווילען דאַרפען מיר איבערגעבען אונזערע אָפּפער, און דאָס אַליין אַז מיר קענען באַגרייפען געטליכקייט און פיהלען דעם אמת אַז נאָר ג-ט אַליין איז ג-ט, ער איז אַלץ, אַלץ איז ער, איז ווייל מיר זיינען זיין פאָלק און די שאָף פון זיין פיטערונג ברוחניות ובגשמיות.

קיצור. ערקלערט אַז דער מיינט אַ פאַרטיפונג אין דעם פאַרשטאַנד פון לערנען. אין דעם פסוק מיינט דער דער פיר ענינים א) כי ה' הוא אלקים. ב) הוא עשנו. ג) ולו (ולא) אנחנו. ד) עמו וצאן מרעיתו. פאַרשטאַנד איז אַ הכנה צו אמונה, אַז השי"ת האָט באַשאַפען אַלע וועלטען מיט זייערע באַשעפענישען נשמות און מלאכים באַלעבט זיי און פירט זיי לויט זיין ווילען פאַרשטייט דער מענש פון זיין קערפּערליכען לעבען, אמונה איז אַז ער איז אַלץ, אַלץ איז ער.

וקבל היהודים את אשר החלו לעשות, די אידען האָבען אויף זיך גענומען צו טאָן דאָס וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען אַמאָל צו טאָן, ווי די גמרא (שבת פח. א) זאָגט זיי האָבען דאָן דערפילט אָט דאָס וואָס זיי האָבען לאַנג אויף זיך גענומען, דאָס מיינט זיי האָבען דאַן תשובה געטאָן און גענומען אויף זיך אַז זיי וועלען מקיים זיין אַלץ וואָס זיי האָבען אויף זיך גענומען בשעת מתן תורה. אין יענער צייט זיינען אַ גרויסע צאָל אידען געווען אין די אַלע מדינות פון אחשורוש'עס קעניגרייך, און פון צייט צו צייט זיינען זיי געוואָרען קעלטער צו שמירת מצות מעשיות. וועגען דער סיבה וואָס האָט געבראַכט צו אַזאַ שלעכטען רוחניות'דיגען מצב זיינען פאַראַן צוויי דיעות, איין דיעה איז, ר' שמעון בן יוחאי זאָגט אַז דער יסוד פון דעם אידישען רוחניות'דיגען שלעכ־טען צושטאַנד אין יענער צייט איז געווען וואָס ביי אַ טייל אידען אין די צייטען פון נבוכדנצר'ס מלוכה איז געווען די מיינונג אַז דער עיקר קיום פון דעם מענשען איז קראַפט, דאָס מיינט אַז דער עיקר איז דער חומריות־וועלטליכער לעבען און דער מענש באַדאַרף דאָס ערווערבען דורך קראַפט, וואָס דאָס איז געווען די גרונד־מיינונג פון נבוכדנצר'ן, און דאָס איז וואָס ר' שמעון בן יוחאי זאָגט, אַז דער חטא פון די אידען איז געווען וואָס זיי האָבען זיך געבוקט צו נבוכדנצר'ס צלם, השתחוואה מיינט, אַז מען גיט אַוועק די אייגענע מיינונג צו יענעמ'ס מיינונג, און אָט די שלעכטע גרונד מיינונג האָט געבראַכט די אידען במשך הזמן, צו חילול שבת און חילול התורה והמצות. די צווייטע דיעה איז, אַז די נאָהענטקייט, דאָס מיינט דער קירוב הדעת וואָס עס איז געווען צווישען די אידען מיט די פרסיים בבליים און מדיים, די אידען זיינען געווען קרובים למלכות און האָבען הנאה געהאָט פון די טריפה'נע סעודות, האָט דאָס זיי געבראַכט צו דערווייטערען זיך פון תורה ומצות און עטליכע יאָר פאַר דער גאולה פון גלות בבל האָט זיך דער שטן רחמנא ליצלן גענומען מסית ומדיח זיין די אידען און מאַכען זיי זינדיגען. די כוונה פון בעל דבר איז געווען צו זינדיג מאַכען די אידען אַז השי"ת זאָל זיי חלילה ווייטער לאָזען אין גלות, די אידען האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען די נסיונות און האָבען געפירט אַ פרייען לעבען, די רייד פון מרדכי הצדיק און די סנהדרין האָבען ניט געווירקט, עס האָבען זיך געפונען עזות פנימ'ער וואָס האָבען זיך געשטעלט בראש פון די פרייע אידען און האָבען אויסגעלאַכט מרדכי'ן מיט די חברי הסנהדרין וואָס האָבען גערופען די אידען צו תשובה און האָבען זיי געשטאַרקט מיט דער בשורת הגאולה פון גלות בבל וואָס באַדאַרף קומען ניט אין אַ ווייטער צייט, די עזות פנימ'ער, די שלוחי הבעל דבר האָבען מיט זייער אָפּלאַכען פון מרדכי'ס און די חברי הסנהדרין'ס גאולה און תשובה רייד געבראַכט אַ פאַר־צווייפלונג אין די הערצער פון אַ טייל בעסערע אידען וועלכע האָבען ביז דאַן געגלויבט אין דער גאולה, אָבער הערענדיג די שפּאָט ווערטער פון די עזות־פנימ'דיגע מנהיגים און נאָך מער וואָס חוץ מרדכי און עטליכע פון די חברי הסנהדרין האָבען אַנדערע וועגען דער קירוב הגאולה צייט ניט גערעדט און אַ טייל פון זיי האָבען דעם גאַנצען ענין פון דעם יעוד הגאולה פאַרשוויגען, זיי האָבען ניט געקענט זאָגען אַז די גאולה וועט ח"ו ניט קומען ווייל זיי האָבען דאָך געגלויבט באמונה שלמה אַז דער יעוד הגאולה וועט זיכער מקויים ווערען, נאָר זיי האָבען

ניט געוואוסט ווען, און ניט געגלויבט אַז מרדכי און חברי הסנהדרין ווייסען, האָבען זיי וועגען דעם גאַנצען ענין פון יעוד הגאולה געשוויגען, וואָס מיט זייער שווייגען איז חוץ דעם וואָס זיי האָבען בדרך ממילא געגעבען אַ תוקף די מנהיגים הרעים, די שלוחי הבעל דבר, אַז זיי האָבען פשוט מבזה געווען מרדכי׳ן און די חברי הסנהדרין און האָבען נאָך מער געבראַכט די אידען צו עבירות במאכלות אסורות, חילול שבת ומועדים און נשואי תערובות, וואָס האָט נאָך מער געבראַכט צו קירוב פון די אידען מיט די לאַנדס איינוואוינער, איז חוץ דעם איז דער שטיל שווייגען וועגען דעם יעוד הגאולה האָט געבראַכט אַ פאַרצווייפלונג אין דעם ענין הגאולה ביי אַ טייל אידען וועלכע האָבען ביז דאַן געגלויבט באמונה שלמה אין דער גאולה. די פאַרצווייפלונג האָט זיך אויסגע־דריקט אויף פאַרשידענאַרטיגע אופנים און אין צוויי הויפּט טיילען, אַ טייל אידען זיינען אינגאַנצען אַוועק פון אמונת הגאולה און תורה ומצות און אַ טייל אידען וועלכע זיינען געבליבען ביי געוויסע ענינים אין תורה ומצות אָבער אין דער אמונה אין יעוד הגאולה איז ביי זיי געוואָרען ספיקות און ביי געוויסע ענינים זיינען זיי געוואָרען נעהנטער צו די מנהיגים כופרי הגאולה, און אַזוי אַרום זיינען די אידען אין יענער צייט געזונקען ר״ל אין דער טיפעניש פון זינד דורך דער שלעכטער ווירקונג פון די פאַרפירערישע כופרים בה׳ ובתורתו און דורך דעם שטיל שווייגען וועגען דעם יעוד הגאולה.

קיצור. ערקלערט צוויי גרונט סיבות אויף דעם אידישען זינדיגען צושטאַנד.

א) די דיעה אַז דער עיקר איז דער וועלטליכער חומריות לעבען און דאָס דערגרייכט מען דורך זעלבסט־קראַפט. ב) די דיעה אַז מען באַדאַרף זיך אויס־מישען און לכל הפחות פאַראייניגען זיך מיט די לאַנדס איינוואוינער. די כופרים שפּאָטען פון מרדכי׳ס רוף צו תשובה פאַר דער גאולה, און אַ טייל פון די גדולי ישראל שווייגען וועגען דעם יעוד הגאולה וואָס דאָס ברענגט אַ פאַרצווייפלונג ביי אַ טייל פון די מאמינים בגאולה און אַ חיזוק צו די כופרים.

ב.

והנה ווען השי״ת האָט געזען אַז די שלוחים פון דעם בעל דבר זיינען מחטיא דעם כלל ישראל און אַז דער תורה ומצות צושטאַנד ביי אידען ווערט אַלץ ערגער, האָט השי״ת אויפגעשטעלט דעם צר הצורר המן ער זאָל אויספירען ביים קעניג אחשורוש פאַרשידענע גזירות אויף אידען, און המן הרשע האָט צוזאַמענגעקליבען זיינע מיינונגס חברים, די שונאי ישראל, אויף צו באַקלערען די פּאַסענדע צייט אין יאָר ווען עס זאָל אויסגעפירט ווערען זיין להשמיד ולהרוג — היל״ת — אויף די אידען און איז געגאַנגען צום קעניג אחשורוש אַרויסקריגען זיין צושטימונג אויף דער מחשבת המן. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קונציגע מלשינות אויף אידען וואָס עס איז געווען זיכער אַז דורך זיין מלשינות וועט דער קעניג גוטהייסען אויסצופירען דעם להשמיד ולהרוג, המן איז געווען זיכער אין זיין ערפאָלג מיט די גזירות אויף די אידען ווייל ער האָט געוואוסט ווי זינדיג די אידען זיינען און מדת הדין האָט מקטרג געווען

ר״ל אויף די אידען, וואָס דאָס איז דאָך דער פנימיות׳דיגער מיין פון מלשינות המן, דאָס וואָס דער שטן, נחש הקדמוני, האָט מקטרג געווען פאַר המלך אחשורוש, מי שהראשית והאחרית שלו, ווי עס שטייט אני ראשון ואני אחרון, ישנו עם אחד. יש מיינט כח און ווילען, די מסירת המן וואָס דער שטן איז מקטרג פאַר הקב״ה איז אַז דער כח און ווילען וואָס דו האָסט אַריינגעגעבען אין די וואָס דו רופסט זיי עם אחד, ווי עס שטייט ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, וואָס זיי האָבען אַזאַ שטאַרקען רצון און גרויסע כחות אַז דורך דעם לימוד התורה און קיום המצות און הנהגה אין מדות טובות זיינען זיי ממשיך דעם אחד אויך אין דעם ארץ הלזו הגשמית אַז מען זאָל אַנערקענען דעם אחדות הבורא און פאַרשטיין און פיהלען דעם גדלות הבורא ב״ה, אָבער זיי דער עם וואָס האָט דעם כח פון דעם אחד ב״ה זיינען מפוזר ומפורד בין העמים, זיי נוצען אויס זייערע געטליכע געשאַנק אייגענשאַפטען און פעהיגקייטען אין אַלע עמים׳דיגע זאַכען, ודתיהם שונות מכל עם, די אידען זיינען אַנדערש פון אַלע פעלקער, יעדער פאָלק האָט זיין שטייגער לעבענספירונג הן אין קערפּערליכע און הן אין גייסטיגע עניני׳ם וועלכע זיי פאַרבייטען ניט, אָבער אַנדערש איז מיט דעם עם אחד וואָס ודתיהם שונות מכל עם, זיי זיינען וויליג אַלץ צו טאָן און אַלץ ח״ו צו פאַרבייטען און צופאַסען זיך צו אַלע עמים נאָר צוליב דעם אַז ודתי המלך, מלכו של עולם, אינם עושים. און דאָס איז וואָס רבא זאָגט (מגילה יג, ב) אַז עס איז ניט פאַראַן אַזעלכער וואָס זאָל קענען אויסדריקען אַ לשון הרע ווי המן. און המן האָט מצליח געווען אין זיין מסירה־השתדלות און די אידען אין אַלע מדינות־אחשורוש האָבען געפיהלט די גרויסע צרות פון גזירת המן און אויף אַ געוויסען טייל אידען האָבען די גרויסע צרות געווירקט אַ תשובה צובראָכענקייט, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען צאַרען ביי די מנהיגים הכופרים און זיי האָבען גענומען טרייסטען די אידען מיט פאַרשידענע נחמות און אויפווייזען אַז דאָס זיינען ניט קיין גזירות, דאָס וויל מלכות די טובה פון אידען אַז זיי זאָלען האָבען אַלעס גוטעס דורך זייער אַרבייט און קראַפט, ניט גלויבען ח״ו בישועת ה׳ דורך אַ גאולה מאתו יתברך, אדרבא מען באַדאַרף זיך פאַראייניגען מיט די איינוואוינער פון לאַנד. און דורך זייערע רייד און מעשים תעתועים האָט דער בעל דבר געווירקט אויף די אידען אַז די רייד פון די כופרים זאָלען אָפּשוואַכען די תשובה צובראָכענקייט און אַז מען זאָל אויספאָלגען די קירוב העמים עצה אויף פאַרשידענע אופנים, אידען זינדיגען און די צרות ווערען גרעסער און מער, פון די מנהיגים־כופרים הבטחות איז אַ חוץ חילול הקדש, אכילת טריפות און נאָך עבירות קומט גאַרנישט אַרויס און די גזירות מיט די צרות ווערען שטאַרקער, אָבער ומרדכי ידע את כל אשר נעשה, זאָגט דער ילקוט מרדכי הצדיק ווייס ווי צו היילען די צרות, מרדכי ווייס וואָס דער חטא איז און וואָס די רפואה איז, מרדכי רופט צונויף אַלע אידען און זאָגט זיי אַז די אַלע צרות זיינען ווייל די אידען גייען אין שלעכטע וועגען פון חילול שבת, מאכלות אסורות און אַנדערע עבירות, מרדכי מאַכט די גרעסטע התעוררות תשובה און

אחשורוש מי שהראשית והאחרית שלו: מדרש געבראַכט אין מאורי אור אות אלף בסופו.

פאַרזיכערט זיי מיט׳ן יעוד הגאולה, אידען הערען מרדכי׳ס תשובה־רוף און ביי זיי ווערט זיכער די גאולה אמונה, און דאָס איז וקבל היהודים את אשר החלו לעשות, זיי ווערען פרום און זיינען מקיים תורה ומצות מיט אַ אמת אידי־שען מסירת נפש, אין אַ יאָר אַרום קומט די גאולה צייט און במשך פון פיר יאָר ווערט אויפגעבויט דער בית המקדש, וואָס דאָס איז דער גרויסער כח פון תשובה אַז קיימו עכ״שו אין דער צייט פון גלות וואָס זיי זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט מנגדי דת ישראל און געווען אונטער דער השפעה פון די כופרים בעיקר שונאי דת ישראל, אַזעלכע וואָס האָבען אָפּגעשפּאָט פון תורה ומצות און אויסגעלאַכט מרדכי הצדיק און חברי הסנהדרין, זאָל מען דורך אַ התעוררות תשובה צוקומען צו אַזעלכע גייסט־רייכע דרגות ווי אין דעם הייליגען זמן פון מתן תורה. השי״ת האָט זייער אמת׳ע תשובה, די חרטה על העבר און קבלה טובה צו זיין טרייע תורה ומצות אידען אָנגענומען, השי״ת באַגליקט די אידען מיט דעם נס פורים און זיי זיינען זוכה צו דער גאולה.

קיצור. ערקלערט אַז די פאַרפירערישע רייד פון די מנהיגים הכופרים ברענ־גען אויף אידען המן׳ס גזירות און צרות. המן בכות פון שטן׳ס קטרוג אַז דער עם הנבחר נוצט אויס זיינע געטליכע געשאָנקענע כחות אויף גאָר וועלטליכע זאַכען און מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו פאַראייניגען די אידען מיט די דתי העמים און אָפּרייסען זיי פון דתי הקב״ה. מרדכי׳ס תשובה רוף ווירקט אויף אידען און זייער מסירת נפש אויף תורה ברענגט דעם נס פורים.

ג.

עס איז געווען אין יאָר תקמ״ב, דעם דריטען יאָר וואָס חסידי חב״ד האָבען זייער פיל געליטען פון די מנגדים, יסורים קשים ומרים, פורים תקמ״ב האָט דער אַלטער רבי נ״ע געזאָגט מיר וועלען נאָך מער ליידען, געמיינט דעם ביטערען חרם פון זומער תקמ״ב, אָבער אַלע באַדאַרפען וויסען אַז קימו למעלה וואָס קבלו למטה, נאָר מיר מוזען פאַרשטאַרקען די עבודה פון תשובה ווייל כל גאולה קומט נאָר דורך דער הקדמה פון תשובה, מיר דאַרפען די גאולה מן המקטרגים מוזען מיר האָבען די הכנה פון תשובה, יענעם יאָר האָט דער צענדליג טויזענדיגער עדת חסידי חב״ד שבט געשטורעמט אין דער תשובה עבודה, אַלע — פון די גרעסטע משכילים אין תורת החסידות און די גרעסטע בעלי עבודה שבלב ביז די פשוטע מענשען — האָבען זיך עוסק געווען בתשובה, פורים תקמ״ג איז דער אַלטער רבי נ״ע געווען אין גרויס חדוה, ער האָט געזאָגט דידן נצח, און די שמחת החסידים איז געווען אין לשער, דאַן האָט דער מיטעלער רבי נ״ע זייענדיג ניין יאָר אַלט, געזאָגט אַז עס איז ווי די אמת׳ע צוויי־פורים׳ס צייטען, די ערשטע פורים צייט האָט מרדכי גערופען צו תשובה און אידען זיינען נתעורר בתשובה, ווי עס שטייט וקבל היהודים את אשר החלו לעשות, וקבל איז דער טייטש זיי האָבען באַקלאָגט, אַזוי ווי דער לשון המשנה (ידים פ״ד, ח) קובלין אנו עליך, מיר קלאָגען זיך אויף דיר, איז דאַן געווען דער טייטש פון דעם פסוק וקבל היהודים, די אידען האָבען באַקלאָגט את אשר החלו,

אַט דאָס וואָס זיי האָבען וואַכעדיג געמאַכט, און אַז מרדכי׳ס תשובה התעוררות האָט אויף זיי געווירקט און זיי האָבען תשובה געטאָן און געהאַט מסירות נפש דעם גאַנצען יאָר, געהאָפט אַז השי״ת אַליין וועט זיי אַרויסנעמען פון די גרויסע צרות איז די צווייטע פורים צייט ווען עס איז געווען דער נס פורים איז דער טייטש וקבל היהודים את אשר החלו, וקבל לשון קבל ערהאַלטען, אַנגענומען, וקבל היהודים את אשר החלו, אידען זיינען מקבל אַט דאָס אויף וואָס זיי האָבען געהאָפט, זיי האָבען געהאָפט אויף ישועת ה׳ און זייער האָפענונג איז מקוים געוואָרען. איצטער אין אונזער גאולה צייט זאָל השי״ת אונז אַלע אידען באַגליקען מיט זיין געטליכער הילף אַז מיר זאָלען טאָן תשובה און מיר זאָלען פון טיפען האַרצען באַקלאָגען אַט דאָס וואָס מיר האָבען וואַכעדיג געמאַכט און מקיים זיין תורה ומצות באמת און שטאַרקען אונזער אמונה ובטחון אין דער גאולה שלמה על ידי משיח צדקנו וועלען מיר אַלע אידען זוכה זיין צו דעם וקבל היהודים את אשר החלו אַז מיר וועלען בקרוב זוכה זיין צו דעם וואָס מיר האָפען אויף דער גאולה שלמה דורך משיח צדקנו.

בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים. אין יעדער דור וואָס מיינט צייט, און אומשטענדען, באַדאַרף יעדער איד, מאַן און פרוי, אָהן אונטערשיעד פון עלטער און שטאַנד זעהן זיך ווי ער אָדער זי אַליין איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער מיין אין דעם, אַז יעדער מיטגליד פון דעם עם ישראל באַדאַרף זיך אַנזעהן ווי ער אַליין איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. אויב דער מיין פון דעם איז מער ניט ווי דאָס, אַז יעדער זאָל ביי זיך וויסען און פיהלען אַז ער זעלבסט איז אַרויס־געגאַנגען פון מצרים, זאָגט ער דאָך נאָכדעם, ניט נאָר וואָס אונזערע עלטערען האָט הקב״ה אַרויסגענומען פון מצרים, נאָר אויך אונז האָט ער יתברך אויסגעלייזט, איז וואָס איז דער מיין פון דעם וואָס ער זאָגט אַז בכל דור כו׳. אויך, דער נאָמען דור באַצייכענט ניט נאָר דעם מיין פון צייט וואָס דאָס איז דער ענין פון כמות, אַז אין יעדער צייט אָהן אונטערשיעד אין וויפיעל צייט אַרום דאָס וועט זיין פון דער צייט פון יציאת מצרים, איז חייב אדם לראות כו׳, נאָר דור באַצייכענט אויך דעם ענין פון איכות, אַז אָהן אונטערשיעד פון דעם פשוט׳סטען מענשען ביז דעם גרעסטען תלמיד־חכם און גאון איז חייב לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים, ווייל די גאולה פון גלות מצרים איז ניט געווען מער ניט ווי אַ קערפערליכע גאולה, עס איז אויך געווען אַ גייסטיגע רוחניות׳דיגע גאולה, וואָס די רוחניות׳דיקע גאולה פון גלות מצרים איז פאַראַן אימער אין דעם מענשען׳ס לעבען און אויפפירונג, און דאָס איז דער מיין פון דעם בכל דור ודור חייב אדם וכו׳, ווייל יעדע נשמה וועלכע הקב״ה גיט אריין אין אַ קערפערליכען

וואָכעדיג געמאַכט: זע דעם ערשטען מאמר וקבל היהודים (פיידוש 104).

לעבען איז דאָס דער רוחניות׳דיגער גלות מצרים, און די עבודה פון דעם מענשען דאַרף זיין די רוחניות׳יגע גאולת מצרים. הגם די גאולת מצרים איז געווען בחסד ה׳ וואָס נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב״ה וגאלם, וואָס הקב״ה כביכול בכבודו ובעצמו האָט אונז אויסגעלייזט פון גלות מצרים, אָבער דאָך איז די גאולה געקומען נאָך דעם אז ונצעק אל ה׳ אלקי אבותינו וואָס דאַן איז וישמע ה׳ את קולנו און וירא את ענינו ואת עמלנו ואת לחצנו. ניט אַלע מאָל העלפט ח״ו דער ונצעק אל ה׳, השי״ת הערט אַלע מאָל און אין אַלע צייטען וואָס אידען זיינען מתפלל, אָבער ניט אַלע מאָל נעמט הקב״ה אָן דעם אידען געשריי. דאַן אין מצרים האָט הקב״ה אָנגענומען דעם אידען געשריי, אַז ער ית׳ האָט אָנגעזעהן אונזער פיין, אונזער מאַטערניש און אונזער געדריקט־קייט, וואָס אזוי איז די גאולה הרוחנית פון מצרים אין עבודה, אַז דורך דעם ונצעק איז דער וישמע און דאַן קומט גאולת מצרים.

קיצור. ערקלערט אַז דער נאָמען דור באַצייכענט אויך די איכות בני אדם, אַט אַזוי ווי עס באַצייכענט די כמות פון זמן, די גרעסטע גאונים ווי די גאָר פשוט׳ע אידען זיינען אַלע מחויב צו זעהן און פיהלען אין זיך אַז זיי אַליין זיינען אַרויס פון מצרים. גאולת מצרים איז געקומען דורך דעם ונצעק אל ה׳ אלקי אבותינו.

ב.

והנה אַלע חגים ומועדים וואָס ה׳ אלקינו האָט אונז אידען אַלעמען געגעבען איז ניט נאָר וואָס זיי זיינען מער ניט ווי אין צייט אַליין, אַז דער זי־בעטער טאָג פון יעדער וואָך איז שבת, דער ערשטער טאָג אין תשרי איז ראש השנה, דער פונפצענטער טאָג אין ניסן איז פסח און אַזוי אַלע ימים טובים, נאָר יעדער חג ומועד שפּיגעלט זיך אָפּ אין דעם גייסטיגען לעבען פון יעדער אידען, וואָס דער גייסטיגער לעבען פון אידען דאָס איז דער ריכ־טיגער לעבען פון אידען וואָס צוליב דעם האָט השי״ת אַראָפּגעשיקט די געטליכע נשמה אויף באַלעבען דעם גוף גשמי און דורכפירען די געטליכע כוונה אין דער וועלט־באַשאַפונג. דער גלות מצרים און גאולת מצרים זיינען ווי די אַלע אַנדערע ענינים אימער פאַראַן אין דער עבודה הרוחנית. די אַלגעמיינע אַראָפּנידערונג פון דער נשמה אין גוף און די ירידה פון דעם נפש האלקית וואָס טוט זיך אָן אין נפש השכלית הטבעית און אין נפש הבהמית ווערט דאָס באַצייכענט מיט׳ן נאָמען גלות מצרים. דער שורש פון דעם וואָרט מצרים איז מיצר, באַגרעניצונג, מיט דעם וואָס די געטליכע נשמה קומט אַראָפּ אין קערפּער און דער נפש אלקית קומט אַראָפּ אין נפש הטבעית ווערט די נשמה און דער נפש האלקית באַגרעניצט אין זייערע רוחניות׳דיגע לעבענס געפיהלען און פאַרשטאַנדען, לגבי די געטליכע אויפפאַסונגען און פאַרשטאַנדען ווי זיי האָבען פאַרמאָגט בעפאָר השי״ת האָט זיי אַראָפּגענידערט אין קערפּערליכען לעבען און אין די ערד־טבעיות׳דיגע פאַרשטאַנדען, אָבער דער גלות מצרים פון דער נשמה און נפש האלקית איז צוליב די גאולת מצרים. מצרים אין רוחניות איז מיצר מי, עס שטייט

שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה, הויבט אויף אייער פאַרשטאַנד אויגען אויף צו פאַרשטיין געטליכקייט און זעט ווער האָט דאָס אַלץ באַשאַפען, מען באַדאַרף לערנען תורה און חסידות און דאַן האָט מען אַ באַגריף אין דער וועלט באַשאַ־פונג אַז נאָר ג־ט ב״ה האָט דאָס באַשאַפען, וואָס פון די אַלע פאַרשטאַנדען און אַריינטראַכטונגען ווערט נעהענטער, קלערער דער גדלות הבורא ב״ה, וואָס דער פאַרשטאַנד אין גדלות הבורא ב״ה באַדאַרף ווירקען אַ אהבה ויראה התפעלות, אַ שטאַרקע ליבשאַפט צום בורא ב״ה אָדער אַ שטאַרקע פורכטיקייט פאַר דעם בורא, ב״ה. עס שטייט לפי שכלו יהולל איש, איש מיינט מדות, ווי עס שטייט כאיש גבורתו, ביי יעדער מענש איז זיינע התפעלות המדות — אין ליבשאַפט אָדער אין מורא ופחד — לפי ערך זיין פאַרשטאַנד, ווייל דער פאַר־שטאַנד שאַפט די מדות, וואָס דאָס איז דער מי וואָס איז בינה פאַרשטאַנד, ברא שאַפט, אלה וואָס מיינט מדות, מדות זיינען אַ האַרציגער באַגער וואָס זיי זיינען דער בכן און פועל יוצא פון דער אַריינטראַכטונג און איבערלייגונג אין דעם פאַרשטאַנד וואָס שאַפט די מדות.

קיצור. ערקלערט אַז אַלע חגים ומועדים שפיגלען זיך אָפּ אין דעם אידישען רוחניות׳דיגען לעבען. די ירידת הנשמה בגוף און די התלבשות הנפש אלקית אין שכל אנושי איז גלות מצרים, ווייל זייערע פאַרשטאַנדען און גע־פיהלען ווערען זייער באַגרעניצט לגבי דעם ווי זיי זיינען געווען פריהער. מדות זיינען אַ בכן און אַ פועל יוצא פון פאַרשטאַנד.

ג.

והנה, און דאָס איז וראו מי ברא אלה, מדות ווערען אָנגערופען אלה, ווייל יעדער מדה, פון מדת החסד ביז מדת היסוד, באַשטייט פון אַלע זעקס מדות, און זעקס מאָל זעקס איז זעקס און דרייסיג, וויפיעל עס באַטרעפט דער וואָרט אלה, די מוטער וואָס שאַפט די מדות איז בינה,פאַרשטאַנד, ווי עס שטייט כי אם לבינה תקרא. און דאָס איז מי ברא אלה, אלה די מדות, און בהיות אַז יעדער מדה איז אַ פועל יוצא פון דעם פאַרשטאַנד וואָס שאַפט די מדה, איז דאָך מובן אַז יעדער מדה האָט אַ באַזונדער פאַרשטאַנד, למשל די מדות פון ליבשאַפט און מורא, איז פאַראַן אַ באַזונדער פאַרשטאַנד וואָס שאַפט די מדת האהבה, און עס איז פאַראַן אַ באַזונדער פאַרשטאַנד וואָס שאַפט די מדת היראה, וואָס ליבשאַפט און מורא האָבען באַזונדערע אייגענשאַפטען. די אייגענשאַפט פון ליבשאַפט איז דערנעהענטערונג, וואָס דער ליבהאָבער דערנעהענטערט זיך צו דעם וואָס ער האָט ליב, ווי עלטערען וואָס דערנעהענטערען זיך צו זייער קינד, וואָס דאָס רופט אַרויס אַ טיפען געפיהל ביים קינד אַז ער ווערט אינגאַנצען איבערגעגעבען צו די עלטערען, דאָס זעלבע ביי אַ תלמיד וואָס דער רב לערנט אים תורה און מדות טובות וואָס מיט דעם ווערט דער תלמיד זייער צוגעטראָגען און איבערגעגעבען צום רב, און אַזוי איז אויך ווען מען טראַכט אַריין אין דעם

מדות ווערען אָנגערופען אלה: זע לקוטי תורה דעם מאמר אלה פקודי ס״ה.

פאַרשטאַנד פון ואתה מחי׳ את כולם, ווי דער בורא ב״ה באַלעבט אַלע נבראים און אַז דער עם ישראל איז עם קרובו, וואָס דער בורא ב״ה האָט בוחר געווען דעם עם ישראל און ער איבערלייגט זיך אין דעם מיט אַ טיפער פאַרשטאַנד־איבערליי־ גונג ווי דער גדלות הבורא ב״ה איז, ווערט נתעורר אין זיין האַרץ אַ גרויסע ליב־ שאַפט צום בורא ב״ה און ער גיט זיך איבער לערנען תורה און מקיים זיין מצות מעשיות מיט לעבען און געפיהל. אָבער די אייגענשאַפט פון יראה איז ריחוק, דערווייטערונג, למשל, דער מורא ופחד וואָס פאַלט אַרויף אויף אַ מענ־ שען וואָס זעט אַ גרויסען געלערנטען אַ גרויסען בעל מדות טובות, אָדער אַ מענשען הערשער איז מצד היראה ופחד ציט מען זיך צוריק, וואָס אַזוי איז אויך ווען מען איבערלייגט זיך אין דער וואונדערליכער אומגעהויערער גרויסקייט פון גדלות הבורא ב״ה, וואָס אַלעס וואָס ער, ב״ה האָט באַשאַפען האָט קיין שום באַטרעף ניט, עס איז ווי ניט פאַראַן, וואָס די איבערלייגונג רופט אַרויס אַ מורא ופחד אַז ער האָט ניט קיין מוט צו דערנעהנטערען זיך צו אלקות, נאָר ער דערפילט אין זיך אַ גרויסע נידעריגקייט און געפאַלענקייט פאַר די געטליכקייט וואָס מלא כל הארץ כבודו און דאָס ברענגט איהם צו לימוד התורה און קיום המצות מעשיות בדרך קבלת עול מלכות שמים, און דאָס איז דער גלות מצרים אַז הגם ער לערנט אַן ענין פון אַ געטליכען פאַרשטאַנד, למשל, דעם ענין פון ואתה מחי׳ את כולם אָדער דעם ענין פון מלא כל הארץ כבודו און פאַרשטייט דאָס זייער גוט, דאָך שאַפט דער פאַרשטאַנד ניט קיין התפעלות הלב און קיין בכן און פועל יוצא פון מדת אהבה אָדער מדת היראה, דאַן דאַרף זיין דער ונצעק אל ה׳ וגו׳ אין עבודה שבלב, וואָס דאַן איז וירא את ענינו אונזער אָרימען באַגריף אין געטליכקייט, ואת עמלנו ואת לחצנו אין עבודה בפועל בדרך קבלת עול מלכות שמים און דאַן קומט גאולת מצרים אַז מען איז מקיים תורה ומצות מיט אַן אינערליכען רוחניות׳דיגען געפיהל און באַפרידיגונג.

קיצור. ערקלערט אַז אלה זיינען מדות וואָס מי בינה שאַפט. יעדער מדה האָט אַ באַזונדער פאַרשטאַנד, וואָס שאַפט די מדה, ליבע און מורא האָבען באַזונדערע אייגענשאַפטען. די אייגענשאַפט פון אהבה איז דערנעהענטערונג מקיים זיין תורה ומצות מיט אַ חיות. די אייגענשאַפט פון יראה איז דערווייטערונג, מקיים זיין תורה ומצות מיט קבלת עול מלכות שמים. דורך דעם ונצעק אל ה׳ איז מען זוכה צו גאולת מצרים.

המזבח עץ שלש אמות גבה וארכו שתים אמות ומקצעותיו לו וארכו וקירותיו עץ, וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה׳. יחזקאל הנביא גיט אונז, די גלות אידען, איבער די נבואה וואָס השי״ת האָט אונז געלאָזט וויסען, אַז נאָכדעם ווי מיר וועלען אָפקומען אונזער שטראָף אין דעם ביטערען גלות, וועט השי״ת אונז אַלע אידען צונויפקלייבען פון די אַלע גלות לענדער דורך משיח

גואל צדק קיין ארץ ישראל, ניט איבערלאָזען קיין איינציגען אידען, מאַן אָדער פרוי, אין וועלכער עס איז לאַנד פון די גלות לענדער, און השי"ת וועט בויען דעם בית המקדש. יחזקאל הנביא באַשרייבט דעם בנין בית המקדש ווי השי"ת האָט איהם באַוויזען אין נבואה. ווען יחזקאל באַצייכענט דעם היכל רעדט ער אין דעם פסוק וועגען דעם מזבח הזהב, וואָס איז געמאַכט פון האָלץ און באַדעקט מיט גאָלד, און וועגען דעם שלחן אויף וועלכען עס איז געלעגען דער לחם הפנים. פרעגט די גמרא (ברכות נה, א) דער פסוק הייבט אָן מיט'ן מזבח און ענדיגט מיט'ן שולחן. ענטפערט די גמרא ר' יוחנן און ר' אלעזר זאָגעןביידע אַז אין דער צייט פון בית המקדש האָט דער מזבח, דאָס מיינט די קרבנות, מכפר געווען אויף אידען און איצט אין גלות איז שולחנו של אדם מכפר אויף איהם. באַדאַרף מען פאַרשטיין די פאַרגלייכונג וואָס ר' יוחנן און ר' אלעזר פאַרגלייכען דעם שולחן פון אַ מענשען דאָס מיינט די אורחים, וואָס ער ברענגט צו זיין טיש, מיט'ן מזבח אויף וועלכען מ'האָט מקריב געווען קרבנות אָדער מיט דעם מזבח הפנימי וואָס אין היכל אויף וועלכען מען האָט מקטיר געווען קטורת, ווי קען מען דאָס פאַרגלייכען אכילת אדם צו אכילת מזבח בכלל, אכילת אדם איז אכילה גשמית און אכילת מזבח איז אכילה רוחנית, און נאָך מער צו פאַרגלייכען אין דעם העכסטען זין פון כיפור, פאַרגעבונג, אַז אַזוי ווי דער מזבח האָט מכפר געווען אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען אַזוי איז אויך איצט אין גלות דער שולחן מכפר. נאָר ר' יוחנן ור' אלעזר זאָגען שולחנו של אדם מכפר עליו באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס מיינען זיי מיט דעם אויסדרוק שולחנו און זאָגען ניט דעם אויסדרוק סעודתו אָדער אכילתו, אין פלוג האָבען זיי געדאַרפט זאָגען איינס פון די לשונות סעודה אכילה און זיי זאָגען דעם אויסדרוק שולחן וואָס איז זיכער, אַז אין דעם איז פאַראַן אַ מיין. אין יעדער וואָרט פון חז"ל איז פאַראַן אַ רמז, אַ אָנדייטונג אויף אַ טיפען געדאַנק און אַ געטליכען פאַר־שטאַנד, וואָס דאָס איז די פנימיות התורה, די נשמה פון יעדער סוגיא און יעדער הלכה בכלל, אָט אַזוי ווי יעדער קערפּער לעבט פון דער נשמה וואָס באַלעבט איהם, אַזוי איז אויך אין תורה פאַראַן גוף און נשמה, די גליא שבתורה וואָס איז דער גוף פון תורה ווערט באַלעבט פון די פנימיות התורה, וואָס דאָס איז די נשמה פון תורה. אַזוי איז אין אַלע הלכות און סוגיות התורה, און בפרט אין די אגדות וואָס חז"ל זאָגען איז דער פשט אַליין אַ רמז, דאָס מיינט אַז דעם גאַר איינפאַכען פשט מוז מען אויסטייטשען און פאַרשטיין ווי אַ רמז און דער רמז פון אגדות חז"ל איז רזין דאורייתא, ווי דער רבי זאָגט אין אגרת הקדש סי' כ"ג אַז אין אגדה זיינען באַהאַלטען רוב סודות התורה, דערום איז ווען מען לערענט אגדות אין עין יעקב מיט אַ מנין עשרה איז דער לימוד מכפר עוונותיו של אדם. אויך פון דעם לשון וואָס די גמרא זאָגט (ברכות נד, ב) והמאריך על שלחנו און ניט והמאריך בסעודתו אָדער באכילתו, איז פון דעם צו זעהן אַז דאָס איז אַ דיוק. דער ענין אין דעם איז אַז ביי אכילת מזבח וואָס מיינט קרבנות איז די אכילה אַליין אויך אַ עיקר אַז כל חלב להוי' אַ קרבן באַדאַרף זיין פון די פעטסטע און בעסטע, אָבער ביי אכילת אדם איז דער עיקר דער אריכות השלחן, אָבער די אכילה עצמה באַדאַרף זיין ניט דער געשמאַק פון דעם עסען, נאָר דער תועלת פון דעם עסען, להבריא גופו ווי די חז"ל זאָגען כך היא דרכה של תורה

פת במלח תאכל כו׳, תורה לערנט אונז ניט נאָר וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט עסען, נאָר זי לערנט אונז אויך ווי אַ איד באַדאַרף עסען, ווייל דער כללות מהות פון אַ איד איז אי אַ בן אי אַ עבד ה׳.

קיצור. ערקלערט די געטליכע נבואה פון דעם בית המקדש וואָס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. אין דעם פסוק ווערט דערציילט וועגען מזבח הקטרת און שולחן הפנים, זאָגט די גמרא אז בזמן הבית האָט דער מזבח מכפר געווען און איצט אין גלות איז דער מענשליכער שולחן מכפר. פרעגט מען א) וואָס איז פאַר אַ פאַרגלייך שלחנו של אדם צום מזבח. ב) וואָס מיינט שלחנו של אדם. ג) וואָס איז דער אויסדרוק שלחן ניט סעודה אָדער אכילה. אין אגדה איז פשט רמז, דרכי התורה אין עסען.

ב.

הנה פאַר דעם עסען באַדאַרף מען וואַשען די הענט, וואָס עס הייסט נטילת ידים. אין נטילת ידים זיינען פאַראַן צוויי אופנים, איין אופן איז נטילת ידים שחרית ווען מען שטייט אויף פון שלאָף. דער צווייטער אופן איז נטילת ידים לסעודה, איז הגם אין דיביידע אופנים איז די נטילת ידים גלייך, הן אין די כשרות פון די וואַסער וואָס דאַרף זיין ריין און מען האָט מיט די וואַסער ניט געטאָן קיין אַרבייט, אויך איז דער נוסח הברכה גלייך אין די ביידע אופנים, אויך דער אופן וואָס די וואַסער באַדאַרף אַרומנעמען די הענד איז אין ביידע אופנים נטילת ידים גלייך, דאָך איז פאַראַן אונטערשיידען צווישען נטילת ידים שחרית און נטילת ידים לסעודה. איין אונטערשייד איז אין דעם אופן פון דער וואַסער גיסונג אויף די הענד, וואָס דער שפיכת המים אויף די הענד אין נטילת ידים שחרית אויפשטייהענדיג פון שלאָף באַדאַרף זיין דריי מאָל אויף יעדער האַנד בסירוגין, איבערהיפענדיג, ניט כסדרן, מען נעמט די כלי מיט וואַסער אין דער רעכטער האַנד און מען גיט איבער אין דער לינקער און מען גיסט די וואַסער אויף דער רעכטער האַנט נאָכדעם אויף דער לינקער האַנט, אַזוי טוט מען דריי מאָל איבערהיפענדיג. די וואַסער גיסונג אין נטילת ידים לסעודה איז אויך דריי מאָל, אָבער ניט בסירוגין נאָר כסדרן, מען נעמט די כלי מיט וואַסער אין דער רעכטער האַנט און מען גיט איבער אין דער לינקער און מען וואַשט אָפּ די רעכטע האַנט דריי מאָל נאָכאַנאַנד, און נאָכדעם דריי מאָל די לינקע האַנט, און דאַן באַדאַרף מען נאָסערהייט אָפּרייבען אַ האַנט מיט אַ האַנט און אויפהויבען ביידע הענט און מאַכען די ברכה על נטילת ידים. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער ענין פון דער תקנה פון נטילת ידים, הן אין דער פרי אָדער אויפשטייהענדיג פון שלאָף און אַרויסגייהענדיג פון ניט ריינע ערטער, און הן דער וואַשען צום עסען, וואָס עפּעס וואַשען די הענט און וואָס איז דער אונטערשייד צווישען נטילת ידים שחרית כו׳ און צווישען נטילת ידים לסעודה, אַז די נטילת ידים לסעודה איז כסדרן ניט בסירוגין און אין ביידע אופנים באַדאַרף מען נעמען די כלי של מים אין דער רעכטער האַנט, אויך אָפּוואַשען באַדאַרף מען פריער די רעכטע האַנט און נאָכדעם די לינקע. אויך באַדאַרף

מען פאַרשטיין פאַרוואָס רופט מען אָט די אָפּוואַשונג מיט'ן נאָמען נטילת ידים און ניט רחיצת ידים, אָפּוואַשען די הענט, אָדער שטיפת ידים אָפּשווענקען די הענט וואָס וואָלטען געווען מער פּאַסיגע אויסדרוקען צו באַצייכענען די פּעולה פון ריין מאַכען די הענט ווי דער אויסדרוק נטילת ידים וואָס עס איז ניט נאָר דער אויסדרוק פון ריין וואַשען די הענט. דער וואָרט נטילה מיינט לקיחה צונעמען אָדער הרמה אויפהויבען, אויך ווערט דער וואָרט נטילה אויסגעטייטשט ווי דער תרגום וואָרט נטלא די כלי מיט וואַסער פון וועלכער מען וואַשט די הענט, וואָס די אַלע דריי טייטשען צונעמען אויפהויבען און די וואַסער כלי באַצייכענען נאָך ניט די ריכטיגע איינפאַכע פּעולה ווי רחיצה וואַשען אָדער שטיפה שווענקען, וואָס דאָס איז זייער פּאַסיג און גוט פאַרשטענדליך. פון דעם וואָס די ברכה פון רחיצה און שטיפת ידים איז מיט דעם נוסח נטילת ידים, מוז מען פאַרשטיין אַז הגם דער מיין איז רחיצה אָפּוואַשען און שטיפה אָפּשווענקען און דאָך איז דער נוסח הברכה נאָר על נטילת ידים און ניט על רחיצת ידים אויך ניט על שטיפת ידים, זאָגט עס אַז דער מיין אין דעם איז אַז דאָס אָפּשווענקען די הענט און אפילו אָפּוואַשען איז נאָך ניט גענוג נאָר דער עיקר איז אַז דער אופן פון דעם אָפּוואַשען זאָל זיין בדרך נטילה, וואָס דאָס מיינט צוויי פאַרשידענאַרטיגע אופנים אין דעם אָפּשווענקען און אין דעם אָפּוואַשען די הענט. איין אופן אָפּוואַשען איז בדרך לקיחה צונעמען און דער צווייטער אופן פון דעם אָפּוואַשען איז בדרך הרמה, אויפהויבען, אויך באַדאַרף זיין די נטילת ידים פון אַ נטלא אַז די וואַסער כלי באַדאַרף זיין אַ גאַנצע און האָבען אַ תוך המקבל, און דער אָפּגיסען באַדאַרף זיין בכח גברא, דאָס מיינט מיט אַ קראַפט פון אַ בר דעת.

קיצור. ערקלערט צוויי אופנים נטילת ידים א) אין דער פרי אָדער אויפשטייענדיג פון שלאָף. ב) פאַר'ן עסען. און דער הויפּט אונטערשיעד איז אין דעם אופן אָפּוואַשען. אין דער פרי וכו' איז בסירוגין און צום עסען איז כסדרן. נטילה האָט דריי טייטשען, אַוועקנעמען, אויפהויבען און אַ וואַסער כלי, ער פרעגט א) וואָס איז דער מיין אין דעם נוסח הברכה נטילת ידים ניט שטיפת אָדער רחיצת ידים ב) וואָס איז נוגע די כלי אַז זי זאָל זיין אַ גאַנצע און האָבען אַ תוך. ג) פאַרוואָס דאַרף מען כח גברא פון אַ בר דעת.

ג.

והנה די הלכה פון נטילת ידים איז אַ הלכה ערוכה ומסודרה אין גליא שבתורה און די אַלע ענינים זיינען פאַראַן אין עבודה אין נפש האדם וואָס זיי זיינען די פנימי' און די נשמה פון דער הלכה אין גליא שבתו', עס איז הלכות פסוקות אַז אדם מועד לעולם בין שוגג ובין מזיד בין ער ובין ישן און אַז ידים עסקניות הן. אדם מועד לעולם מיינט אַז די מדרי' פון אדם אין דעם מענשענ'ס באַרוף איז ער אַלע מאָל פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם וואָס ער טוט אָהן אונטערשייד צי בשוגג, אומויסענדערהייט צי במזיד בייזווילליג, אויך אָהן אונטערשייד צי וואַכעדיגערהייט צי אין שלאָף. ידים עסקניות הן מיינט אַז די אייגענשאַפט פון

די הענט איז אַז זיי באַשעפטיגען זיך. די פינגער פון די הענט האָבען נעגעל, אונטער די נעגעל זאַמעלט זיך שמוץ. דער זהר הקדוש זאָגט בטופרהא אחידן, אין די נעגעל האָבען קליפות אַן אָנהאַלט. דער ענין פון נטילת ידים, אָפּוואַשען די הענט, אַז די קליפות זאָלען ניט האָבען קיין אָנהאַלט אין די נעגעל, וואָס דער חיות אין די נעגעל איז אַ חיות מצומצם דערום קען דאָרט זיין אַ אָנהאַלט־פלאַץ פאַר די קליפות און בפרט ווען עס זאַמעלט זיך דאָרטען אַן שמוץ דאַן איז די שמוץ אַ חיות פאַר די קליפות און דאַן העלפט אפילו קיין נטילת ידים ניט, דער אָפּוואַשען נעגעל וואַסער און וואַשען זיך צום עסען איז נאָר ווען די נעגעל זיינען ריין. דער מיין פון דעם איז, ידים מיינט מדות, זיטען, מדות האָבען נעגעל, וואָס דאָס איז איינע פון די אונטערשיידען אין דעם אופן הפעולה פון שכל און מדות. שכל ערקלערט לאָגיש און פאַמעלאַך אָבער מדות רייסט און שטעכט, אין וואָס פאַר אַ מדה ער איז הן אהבה ליבשאַפט און הן שנאה פיינטשאַפט איז אַלץ קומט מיט אַ שטאַך און ברען, און דאָס איז דער מיין פון נטילת ידים גיסען וואַסער, וואָס עס מיינט שכל אויף צו רייניגען די מדות פון זייערע שטעכענדיגע און ברענענדיגע אייגענשאַפטען, אַז די מדות זאָלען זיין אונטער דער ווירקונג פון שכל. און די אָפּוואַשונג פון מדות איז פאַראַן אויף צוויי אופנים, איין אופן איז נטילת ידים שחרית וואָס דער מיין איז רייניגען די הענט פון דעם רוח רעה וואָס קומט פון דער פינסטערניש פון די וועלט־פירונגען, הנחות העולם. דער אופן פון דעם וואַשען איז בסירוגין, ביסלעכווייז, אַ ביסעל די מדה אויסרייניגען, אַ ביסעל די צווייטע מדה מיט אַ סדר ביז מען וואַשט אויס אַלע מדות. דער צווייטער אופן איז נטילת ידים לסעודה, דאָ איז כסדרן, ווייל דער ענין הנטילה איז ניט אָפּצוואַשען דעם רע נאָר הייליגען די מדות, דאָ דאַרף זיין כסדרן, און דער שפשוף איז די התכללות המדות, אין קדושה באַדאַרפען זיין אַלע מדות איין מדה, למשל מדת האהבה אָדער מדת היראה, איז ניט מספיק עס באַדאַרפען זיין אַלע מדות אונטער דער ווירקונג פון שכל און דאַן זיינען אַלע מדות אויסגעמישט אַז זיי ווירקען איינע אויף די אַנדערע צו גונסטען וואָס דאַן איז די שלמות פון מעלת האדם. אברהם אבינו איז געוועזן אַ אוהב ה׳, נאָכ׳ן נסיון פון דער עקידה שטייט עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה, דורך דעם נסיון פון דער עקידה איז אברהם אבינו צוגעקומען די שלמות פון דער מדת היראה וואָס די התכללות פון אהבה ויראה ברענגט די גרעסטע שלימות פון אדם, און דערום איז דער נוסח הברכה אויף דער אָפּ־וואַשונג פון די הענט על נטילת ידים וואָס מיינט די צוויי אופנים ווי צו מתקן זיין די מדות. אין דער נטילת ידים שחרית וואָס מיינט די העברה פון דעם רוח רעה, וועלכער ווערט פון דער פינסטערקייט פון הנהגות בהנחות העולם איז דער פי׳ נטילת ידים מען באַדאַרף צונעמען די מדות הטבעיות און רגילות פון הנחות העולם, און אין נטילת ידים לסעודה איז דער פירוש מען באַדאַרף אויפהויבען מדות ווי עס שטייט שאו ידיכם קדש. די וואַסער מיט וועלכע מען וואַשט די

וואַסער, וואָס עס מיינט שכל: צום ביישפיל אין משלי (יח, ד).

הענט באַדאַרף זיין כשר על פי התורה און באַדאַרף זיין אין אַ גאַנצער כלי און די כלי באַדאַרף האָבען אַ תוך און די וואַסער מוז מען גיסען אויף די הענט בכח גברא אַ בר דעת, דאָס מיינט אַז דער שכל וואָס איז מטהר און מעלה די מדות באַדאַרף זיין אַ שכל אלקי פון שלימות המוחין מיט אַ תוך פנימי וואָס די כלי פון השגה אלקית איז נוגע אין עבודה, איז הגם דער וואַשען הן אין דעם אופן הטהרה און הן אין דעם אופן ההעלאה דאַרף זיין בכח גברא, דאָס מיינט מיט דעם תוקף פון השגה אלקית אָבער דאָך באַדאַרף דער תוקף זיין מצד מוח הדעת וואָס דער מוח הדעת איז שלמות המוחין. און דאָס איז אַז בזמן הבית האָט דער מזבח מכפר געווען און איצטער איז שלחנו של אדם דוקא, וואָס דאָס מיינט די שלמות המוחין וואָס ווירקען אויף מדות, איז מכפר עליו.

קיצור. ערקלערט אַז די אַלע פרטי דינים פון נטילת ידים זיינען פאַראַן אין עבודה אלקי' וואָס זיי זיינען די נשמה פון דער הלכה אין גליא שבתורה, ערקלערט די הלכות אדם מועד און ידים עסקניות, ידים מדות די נעגעל זיינען דער אָנהאַלט פלאַץ פון קליפות און די שמוץ אונטער די נעגעל איז זייער חיות. נטילת ידים של שחרית איז אויף אַראָפּנעמען דעם רוח רעה פון הנחות העולם איז דער אופן העבודה בסירוגין און לסעודה איז קידוש דאַרף זיין כסדר. די וואַסער שכל אלקי וואָס קומט פון מוח הדעת און דאָס איז שלחנו של אדם דוקא.

אמר רבי יהושע בן לוי בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה — רבי יהושע בן לוי זאָגט: יעדען טאָג גייט אַרויס אַ הימעל-געשריי, ווי איז צו די מענשען פאַר דער תורה שענדונג. ערקלערט דער רמב"ם די תורה שענדונג מיינט דאָס וואָס תורה פילט זיך פאַרשעמט פון דעם וואָס מען איז זיך ניט עוסק אין תורה. דער לשון הרמב"ם איז מעלבון שעולבים את התורה שהיא עלובה על שאין לה עוסקים. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס מיינט עלבון התורה, תורה שענדונג, און וואָס מיינט דעם רמב"ם'ס ערקלערונג דעם ענין פון עלבון התורה אַז דאָס איז וואָס די תורה איז געשענדעט און פאַרשעמט פון דעם, וואָס זי האָט ניט קיין עוסקים בתורה, וואָס איז דער אויסשפּראַך עוסקים, אין פלוג איז אויף תורה מער פּאַסיג דער אויסדרוק שאין לה לומדים, לערנער, און אַז דער רמב"ם זאָגט דעם אויסדרוק עוסקים איז געוויס אין דעם פאַראַן אַ מיין, באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס באַצוועקט דער רמב"ם מיט דעם. אויך באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער ענין פון דעם הימעל געשריי וואָס גייט אַרויס פון באַרג סיני, געוויס איז דאָך די כוונה פון דעם אויסגעשריי אַז מענשען זאָלען פאַרבעסערען זייער אויפפירונג און זיך עוסק זיין אין תורה. עס זיינען אויך פאַראַן כרוזים אויף

תשובה, הימעל תשובה אויסגעשרייען, דאָס מיינט געוויסע אויפרופען וועלכע דערוועקען דעם מענשען אויף תשובה, ווי עס שטייט (יחזקאל ל״ג י״א) שובו שובו מדרכיכם הרעים ולמה תמותו בית ישראל, — קערט זיך אום פון אייערע שלעכטע וועגען און ווארום זאָלט איר געשטראָפט ווערען מיט אויסראָטונג. — אָבער אויף יראת שמים שטייט יראת ה׳ לחיים, ווען מען איז אָפּגעהיט אין קיום המצות ביראת שמים ברענגט דאָס לעבען, און אויף תורה שטייט (משלי ג׳, י״ח) עץ חיים היא למחזיקים בה וגו׳, תורה איז אַ בוים פון לעבען — און אַזוי איז פאַראַן פאַרשידענע אויפרופען פון תשובה, ווי דער באַוואוסטער מאמר שובו בנים שובבים, קערט זיך אום איר ווילדע קינדער, און דאָס גלייכען זיינען פאַראַן נאָך פאַרשידענע דערוועקונגס און דערוואַכונגס הימעל אויסרופען, וואָס דאָס אַלץ איז בכדי דער מענש זאָל תשובה טאָן און גיין בדרך הישר. אָבער ווען מענשען הערען ניט די הימעל שטימע, ווייל דעם מענשענ׳ס פליישיגער געהער פאַרנעמט ניט די הימלישע שטימע, היינט וואָס פאַר אַ נוצען ברייגען די הימעלשע תשובה ערוואַכונג אויסרופען, דאָס הייסט, וואָס איז די פעולה פון דעם וואָס טאָג טעגליך גייט אַרויס אַ הימלישער אויסגעשריי: ווי איז צו די מענשען פאַר דער תורה שענדונג, אַז די מענשען הערען ניט און קענען קערפּערליך ניט באַנעמען די רוחניות׳דיגע הימעל שטימע.

קיצור. ריב״ל זאָגט, אַז טעגליך גייט אַרויס אַ הימלישער וואָרנונג־רוף פון הר חורב פאַר די תורה־שענדער: די תורה איז פאַרשעמט וואָס אין לה עוסקים, פרעגט וואָס איז דער מיין און דער אויסשפּראַך עוסקים און זאָגט ניט לומדים, ערקלערט אַז עס איז פאַראַן פאַרשידענע הימעל תשובה אויסרופען צו ערוועקען דעם מענשען, און פרעגט וואָס איז די פעולה פון די אויסרופען אַז דער קערפּערליכער געהער באַנעמט ניט די הימלישע שטימע.

ב.

והנה דער צוזאַמענשטעל פון דעם מענשען איז ענליך צו דעם צוזאַמענשטעל פון די איבעריגע באַשעפענישען וועלכע השי״ת האָט צוזאַמענגע־שטעלט פון צוויי הויפּט טיילען גוף און נפש, קערפּער און גייסט. דער קערפּער איז אַן ערדישער גשם, וואָס מען קען אים פיהלען מיט׳ן חוש המישוש און דער גייסט איז אַ הימעלשער רוחני וואָס מען קען אים ניט פיהלען מיט׳ן חוש המישוש, דער גייסטיגער טייל פון די באַשעפענישען קען זיין געפיהלבאַר נאָר מיט׳ן חוש הדעת. דער ענין איז קלאָר, יעדע זאַך איז די בחינה — די אויספּ־רוף אונטערזוכונג — לויט דעם מהות פון דער זאַך, ווייל דער בחינה מהות מוז זיין אין אַן אַלגעמיינעם ערך אַן אָנהאַלט צו דעם מהות הדבר, דערום איז די בחינה אויספּרוף אונטערזוכונג פון דעם גוף, וואָס דער מהות עצמי פון גוף איז אַ מהות גשמי, איז די מהות הבחינה מישוש וואָס עס איז אַ מהות גשמי, אָבער דער נפש איז אַ מהות רוחני איז די בחינה פון נפש חוש הדעת וואָס עס איז אַ רוחניות׳דיגער פאַרשטאַנד געפיהל. עס זיינען פאַראַן צווייערליי געפיהלען:

א) אַ פאַרשטאַנד געפיהל; ב) אַ באַרירונגס געפיהל, וואָס די צוויי געפיהלען זיינעןביידע זייער ווירקזאַמע בחינות, וועלכע באַשטעטיגען דעם אמיתת המהות אויף די זאַכען אויף וועלכע זיי זיינען די בחינות. דאָך זיינען די צוויי סוגי בחינות געפיהלען פאַרשידען, דער באַרירונגס געפיהל איז אַ כח גשמי געפיהל און דער פאַרשטאַנד געפיהל איז אַ כח רוחני געפיהל, די צוויי טיילען גשמי ורוחני וואָס השי"ת האָט באַשאַפען און פון זיי צוזאַמענגעשטעלט אַלע נבראים זיינען אין אַלע נבראים גלייך, אַז דער גוף איז אַ גשמי און דער נפש איז אַ רוחני, דאָך זיינען די צוויי טיילען, גוף ונפש, אין אַלע נבראים פון די צבא הארץ וועלכע השי"ת האָט איינגעטיילט אין פיר טיילען, דומם, צומח, חי, מדבר, זיינען זיי צוגעפאַסט איינער צום צווייטען. דער קערפּער טייל פון דומם איז צוגעפאַסט צום נפש הדומם גלייך ווי דער קערפּער־טייל פון צומח איז צוגעפאַסט צום נפש הצומח, און דער גוף הבעל חי איז צוגעפאַסט צום נפש החי גלייך ווי דער גוף המדבר איז צוגעפאַסט צום נפש המדבר, וואָס דער אופן פון דער באַלעבונג וואָס דער נפש טייל באַלעבט דעם קערפּער־טייל איז אַז דער קערפּער־טייל אַליין לעבט, הגם דער קערפּערליכער לעבען קומט גאָר פון דעם נפש לעבנס־קראַפט. דער קערפּער אַליין איז ניט ער הערט און ניט ער זעט, ניט ער פאַרשטייט, נאָר אַלץ קומט פון דעם נפש לעבענס־קראַפט אין אזא אופן אַז דער קערפּער־אַליין לעבט אין אַלע זיינע אברים, די אויגען זעהען, די הענט אַרבייטען, א. ד. ג. עס איז ניט ווי אַ מאַשין וואָס ווערט באַוועגט דורך אַ ־רויסענדיגען כח, נאָר עס איז אַן אינערליכער געטליכער צוזאַמענבונד פון די צוויי טיילען גוף ונפש אַז זיי ביידע דערפילען זייער פליכט לויט דעם רצון הבורא ב"ה אין דער בריאה.

קיצור. ערקלערט אַז דער צוזאַמענשטעל פו דעם מענשען איז, אַזוי ווי דער צוזאַמענשטעל פון אַלע נבראים, פון צוויי טיילען, גוף ונפש, וואָס זיי־נען איינגעטיילט אין צווייערליי באַשטעטיגונגס־געפיהלען, דער קערפּערליכער באַשטעטיגונגס געפיהל איז מישוש, אַ באַרירונגס קראַפט, און דער גייסטיגער באַשטעטיגונגס געפיהל איז הבנה, אַ פאַרשטאַנד קראַפט, דער קערפּערליכער טייל איז צוגעפאַסט צום גייסטיגען טייל מיט דער געטליכער קונסט, אַז דער קערפּער אַליין לעבט.

ג.

והנה אין דער געטליכער צוגעפאַסטקייט פון דעם גוף און נפש אין זייער פאַר־אייניגונג וואָס דער רצון הבורא, ב"ה, פאַראייניגט זיי, איז אַזוי ווי דער גוף איז צוגעפאַסט צום נפש, אַז א גשמי זאָל ווערען אַ מקום מוכשר צו אַ נפש הרוחני, אַט אַזוי איז אויך די געטליכע צופאַסונג פון דעם נפש הרוחני צום גוף הגשמי צו קענען באַלעבען אַ קערפּערליכען לעבען, דאָס הייסט אַז פון דער פאַראייניגונג פון גוף הגשמי און נפש הרוחני ווערט דער גוף הגשמי העכער אין מדריגה ווי ער איז פריהער געווען, אַן אומבאַוועגליכע און אומפאַר־שטייענדע זאַך, און דער נפש הרוחני ווערט נידעריגער אין מדריגה ווי ער איז פריהער געווען אַ רוחני וואָס איז געווען איינגעשלאָסען אין העכערע טיילען פון דער נשמה ווי עס שטייט גשריבען אין מדרש, אַז די נשמה איז געטיילט אין

פינף מדריגות מיט פינף באַזונדערע נעמען — נפש, רוח, נשמה, חי׳, יחידה, וואָס יעדער נאָמען פון דער נשמה טייל באַצייכענט די טייל נשמה פונקציע, וואָס דער העכסטער טייל פון דער נשמה איז יחידה און דער נידעריגסטער טייל פון דער נשמה איז נפש, וואָס זיין פונקציע איז צו באַלעבען דעם גוף. די אַלע נשמה טיילען האָבען אַן אַנשלוס איינער מיט׳ן צווייטען און בעפאָר השי״ת שיקט אַראָפּ די נשמה צו באַלעבען דעם גוף איז דער טייל נפש איינגעגלידערט אין די איבעריגע פיער טיילען פון דער נשמה, און מיט דעם וואָס דער נפש באַדאַרף באַלעבען אַ גוף ווערט אָט דער נשמה טייל — נפש — נידעריגער אין מדריגה, פריהער איז דער נפש געווען איינגעגלידערט אין די הויכע רוחניות׳־דיגע נשמה טיילען ווי זיי זיינען אין די העכסטע הימעל רוימען, און ווען דער נפש קומט אַראָפּ אין גוף פּאַסט אים השי״ת צו צום גוף־לעבען, וועלכער איז אין געוויסע ענינים פאַרקערט פון דעם נשמה־לעבען, וואָס דער הויפּט פון נשמה־לעבען איז געפיהל און דער הויפּט פון קערפּער־לעבען איז באַרירונג, דאָך איז מיט דער ירידה פון נפש בלייבט אַ געוויסער פאַרבונד צווישען נפש און די איבעריגע טיילען פון דער נשמה. דאָס וואָס דער מענש קען ניט דייטליך קלאָר באַגרייפען די הימעל־שטימע איז נאָר אין דעם נידעריגען קערפּערליכען לעבען, אָבער דורך דער נפש פאַרמיטלונג ווערט אויך אין דעם קערפּערליכען לעבען דערפילט אָט די הימעלשע אויסרופען וואָס די העכערע טיילען, רוח, נשמה, חי׳ יחידה באַגרייפען, וואָס דאָס איז די סיבה פון די פלוצימדיגע תשובה געפיהלען וואָס באַהערשען דעם מענשען, ווי מיר זעהען אין לעבען, אַז פלוצים, אָהן קיין שום הכנה, באַפאַלען דעם מענשען תשובה־געדאַנקען און ער פרעגט זיך אַליין: וואָס האָב איך געטאָן פאַר מיין גייסטיגען לעבען? אַ גאַנצען לעבען אָפּגעלעבט אין דעם טיהרעשען לעבען פון גשמיות, און ער מאַכט אַ הסכם חזק אַז ער זאָל בעסערען זיין לעבענס־פירונג, וואָס אָט די פלוצימדיגע דערוואַכונג קומט פון די הימעלשע תשובה אויסרופען וואָס די העכערע נשמה־טיילען הערען און גיבען דאָס איבער דורך דער נפש פאַרמיטלונג אין קערפּערליכען לעבען, און דער תשובה אָפּרוף געפיהל מוז קומען אין פועל ממש אין קיום המצוות און מדות טובות וואָס דאָס איז דער מיין פון עסק התורה, אַז תורה מאַכט אים פאַר אַן עסקן אין מצוות מעשיות און מדות טובות, אָבער אַז מען לערענט תורה און אין מצוות און אין מדות טובות איז מען שוואַך, פאַרשעמט מען די תורה. יעדער איד פיהלט אינסטינקטיוו דעם הימעל תשובה רוף און באַדאַרף דאָס אויספאַל־גען אין אַ בפועל ממש פון קיום מצוות מעשיות און מדות טובות.

קיצור. ערקלערט אַז אין דער נשמה זיינען פאַראַן פינף טיילען מיט באַזונדערע נעמען, וואָס באַצייכענען באַזונדערע פעולות. אין דעם צוזאַמענשטעל פון גוף ונפש ווערט דער גוף החומרי׳ וואָס איז באַלעבט פון נפש, העכער אין מדריגה און דער נפש וואָס איז פריהער געווען איינגעגלידערט אין די נשמה העכערע טיילען ווערט נידעריגער אין מדריגה, אָבער דאָך בלייבט אַ געוויסע פאַרבינדונג, וואָס דורך דער פאַרמיטלונג פיהלט זיך אינסטינקטיוו דער הימעל תשובה אויסרוף אין קערפּערליכען לעבען.

רבי חנינא בן דוסא אומר כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת וכל שחכמתו קודמת ליראת חטאו אין חכמתו מתקיימת. עס איז פאַראַן און עס דאַרף זיין צוויי ענינים, מען דאַרף זיין אַ חכם, וואָס מיינט אַ תורה־לערנער, הן אַליין לערנען או הן לערנען בחברותא וואָס איינער לערנט פאַר און אַלע הערען צו, און מען באַדאַרף זיין אַ ירא שמים, וואָס אַ ירא שמים מיינט צוויי זאַכען, אַ אוהב מצוה און אַ שונא עבירה, וואָס דאָס מיינט ירא חטא. אין די צוויי זאַכען פו חכמה און יראת חטא מוז דאָך איין זאַך זיין פריהער און די צווייטע שפעטער, איז אויף דעם זאָגט ר׳ חנינא בן דוסא, אַז ניט נאָר דאָס וואָס יראת חטא באַדאַרף זיין פריהער פאַר חכמה, נאָר אויך דאָס, אַז די קדימה פון יראת חטא איז נוגע צו דעם קיום פון חכמה, אַז דוקא אַט דער וואָס יראת חטאו קודמת לחכמתו ביי דעם איז חכמתו מתקיימת, זיין תורה לערנען האָט אַ קיום, אָבער דער וואָס זיין חכמה איז פריהער פאַר זיין יראת חטא האָט זיין חכמה קיין קיום ניט. דער סדר פון די צוויי ענינים יראת שמים און תורה באַדאַרף פריהער זיין יראת חטא און נאָכדעם תורה. דער רע״ב טייטשט די משנה כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו, אַז אין מחשבה איז ער מקדים דעם יראת חטא פאַר דעם תורה לערנען, דאָס מיינט אַז דער אָנפאַנג פון דער מחשבה איז צוליב דער מעשה וואָס קומט לבסוף, חכמתו מתקיימת, דער לערנען תורה ברענגט אים צו דעם וואָס זיין האַרץ גלוסט אויף מקיים זיין מצות דאַן איז עס דער לערנען פרוכטבאַר אין אַ קיום בפועל ממש, וכל שחכמתו קודמת ליראת חטאו, ער לערנט נאָר צוליב קענען לערנען און פאַרשטיין חכמת התורה אָבער ניט צוליב מקיים זיין בפועל ממש וואָס די תורה הייסט, איז וויבאַלד זיין האַרץ קערט אָפּ פון צו זיין אַ ירא חטא, האָט די חכמת התורה וואָס ער לערנט קיין קיום ניט, ווייל דאָס וואָס ער לערנט אפילו אָהן יראת חטא איז דאָך צייטווייליג האַלט אים דאָס תורה לערנען אָפּ פון דורכפירען די ווילדע צולאַזענקייט פון זיין האַרץ איז סוף כל סוף הערט ער אויף לערנען און זיין תורה האָט קיין קיום ניט, דאָס הייסט, אַז ניט נאָר דאַרף דער יסוד זיין יראת חטא, נאָר אויך אַז יראת חטא באַדאַרף זיין פריהער פון לימוד התורה. עס זיינען פאַראַן ר״ל אַזעלכע וואָס ווילען לערנען תורה און ווילען ניט מקיים זיין מצות אָדער עס זיינען פאַראַן ר״ל אַזעלכע וואָס האַלטען פון לערנען תורה און לערנען און האַלטען ניט פון תפלה און דאַווענען גאָרניט אָדער זיי מאַכען קלות ראש־דיגע קולא׳ס אין ענין התפלה, וואָס אויף זיי זאָגט די גמרא אין יבמות דף ק״ט ע״ב כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו, דער וואָס זאָגט ער וויל מער ניט ווי לערנען די תורה, ער וויל קענען לערנען און מקיים זיין וויל ער ניט, זאָגט די גמרא אַז אַזאַ איז אפילו די תורה וואָס ער לערנט איז אויך אין לו, לערנען קען ער אויך ניט, וואָס די ידיעת התורה איז נאָר דאַן ווען עס איז פאַראַן קיום המצות און עבודה פון תפלה אָבער ווען ח״ו דער קיום המצות אָדער די עבודה פון תפלה איז ניט פאַראַן דאַן איז די תורה אויך ניטאָ, ווייל עס איז ניט קיין תורה, עס איז סם המות, ווי די גמרא זאָגט זכה נעשה לו סם חיים לא זכה נעשה לו סם המות, ווי מיר זעהען, אַז די וואָס האָבען אַמאָל געלערנט תורה און זיינען ר״ל אַרויס לתרבות רעה פאַלען נידעריגער, הן אין כפירה און הן אין עבירות בפועל, מער ווי די וואָס האָבען ניט געלערנט. די

וואָס האָבען ניט געלערנט, איז הן דער העדר פון מצות עשה און הן די עבירות וואָס זיי טוען איז למלאות תאוות נפשם אָבער ניט להכעיס, אָבער די וואָס האָבען געלערנט און יצאו לתרבות רעה זיינען מומרים להכעיס. די התחלה הויבט זיך אָן פון דעם וואָס מען לערנט תורה אָהן דער עבודה פון תפלה, במילא איז רעכט וואָס כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו. אָבער דאָ אין דער משנה פון יראת חטא און לימוד התורה רעדט מען וועגען דעם, וואָס ניט נאָר ער וויל דעם ענין פון קיום המצות און איז זהיר אין תפלה ביראת שמים, נאָר ער איז אויך אַ ירא חטא, נאָר אין די צוויי ענינים פון תורה און יראת חטא איז ער מקדים דעם ענין פון לימוד התורה פאַר יראת חטא איז אין חכמתו מתקיימת, באַדאַרף מען פאַרשטיין די מעלה הגדולה פון יראת חטא קודמת, וואָס דורך דער קדימה אַליין וואָס מען איז מקדים יראת חטא פאַר לימוד התורה איז חכמתו מתקיימת.

קיצור. ערקלערט אַז די קדימה פון יראת חטא פאַר לימוד התורה מאַכט אַז די תורה זאָל האָבען אַ קיום. דער רע״ב ערקלערט דעם טעם פאַר־וואָס יראת חטא שטאַרקט דעם קיום חכמת התורה, עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס לערנען תורה און ווילען ניט מקיים זיין מצות אָדער מאַכען קולא׳ס אין תפלה, איז אַזעלכע זיינען באמת אפילו תורה אין לו, אָבער די וואָס זיינען ירא חטא נאָר זיי זיינען ניט מקדים יראת חטא פאַר לימוד התורה פאַרוואָס איז אין חכמתו מתקיימת.

ב.

והנה ווען מען פאַרטיפט זיך אין דעם ענין פון יראת חטא און לימוד התורה איז דאָך דער ענין פון לימוד התורה פיעל העכער אין דרגא ווי דער ענין פון יראת חטא, וואָס תורה איז חכמה ושכל, וואָס חכמה ושכל איז די העכסטע מעלה ניט נאָר ביים מין המדבר נאָר אויך ביי מלאכים און צבא מעלה וואָס ווערען אָנגערופען שכליים הנבדלים, ווי דער רמב״ם זאָגט אין הלכות יסודי התורה פ״ב הלכה ז׳, אַז עס זיינען פאַראַן צעהן דרגות מלאכים וואָס ווערען אָנגערופען מיט באַזונדערע צעהן נעמען. דער אונטערשייד אין די נעמען איז ווייל זיי זיינען פאַרשידענאַרטיג אין זייער פאַרשטאַנד און באַגרייפונגען אין דעם ענין פון געטליכקייט, וואָס יעדער סוג מלאך וואָס ער איז העכער האָט ער אַ איידעלערען שכל באַנעם און געפיהל אין געטליכקייט, און יראת חטא איז דער ענין פון מדות, וואָס דער כללות ענין פון מדות איז דאָך ניט פון מעלת המדבר, מעלת המדבר איז חכמה ושכל, מדות זיינען אויך פאַראַן ביי בעלי חיים, די מעלה פון מדות אין אדם איז די מדות וואָס זיינען על פי השכל, וואָס דער עיקר איז דאָך דער שכל וחכמה וואָס באַלעבט די מדות, וואָס באמת האָט תורה באַדאַרפט געבען אַ חיזוק אין יראת חטא, איז דאָך באמת ניט מובן פאַרוואָס דאַרף מען די קדימה פון יראת חטא פאַר לימוד התורה און דוקא די קדימה פון יראת חטא גיט אַ חיזוק וקיום אין תורה, וואָס פון דעם אַלעמען איז געדרונגען אַז יראת חטא איז העכער פון לימוד התורה, און באמת

זאגט דאָך רבה בר רב הונא אין שבת דף ל"א ע"ב אַז תורה איז די אינערע פּתחים און די אינעווייניגסטע שליסלען און יראת שמים איז די אויסערליכע פּתחים און די אויסערליכע שליסלען זיינען דאָך די פּתחים און מפתחות הפנימים, וואָס דאָס מיינט תורה, העכער במדרגה פון די פּתחים און מפתחות החיצונים וואָס מיינט יראת שמים איז פאַרוואָס באַדאַרף זיין די קדימה פון יראת חטא פאַר לימוד התורה און די קדימה פון יראת חטא גיט אַ חיזוק וקיום אין תורה. נאָר דער ענין אין דעם איז, תורה איז חכמה ושכל און יראת חטא איז מדות, אין שכל ומדות, הגם שכל איז העכער במדרגה פון מדות דאָך האָט השי"ת טובע געווען אַ העכערע אייגענשאַפט אין מדות, וואָס הגם מדות זיינען בטבע נידעריגער בענינם פון שכל, אָבער די אייגענשאַפט פון מדות איז העכער פון דער אייגענשאַפט וואָס השי"ת האָט טובע געווען אין שכל, וואָס די אייגעשאַפט פון מוחין איז מקיף און די אייגענשאַפט פון מדות איז פּנימי. שכל ווערט אָנגערופען פּנימי לגבי די כחות פון רצון און תענוג מצד דעם ענין הכלים, וואָס שכל האָט אַ מקום מוגבל אין מענשליכען קערפּער און רצון און תענוג האָבען ניט קיין כלים מוגבלים, דאָס מיינט אברים מוגבלים אין מענשליכען קערפּער, און דערפאַר ווערט שכל אָנגערופען פּנימי לגבי רצון ותענוג וואָס זיינען כחות מקיפים, אָבער לגבי מדות איז שכל מקיף און מדות פּנימי, דאָס מיינט צו זאָגען אַז מוחין בכלל זיינען ביידע זאַכען אי מקיף אי פּנימי אָבער מדות זיינען מער ניט ווי פּנימי, וואָס מיט דעם ווערט דערקלערט דער ענין וואָס ספירת הבינה איז דער מקור פון מקיפים ווי עס ווערט גע־בראַכט אין דעם ענין פון סוכה און סכך הסוכה, וואָס אין פלוג איז דאָס ניט פאַרשטענדליך. בינה איז דאָך דער ערקלערונגס טייל פון פאַרשטאַנד. פאַרשטאַנד מיינט אַז דער אור השכל פאַסט זיך אַריין אין די כלי השכל וואָס דאַן איז דאָס פּנימיות, איז בכדי דער שכל זאָל זיך אַריינפּאַסען אין די כלי השכל איז דאָס דורך דעם כח פון בינה, ווי איז בינה דער מקור המקיפים, נאָר דער ענין איז אַז הן אמת אַז שכל איז אור בכלי וואָס מצד דעם איז דער אַלגעמיינער ענין פון שכל איז פּנימי, אָבער די פּרטיות'דיגע אייגענשאַפט פון שכל איז מקיף, עס איז מער ניט ווי די הבנת הדבר, ער פאַרשטייט די זאַך וואָס ער פאַרשטייט אָבער ניט אַז ער ווערט די זאַך וואָס ער פאַרשטייט, מה שאין כן די אייגענשאַפט פון מדות איז אַז ער ווערט די זאַך אין וואָס די התגלות המדה איז, הן אין אהבה ויראה הן אין קירוב וריחוק, דערום זעהען מיר במוחש אַז די אייגענשאַפט פון שכל איז אַז דער בעל־השכל קען סובל זיין צו באַטראַכטען שכל־מעסיג אויך אַ דבר השנאוי לו אָבער די אייגענשאַפט פון מדות איז אַז אַ דבר השנאוי איז ער מואס בתכלית. דער טעם הדבר איז ווייל שכל איז מער ניט ווי הבנת הדבר אָבער מדות איז וואָס עס ווערט פאַראייניגט מיט דער זאַך. און דאָס איז דער טעם וואָס עס דאַרף זיין די קדימה פון יראת חטא פאַר לימוד התורה. אָהן דער הקדמה פון יראת חטא, מורא האָבען טאָמער וועט ער באַגיין אַ פעלער

תורה איז די אינערע פּתחים: זע דעם מאמר אמר רבה ב"ר הונא (פיידזש 42).

שכל ווערט אָנגערופען פּנימי לגבי כו': זע דעם מאמר אני ישנה (פיידזש 6).

האָט דער לימוד התורה זיינער קיין קיום ניט און קען זיין סם־המות, אָבער דורך דער קדימה פון יראת חטא האָט די תורה זיינע אַ קיום און ווערט אַ סם חיים.

קיצור. ערקלערט אַז שכל איז די העכסטע דרגא אין נבראים, וואָס אפילו די סוגי המלאכים זיינען געטיילט לויט זייערע שכל באַגריפען אין געט־ליכקייט. מדות זיינען אַ נידעריגערע מדרגה אין נבראים וואָס אפילו בעלי חיים באַזיצען זיי, איז תורה וואָס איז חכמה און פתחים הפנימיים העכער פון יראת חטא וואָס איז מדות און פתחים חיצונים. ערקלערט דעם יתרון המעלה פון מדות, וואָס איז אַ פנימי וואָס פאַרנעמט אין גאַנצען, אויף תורה וואָס איז חכמה ושכל.

הוא הי׳ אומר כל שמעשיו מרובין מחכמתו הכמתו מתקימת וכל שחכמתו מרובה ממעשיו אין חכמתו מתקימת. דער אויסשפּראַך הוא הי׳ אומר איז דער זעלבער ווי דער גמרא אויסשפּראַך מרגלא בפומי׳ וואָס מיינט אַז דער דאָזיגער אויסשפּראַך איז ביי אים ווי אַ רגילות. יעדער תנא און יעדער אמורא בכלל און די תנאים ואמוראים וועלכע זיינען געווען ראשי מתיבתות בפרט האָבען געלייגט אַ שטאַרקען אַכט צו שאַפען פאַרשידענע פתגמים, אויס־שפּראַכען וועלכע זאָלען אַנטהאַלטען דעם זין פון טיפזיניגען יראת שמים, מדות טובות און ריכטיגע אויפפירונגען, וועלכע זיינען גוט פאַר זיך און ברענגען אַ ריכטיגען תועלת הן אין יראת שמים און הן אין לימוד התורה. די דאָזיגע פתגמים פלעגען די תנאים ואמוראים זאָגען, אָפט ווי מעגליך, צו זייערע תלמידים און צוהערער, ביז וואַנען ביי די תלמידים און צוהערער פלעגט דאָס פאַרקאַרבט ווערען אין זייער זכרון אַז זיי זאָלען גוט געדענקען צו פירען זייער שטייגער לעבען נאָך די אָנווייזונגען פון די חיבת התורה ומצוות און מדות והנהגות טובות פתגמים. און דאָס איז אויך דער מיין פון דער משנה הוא הי׳ אומר, אַז ר׳ חנינא בן דוסא, וועלכער איז געווען אַ חסיד און מלומד בנסים, אַ הימעל מענש, האָט געהאַט אויסשפּראַכען ווי די גרעסטע ראשי הדורות. די דריי פתגמים וואָס די משנה ברענגט דאָ זיינען אין דעם אופן פון קיום המצוות און מדות והנהגות טובות, וואָס אויב דער קיום המצוות איז אויף דעם אופן ווי ער ווייזט אָן און די פירונג פון מדות איז ווי ער זאָגט דאָן איז די תורה וואָס דער מענש לערנט האָט אַ קיום און דאָן איז דעם מענשענ׳ס געבורט און לעבען אויף דער וועלט באַפרידיגט כביכול ג־ט ב״ה׳ס געמיט. ר׳ חנינא בן דוסאַ׳ס פתגמי חינוך והדרכה, ווי דער מענש באַדאַרף זיך אַליין מחנך ומדריך זיין, זיינען זייער דייטליך אָבער זייער אַלגעמיין כלליות׳דיג און מען מוז זיי

ד ר י י פ ת ג מ י ם : איבער דעם דריטען פתגם — זע דעם נעקסטען מאמר.

דערעקלערען. אפילו אין אַ השגה שכלית איז א השגה שטחית ניט קיין ריכ־טיגע השגה, דער ריכטיגער פאַרשטאַנד איז אַ השגה מפורטת וואָס דאָס איז דער יתרון אין הבנה אויף השכלה. השכלה מיינט די המצאה פון דעם כח החכמה וואָס עפענט די נקודה פון דעם פאַרשטאַנד, וואָס די נקודה איז דער לעבען־קוואַל פון דעם פאַרשטאַנד, און הבנה מיינט די דערקלערונג פון דעם כח הבינה, וואָס דער אינהאַלט פון דעם כח הבינה איז אויסצוגעפינען פאַסענדע פאַרגלייכונגען און משלים וואָס באַלייכטען און דערקלערען די השכלה, בכדי דער מענש זאָל דאָס גוט באַנעמען. אין זהר איז פאַראַן אַן אויסשפּראַך נקודה בהיכלא אַ פינטעלע אין אַ פּאַלאַץ. די המצאה שכלית פון חכמה איז מער ניט ווי אַ נקודה, און די הסברה פון בינה איז אַ היכל — פּאַלאַץ — וואָס דורך דער פאַראייניגקייט פון דער נקודה מיט דער הסברה ווערט די ריכטיגע הבנה, וואָס דאָס מיינט השגה מפורטת, אַ ריכטיגער פאַרשטאַנד. און בפרט אין די ענינים וואָס זיינען דירעקט צוליב בפועל ממש זאַכען ווי חכמתו מתקיימת והדומה קען דאָס ניט דורכגעפירט ווערען דורך אַ כללית אַלגעמיינע אָנווייזונג, נאָר עס מוז בּרייטער דערקלערט ווערען און דאַן ברענגט דאָס דעם ריכטיגען תועלת. ר׳ חנינא בן דוסא זאָגט אַז דער ביי וועמען די גוטע מעשים זיינען מער פאַר זיין חכמה — דאָס מיינט לימוד און ידיעת התורה — ביי דעם האָט די חכמה אַ קיום, און דער ביי וועמען די חכמה איז מער פאַר די גוטע מעשים ביי דעם האָט די חכמה קיין קיום ניט. באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז ר׳ חנינא תולה דעם קיום החכמה פון תורה אַן דעם ריבוי פון מעשה אויף חכמה. פריהער האָט ר׳ חנינא געזאָגט אַז דער קיום החכמה איז תלוי אין דער קדימה פון יראת חטא אויף לימוד התורה, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, עס באַדאַרף אויך זיין מעשיו מרובים מחכמתו, וואָס אין מעלת המדריגות איז הערכת החכמה אַז דאָס איז דער העכסטער כח אין די כחות הנפש און דער כח המעשה איז דער נידעריגסטער כח, וואָס אַזוי איז אויך אין די ספירות העליונות אַז ספירת החכמה איז ראשית ההשתלשלות פון ספירות דאצילות, און מעשה וואָס דאָס איז ספירת המלכות איז סופא דכל דרגין דאצילות, היינט ווי אַזוי איז ר׳ חנינא תולה דעם קיום החכמה, וואָס איז די העכסטע מדריגה אין ספירות העליונות און אין כחות הנפש, אָן גאָר דער נידעריגסטער מדריגה אין ספירות און כחות הנפש. די גמרא (קדושין דף מ׳) זאָגט, אַז גדול תלמוד שמביא לידי מעשה וואָס לויט דעם דאַרף דאָך מעשה זיין תלוי אָן לימוד, היינט פאַרוואָס איז ר׳ חנינא תולה דעם קיום החכמה אין מעשה, און נאָך מער אַז דער קיום החכמה, דער קיום פון דער תורה וואָס ער לערנט, איז תלוי ניט נאָר אָן מעשה, אַז ער זאָל טאָן בפועל ממש די דיני התורה, נאָר עס מוז זיין מעשיו מרובים מחכמתו, דאָס מיינט אַז ווי גרויס זיין חכמה אין ידיעות התורה זאָל זיין מוז זיין מעשיו מרובין, די מעשים מוזען זיין מער ווי חכמתו, און אויב עס איז חכמתו מרובה ממעשיו, דאַן איז אין חכמתו מתקיימת, באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס מיינט מעשיו מרובים וואָס נאָר דורך דעם איז חכמתו מתקיימת.

השכלה מיינט כו׳: זע דעם מאמר יענך ה׳ ביום צרה (פיידוש 142).

אין זוהר: חלק א דף וא״ו, ע״א. ועוד.

קיצור. ערקלערט אַז הוא הי׳ אומר און מרגלא בפומי׳ מיינט געוויסע פתגמים, אויסשפּראַכען וועגען לימוד וחיבת התורה וקיום המצוות, וועגען יראת שמים און הנהגה במדות טובות וואָס די תנאים ואמוראים פלעגען לערנען זייערע תלמידים. ר׳ חנינא׳ס פתגמים זיינען זייער דייטליך אָבער כלליות׳דיגע, וואָס מוזען אויפגעקלערט ווערען. ערקלערט וואָס מיינט השגה מפורטת, נקודה בהיכלא דער יתרון פון הבנה אויף השכלה, און פרעגט חכמה איז דאָך העכער במעלה פון מעשה, הייגט פאַרוואָס איז ער תולה דעם קיום החכמה אָן מעשה און וואָס מיינט מעשיו מרובין וואָס אין דעם איז תלוי דער קיום החכמה.

ב.

והנה דער מיין וואָס ר׳ חנינא זאָגט אַז עס באַדאַרף זיין מעשיו מרובין מחכמתו איז אַז אין מעשה זאָל בכלל זיין די מדות אהבה און יראה, דאָס מיינט אַז חוץ דעם וואָס אהבה און יראה זיינען דער שרש פון מצוות עשה און מצוות לא תעשה, ווי דער רבי שרייבט אין תניא אַז אהבה איז דער שרש און דער מקור פון מצוות עשה און יראה איז דער שרש און מקור פון מצוות לא תעשה, איז חוץ דעם באַדאַרף זיין דער קיום המצוות מיט מדות אהבה ויראה ווי דער זהר זאָגט, אַז אהבה ויראה הן תרין גדפין דבהון פרחין לעילא, אהבה און יראה זיינען די פליגלען וואָס הויבען אויף די מצוות, און מצוות זיינען דאָך מעשה, ניט נאָר מצוות עשה זיינען מעשה, נאָר אויך מצוות לא תעשה ווערען פאַר־רעכענט פאַר מעשה, ווי דער מאמר ישב ולא עבר עבירה נותנין לו שכר כאילו עשה מצוה, איז לא תעשה אויך מעשה. נאָך מער אפילו מצוות פון חובות הלבבות והמוח, ווי די מצוה פון האמנת אלקות, אַריינטראַכטען זיך אין געטליכקייט, דער פאַרטיפען זיך אין אהבת השם, די נשמה געטליכע ליעבע און יראת השם, די נשמה געטליכע יראה, דאָס אַלץ איז מעשה, ווייל מעשה מיינט ניט נאָר דאָס וואָס מען טוט מיט׳ן האַנט אָדער מיט אַן אַנדער טייל פון קערפּער וואָס אַנטהאַלט דעם כח המעשה. מעשה מיינט אויך דעם ענטגילטיגען שלוס פון דער זאַך. בריאה יש מאין פאַרשטאַנד ווערט אָנגערופען מעשה פון האמנת אלקות, אין אהבת השם איז די האַרץ ליעבע געפיל צו געטליכקייט ווערט אָנגערופען מעשה, אין יראת השם איז די האַרץ פּירכט געפיל פון געטליכקייט ווערט אָנגערופען מעשה. און דאָס מיינט ר׳ חנינא מיט זיין אָנווייזונג אַז עס באַדאַרף זיין מעשיו מרובין, אַז ניט נאָר מוז זיין דער קיום המצוה וואָס קומט פון תורה וואָס מען לערנט נאָר עס מוז זיין דער קיום המצוות מיט ליבשאַפט צו דעם נותן התורה און מיט פורכט, וואָס דאָ איז הן די מעשה המצוות און הן דער לימוד התורה גאָר אין אַן אַנדער הויכער דרגא, ווייל אין מדות איז פאַראַן אַ יתרון אויף מוחין. אין דער מעלת המדרגות פון כחות הנפש זיינען מוחין העכער במעלה פון מדות, אָבער דאָך איז פאַראַן אַ יתרון אין דער אייגענשאַפט פון מדות אויף דער אייגענשאַפט פון מוחין, און דאָס איז

אין תניא: פרק ד.
זוהר זאָגט: זע תקוני זוהר תקון יו״ד.
אין דער מעלת המדריגות: זע דעם פריערדיגען מאמר.

מעשיו מרובין מחכמתו, דער יתרון וואָס איז פאַראַן אין מדות אויף חכמה וואָס דאָס איז מוחין. דער יתרון אין דער אייגענשאַפט פון מדות איז וואָס זיי זיינען פנימיות׳דיגער אינערליכער ווי מוחין, וואָס זייער אייגענשאַפט איז מקיף׳דיגער אַרומנעמליכער ווי מדות. ווי מיר זעהען במוחש אין די כחות הנפש פון שכל וואָס זיין אָרט איז אין קאָפּ און מדות וואָס זייער אָרט איז אין האַרץ. די נאַטירליכע אייגענשאַפט פון שכל איז אַרומנעמען יעדע זאַך וואָס מען באַדאַרף פאַרשטיין און די זאַך וואָס מען פאַרשטייט מיט׳ן שכל איז אַרומגענומען פון דעם שכל, איז הגם דאָס איז דאָך דער גרעסטער אופן צוזאַמענבונד פון דעם משיג — דעם פאַרשטייער — מיט דעם מושג, דאָך איז דאָס אַ מקיף׳דיגער ענין ניט ווי די אייגענשאַפט פון מדות, וועלכע זיינען פנימיות, דערפאַר זיינען מוחין ומדות פאַרשידען אין זייערע טבעיות׳ן. טבע השכל איז אַז ער קען פאַרליידען און דולדען אפילו אַ דבר השנאוי, ווי מיר זעהען במוחש אַז דער מענש קען באַטראַכטען שכל׳דיג און האָבען אַ שכל פאַרשטעלונג פון אַ זאַך וואָס ער האָט פיינט, אָט אַזוי ווי ער באַטראַכט שכל׳דיג און שטעלט זיך פאָר די זאַך וואָס אים איז ליב. דער טעם איז, ווייל די אייגענשאַפט פון שכל איז מקיף, אַ זאַך וואָס ער האָט ליב, איז אָהן ספּעציעלען שימת לב ווערט דער מענש ניט נתפעל פון דעם, אָט אַזוי נעמט שכל אַרום אַ זאַך וואָס איז איהם שנאוי בתכלית און עס ווירקט ניט אויף אים, ווייל עס איז אַ מקיף. דערום איז אין עבודה שבלב, ווען מען איז זיך מתבונן אין אַ השגה אלקית אין דעם ענין פון בריאה יש מאין אָדער אין דעם ענין פון השגחה פרטית והדומה אין די עניני השגה אלקית, איז בשעת דער התבוננות, דער שכל-איבערלייג אין דעם ענין איז ביי אים ניט פאַראַן קיין התפעלות פון דעם ענין, ווייל שכל איז מקיף, מוז מען האָבען אַ כח וואָס ברענגט אַריין די התפעלות אין דער התבוננות, אָבער די אייגענשאַפט פון מדות וואָס זיינען פנימיות, איז זייער טבע אַז זיי קענען ניט פאַרליידען קיין דבר השנאוי, די זאַך וואָס איז שנאוי איז מאוס ביי די מדות וואָס זיי קענען דאָס ניט פאַרליידען, און אָט מצד דעם יתרון, וואָס אין מדות וואָס זיי זיינען פנימיות, לגבי מוחין וואָס זיינען מקיף, איז דער קיום המצוות מיט אהבה און יראה ווערט אָנגערופען מעשיו מרובין מחכמתו, עס באַדאַרף טאַקע זיין חכמה, דער לימוד התורה, ווייל דאָס ברענגט דעם גאַנצען ענין פון תורה, אָבער עס מוז זיין דער מעשיו מרובין מחכמתו, דער יתרון המדות על המוחין, וואָס דורך דעם דוקא איז חכמתו מתקיימת.

קיצור. ערקלערט מצוות אפילו לא תעשה און אפילו מצוות פון חובת המוח והלבבות ווערען אָנגערופען מעשה, ווייל מעשה מיינט אויך דער ענט־גילטיגער שלוס אין יעדער זאַך, ווי דער בריאה יש מאין פאַרשטאַנד איז מעשה פון האמנת אלקות, ערקלערט אַז מעשיו מרובין מיינט די מדות אהבה און יראה וואָס זיינען כלולות אין מעשה, ווייל אין מדות איז פאַראַן אַ יתרון וואָס זיי זיינען פנימיות לגבי מוחין וואָס זיינען מקיף, מעשיו מיט מדות אהבה און יראה זיינען מקיים חכמתו.

הוא הי׳ אומר כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו, וכל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו. דער תכלית פון בריאת האדם איז, אַז דער מענש מיט זיין גוטער פירונג און לימוד התורה און קיום המצות און מדות טובות זאָל גורם זיין אַ נחת רוח כביכול למעלה, ווי דער באַוואוסטער מאמר וואָס השי״ת זאָגט נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני, עס איז מיר אַ נחת רוח אַז איך האָב געזאָגט און עס ווערט ערפילט מיין רצון. מצות ווערען אָנגערופען רצון העליון. תורה ווערט אָנגערופען חכמתו יתברך און מצות זיינען רצונו יתברך. די אייגענשאַפט פון רצון איז שטאַרקייט און פּינקטליכקייט, וואָס דאָס איז איינער פון די אונטערשיידען צווישען חכמה און רצון, אַז די ווירקונג פון חכמה איז דורך ערקלערונג און די ווירקונג פון רצון איז דורך שטאַרקייט בדרך גזירה אַזוי און ניט אַנדערש, אָהן קיינע ערקלע־רונגען און קיין פאַרוואָס, אַזוי איז דאָס און אַזוי מוז דאָס זיין און ניט אַנדערש, וואָס דער רצון עצמי וואָס איז פאַראַן ביי יעדען אידען צו געטליכקייט ברענגט צו מסירת נפש בפועל ממש ווי עס שטייט כי עליך הורגנו, אַ איד איז ניט נאָר וואָס ער ליידט צוליב אמונה בה׳ און צוליב אידישקייט נאָר ער איז זיך מוסר נפש צוליב אמונה בה׳ און צוליב אידישקייט. וואָס דאָס אַלץ קומט פון דעם רצון עצמי, דער שטאַרקסטער נפש׳דיגער ווילען אין דעם נשמה פאַרבונד מיט געטליכקייט וואָס מצד דעם איז אַ איד — מאַן אָדער פרוי — ניט ער קען און ניט ער וויל זיין ח״ו אַ נפרד פון געטליכקייט. די שטאַרקייט פון דעם נשמה ווילען צו געטליכקייט איז גובר אַלע קערפּערליכע געפילען ביז מסירת הגוף בפועל ממש צו געטליכקייט און אידישקייט. די שטאַרקייט אין רצון איז נאָר ווען דער רצון האדם איז באמת פאַרבונדען מיט דעם רצון של מעלה. די צווייטע אייגענשאַפט פון רצון איז פּינקטליכקייט, עס זאָל געטאָן ווערען נאָר ווי דער רצון איז, וואָס דאָס איז אויך דער אונטערשייד צווישען תורה, וואָס דאָס איז חכמה, איז אין יעדער סוגיא זיינען פאַראַן פאַרשידענע סברות, וואָס פון די סברות קומען אַרויס פאַרשידענע פסקי הלכות, און צווישען מצות וואָס זיינען רצון איז אין מצוות ניט פאַראַן די זאַך אַז אין איין מצוה זאָל זיין חילוקים אין דעם קיום המצוה, ווייל רצון איז פּינקטליך ווי דער רצון איז, און דאָן איז דער קיום המצות אַ נחת רוח למעלה. אויך איז פאַראַן כביכול אַ נחת רוח למעלה ווען דער מענש פירט זיך מיט מדות טובות. עס שטייט בנים אתם להוי׳ אלקיכם, אידען ווערען אָנגערופען השי״ת׳ס קינדער. אין גשמיות זעהען מיר אַז דער גרעסטער נחת רוח ביי אַ פאָטער איז ווען די קינדער פירען זיך בהנהגה טובה. ווען די קינדער פאָלגען, טאָן צי ניט טאָן וואָס דער פאָטער הייסט איז אודאי אַ גרויסער פאַרגעניגען פאַר דעם פאָטער, אָבער דער אמת׳ער קורת רוח פאַר דעם פאָטער איז ווען די קינדער פירען זיך במדות טובות, וואָס דאָס מיינט רוח הבריות נוחה הימנו. בריות מיינט איינפאַכע פּשוט׳ע מענשען וועלכע קענען ניט לערנען נאָר זיינען מקיים מצות אָהן שאלות פאַרוואָס, ביי זיי איז ניט פאַראַן די זאַך פון פרעגען פאַרוואָס, זיי גלויבען מיט אמונה פשוטה אין השי״ת און אין תורה און זיינען מקיים מצות, ווייל אַזוי האָט השי״ת געהייסען. ר׳ חנינא בן דוסא וועלכער איז געווען אַ חסיד און מלומד בנסים, ער ווייס דעם ענין פון רוח

המקום און ווייס די מעלה פון תמימות, וואָס דאָס איז די מעלה עיקרית פון אנשים פשוטים אַז אַלץ וואָס זיי טוען איז מיט תמימות, ווייל אַזוי איז דער ציווי הבורא ברוך הוא, און די דאָזיגע תמימות איז די גרעסטע חשיבות למעלה, מער ווי אַלע העכסטע השגות, וואָס פאַר דער תמימות׳דיגער מסירת נפש אויף תורה און אידישקייט איז אפילו משה רבנו ביי זיך אַראָפּגעפאַלען. עס שטייט והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה. די מדת ענוה פון משה רבינו איז ניט געווען פאַר דעם דור דיעה. משה רבינו׳ס ענוה איז געווען פאַר דעם כל האדם אשר על פני האדמה. השי״ת האָט באַוויזען משה רבינו אַלע דורות מיט זייערע פרנסים ביז משיח צדקנו, האָט משה רבינו געזעהן אַז בעקבות משיחא וועט זיין אַזאַ דור וואָס אפילו די גרויסע בני תורה און די גרויסע עובדי השי״ת איז זייער ידיעת התורה און זייער השגה אלקות גאָר־נישט ממש לגבי דער ידיעת התורה און השגת אלקות פון משה רבינו, אָבער זיי וועלען מקיים זיין תורה ומצות מיט מסירת נפש און בפרט די אנשים פשוטים פון יענעם דור, איז פאַר זייער תמימות איז משה רבינו אויך אַראָפּגעפאַלען ביי זיך, און אויף אָט די בריות זאָגט ר׳ חנינא בן דוסא אַז דער וואָס פון זיינע מעשים און הנהגות טובות איז רוח הבריות נוחה הימנו, איז דאָס אַ באַוויז אַז רוח המקום נוחה הימנו. ר׳ חנינא ברענגט דאָ אַרויס צוויי זייער טיפע ענינים, איינס אַז יראת חטא ומעשים מרובים איז ווי גוט עס זאָל ניט זיין איז דאָס אָבער מער ניט אַז חכמתו מתקיימת, אָבער בכדי עס זאָל אויך זיין רוח המקום נוחה הימנו, דאָס איז נאָר ווען צו דעם חכמתו מתקיימת זיינען פאַראַן מדות טובות. צווייטענס אַז די הוראה אַז רוח המקום איז נוחה הימנו איז ניט פון דעם אַז רוח בני תורה אָדער גדולי התורה נוחה הימנו נאָר דוקא אַז רוח הבריות נוחה הימנו, אָט די פשוט׳ע מעשה תמימות׳דיגע מענשען, ווייל די תמימות דאָס איז דער עיקר החשיבות למעלה.

קיצור. ערקלערט אַז שלמות פון דעם מענשען איז מדות טובות נוסף אויף דעם חכמתו מתקיימת, דורך דעם קיום המצות ביראת חטא ובמעשיו מרובין מיט מדות אהבה ויראה. תורה איז חכמה, ערקלערונג און כמה דיעות אין איין סוגיא מצות זיינען רצון, שטאַרק און פועל׳ט בדרך גזירה און פינקט־ליך. די מעלה פון תמימות איז מער ביי אנשים פשוטים וואָס פאַר תמימות המעשה במסירת נפש איז משה רבינו אויך אַראָפּגעפאַלען ביי זיך. ר׳ חנינא ערקלערט א) אַז אנשים פשוטים האָבען די מעלה פון תמימות, ב) אַז רוח הבריות דוקא איז אַ באַוויז אויף רוח המקום.

ב.

והנה פאַרשטייך, וואָס מיינט רוח המקום, אויך פאַרשטיין די צוויי ערקלע־רונגען פון ר׳ חנינא בן דוסא, די מעלת התמימות וואָס ביי אנשים פשוטים איז דאָס מער ווי ביי בני תורה, און אַז רוח הבריות דוקא איז אַ באַוויז אויף רוח המקום, דער ענין אין דעם איז, דער רבי נ״ע זאָגט (תניא פל״ו) אַז דער תכלית פון השתלשלות איז דער עולם הזה, ווייל אַזוי איז רצונו יתברך

אַז עס זאָל זיין אַ נחת רוח פון דעם וואָס חשך פון סטרא אחרא ווערט איבער־געקערט אויף געטליכע ליכטיגקייט, דאָס מיינט אַז דער תכלית הבריאה איז נאָר דער עולם הזה, וואָס דורך דער עבודת האדם אין תורה ומצות און מדות טובות זאָל די אין סוף ליכטיגקייט באַלייכטען די פינסטערניש פון עולם הזה, וואָס דאָס איז דורך מעשה דוקא ווי עס שטייט אין זהר עשי׳ לעילא, וואָס דאָס איז דער פירוש המאמר גדול תלמוד שמביא לידי מעשה, אַז עצם מעשה איז די העכסטע זאַך, און די גדלות פון תלמוד איז וואָס עס ברענגט לידי מעשה, און מעשה בכלל און מיט תמימות בפרט איז גורם אַ שמחה און אַ תענוג למעלה, ווי די רז״ל זאָגען אויף דעם פסוק ישמח ה׳ במעשיו, שמח אינו נאמר אלא ישמח, עתיד הקב״ה לשמוח במעשיהן של צדיקים, וואָס דאָס מיינט דער תענוג וואָס ווערט דורך די בירורים פון די ענינים הגשמים, וואָס עס ווערט אתהפכא חשוכא לנהורא, און דאָס איז גורם דעם תענוג של מעלה, וואָרום תענוג איז נאָר פון אַ חידוש דבר, ווי עס איז באַוואוסט דער משל פון אַ פויגעל וואָס רעדט, אַ מענש אַז ער רעדט איז קיין חידוש ניט, דער מענש איז דאָך פון מין המדבר אָבער אַז אַ פויגעל זאָל ריידען דאָס איז אַ נייעס וואָס פאַרשאַפט תענוג. דער נמשל איז, דער תענוג של מעלה איז פון דעם ביטול היש וואָס ווערט דורך עבודת הבירורים, וואָס דאָס איז דער מיין פון דעם מאמר רז״ל גדולים מעשה צדיקים יותר ממעשה שמים וארץ, מעשה שמים וארץ איז דאָך מאין ליש ווי דער מאמר הידוע עשה את שאינו ישנו, אָבער מעשה צדיקים איז מיש לאין, וואָס דאָס איז אַ חידוש למעלה, און פון דעם חידוש איז אַ תענוג למעלה. און דאָס איז דער טעם וואָס ווען דער ערשטער איד יצחק איז געבאָרען געוואָרען שטייט צחוק עשה לי אלקים, דער תענוג למעלה וואָס ווערט פון די בירורים הגשמיים וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען דורכ׳ן שם אלקים ווי עס שטייט בראשית ברא אלקים, אַז דער בריאת העולם וואָס השי״ת האָט באַשאַפען בריאת יש מאין איז דורך שם אלקים, און דורך ביטול היש איז מען גורם תענוג למעלה, וואָס דער עיקר התענוג שלמעלה איז וואָס אַ נשמה רוחנית איז זיך מתלבש אין אַ גוף גשמי דוקא און בעבודתו איז ער מברר דורך תורה ומצות די ניצוצות וועלכע זיינען אין די דברים הגשמיים און איז זיי מעלה לשרשם, וואָס דאָס איז דאָך דעם טעם פון די טענות און תביעות וואָס די מלאכים האָבען געהאַט געגען דער באַשאַפונג פון אדם און פאַרוואָס האָט השי״ת געגעבען זיין היילינע תורה צו מענשען אויף דער ערד און ניט צו די מלאכים אין הימעל. מלאכים ווייסען די גרויסע מעלה פון נשמות לגבי די גרעסטע מלאכי השרת וואָס זיינען אין עולם הבריאה און זיי באַגרייפען אויך דעם אור האצילות אַז נשמות זיינען העכער במדריגה, וואָס די העכסטע מדריגה פון מלאכים איז זייער שירה אין עולם הבריאה און די שירה זייערע איז אין עולם האצילות. מלאכים האָבען גופים ווי עס שטייט עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט, זאָגט דער רמב״ן אַז די גופים פון די מלאכים זיינען פון יסוד הרוח הפשוט און יסוד האש הפשוט. דערום ווערען די מלאכים נתפס אין מקום. פאַראַן מלאכים

רז״ל זאָגען: מדרש ויקרא רבה פ״ך, ב.

עושה מלאכיו: זע דעם מאמר יפה שעה אחת (פיידוש 64).

וואָס זיינען גרויס מהלך ת״ק שנה און פאַראַן מלאכים וואָס זייער גרויס איז אַ שליש העולם און דער שיר המלאכים איז אין אַ קול הנשמע וואָס ווערט געהערט צו די נביאים ווי עס שטייט ואשמע אחרי קול רעש גדול, און עס שטייט והאופנים וחיות הקודש ברעש גדול, און זיינען איינגעטיילט אין די מדריגות השירה רוח רעש ואש, לויט די מדריגות פון די דריי עולמות עשי׳ יצירה און בריאה, אָבער נשמות למעלה האָבען ניט קיין גופים, זיינען ניט נתפס אין מקום, האָבען ניט קיין נעמען, און זייער שירה איז קול דממה דקה אין עולם האצילות וואָס ווערט ניט געהערט צו די נביאים. די שירה פון מלאכים האָט אַ זמן קבוע ווייל מלאכים זיינען נתפס אין מקום זיינען זיי אויך נתפס אין זמן אָבער נשמות וועלכע זיינען ניט נתפס אין מקום זיינען אויך ניט נתפס אין זמן. און דאָס איז וקדושים, נשמות, יהללוך סלה אָהן הפסקות. אָט די אַלע מעלות אין נשמות אויף די מדריגות המלאכים האָבען די מלאכים געמיינט אַז די מעלות זיינען נאָר אין די נשמות ווי זיי זיינען למעלה, אָבער אַז די נשמה קומט אַראָפּ אין עולם הזה און איז זיך מתלבש אין אַ גוף גשמי מיט אַ נפש הטבעית, וואָס פאַרשטייט די ענינים פון נפש הבהמית און האָט אַ שטאַרקען געשמאַק אין אַלע ענינים הטבעים פון דער וועלט, אין אַזאַ אופן זאָגען די מלאכים אַז זייערע גופים הרוחנים זיינען העכער במדריגה פון די גופים הגשמיים פון די מענשען. אָבער באמת האָבען זיי אין דעם אַ טעות, די כוונה עליונה פון נתאווה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים, וואָס דאָס איז רוח המקום, פירט זיך אויס נאָר דורך נשמות אין גופים דורך תורה ומצות וועלכע זיינען מלובש אין דברים גשמיים פון עולם הזה, וואָס עבודת המעשה אין דעם עולם איז דער עיקר הכוונה. און דאָס איז וואָס ר׳ חנינא בן דוסא זאָגט כל שרוח הבריות, די פשוט׳ע מעשה המצות בתמימות אידען, נוחה הימנו איז דאָס אַ הוראה אַז רוח המקום נוחה הימנו, אַז דורך זיין עבודה פירט זיך אויס די כוונה עליונה, אָבער ווען אין רוח הבריות נוחה הימנו ווייל עס פעלען אים די מדות טובות, מעג זיין אפילו אַז חכמתו מתקיימת, איז אין רוח המקום נוחה הימנו.

קיצור. ערקלערט אַז דער תכלית הבריאה איז עולם הזה וואו דורך עבודת האדם הגשמיית פירט זיך אויס די כוונה, ביטול היש איז אַ חידוש און גורם תענוג למעלה, און דאָס איז מעלת הנשמות אויף מלאכים, שירה פון מלאכים רוח רעש אש, שירה פון נשמות קול דממה דקה, רוח הבריות נוחה פון מדות טובות, דאַן איז רוח המקום די כוונה העליונה, נוחה הימנו, ווייל מקיימי המצות בתמימות אין עולם הזה זיינען אַ הוראה אויף רוח המקום.

ביום השמיני עצרת תהי׳ לכם. דער אַכטער טאָג יום טוב זאָל ביי אייך זיין עצרת. דער וואָרט עצרת באַדייט דריי פאַרשיידענאַרטיגע איינהאַל-טען. עצרת זיך אויפהאַלטען, עצרת פעסט טאָג, עצרת הערשען און רעגירען, און דאָס איז דער פירוש ביום השמיני עצרת תהי׳ לכם, דער אַכטער טאָג יום טוב זאָל ביי אייך זיין דער פעסט טאָג פון אויפהאַלטען און הערשען אין אַ אופן פון רעגירען. פאַרשטיין וואָס מיינט אַז עצרת איז דער יום טוב טאָג

פון אויפהאַלטען און הערשען. אין מדרש שטייט אַ משל אויף דעם, אַ מלך האָט געמאַכט אַ סעודה זיבען טעג און האָט פאַרבעטען אַלע לאַנדסלייט, ווען עס זיינען אַריבער די זיבען טעג האָט ער געזאָגט צו זיין פריינד איצטער אַז מיר האָבען שוין געטאָן אונזער פליכט פאַר די בני המדינה ווועלען מיר זיך אַליין פרעהען צוזאַמען מיט דעם וואָס מיר וועלען געפינען. דער נמשל איז, אַלע זיבען טעג ברענגט מען קרבנות פאַר אַלע פעלקער אָבער שמיני עצרת קרבנות זיינען נאָר פאַר אידען, און שמיני עצרת האָט מען קובע געווען דעם יום טוב פון שמחת תורה וואָס דער מיין פון יום טוב שמחת תורה איז משמח זיין די תורה. ווער זיינען די וועלכע קענען משמח זיין די תורה, אידען, און מיט וואָס איז מען משמח די תורה מיט דעם וואָס מען איז מקיף די בימה וואו מען לייענט די תורה. באַדאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס האָט מען קובע געווען שמחת תורה נאָך שמיני עצרת. מתן תורה איז דאָך געווען שבועות האָט מען באַדאַרפט קובע זיין שמחת תורה נאָך שבועות, פאַרוואָס האָט מען קובע געווען שמחת תורה נאָך שמיני עצרת. נאָר דער ענין אין דעם איז, די קביעות פון שמחת תורה איז אויף די לוחות אחרונות וועלכע זיינען געגעבען געוואָרען יום כפור. די לוחות הראשונות האָט השי"ת געגעבען משה רבינו נאָך מתן תורה וואָס איז געווען שבועות, וואָס דאַן איז דער עם ישראל געווען אין דער מדריגה פון צדיקים, צדיק מיינט זכאי, ריין פון חטא ועון. אידען אַרויסגייענדיג פון מצרים זיינען געווען אין דער מדריגה פון צדיקים. זיי האָבען אַלעס גוט געהאַרכזאַם ערפילט וואָס השי"ת האָט געזאָגט דורך משה רבינו, און דאָס וואָס די אידען דאַן זיינען געווען משוקע אין שערי טומאה, וואָס די סביבה פון זוהמת מצרים האָט אויף זיי געווירקט, דאָס איז ניט דער ענין פון עבירה דאָס איז גראָבקייט וואָס מיינט זוהמא, ווי מיר זעהען אין לעבען אַז סביבה ווירקט, הן צו גוטען און הן צו שלעכטען. עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס געפינען זיך אין אַ שלעכ־טער אידישער סביבה וואו מען איז קאַלט צו אידישקייט און ווייט פון תורה ומצות, איז הגם ער אַליין איז אַ שומר מצוה אָבער עס ווירקט אויף איהם אַ געוויסע קאַלטקייט אין די מצות וועלכע ער איז מקיים און אַ געוויסע קלות ראש אַז ביי איהם ווערט גרינג דער ענין פון מצות, הגם ער איז מקיים מצות און עס טרעפט זמנים וואָס ער איז אין אַ וואַרימער התעוררות ערוואַכונג, הן אין די תפלות פון ראש השנה ויום הכפורים און הן אין דער שמחה פון סוכות און די ריקודים פון שמחת תורה, אָבער דאָס איז ניט דויערהאַפט, ווייל דער קלות ראש וועלכער קומט פון דער שלעכטער סביבה ווירקונג מאַכט איהם קאַלט און גראָב, אַז ער קען ח"ו זיין אַ עובר עבירה חמורה פון חילול שבת והדומה, אַז ניט נאָר דאָס וואָס ער האָט ניט קיין תוקף ביי צושטיין דעם נסיון נאָר דער ענין איז ביי אים ווי אַ בדיעבד, ווייל ער רעכענט אַז ער קען זיך ניט העלפען, אָבער באמת איז דאָס מער ניט ווי קלות הדעת וואָס קומט פון אַ שלעכטער סביבה און אַ דיעה כוזבת אַז די פרנסה זיינע איז געווענדעט נאָר אין זיין אַרבייט און ער האַלט אַז כחו ועוצם ידו עשה את החיל, ער איז אַזוי פאַר־גרעבט אַז ער מיינט אַז דאָס איז ער מיט זיין קראַפט קריגט אַריין זיין באַדער־פעניש און פאַרגעסט אינגאַנצען אויף דעם מאַן דיהיב חייא יהיב מזונא, אַז השי"ת, וואָס ער יתן איז דער יהיב חיי, גיט דעם לעבען, איז ער יתן אויך דער

וואָס איז יהיב מזוני, גיט די שפייז, און אַזוי איז אַז איבער אַ סביבה רעה ווערט מען ר״ל אַ יורד מדרגא לדרגא, מען ווערט פאַרגרעבט ביז מען ווערט ח״ו אַ נופל אַז מען פאַלט אַריין אין דער טיפעניש פון שלעכטס, וואָס די התחלה דערפון איז די שלעכטע סביבה. די חז״ל זאָגען אַז מרובה מדה טובה ממדת פורעניות, וואָס אַזוי זעהען מיר אין לעבען אין דער ווירקונג פון אַ גוטער סביבה, אַז עס ערוועקט אינערליכע כחות, ניט־נאָר דאָס וואָס ער איז מקיים מצות מיט אַ חיות נאָר עס ערוועקט אויך מסירת נפש כחות אַז וועגען שמירת שבת והדומה איז גאָר קיין רייד ניט. די גוטע סביבה האָט אויף איהם די ווירקונג אַז ער איז מיט אַ מסירת נפש שטאַרקייט אין אידישקייט. אידען אַרויסגייהענדיג פון מצרים זיינען געווען גראָב אָבער ניט זינדיג און דערום האָבען זיי זוכה געווען צו מתן תורה.

קיצור. ערקלערט עצרת אַנטהאַלט דריי טייטשען א) אויפהאַלטען. ב) פעסט־טאָג. ג) הערשען און רעגירען. פרעגט פאַרוואָס האָט מען קובע געווען שמחת תורה נאָך שמיני עצרת און ניט נאָך שבועות. בשעת מתן תורה, ווען השי״ת האָט געגעבען משה רבינו די לוחות הראשונות זיינען די אידען געווען אין דער דרגא פון צדיקים, נאָר זיי זיינען געווען גראָב מצד דער שלעכטער ווירקונג פון זוהמת מצרים, ערקלערט די וויכטיגקייט פון אַ סביבה און איהר ווירקונג.

ב.

והנה, די גמרא (שבת דף קמ״ו ע״א) זאָגט ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן אידען ווייל זיי זיינען געשטאַנען ביי דעם באַרג סיני איז דורך דעם מעמד פון הר סיני האָבען זיי זיך אָפּגערייניגט פון דער זוהמא, דאָס מיינט אַז אידען אַליין צוליב זייער גוטען רוחניות׳דיגען מצב זיינען געווען ראוי צו דעם גילוי אור פון מתן תורה, וואָס דערפאַר איז געווען דער גילוי פון אור אין סוף, ווי עס שטייט וירד הוי׳ על הר סיני, די געטליכקייט איז געווען נראה ונגלה אָפען פאַר אַלעמען, און דער געטליכער אור האָט געלויכטען אין אידען בגילוי ווי עס שטייט וכל העם רואים את הקולות, דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזעהן די שטימען, זאָגען די חז״ל אַז מען האָט געזעהן אַט דאָס וואָס געווינליך באַדאַרף מען הערען, למשל די קולות איז געווינליך הערט מען, ניט מען זעט, איז בשעת מתן תורה זיינען אידען געווען אין אַזאַ הויכער מדריגה אַז ביי זיי איז געווען די התגלות פון עצם הנשמה, וואָס איז העכער פון די כחות הנפש, דאָס מיינט אַז בשעת מתן תורה האָט ביי יעדען איד געלויכטען דער עצם הנשמה אין קערפערליכען לעבען. אַלע מאָל איז דער חיות הנפש וואָס באַלעבט דעם קערפער ניט דער עצם הנשמה נאָר אַ הארה פון דער נשמה, וואָס די כחות פון הארת הנפש באַלעבען די אברי הגוף, יעדער כח באַלעבט אַ אבר פרטי, אָבער בשעת מתן תורה איז פסקה זוהמתן, דאַן איז דער קערפערליכער לעבען אויך געווען פון דעם עצם הנשמה וואָס איז העכער פון די כחות פרטיים, און דערום איז דאַן געווען רואים את הנשמע ושומעין את הנראה. און ווייל אידען זיינען דאַן געווען אין דער דרגא פון

צדיקים דערום איז מתן תורה געווען בקולי קולות אַז די גאַנצע וועלט האָט געשטורעמט ווי דער דרך עבודה פון צדיקים איז באתגליא. אָבער די לוחות האחרונות וואָס השי"ת האָט געגעבען משה רבינו נאָך דעם חטא העגל, וואָס דאָן זיינען אידען געווען אין דער דרגא פון בעלי תשובה, איז די נתינת הלוחות אחרונות געווען בחשאי ווי דער דרך עבודה פון בעלי תשובה איז די דרגא פון הצנע לכת. און דערפאַר האָט השי"ת געגעבען משה רבינו די לוחות שניות אין דעם יום הקדוש יום כפור וואָס איז דער טאָג פון סליחה ומחילה, דאָס מיינט, אַז די לוחות שניות האָט השי"ת געגעבען די אידען דורך תשובה, ווי עס שטייט אין זהר הקדוש אַז בעלי תשובה משכין לי' בחילא יתיר, דורך יעדער עבודה וואָס אַ איד טוט לערנט תורה, מקיים מצות און פירט זיך בהנהגה טובה ברענגט מען אַראָפּ אַ אור מלמעלה, איז בעלי תשובה, ווייל זיי זיינען זייער איבערגעגעבען מיט אַ תוקף גדול, אין עבודה, זיינען זיי ממשיך אַ טיפערען אור, ווי עס שטייט ממעמקים קראתיך הוי', אַז דורך תשובה וואָס קומט פון דער טיפעניש פון האַרצען איז מען ממשיך אַ טיפען אור מלמעלה, וואָס דאָס איז דאָך אַז דורך תשובה איז הקב"ה מהפך זדונות צו זכיות, אַ בעל תשובה מאַכט דאָך פון חשך אור, דאָס מיינט אַז אנשטאָט דעם וואָס ער איז פריהער געגאַנגען אין אַ פינסטערען וועג פון עבירות גייט ער איצט אין אַ ליכטיגען וועג פון מצות, איז דערפאַר הקב"ה מהפך אַז די זדונות ווערען זכיות און אנשטאָט דעם וואָס פאַר דער תשובה זיינען זיי געווען מלאי עבירות, פול מיט עבירות, זיינען זיי נאָך דער תשובה מלאי מצות, פול מיט מצות, פון דעם וואָס השי"ת איז מהפך די עבירות וואָס זיי האָבען פריהער געטאָן אויף מצות. נאָר די מצות וואָס ווערען איבערגעקערט פון עבירות זיינען אַנדערש פון די מצות וואָס זיינען לכתחילה מצות, דאָס מיינט אַז די מצות פון צדיקים זיינען אור ישר ווי עס שטייט והאלקים עשה את האדם ישר, ווי עס שטייט מצות ה' ברה מאירת עינים, די מצות זיינען קלאָר דערלייכטען די אויגען, ווייל מצות זיינען אור, אָבער די מצות פון די בעלי תשובה וואָס השי"ת איז מהפך פון עבירות אויף מצות איז דאָס ווי חשך ווערט אור. אין גשמיות זעהען מיר אַז אַ קינד וואָס האָט זיך דערווייטערט פון פאָטער און איז געווען ווידערשפעניג איז ווען ער טוט תשובה און קערט זיך אום צום פאָטער איז די שמחה נאָך דעם ריחוק זייער גרויס, וואָס אַזוי איז אויך אין רוחניות אַז דער קירוב נאָך דער תשובה פון יום כפור איז די שמחה זייער גרויס, וואָס דערום האָט מען קובע געווען שמחת תורה אין חודש תשרי ווי עס שטייט ישמח ה' במעשיו און ישמח ישראל בעושיו, דאָס זיינען צוויי שמחות זמן שמחתנו, שמחה למעלה וואָס אידען האָבען זיך אָפּגערייניגט פון עבירות שמוץ דורך דער יום כפור תשובה און האָבען זיך דערנעהענטערט צו געטליכקייט און דאָס איז די שמחה פון אידען נאָך דעם ריחוק, און מצד דעם האָט מען קובע געווען שמחת תורה אויף דער שמחה וואָס לאחר הריחוק, וואָס באמת האָט מען באַדאַרפט קובע זיין שמחת תורה באַלד נאָך יום הכפורים, פאַרוואָס האָט מען קובע געווען שמחת תורה נאָך שמיני עצרת, איז אויף דעם זאָגט דער פסוק ביום השמיני עצרת תהי' לכם, שמיני איז דער טייטש פעט, אַז דער פעטער טאָג עצרת וואָס איז דער פעסט־טאָג, וואָס די כתיבה טובה פון ראש השנה און די חתימה טובה פון יום כפור

אויף אַ גוטען יאָר זאָל זיין עצרת אויפגעהאַלטען, דאָס מיינט אַז עס זאָל מקוים ווערען, איז דאָס דורך עצרת אַז דער מענש זאָל זיך באַהערשען אין זיין פירונג, אָפּהיטען צו מקיים זיין תורה ומצות, און דאַן ערשט איז שמחת תורה ווייל, אַלע זאַכען אין בני חיי ומזוני איז מען זוכה דורך לימוד התורה וואָס יעדער איד באַדאַרף זיין אַ קובע עתים לתורה.

קיצור. ערקלערט אַז אין דעם מעמד הר סיני איז פסקה זוהמתן און אידען זיינען געווען אין דער דרגא פון צדיקים און האָבען זוכה געווען און געקענט פאַרנעמען דעם גילוי עצמות אין סוף וואָס איז געווען בשעת מתן תורה, וואָס דאַן האָט ביי אידען מאיר געווען די עצם הנשמה וואָס העכער פון די כחות הנפש וואָס פון הארת הנשמה, אָבער די לוחות השניות האָבען אידען מקבל געווען יום הכפורים דורך תשובה, און דערפאַר איז שמחת תורה נאָך שמיני עצרת א) די שמחה לאחר הריחוק. ב) די שנה טובה ומתוקה זיינען אידען מקבל נאָר דורך לימוד און החזקת התורה.

היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה באמר אלי כל היום אי' אלקיך. עס איז מיר געווען מיין טרער ברויט טאָג און נאַכט פון דעם וואָס מיינע שונאים זאָגען מיר אַ גאַנצען טאָג וואו איז דיין ג־ט. דאָס מיינט אַז ביי יעדער אידישער צרה, רחמנא לצלן, זאָגען די אומות העולם וואו איז אייער ג־ט, און די אידישע אַפּיקורסים, וואָס די רז"ל זאָגען אויף זיי (סנהדרין לח. ב) דפקר טפי, אַז זיי זיינען נאָך גרעסערע אפיקורסים ווי די אומות העולם'שע אפיקורסים, און בפרט פאַר די גלויביגע אומות העולם וואָס די רז"ל רופען זיי חסידי אומות העולם, איז די אידישע כופרים ניט נאָר וואָס זיי פרעגען ביי די אידען שומרי דת ישראל אי' אלקיך נאָר זיי שפּאָטען אָפּ פון די פרומע אידען און איבער די גרויסע צרות וואָס השי"ת שטראָפט דעם עם ישראל, ירחם השי"ת, בכדי זיי זאָלען תשובה טאָן, ווי די אַלע הונדערטער פסוקים אין תורה נביאים וכתובים זאָגען אַז די אַלע אידישע צרות, רחמנא ליצלן, אין אַלע דורות, זיינען דאָס די געטליכע וואָרנונג שטראָף אַז די אידען זאָלען תשובה טאָן, און ווען אידען האָבען תשובה געטאָן האָט זיי השי"ת געשיקט אַ ישועה, אָבער די כופרים בה' ובתורתו נוצען אויס די געטליכע שטראָף וואָר־נונג אויף אַ פאַרקערטען אופן, זיי לאַכען און שפּאָטען פון תורה ומצות, זיי נוצען אויס די אידישע דערשלאָגענקייט און פאַרצווייפלונג, ניט נאָר וואָס מיט זייער שפּאַסעריי פירען זיי אַראָפּ אידען פון דרך התורה והמצות נאָר זיי מאַכען די אידען פאַר כופרים אין די געטליכע גאולה פאַרשפּרעכונגען צו די אידען, און זיי פירען די אידען אויף די אַמאָליגע אפיקורסישע נידערטרעכטיגע פאַלשע וועגען, אַז די אידען באַדאַרפען זוכען זייער שוץ און הילף ביי די גרויסע וועלט־מאַכטען אשור און מצרים, און אויף דעם קלאָגען די נביאים בני קרח, היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה באמור אלי כל היום אי' אלקיך, מיינע טרערען זיינען ביי מיר ווי ברויט טאָג און נאַכט, אַז אַ חוץ די גרויסע גרויזאַמע קער־

פערליכע לײדען וואָס דער עם ישראל לײדט אין דעם ביטערען גלות, לײדט דער עם ישראל גײסטיגע יסורים פון די אומות העולם און נאָך מער פון די אחיכם שונאיכם, די כופרים בה׳ ובתורתו, וואָס זײנען מעביר דעם עם ישראל על דעתם ודתם. די בני קורח אסיר אלקנה און אביאסף האָבען פריהער גענומען אײנטײל אין זײער פאָטער׳ס, קרח, מחלוקת צוגרײטונג געגען אהרן און משה, אָבער בשעת דער מחלוקת גופא האָבען זײ חרטה געקראָגען און האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דער מחלוקת, ווען די ערד האָט זיך געעפענט צו פאַר־שלינגען קרח ועדתו זײנען אויך אסיר אלקנה ואביאסף, די בני קרח, אַרײנגע־פאַלען אין פי הארץ, אָבער ווײל זײ האָבען תשובה געטאָן איז דער פלאַץ אין דעם פי הארץ געבליבען אָפען און זײ זײנען ניט פאַרשאָטען געוואָרען ווי קרח ועדתו. האָבען זײ דאָרט געזאָגט שירה, און דאָרטען האָבען זײ פאַרפאַסט מזמורים, ווען זײ זײנען אַרויסגעקומען פון די פי הארץ גרונט האָט אויף זײ גערוהט רוח הקודש און זײ האָבען נביאות געזאָגט אויף דער צײט פון חורבן בית המקדש און די ביטערע צײט ווען אידען וועלען זײן אין גלות. און אַט דער מזמור איז אײנער פון דער גלות צײט מזמורים וואָס די בני קרח נביאים קלאָגען אויף דער ביטערער צײט פון גלות, אַז חוץ די גרויסע קערפּערליכע צרות און גלות יסורים איז נאָך גרעסער דער פאַרגליווערטער און געשענדעטער תורה ומצות געפיהל וואָס די כופרים בה׳ ובתורתו ווירקען אויף עם ישראל ווי עס שטײט ביי עמלק אשר קרך בדרך, עמלק זוכט צו קאַלט מאַכען דעם עם ישראל אין דעם דרך פון תורה ומצות, קאַלט מאַכען אידען אין אמונה און מאַכען זײ, ח״ו הי״ת, פאַר כופרים בה׳ ובתורתו מיט דעם וואָס זײ זײנען מפרסם זײערע דיעות כוזבות אַז ככל הגוים בית ישראל, היפך, בין טומאה לטהרה, פון דער הײליגער תורה וואָס השי״ת זאָגט והייתם לי סגולה מכל העמים און ואבדיל אתכם מכל העמים. משה רבינו ע״ה דער אמת׳ער אוהב ומנהיג ישראל בעט ביי השי״ת אַז ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה, די כופרים פאַרשוועכען דעם דעת התורה. וואָס באמת האָבען דאָך אידען אַ געטליכע שליחות וואָס אויפצוטאָן אויף דער וועלט, ווי עס שטײט אין מדרש בראשית ברא אלקים וגו׳ בראשית ב׳ ראשית התורה נקראת ראשית וישראל נקראים ראשית, אַז אידען דורך מקיים זײן די דיני התורה דאַרפען מאַכען אײדעל די וועלט, און אויף דעם דאַרף מען אידען אויף דער ערדישער וועלט. ווי די מעשה הידועה, וואָס אײנער פון דעם אַלטען רבין׳ס חסידים אַ גרויסער למדן און אַ חסיד, כל ימיו איז ער געווען אַ איד אַ עושר און האָט געגעבען צדקה ביד רחבה, זײענדיג אַ עשיר האָבען אַלע געזוכט האַלטען זײערע אָפּגעשפּאָרטע געלד בהיתר עיסקא ביי אים פאַר גאַר קלײנע פּראָצענטען. אין אַ געוויסער צײט איז ביי אים פּלוצלונג נשתנה געוואָרען דער מצב, ער האָט געליטען גרויסע היזיקות און האָט פאַרלאָרען זײנע און אויך פרעמדע געלט. ווען ער איז געקומען צום אַלטען רבי׳ן אין ליאזנא האָט ער שטאַרק געוויינט אויף זײן ביטערען פינאַנציעלען מצב און זאָגט דעם רבי אַז ער באַדאַרף אָפּ־צאָלען חובות, ער באַדאַרף חתונה מאַכען קינדער, ער דאַרף האָבען אויף זײן הוצאה און ער דאַרף אויך אויסהאַלטען די עלטערע שוין אויסגעגעבענע קינ־דער. דער רבי האָט זיך פאַר דביקה׳ט און אין אַ ווײלע אַרום זאָגט ער צום

חסיד: דו זאָגסט אַלץ וואָס דו דאַרפסט און אויף וואָס מען דאַרף דיך זאָגסטו גאָרניט. דאָס מיינט אַז דער עם ישראל האָט אַ געטליכע שליחות וואָס זיי מוזען איידעל מאַכען די וועלט דורך תורה און מצות.

קיצור. ערקלערט אַז חוץ די קערפערליכע גלות יסורים ליידען, ליידט דער עם ישראל פון גייסטיגע יסורים וואָס די אומות העולם בכלל און נאָך מער די אידישע כופרים בה׳ שפּאָטען פון די געטליכע גאולה פאַרשפּרע־כונגען צו די אידען, פירען די כופרים דעם עם ישראל אויף די אַמאָליגע כפירה וועגען און פאַרשוועכען די קדושת התורה ומצות, און אויף דער שעדליכער ווירקונג פון די כופרים אויף דעם עם ישראל קלאָגען די נביאים וואָס אידען פאַרגעסען זייער שליחות.

ב.

והנה מעהרערע מפרשים טייטשען דעם פסוק היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה באמור אלי כל היום אי׳ אלקיך, די נביאים באַקלאָגען זיך אויף דעם רוחניות געפאַלענעם צושטאַנד פון די אידען און דייטען אַן אויף וואָס די אידען קלאָגען און וויינען און אויף וואָס זיי וויינען ניט, דאָס מיינט אַז די נביאים באַקלאָגען זיך אויף די אידען אין דעם זמן הגלות, ווי רחמנות גייסטיג נידעריג זייער מצב איז אַז די אידען וויינען און קלאָגען אויף דעם וואָס מען באַדאַרף ניט וויינען, און אויף דעם וואָס מען באַדאַרף באמת קלאָגען און וויינען וויינט מען ניט, וואָס דאָס אַלץ איז פון דעם שעדליכען איינפלוס וואָס די כופרים האָבען אויף אידען און מאַכען זיי קאַלט צו תורה ומצות. די מפרשים טייטשען אויס דעם פסוק, ווי די פאַרקילטע גלות אידען באַדאַרפען לויט זייער רוחניות׳־דיגען שלעכטען צושטאַנד זאָגען היתה לי דמעתי לחם, פון וואָס ווערען ביי מיר טרערען, דאָס מיינט אויף וואָס וויין איך און קלאָג, לחם יומם ולילה, אויף דעם טאָג און נאַכט ברויט, דאָס מיינט אַז די טרערען זיינען נאָר אויף די צרכים הגשמיים, אָבער אויף דעם באמור אלי כל היום אי׳ אלקיך, אַז מען רעדט צו מיר אַ גאַנצען טאָג דברי תורה און מוסר און מען מאָנט ביי מיר אי׳ אלקיך וואו איז מיין געטליכע עבודה אין לימוד התורה און קיום המצות און מען ווייזט מיר אָן אויף מיינע עם־הארצות אין תורה און אויף מיין שוואַכקייט אין קיום המצות און אויף מיין קאַלטקייט צו תורה ומצות, דאַן וויין איך ניט, וואָס באמת באַדאַרף זיין פאַרקערט, אַז אויף די ענינים הגשמים באַדאַרף מען ניט זאָרגען, מען באַדאַרף מאַכען אַ כלי צום ברכת הוי׳, ווי עס שטייט וברכך ה׳ אלקיך בכל אשר תעשה, און השי״ת וואָס ער ב״ה איז דער נותן לחם לכל בשר וועט ממלא זיין די כלי הפרנסה בשפע ברכה והצלחה, די השתדלות פון דעם מענשען באַ־דאַרף זיין אַז כלי הפרנסה זאָל זיין אַ כלי טהור על פי תורה מיט שמירת שבת אָן גניבת דעת און אָהן ערמומיות, און אַז די כלי איז אַ טהור גיט השי״ת שפע ברכה, אָבער אויף די ענינים רוחניים ווען זיי זיינען ניט ווי עס באַדאַרף זיין על פי התורה, אַז עס פעלט תפילה בציבור, עס פעלט קביעות עתים לתורה און בפרט ווען מען איז נכשל געוואָרען אין עניני עבירות באַדאַרף מען זיך זייער מצער זיין און וויינען אויף דעם, וואָס דער צער און וויינען מאַכען אַז

מען זאָל באמת תשובה טאָן. און דער עיקר ענין פון בכי׳ באַדאַרף זיין אויף דעם פריקת עול מלכות שמים, וואָס פריקת עול איז דער שרש אויף אַלע חטאים און עבירות. די זאַך פון פריקת עול אַז מען וואַרפט אַראָפּ פון זיך, רחמנא ליצלן, דעם אידישען תורה ומצות יאָך, און מען ווערט פריי פון אַלעס, אַז מען גיט זיך איבער צו די האַרץ גלוסטענישען אָהן קיין שום גרעניץ און שכל ויראת שמים אָפּהאַלט, אַלץ וואָס די האַרץ גלוסט און אַלע תאוות דערפילט ער באַלד ניט לייגענדיג קיין אַכט אויף דעם פחד אלקים וואָס מיינט מורא שמים, ווייל ביי אים פאַלט גאָר ניט איין אין האַרצן און אין שכל אַז די עניני התאוות וואָס ער גייט טאָן איז דאָס געגען רצון השי״ת און אַז דורך דעם איז ער פוגם אין זיין נשמה און פאַרדאַרבט זי, ווייל ער האָט אַראָפּגעוואָרפען, רחמנא ליצלן, פון זיך דעם עול מלכות שמים לגמרי, וואָס פריקת עול איז ערגער ווי ביי דעם ביי וועמען די האַרץ איז פאַרשטיינערט אַז ער פיהלט ניט קיין מורא שמים, וואָס על פי רוב איז דאָס ביי די וואָס האָבען אַ געהויבענקייט און אַ ברייטע האַרץ מצד זייער עשירות און הצלחה אין פרנסה און נחת פון קינדער און האָבען כבוד, וואָס דאָס איז דאָך מער ניט ווי אַ צייטווייליגע זאַך, איז אַז עס ווערט אַ שינוי במצבו אַז ער פאַרלירט די עשירות און דעם נחת אין קינדער והדומה דאַן ווערט ביי איהם אַ ווייך האַרץ און עס ווירקט אויף איהם אַז ער זאָל תשובה טאָן און ווערען אַ תורה ומצות איד, אָבער דער וואָס האָט, רחמנא ליצלן, אַראָפּ־געוואָרפען פון זיך דעם עול מלכות שמים איז אויך ווען ער ווערט אַ יורד ממצבו ווערט ער דאַן אויך ניט קיין בעל תשובה, נאָר ווען עס טרעפט אים אַ אויסערגעוויינליכער פאַל אין יסורי הגוף דאַן דערקענט אויך דער פורק עול אַז יד השם עשתה זאת און טוט תשובה. דער ענין פון פריקת עול אין דקות קען יעדער ביי זיך געפינען, וואָרום באמת איז דער העדר קבלת עול מלכות שמים מיט אַ תוקף שוין אַ התחלה פון פריקת עול און אויף דעם באַדאַרף מען מוריד דמעות זיין און דאָס ברענגט אַ ישועה אין עבודת ה׳, ווי דער אַלטער רבי טייטשט היתה לי דמעתי אַז דורך מרירות קומט מען צום לחם פון תורה, יומם ולילה, פרק אחד שחרית פרק אחד עַרְבִית, באמור אלי כל היום אי׳ אלקיך אַז דאַן דערהערט מען אַז אי״ה א׳ כתר י׳ חכמה ה׳ בינה איז אלקיך, וואָס ער ב״ה גיט בני חיי ומזוני.

קיצור. ערקלערט ווי מערסטע מפרשים טייטשען דעם פסוק אויף דעם גייסטיג נידעריגען צושטאַנד פון די אידען אין גלות וואָס זייער צער און וויינען איז אויף די צרכים הגשמיים און אויף דעם וואָס פעלט אין רוחניות וויינט מען ניט. באמת דאַרף זיין פאַרקערט, אויף צרכים הגשמיים באַדאַרף מען מאַכען אַ כלי טהור מיט שמירת שבת וכו׳ און השי״ת גיט שפע ברכה אָבער אויף וואָס עס פעלט אין רוחניות באַדאַרף מען וויינען. פריקות עול איז דער מקור פון אַלע חטאים. דורך מרירות איז מען זוכה צו דעם לחם פון תורה.

אי״ה א׳ כתר כו׳: זע אין די ערטער וועלכע זיינען אָנגעצייכנעט אין לקוטי תורה ענדע פון ספר במדבר בהוספה.

מאי חנוכה דתנו רבנן בכ"ה בכסלו יומי דחנוכה תמניא אינון כו', שכשנכנסו יונים להיכל טמאו כל השמנים שבהיכל וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהי' מונח בחותמו של כהן גדול, ולא הי' בו אלא להדליק יום אחד נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים, לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה (שבת דף כ"א ע"ב). די גמרא, וואָס איז חנוכה, אויף וועלכען נס האָט מען קובע געווען דעם יום טוב חנוכה, רש"י. די רבנן לערנען אַז דעם פינף און צוואַנציגסטען אין כסלו הויבען זיך אָן די אַכט טעג פון חנוכה — אַלץ וואָס מען האָט גענוצט אין בית המקדש האָט געדאַרפט גוט אַרומגעזעהן ווערען אַז עס האָט ניט קיין פעלער און אַז עס איז זיכער ריין, די קרבנות האָבען באַדאַרפט זיין זיכער געזונטע, די האָלץ וואָס מען האָט געניצט פאַר דער מערכה פון מזבח האָט באַדאַרפט זיין זיכער ריין פון ווערים אָדער צופוילקייט, די פאַרשידענע מינים מעהל וואָס מען האָט געניצט פאַר די פאַרשידענע קרבנות האָט באַדאַרפט זיין ריכטיג איבערגעזיפּט, אויך די וויין און די בוימלען וואָס מען האָט געניצט פאַר די פאַר־שידענע קרבנות און פאַרשידענע בעקערייען האָבען באַדאַרפט זיין ריין, און די בוימעל וואָס מען האָט געניצט פאַר דער מנורה האָט באַדאַרפט זיין דער בעסטער אָפּגעקליבענער בוימעל. אויף דעם שמן המנורה שטייט אין דער תורה (שמות כ"ז ב') אַז דער בוימעל דאַרף זיין זך און כתית. זאָגט די גמרא (מנחות דפ"ו ע"ב) אַז זך מיינט נקי, ריין, און כתית מיינט כתיש, אויסגעדריקט ווייל עס זיינען פאַראַן ניין אופנים ווי אַזוי מען נעמט אַרויס די בוימעל פון די זיתים און נאָר דריי מינים זיינען כשר פאַר דער מנורה, איז דער שמן המנורה געווען איינע פון די טייערסטע זאַכען אין בית המקדש. ווי באַוואוסט האָבען די אַלע זאַכען — קמח, יין, שמן און די כלי המקדש — באַדאַרפט זיין אָפּגעהיט פון אַ מגע טמא — די באַרירונג פון אַ אומרייגעם מענשען — איז ווען מען האָט אויסדערוויילט די בוימעל פאַר דער מנורה האָט מען די בוימעל אָנגעפילט אין פכים, קריגלען, און יעדער קריגעל האָט מען פאַרזיגעלט מיט'ן כהן גדול'ס חותם, זיגעל, און מען האָט די קריגלען בוימעל געהאַלטען אין אַ ספּעציעלען פּלאַץ. ווען די יונים, גריכען, האָבען איינגענומען די ירושלים עיר הקדש תובב"א און האָבען פאַרכאַפּט דעם בית המקדש האָבען זיי מטמא געווען, פאַראומריינינגט, אַלע בוימלען וואָס זיינען געווען אין בית המקדש. און ווען די חשמונאים האָבען מיט ג־ט'ס ברוך הוא הילף מנצח געווען די יונים האָבען זיי פון די פיעלע קריגלעך בוימעל, וועלכע זיינען געווען אָנגעגרייט פאַר דער מנורה, געפונען מער ניט ווי איין און איינציגען קריגעל בוימעל וואָס איז געווען פאַרזיגעלט מיט'ן כהן גדול'ס זיגעל, אָט דער איינציגער קריגעל בוימעל איז געווען פאַרגראָבען אין דער ערד, אַ סימן אַז די יונים הטמאים האָבען דעם קריגעל בוימעל ניט געהאַלטען אין זייערע הענט, תוספות. אין אָט דעם איינציגען געפונענעם קריגעל בוימעל איז געווען בוימעל נאָר אויף אָנצוגיסען די מנורה איין טאָג, האָט השי"ת געטאָן אַ נס אַז פון דעם איינציגען קריגעל בוימעל האָט מען אַכט טעג אָנגעפילט די מנורה — וואָס אין דער צייט האָט מען שוין געקענט באַזאָרגען פרישען בוימעל פאַר דער מנורה. צוליב דעם גרויסען נס, וואָס די בוימעל פון איין און איינציגען קריגעל

האט אנגעהאלטען גאנצע אכט טעג האט מען אויף דעם צווייטען יאר געמאכט די אכט טעג, אנהויבענדיג פינף און צוואנציג טעג אין כסלו, פאר ימים טובים בהלל והודאה להשי״ת. די גריכישע מלחמה איז געווען א גייסטיגע רוחניות׳־דיגע מלחמה, ניט קיין קערפערליכע מלחמה ווי דער מיין פון געוויינליכע וועלט מלחמות זיינען צוליב קערפערליכע צוועקען, פארנעמען לאנד און פאר־שקלאפען די באזיגטע איינוואוינער און צונעמען אלעס וואס זיי האבען. די גריכיש־אידישע מלחמה אבער איז ניט געווען קיין קערפערליכע מלחמה נאר א גייסטיגע, די יונים זיינען געווען גרויסע בילדונגס לייט, זיי האבען זייער געשעצט די תורה אלס א וואונדערליכע טיפע בילדונגס ווערט, זיי האבען אויך געשעצט דעם עם ישראל וואס האט אזא טיפע קלוגע תורה און פארמאגט די שכל פעהיגקייט צו פארשטיין און באגרייפען אזא טיפע קלוגע תורה, אויך האבען די גריכען זעהר געשעצט פארשידענע מצות וואס די אידען היטען אפ, זיי זיינען אבער געווען גרויסע אפיקורסים און האבען געלייקנט אין ג־ט ברוך הוא, זיי זיינען געווען כופרים בעיקר, זיי זיינען געווען געגען דער הייליגקייט פון תורה און מצות. דער מדרש זאגט לא המת מטמא ולא המים מטהרין אלא אמר הקב״ה חקה חקקתי גזירה גזרתי אי אתה רשאי לעבור על גזרתי, עס איז ניט פאראן קיין שכל דערקלערונג פאר וואס א מקוה איז מטהר, נאר דאס איז ג־ט ברוך הוא׳ס א גזירה און א שטרענג באגרעניצטער געזעץ וואס אידען טארען אנדערש ניט טאן, ווייל תורה איז ניט נאר א טיפע חכמה נאר תורה ומצות זיינען חכמתו ורצונו יתברך העכער פון מענשליכען פארשטאנד.

קיצור. ערקלערט אז אלץ וואס מען האט געברויכט אין בית המקדש, קמח, יין, שמן, עצים און די כלי המקדש, חוץ די בעלי חיים, האבען באדארפט זיין אפגעהיט פון א טמא באריהרונג, שמן המנורה וואס מען האט געקענט גע־ברויכען נאר דריי מינים בוימעל פון די ניין שמן זית מינים, איז געווען איינע פון די טייערסטע זאכען אין בית המקדש. די גריכען האבען געפיהרט א גייס־טיגע מלחמה, ווען זיי האבען פארכאפט דעם בית המקדש האבען זיי מטמא געווען די שמנים, צוליב דעם נס פון פך השמן האט מען קובע געווען די אכט טעג חנוכה יום טוב.

ב.

והנה עס שטייט (דברים ד׳, מ״ה) אלה העדות והחקים והמשפטים וגו׳. אין די מצות וואס ג־ט ברוך הוא האט געגעבען די אידען, הן מצות עשה, די מצות וואס מען באדארף טאן, און הן מצות לא תעשה וואס מען באדארף זיך היטען ניט צו טאן, זיינען פאראן דרייערליי מצות, עדות, חוקים און משפטים. עדות מיינט די מצות וועלכע זיינען א אנדענק, ווי למשל שבת, פסח, סוכות און דאס גלייכען. חוקים מיינט די מצות אויף וועלכע עס איז ניטא קיין שום שכל דערקלערונג ווי רש״י שרייבט אויף דעם פסוק (במדבר י״ט ב׳) זאת חקת התורה, ווייל דער שטן און אומות העולם פרעגען ביי די אידען וואס איז דאס די מצוה פון פרה אדומה און וואס פאר א טעם איז פאראן אויף דער מצוה דערום שטייט חוקה, אז דאס איז א גזירה וואס ג־ט ברוך הוא האט

דרייערליי מצות: זע דעם מאמר אמר רבה בר רב הונא (פיידוש 42).

גוזר געווען און קיינער האָט ניט קיין רשות מהרהר צו זיין אין דעם, אפילו שלמה המלך דער חכם מכל אדם האָט אויך ניט באַגריפען דעם טעם פון דער מצוה פרה אדומה ווי עס שטייט (קהלת ז׳ כ״ג) אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני, שלמה המלך זאָגט אויף דער מצוה פון פרה אדומה, איך האָב געהאָפט אַז איך וועל זיך קליגען און פאַרשטיין דעם ענין פון פרה אדומה אָבער דאָס איז העכער פון מיין פאַרשטאַנד. אין דער מצוה פון פרה אדומה זיינען פאַראַן צוויי ווידערשפּרעכענדיגע זאַכען, דער קרבן פרה אדומה איז אַנדערש פון אַלע קרבנות, וואָס מען האָט זי פאַרברענט צוזאַמען מיט אַ עץ ארז, אַ שטיקעל האָלץ פון דעם מין העכסטע בוימער, אַ אזוב אַ שטיקעל האָלץ פון דעם מין קלענסטע בוימער, און שני תולעת, אַ שטיקעל רויט געפאַרבטע וואָל, און די אַש צומישט מיט וואַסער איז מטהר טמאים, אָבער דער וואָס מאַכט די פרה אדומה ווערט אליין טמא (יומא דף י״א ע״א) און דאָס איז דער מין אין חוקים אַז דאָס איז אַ געטליכער גזירה באַפעל. משפטים מיינט מצות וואָס דער מענשליכער פאַרשטאַנד איז דאָס אויך מחייב ווי כיבוד אב ואם, צדקה, ניט גנב׳נען והדומה, על פי שכל איז לייכטער מקיים צו זיין די עדות און משפטים מצות, וואָס מען ווייס מער אָדער ווייניגער די טעמי המצות, ווי צו מקיים זיין די חוקים מצות, און דער עהרליכער שכל אנושי זאָגט אַז מען באַדאַרף מקיים זיין די מצות החוקים מיט אַ געשמאַק ווי מען איז מקיים די עדות און משפטים, אָבער באמת באַדאַרף מען מקיים זיין די עדות און משפטים מצות מיט דעם אמת׳ן קבלת עול ווי די חוקים מצות, ווייל דער עיקר קיום המצות באַדאַרף ניט זיין צוליב דעם טעם פון דער מצוה, נאָר ווייל אַזוי איז ג־ט׳ס ברוך הוא געבאָט, און דאָס איז געווען די גייסטיגע מלחמה פון די יונים וואָס זיי האָבען געוואָלט צונעמען ביי אידען די הייליגקייט פון תורה, דאָס מיינט אַז תורה איז מער ניט ווי אַ חכמה און צונעמען ביי אידען די הייליגקייט פון מצות בכלל און חוקים מצות בפרט, ווי עס שטייט „להשכיחם תורתך״, מאַכען אידען צו פאַרגעסען אַז תורה איז געטליכער שכל, „ולהעבירם מחוקי רצונך״, אַז אידען זאָלען ניט מקיים זיין די חוקים מצות, ווייל דער עיקר מיין פון די יונים איז געווען אָפּצורייסען די אידען פון זייער אמונה און מסירות נפש אי־בערגעגעבענקייט צו ג־ט ב״ה, ווי עס שטייט (ירושלמי, חגיגה פ״ב, ה״ב), אַז די יונים האָבען געזאָגט שרייבט אויף אַ האָרן פון אַן אָקס אַז איר האָט ניט קיין חלק אין דעם אידישען ג־ט ב״ה. דאָס מיינט אָפּרייסען זיך פון געטליכקייט. און דערפאַר איז ווען זיי האָבען צייטווייליג געזיגט און פאַרנומען ירושלים און אריינגעריסען זיך אין בית המקדש, האָבען זיי מטמא געווען דעם שמן המנורה, די גאַנצע שטרעבונג פון די יונים איז צו פאַרלעשען די געטליכע ליכט ביי אידען, אָבער מתתיהו כהן גדול ובניו מיט אַ געוויסען טייל תורה ומצות איבערגעגעבענע אידען האָבען מיט׳ן אויפריכטיגען „שמע ישראל״־אויסגעשריי און מיט דער אמת׳ער מסירות־נפש׳דיגער „ה׳ אלקינו ה׳ אחד״־אמונה מנצח געווען די גריכישע כופרים און געוואָלט צוריק אָנצינדען די געט־ליכע ליכט ביי אידען, האָט זיי ג־ט ב״ה געגעבען אַ צווייענדיגע מתנה וואָס זיי האָבען געפונען דעם כשר׳ן פך השמן און אנשטאָט איין נאַכט האָט ער געברענט אַכט נעכט. אָט די יונים־גייסטיגע מלחמה ווערט ווידערהאָלט אין

יעדער דור. עס זיינען פאראן די ניט־אידישע און אידישע יונים כופרים וואס פירען א גייסטיגע מלחמה אפצורייסען אידען פון געטליכקייט. עס זיינען פאראן פארשידענע יונים אפיקורסים, גאנצע, האלבע, לשליש ולרביע און גלאט אזוי־גערופענע מאדערנע נאכשלעפערס, וואס פון טהרת המשפחה האלטען זיי אבער פון א כשר׳ע מקוה האלטען זיי ניט, פון חנוך דתי האלטען זיי אבער פון אסור תערובות אנשים ונשים האלטען זיי ניט וכדומה נאך ענינים. אויך איז פאראן די יונים־כפירה ווירקונג פון דער סביבה, אפילו אונזער גרעסטער שונא בלעם הרשע האט געלויבט דעם עם ישראל מיט דעם „הן עם לבדד ישכון" און מיט דעם „מה טובו אהליך יעקב", און די בלינדע וועלטליכע נאכשלעפערס זוכען צוזאמענברענגען ניט־אידען מיט אידען, דאס אלץ לעשט ח״ו אויס די געטליכע ליכט ביי אידען, און דאס איז דער נר חנוכה, אז מיט דער ה׳ אלקינו ה׳ אחד מסירות נפש געפינט מען איצט אויך דעם פך השמן פון חנוך הכשר אויף אנ־צינדען די געטליכע תורה ומצות מנורה אין די אידישע הייזער.

קיצור. ערקלערט אז אין מצות איז פאראן עדות, משפטים און חוקים. עדות און משפטים האבען טעמים שכליים, אבער חוקים זיינען ג־ט׳ס ברוך הוא גזרות באפעלען. די גייסטיגע יונים מלחמה איז געוועזן להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, אויסלעשען די געטליכע היילינקייט ביי אידען, מיט דער ה׳ אלקינו ה׳ אחד מסירת נפש האבען א קליינע גרופע עוסקים בתורה ומצות מנצח געווען די יונים כופרים און האבען צוריק אנגעצונדען די געטליכע היילינע ליכט. ערקלערט ווי די גייסטיגע כפירה מלחמה ווידערהאלט זיך אין יעדען דור און די שלעכטע קאלטע סביבה ווירקט, אבער דער חנוך הכשר פך השמן וועט באלייכטען די תורה ומצות מנורה אין די אידישע הייזער.

כי נר מצוה ותורה אור ודרך חיים תוכחות מוסר (משלי ו, כג). דער פסוק ערקלערט דריי ענינים, מצות, תורה און דרך החיים. און זאגט אז מצות זיינען א נר, דאס מיינט די כלי וואס אנטהאלט און ברענגט אור, תורה איז אור, ליכטיגקייט, און תוכחות מוסר, מוסר־שטראף איז דער וועג פון לעבען. אין דעם שם התואר פון נר זיינען פאראן צוויי באגריפען וואס ווען זיי זיינען צוזאמען דאן אנטהאלטען זיי און ברענגען אור, אום עס זאל זיין אור מוז מען האבען דריי זאכען, א פתילה — קנויט, שמן — בוימעל, און א כלי פאר דעם שמן ופתילה, א קנויט אן בוימעל קען קיין אור ניט ברענגען, דער קנויט ווערט גלייך פארברענט. בוימעל אן א קנויט ברענגט ניט קיין אור, נאר א קנויט צוזאמען מיט בוימעל ברענגען אור. אבער בכדי דער אור זאל זיין אן אור מסודר וואס זאל גוט לייכטען מוז זיין א כלי פאר דעם צוזאמענבונד פון דעם קנויט מיט׳ן בוימעל. און דאס זיינען די צוויי טייטשען אין נר. איין טייטש איז ווי רש״י טייטשט, אז נר מיינט די כלי אין וועלכער עס איז דער קנויט מיט דעם בוימעל, ווייל דאן איז דער אור זך ומסודר — קלאר און רוהיג. דער צווייטער טייטש איז, אז נר מיינט דער קנויט מיט דעם בוימעל וואס דורך זייער צוזאמענקונפט קומט דער אור, הגם דער אור איז ניט גלייך צו דעם אור

וואָס קומט פון דעם קנויט און בוימעל ווען זיי זיינען אין אַ כלי וואָס דאַן איז דער אור אַ אור זך ומסודר, און דער אור וואָס קומט פון דעם קנויט און בוימעל אָן אַ כלי איז אַ טונקעלער און ניט קיין רוהיגער, ער צאַנקט, אָבער דאָך איז דאָס אור, און דאָס איז וואָס עס שטייט כי נר מצוה, אַז מצות זיינען געגליכען צו אַ נר, און תורה איז אור וואָס לייכט, דאָס מיינט אַז גלייך ווי אין ליכ־טיגקייט אין גשמיות איז דאָך די ריכטיגע ריין, קלאָרע, רוהיגע ליכטיגקייט נאָר ווען דער קנויט מיט די בוימעל זיינען אין אַ כלי, אַזוי איז אויך אין דער ליכטיגקייט פון תורה, אַז נאָר דורך דעם נר מצוה, וואָס דער נר מצוה מיינט דריי זאַכען: אַ כלי, אַ קנויט און בוימעל, איז אַז עס איז פאַראַן דער נר מצוה דאַן איז תורה אור. דאָס הייסט, אַז ווען איז תורה ביי דעם לומד התורה אַ אור המאיר וואָס באַלייכט אים, ווען פריהער איז פאַראַן דער נר מצוה וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַ כלי, אַ קנויט און בוימעל, וואָס די דריי זאַכען אין נר מצוה זיינען קבלת עול בפשיטות טראָגען דעם יאָך פון מצות, טאָן די מצוה בפועל ממש און דער געשמאַק פון דער מצוה. קבלת עול פון מצות דאָס איז די כלי פון נר מצוה וואָס האַלט דעם שמן ופתילה. אין דער כלי פון נר מצוה וואָס דאָס איז דער קבלת עול זיינען פאַראַן צוויי ענינים: א) דער יאָך פון מצות, געדענקען אַז אין דעם זמן באַדאַרף מען טאָן דעם ציווי השי״ת און אין דעם זמן באַדאַרף מען טאָן דעם ציווי השי״ת, און אַזוי אין אַלע ענינים הן אין קיום המצות און הן אין מנהגי ישראל, וואָס באמת זיינען מנהגי ישראל גלייך צו מצוות, כמאמר הידוע (תוספות מנחות דף כ׳, ע״ב), מנהג אבותינו תורה היא, און דאָס מיינט קבלת עול מצות, טראָגען דעם יאָך פון מצות, אַז מען זאָל געדענקען און ניט פאַרגעסען. עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס באמת זיינען זיי שומרי מצוה, אָבער זיי האָבען ניט דעם עול מצות, אַז אָפט מצד פאַרשידענע טרדות אין עסק אָדער אַנדערע זאַכען פאַרגעסען זיי וואָס זיי באַדאַרפען טאָן. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבען פאַרגעסען צו בענשען נאָכ׳ן עסען, דאַווגען מנחה ומעריב, לייענען קריאת שמע פאַר׳ן שלאָף, איז הגם זיי פאַרדריסט פאַר־וואָס זיי האָבען פאַרגעסען פונדעסטוועגען ווירקט דאָס ניט אויף זיי אַז זיי זאָלען נעמען אויף זיך דעם עול מצות. ב) מיינט קבלת עול, אַז מען זאָל מקיים זיין השי״ת׳ס ציוויים און מנהגי ישראל מיט קבלת עול אָן אַ פאַרוואָס און ניט מאַכען קיין אונטערשיידען אין מצות, למשל, אין תפלות, איז תפלת שחרית דאַווענט ער און לייגט תפילין אָן אַ טלית, ווייל מצות ציצית איז ביי אים אַ מצוה קלה. מנחה ומעריב דאַווענט ער ניט, פון מנהגים האַלט ער ניט אָבער כפרות שלאָגט ער, אָבער באמת באַדאַרף מען מקיים זיין מצות און מנהגי ישראל בקבלת עול אָן אַ פאַרוואָס, וואָס דאָס איז די כלי פון נר מצוה. דער קנויט, פתילה, פון נר מצוה איז דער קיום המצות והמנהגים בפועל, און דער שמן פון דעם נר מצוה איז דער געשמאַק און חיות פון דעם קיום המצות והמנהגים, דער הדור מצוה, די ריכטיגע גוטע תפילין, דער וואָלענער כשר׳ער טלית וכדומה, און דער נר מצוה ברענגט דעם תורה אור.

קיצור. ערקלערט אַז אין נר מצוה זיינען פאַראַן דריי זאַכען, די כלי, דער קנויט און די בוימעל, וואָס דאַן ברענגט דאָס ליכט. דער קנויט אָן

בוימעל ווערט גיך פאַרברענט און לייכט ניט, די בוימעל אָן אַ קנויט ברענט ניט און גיט ניט קיין ליכט, אַ קנויט מיט בוימעל אָן אַ כלי צאַנקט און לייכט ניט, נאָר אַלע דריי צוזאַמען ברענגען אַריין קלאָרע דויערהאַפטע ליכ־טיגקייט. דער נר מצוה אין די דריי טיילען, כלי מיינט קבלת עול, א) דער יאָך פון מצוה, ב) דער פשיטות הקיום, דער קנויט איז דער קיום המצוה והמנהגים, די בוימעל איז דער געשמאַק און הדור מצוה.

ב.

והנה בכדי עס זאָל זיין דער תורה אור מוז פריער זיין דער נר מצוה, און לפי אופן דעם נר מצוה אָט אַזוי איז דער תורה אור. דער ענין אין דעם איז, אין תורה הנגלית זיינען פאַראַן דריי דרגות: א) תורה, ב) אור תורה, ג) תורה אור. די ערשטע דרגא איז תורה, מען באַדאַרף וויסען אַז תורה איז חכמתו ית', הגם דער מענש קען מיט זיין איינפאַכען און באַגרעניצטען פאַר־שטאַנד באַגרייפען די תורה פאַרשטאַנדען, וואָס באמת איז דאָך דאָס די מצוה פון למוד התורה, אַז דער מענש מיט זיין פאַשטאַנד זאָל פאַרשטייך די תורה השכלות פאַרשטאַנדען, אָבער מען באַדאַרף וויסען אַז תורה איז חכמתו יתברך, געטליכע פאַרשטאַנדען וואָס זיינען העכער און טיפער פון אַלע נבראים'שע פאַרשטאַנדען, און אויך אין די סוגיות התורה וואָס דער מענש מיינט אַז דאָס זיינען גאָר איינפאַכע זאַכען, אָבער דער אמת איז אַז אין דער איינפאַכער פאַר־שטענדליכער סוגיא איז איינגעהילט גאָר גאָר אַ טיפער רוחניות'דיגער געט־ליכער ענין, למשל, די סוגיא פון שנים אוחזין בטלית, צוויי מענשען קומען צום בית דין,ביידע האַלטען אַ געפונענעם טלית, דער זאָגט אַז ער האָט דאָס געפונען די מציאה און עס איז אין גאַנצען זיינע, און דער צווייטער זאָגט אַז ער האָט געפונען די מציאה און עס איז אין גאַנצען זיינע. בהשקפה ראשונה איז די סוגיא אַן איינפאַכע פאַרשטענדליכע סוגיא, אָבער באמת איז חוץ דעם געוויינליכען פאַרשטאַנד און דעם פסק הלכה צו וועמען די מציאה געהערט, צי אין גאַנצען צי אַ טייל, איז אין דער סוגיא איינגעהילט אַ געטליכער רוחניות־דיגער ענין ווי די סוגיא ווערט געלערנט אין מתיבתא דרקיע, אין דער הימעל־ישיבה. אין מתיבתא דרקיע איז ניט פאַראַן דער גאַנצער ענין ווי עס איז פאַראַן אין גשמיות אויף דער וועלט, אַז צוויי מענשען קומען פרעגען ביי דעם בית דין וועמען עס קומט די מציאה, און דאָך לערנט מען אויך אין דער הימל־שער ישיבה — מתיבתא דרקיע — די סוגיא פון שנים אוחזין בטלית, נאָר דאָרטען לערנט מען דעם געטליכען רוחניות'דיגען פאַרשטאַנד וואָס איז איינ־געהילט אין דער סוגיא. שנים, צוויי נשמות קומען צום הימעלשען בית דין מיט אַ פראַגע, זיי ביידע זייענדיג אין עולם התחתון האָבען געמאַכט אַ בעל עבירה פאַר אַ בעל תשובה, אַ מחלל שבת איז געוואָרען דורך זייער התעוררות אַ שומר שבת, אָדער אַ מלמד וואָס איז פריהער געווען אין אַ טריפה'ר שולע און איז געווען אַ חוטא ומחטיא את הרבים, וואָס ער האָט מעביר געווען אידישע קינדער על דת ישראל, איז דורך זייערע התעוררות געוואָרען אַ בעל תשובה און איז געוואָרען אַ מלמד אין אַ כשר'ער תלמוד תורה און איז זוכה ומזכה את הרבים. אַלע דריי, די צוויי מעוררים און דער בעל תשובה זיינען אין עולם

האמת, קומען די צוויי מעוררים וואָס האָבען געמאַכט דעם בעל תשובה צום בית דין של מעלה און האַלטען ביידע דעם טלית, דאָס מיינט דעם זכות הגדול וואָס פון אַ בעל עברה און מחטיא את הרבים, איז געוואָרען אַ בעל תשובה און מזכה את הרבים. די נשמה זאָגט אַז זי האָט אים געפונען און געבראַכט צו תשובה און דער זכות איז אירער, און די נשמה זאָגט אַז אירע התעוררות האָט אים געמאַכט פאַר אַ בעל תשובה און דער זכות איז אירער. און אַזוי איז אין יעדער סוגיא וואָס דער מענש מיינט, אַז עס איז אַן איינפאַכער פאַרשטאַנד, איז אין דעם איינגעהילט געטליכע פאַרשטאַנדען, העכער און העכער, עד רום המעלות, דער וואָס ווייסט און פאַרשטייט אַז תורה איז חכמתו יתברך, האָט גאָר אַן אַנדער הדרת הכבוד פאַר תורה. און דאָס זיינען די דריי דרגות אין תורה הנגלית. תורה איז חכמה און שכל. פאַראַן אַזעלכע תורה לערנער וואָס לערנען נאָר דעם חיצוניות השכל פון תורה און זיינען זיך מתענג מיט די טיפע השכלות פון תורה און זיינען מחדש חדושים אין תורה, זיי גלויבען אין קדושת התורה אָבער זיי לייגען ניט קיין אַכט אויף דעם, ער איז אַ גס הרוח און בעל גאוה און האָט די חוצפה צו פאַרגלייכען זיין שכל מיט, להבדיל, דעם געטליכען תורה שכל. אור תורה הייסט אַז ער באַגרייפט, אַז תורה איז חכמתו יתברך און ווייס פאַרשטענדליך קלאָר אַז די טיפע השכלות פון גליא שבתורה, ווי טיף זיי זאָלען זיין, איז דאָס מער ניט ווי חיצוניות וואָס אין דעם איז מלובש די פנימיות, און דאָס מיינט אור תורה. די דרגא אין תורה איז, אַז ניט נאָר ער לערנט און פאַרשטייט די טיפקייט פון השכלות התורה, נאָר ער ווייסט אויך און באַגרייפט דעם אור התורה. תורה אור איז די דריטע דרגא אין תורה הנגלית, אַז פון תורה ווערט ביי אים אור, די קדושת תורה הנגלית מאַכט אים ליכטיק, וואָס די אַלע דרגות אין תורה זיינען תלוי אין דעם נר מצוה.

קיצור. ערקלערט אַז אין תורה הנגלית זיינען פאַראַן דריי דרגות א) תורה איז חכמה און השכלה וואָס איז העכער פון אַלע חכמות, ווייל תורה איז חכמתו יתברך, וואָס די פנימיות'דיגע געטליכע השכלה וואָס איז איינגע־הילט אין די סוגיות פון תורה הנגלית איז אומבאַגרייפבאַר פאַר דעם באַגרע־ניצטען מענשליכען פאַרשטאַנד. ערקלערט אַז אין אַ גאָר איינפאַכע גמרא סוגיא איז איינגעהילט די געטליכע השכלה, אָט למשל ווי די סוגיא שנים אוחזין בטלית ווערט געלערענט אין דער הימעלשער ישיבה וואָס דאָס מיינט. ב) אור תורה, די ליכט פון תורה. ג) תורה אור, אַז פון תורה ווערט ביי אים אור. די אַלע דריי דרגות אין תורה זיינען תלוי אין נר מצוה.

כי אני הוי׳ לא שניתי ואתם בני יעקב לא כליתם (מלאכי ג. ו) זאָגט רש״י אַז איך שם הוי׳ האָב זיך ניט געענדערט הגם איך פאַרלענגער דעם אויספיר פון מיין כעס איז דאָס ניט ווייל איך האָב געביטען מיין פריערדיגע דיעה און איך זאָל וועלען ליב האָבען די שלעכטס און פיינט האָבען גוטעס, דאָס מיינט צו זאָגען אַז ביי השי״ת איז ניט פאַראַן קיין ענדערונגען, הגם אַז דרך רשעים צלחה אין געזונט און רייכטום און כמה יראים ושלמים אין קיום

התורה ומצות זיינען געבראכען אין געזונט און ארימקייט איז דאס צוליב טעמים כמוסים וואס נאר השי"ת אליין וויס זיי און איז דאס ניט מגלה אפילו צו די גרעסטע צדיקים ווי משה רבינו ע"ה, ווי די גמרא דערציילט אונז (מנחות כט. ב) אז השי"ת האט באוויזען משה רבינו ברוח הקודש די קומענדיגע דורות מיט זייערע תורה פירער. ביז עס איז געקומען צום דור פון ר' עקיבא'ן. ר' עקיבא, א פשוט'ער עם הארץ וואס האט פיינט געהאט א תלמיד חכם און האט געהאט א פארגעניגען ווען ער וואלט געקענט שלעכטעס טאן צו א תלמיד חכם, פארלאזט זיין פאסטוך ארבייט און גייט לערנען תורה. פיר און צוואנציג יאר האט ר' עקיבא געלערנט תורה, אנגעהויבען פון אלף-בית און געענדיגט מיט דעם וואס אויף יעדען תג וואס אויף די אותיות פון דער תורה האט ער געהאט תלי תלין של הלכות. ווען משה רבינו האט געזעהן און געהערט די גרויסקייט פון ר' עקיבא אין תורה האט ער געבעטען ביי השי"ת ער זאל אים באוויזען דעם שכר וואס ר' עקיבא וועט באקומען פאר זיין מסירות נפש אויף לערנען תורה, האט השי"ת באוויזען צו משה רבנו דעם סוף פון ר' עקיבא'ס לעבען, ווי ר' עקיבא האט ניט געפאלגט די גזירת המלכות וואס האט פארבאטען צו לערנען תורה מיט תלמידים און יא געלערנט, און דער מלכות האט ר' עקיבא'ן איינגעזעצט אין תפיסה און באשטראפט מיט א גוואלדיג אכזריות'דיגע שטראף, וואס מען האט געריסען זיין קערפער מיט אייזערנע קעמעל ציין. ווען משה רבינו האט דערזעהן ווי מען משפט ר' עקיבא'ן אז זיין קערפער איז צוריסען ווי די געטויטעטע בעלי חיים פלייש וואס ביי די קצבים אין די פלייש קראמען, האט משה רבינו פון גרויס הארצוויטאג אויסגעשריען רבונו של עולם זו תורה וזו שכרה, אט דאס איז דער שכר פאר אזא מסירת-נפש תורה לערנען, האט אים השי"ת געענטפערט שוייג אט אזוי איז דאס. דאס איז א טעם כמוס וואס השי"ת איז ניט מגלה אפילו די גרעסטע צדיקים פאר-וואס איז דרך רשעים צלחה און צדיקים זיינען בעלי יסורים. אבער די דיעה פון השי"ת אז ער כביכול האט ליעב דעם וואס טוט גוטס און האט פיינט דעם וואס טוט שלעכטס האט זיך ניט געביטען, וויל כי אני הוי' לא שניתי, ביי השי"ת איז ניט פאראן קיינע ענדערונגען. אבער באמת באדארף מען פאר-שטיין ווי אזוי איז דאס אז אין אלקות, געטליכקייט, זיינען ניט פאראן קיינע שינוים. חלוקי מדריגות, וואס איין מדריגה איז אנדערש פון דער צווייטער מדריגה, איז אויך א שינוי און אין אלקות זיינען אויך פאראן חלוקי מדריגות אין דעם אופן פון דעם גילוי אלקות. אין גשמיות איז פאראן מהות און עס איז פאראן מציאות. אין יעדע זאך איז פאראן דער מהות פון דער זאך, מהות מיינט ווי מען זאגט מה הוא וואס איז ער, און עס איז פאראן די מציאות פון דער זאך. אין גשמיות איז מהות דער אזוי גערופענער גייסט פון דער זאך און מציאות איז דער קערפער פון דער זאך. אין רוחניות איז מהות די זאך אליין און מציאות איז דער אנבליק פון דער זאך, ווי עס שטייט (יחזקאל א) ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם עליו מלמעלה, אויף דער געשטאלט פון כסא הכבוד איז א געשטאלט פון א מענשליכען אויסזעהן. אדם איז מהות, מראה אדם אין מציאות. איז אין אלקות איז פאראן חלוקי דרגות אין דעם אופן פון גילוי אלקות אין עולמות, וואס אין די פיער עולמות, אצילות, בריאה, יצירה, עשי'

זיינען פאַראַן חלוקי דרגות אין דעם גילוי אלקות, אַז אין עולם האצילות וואָס ער איז כולו טוב איז מאיר מהות אלקות, אין עולם הבריאה וואָס ער איז רובו טוב ומיעוטו רע, און דער מיעוט רע וואָס אין עולם הבריאה איז מובדל פון טוב איז אין עולם הבריאה מאיר מציאות אלקות, אין עולם היצירה וואָס דאָרט איז מחצה טוב און מחצה רע איז דער גילוי אלקות וואָס איז מאיר אין עולם היצירה מער ניט ווי אַ הארה פון מציאות אלקות, און אין עולם העשי' וואָס דאָרט איז רובו רע און מיעוטו טוב איז דער גילוי אלקות וואָס אין עולם העשי' מער ניט ווי אַ הארה דהארה פון מציאות אלקות, און בפרט עולם הזה הגשמי איז דאָך אַ רוחניות'דיגע פינסטערניש ממש וואָס די געטליכקייט איז זייער מוסתר ונעלם. וואָס דאָס אַלץ איז חלוקי דרגות אין דעם גילוי אלקו', איז ווי איז צו פאַרשטיין אַז אני ה' לא שניתי אַז אין אלקו' זיינען ניט פאַראַן קיין שינוים.

קיצור. ערקלערט אַז הגם השי"ת פאַרלענגערט דעם אויספיר פון זיין כעס שטראָף אויף רשעים איז דאָס ניט וואָס ער בייט זיין דיעה פון ליעב האָבען די גוטע און פיינט האָבען די שלעכטע. ערקלערט מיט אַ ראי' פון משה רבינו און ר' עקיבא אַז דאָס וואָס צדיקים זיינען בעלי יסורים און דרך רשעים צלחה איז דאָס אַ דבר כמוס וואָס נאָר השי"ת אַליין ווייס. ערקלערט אַז אין גילוי אלקות זיינען פאַראַן חלוקי דרגות פון מהות, מציאות, הארת המציאות און הארה דהארה פון מציאות ביז העלם לגמרי, פרעגט ער ווי איז דאָס לא שניתי.

ב.

והנה עס איז אמת ויציב אַז אויך אין גלוי אלקות זיינען פאַראַן חלוקי דרגות, הן אין די פיער עולמות, אצילות בריאה יצירה עשי' און הן אין די חילוקי מדריגות וואָס עס איז פאַראַן אין יעדער עולם, אַז אין די עשר ספירות פון דעם עולם איז מאיר אַן אַנדער מדריגה פון אלקות ווי די מדריגת אלקות וועלכע איז מאיר אין די היכלות פון דעם עולם און דאָס זעלבע איז ביי נשמות און מלאכים וואָס אין דעם עולם אַז עס איז ניט גלייך די מדריגת גילוי אלקות וואָס איז מאיר אין די נשמות וואָס זיינען אין יענעם עולם צו דער מדריגת גילוי אלקות וואָס איז מאיר אין די מלאכים וואָס זיינען אין יענעם עולם, וואָס מצד דעם עצם ענין גילוי אלקות וואָס עס איז אין די אַלע מדריגות וואָס זיינען דאָ אויסגערעכנט, ספירות, היכלות, נשמות און מלאכים, זיינען אודאי פאַראַן חלוקי מדריגות, און חלוקי מדריגות זיינען אודאי און אודאי אַ שינוי, און נאָך אַלעם דעם וועט מען ריין קלאָר פאַרשטיין כי אני ה' לא שניתי, אַז אין געטליכקייט הגם עס אַנטפלעקט זיך אין חלוקי דרגות איז ניט שייך קיין שינוי כלל און אלקות איז אחדות גמורה. וועט מען דאָס פאַרשטיין מיט אַ משל פון אַ רב וואָס האָט פיעל פאַרשידענאַרטיגע תלמידים, גרעסערע תלמידים וואָס קענען שוין פאַרשטיין גוט אַ סוגיא גמרא און מדייק זיין אַ לשון אין רש"י, און פאַרשטיין גוט אַ תוספות דיוק מיט אַ ראשונים חידוש, און עס זיינען ביי דעם רב אויך פאַראַן קלענערע תלמידים וועלכע קענען מער ניט ווי פאַרשטיין אַ סוגיא מיט רש"י ותוספות אָן דיוקים, ווייל זיי זיינען נאָך ניט צוגעקומען צו

אַזאַ שכל פאַרברייטערונג אַז זיי זאָלען קענען פאַרנעמען אין זייער שכל פאַר־שטאַנד אַ גמרא סוגיא ווי די עלטערע תלמידים. ביי דעם רב זיינען אויך דאָ נאָך קלענערע תלמידים וואָס זייער מוח איז צו קליין צו פאַרשטיין אַ סוגיא גמרא מיט אַ תוספות, זיי קענען שוער אויפנעמען אפילו דעם פירוש רש״י, מיט זיי מוז מען לערנען די גמרא און פאַרטייטשען יעדער וואָרט און איינ׳חזר׳ן מיט זיי שעהנע עטליכע מאָל ביז זיי באַנעמען דאָס וואָס מען לערענט מיט זיי, און כדי זיי זאָלען עפּעס פאַרדענקען אָט דאָס וואָס מען האָט געלערנט מיט זיי מוז מען זיי געבען אַ משל, אַביישפּיל, און אָט דער משל באַדאַרף זיין פון אַ זאַך וואָס זיי פאַרשטייען און דורך דעם משל ביישפּיל פאַרדענקען זיי אויך אָט דאָס וואָס זיי האָבען געלערנט, און מיט די אַלע דריי כתות תלמידים לערנט דער רב, מיט יעדער כתה תלמידים נאָך זייער שכל נאָך און הבנה צושטאַנד, וואָס די דריי אופני לימוד זיינען דאָך גאָר אַנדערש איינער פון דעם צווייטען, די ערשטע כתה תלמידים זיינען אַזעלכע גרויסע בעלי שכל והבנה אַז מיט זיי לערנט דער רב די טיפסטע סוגיות אָן קיינע משלים, ווייל זיי זיינען אַזעלכע גרויסע בעלי שכל אַז זיי קענען באַגרייפען דעם טיפסטען שכל ריין קלאָר. די צווייטע כתה תלמידים זיי זיינען אויך גוטע בעלי שכל והבנה אָבער ניט אַזוי ווי די ערשטע, איז מיט זיי לערנט דער רב די סוגיא ניט אַזוי טיף און ברייט און אום זיי זאָלען בעסער באַגרייפען די השכלה סברות פון דער סוגיא זאָגט זיי דער רב אַ פּאַסענדען משל, אָט דער משל מאַכט זיי קלאָר דעם ענין הסוגיא אָבער דער עיקר ביי די תלמידים זיינען די סברות הסוגיא און דער משל איז נאָר אַ טפל, מיט דער קלענערער כתה תלמידים איז דער גאַנצער פאַרשטאַנד זייערער איז דורך דעם משל איז ביי זיי איז דער משל דער עיקר און די סוגיא אַ טפל. דער רב וועלכער לערנט מיט די אַלע דריי כתות תלמידים מוז זיך ענדערען אין זיינע שכל סברות ערקלערונגען צו יעדער כתה תלמידים נאָך זייער שטאַנד און שכל והבנה, וואָס אַז מען באַטראַכט דעם רב לויט זיין לערנען מיט די דריי כתות תלמידים, גאָר גרויסע, מיטעלע און קליינע, מוז מען זאָגען אַז דער רב איז ניט נאָר אַ בעל מדריגות וואָס זיינען פאַרשידען איינע פון דער צווייטער נאָר טאַקע אויך אַ בעל שינוים. נאָר דער וואָס האָט אַ טיפען פאַרשטאַנד ווערט זיכער פאַרשטיין אַז הן אמת דער רב איז זיך משתנה מיט זיינע פאַרשטאַנד ערקלערונגען נאָך דעם פאַרשטאַנד פון זיינע תלמידים וואָס דאָס איז אַ זיכערער שינוי, אָבער אין תוך געגומען איז דאָך דער שינוי ניט מצד הרב נאָר מצד די תלמידים, עס איז דאָך מער ניט וואָס די תלמידים מיינען אַז דער רב איז זיך משתנה אָבער באמת איז דאָך אין דעם רב ניט פאַראַן קיין שינוי, און אַזוי ווערט מען פאַרשטיין אין דעם גילוי אלקות, הן אין די פיר עולמות אצילות בריאה יצירה עשי׳ און הן אין די ספירות היכלות נשמות און מלאכים, אַז עולם האצילות, וואָס דער עולם האצילות איז מער אויס־געאיידעלט ווי דער עולם הבריאה, וואָס דער עולם הבריאה איז אין דער דרגא פון אפשרי המציאות און עולם האצילות איז אין דער דרגא פון אפיסת המציאות איז אין אצילות מאיר גילוי אלקות, און אַזוי איז אין אַלע מדריגות לפי ערכם. וואָס דער שינוי הגלוים איז אין די מדריגות אָבער אין אלקות איז באמת כי אני הוי׳ לא שניתי.

קיצור. ערקלערט אַז הגם דער גילוי אלקות, הן אין די עולמות אצילות בריאה יצירה עשי׳ און הן אין די מדריגות פרטיות ספירות היכלות, נשמות און מלאכים וואָס זיינען אין יעדער עולם איז דאָך פאַרשידען, אין יעדער עולם און מדריגה איז דער גילוי אלקות לפי מהותה, דאָך איז כי אני הוי׳ לא שניתי. ערקלערט דעם לא שניתי מיט אַ משל פון אַ רב וואָס לערנט מיט דרייערליי כתות תלמידים א) גרויסע בעלי הבנה. ב) מיטעלע בעלי השגה. ג) קליינע בעלי שכל, איז הגם אין דעם אופן פון דעם לערנען זיינען דאָך פאַראַן שינוים אָבער די שינוים זיינען אין די תלמידים ניט אין דעם רב.

אתה הוא עד שלא נברא העולם, אתה הוא משנברא העולם. אינדערפרי׳ ווען דער איד שטייט אויף פון שלאָף איז נאָך דאָן נשמה באפו׳ דאָס מיינט צו זאָגען, אַז זיינע כחות הנפש, שכל און מדות, זיינען נאָך ניט דערוואַכט פון שלאָף, וואָרום בשעת דער מענש שלאָפט זיינען די איידעלע כחות הנפש, שכל און מדות, בהסתלקות. עס עקזיסטירט דאָן מער ניט ווי אַן אָפּקלאַנג פון די כחות, און נאָך דער דערוואַכונג פון שלאָף איז, משעה לשעה, ווערען די כחות מער פעסט אין זייערע כלים. דער שכל אין מוח פון קאָפּ, און די מדות אין האַרצען. דארום איז באַלד ווי אַ איד כאַפּט זיך אויף פון שלאָף זאָגט מען מודה אני לפניך. עס איז ניט קיין ענין פון הבנה און פאַרשטאַנד, נאָר אַן ענין פון הודאה. אָבער נאָך ברכות השחר און נאָך קריאת שמע קטנה איז, הגם עס איז נאָך נשמה באפו, עס איז נאָך ניט פאַראַן דער אויפריכטיגער פאַרשטאַנד אין געט־ליכקייט, אָבער דאָך איז פאַראַן דער אַלגעמיינער הכרה־פאַרשטאַנד אין דעם ענין פון בריאה אין אַלגעמיינע שטריכען, אַז אתה הוא, דו׳ ג־ט ברוך הוא, ביזט עד שלא נברא העולם, איידער דו, ב״ה, האָסט באַשאַפען די וועלט. אתה הוא און דו ג־ט ב״ה, ביזט ווען דו, ב״ה, האָסט באַשאַפען די וועלט. פאַר דעם ווי דו, ב״ה, האָסט באַשאַפען די וועלט און נאָכדעם ווי דו ב״ה האָסט באַשאַפען די וועלט איז אַלעס גלייך. דאָס מיינט׳ אַז דער כללות הענין פון וועלט באַשאַף מאַכט חלילה ניט קיין שינוי, ווי עס שטייט כי אני הוי׳ לא שניתי, אַז די פאַר־שידענאַרטיגע גילויי אורות אין די פיעלע וועלטען מאַכען ניט קיין שינוי אין דער געטליכקייט, ווייל פאַר געטליכקייט איז ניט פאַראַן קיין פאַרשטעל און די געטליכקייט אַן און פאַר זיך איז מאיר אין דעם נידעריגסטען עולם צוגלייך ווי אין דעם העכסטען עולם. ווי על דרך משל, דער טיפער שכל לייכט ביי דעם רב אין דעם גאָר קליינעם שכל וואָס דער רב לערנט מיט דעם גאָר קליינעם תלמיד, ווייל פאַר דעם רב אַליין איז ניט פאַראַן קיין פאַרשטעל. דער פאַרשטעל איז נאָר פאַר די תלמידים, און אַזוי איז אין געטליכקייט. די אַלע באַשרענקונ־גען, צמצומים, איז נאָר פאַר די נבראים, אָבער געטליכקייט איז לא שניתי.

לא שניתי: זע דעם פריערדיגען מאמר.

אָבער באמת באַדאַרף מען זיך אין דעם ענין טיפער פאַרטראַכטען. הן, אמת, אַז מצד די פאַרשידענאַרטיגע גלויים אין עולמות איז לא שניתי, אָבער דאָס גופא וואָס ג־ט, ב״ה, האָט באַשאַפען עולמות, וואָס פאַר דער באַשאַפונג זיינען זיי ניט געווען, איז דאָך די בריאה אַליין אַן ענדערונג, וואָס אין פלוג דאַרף דאָך אַזאַ שאַפונג מאַכען אַ שינוי ח״ו, איז ווי קען מען זיך דערקלערען אַז די בריאה מאַכט ניט קיין ענדערונג. נאָר באמת איז אתה הוא עד שלא נברא העולם ואתה הוא משנברא העולם, גאָר גלייך. נאָר דער ענין איז: ווען וואָלט מען דאָס אַזוי געקענט פרעגען פאַרוואָס זאָגט מען לא שניתי, די בריאה פון עולמות וואָס זיינען פריער ניט געווען, דאָס אַליין איז דאָך אַ שינוי, אַזוי האָט מען געקענט פרעגען, ווען די עולמות וואָס ג־ט, ב״ה, האָט באַשאַפען וואָלטען, ח״ו, געווען אַ מציאות זאַך פאַר זיך אַליין, דאַן וואָלט געווען שייך צו זאָגען אַז די באַשאַפענע עולמות זאָלען מאַכען אַ שינוי ח״ו אין דעם באַשעפער ב״ה. אָבער באמת אַט דאָס וואָס מען זעהט די וועלט און די אַלע נבראים אין אַ זעלבסטשטענדיגער מציאות יש פאַר זיך, איז דער אמת ניט אַזוי. דער אמת איז, אַז יעדער נברא איז בטל צו געטליכקייט. עס איז מער ניט וואָס ביי אונז, וואָס מיר קוקען בעיני בשר אויף יעדער באַשעפעניש ווייזט זיך אונז אויס, אַז דער יש איז אַ מציאות דבר פאַר זיך אַליין, אָבער באמת איז ער בטל צו אלקות און ער איז גאָר ניט קיין מציאות פאַר זיך, איז ניט שייך צו פרעגען פאַרוואָס די שאַפונג אַליין זאָל ניט מאַכען קיין שינוי אין דעם באַשעפער ב״ה. דער אופן פון דער שאַפונג איז, אַז דער יש הגשמי ווערט געשאַפען פון דעם אין הרוחני, ווי דער באַוואוסטער מאמר התהוות הגשמי מהרוחני אין לך בריאה יש מאין גדול מזה. די גשמיות׳דיגע שאַפונג פון רוחניות איז דאָס אין אַ אופן פון בריאה יש מאין. דער אין איז אַ רוחני וואָס שאַפט דעם יש וואָס איז אַ גשמי. דער אופן פון דער שאַפונג איז, אַז דער אין אלקי, וואָס שאַפט דעם יש הגשמי מוז אַלע מאָל זיין אין דעם יש אויף צו באַלעבען דעם יש, און הגם דער אין מוז תמיד זיין אין דעם יש, אָבער דער אופן ווי דער אין איז אין דעם יש, מוז ער זיין נאָר באַהאַלטען, ווי דער באַוואוסטער מאמר העלם הבורא מהנברא, דער שעפער מוז זיך אויסבאַהאַלטען פון דער שאַפונג. דאָס הייסט, אַז די שאַפונג פון דעם יש און זיין עקזיסטענץ איז נאָר דורך דעם אין און אַז דער אין זאָל זיין בהעלם פון דעם יש.

קיצור. ערקלערט אַז אינדערפרי ווען די כחות פון שכל און מדות זיינען נאָך אין קטנות איז די עבודה נאָר בדרך הודאה, וואָס דאַן זאָגט מען מודה אני, אָבער נאָך ברכות השחר, אַז די כחות פון שכל און מדות פאַרשטאַרקען זיך, דאַן איז די עבודה אַז מען זאָל האָבען אַן הכרה פאַרשטאַנד אין געטליכקייט, אַז אני ה׳ לא שניתי, פרעגט אַז די התהוות העולמות וואָס זיינען פריער ניט געווען דאַרפען ח״ו דאָך מאַכען אַ שינוי. ערקלערט אַז דער אין באַדאַרף תמיד זיין אין דעם יש, אָבער דער אין מוז זיין אויסבאַהאַלטען פון דעם יש.

דער אופן פון דער שאַפונג: זע דעם מאמר בינו בוערים (פיידזש 24).

ב.

והנה דאָס אַליין וואָס די התהוות היש איז פון דעם אין נאָר אין אַזאַ אופן וואָס ער מוז תמיד זיין אין דעם יש און מוז זיין אויסבאַהאַלטען פון דעם יש, איז דאָס אַליין איז אַ ריכטיגער שכל באַווייז, אַז דער יש אַן און פאַר זיך איז גאָר כלל קיין מציאות ניט. ניט דער יש שאַפט זיך אַליין, ווייל צווישען באַשעפענישען איז ניט פאַראַן קיין זאַך וואָס זאָל זיך אַליין שאַפען. איז דער יש ניט ער שאַפט זיך אַליין און ניט דער יש באַלעבט זיך אַליין, נאָר אַלץ איז דער אין אלקי, וואָס דער אין אלקי איז מהווה דעם יש און באַלעבט אים. פאַרשטיין קלערער דעם ענין: עס שטייט בדבר ה׳ שמים נעשו, אַז די שאַפונג פון הימעל איז דורך דעם דבר ה׳, דאָס מיינט דער מאמר יהי רקיע, וואָס מיט דעם מאמר האָט ג-ט ב״ה באַשאַפען דעם הימעל, און עס שטייט לעולם ה׳ דברך נצב בשמים, אַז דער דבר ה׳ וואָס דאָס איז דער מאמר יהי רקיע, וואָס מיט דעם מאמר האָט ג-ט ב״ה באַשאַפען דעם הימעל, מוז אָט דער מאמר אַלע מאָל זיין אין דעם באַשעפענעם הימעל און באַשאַפען אים, ווייל אפילו נאָכדעם אַז ג-ט ב״ה האָט באַשאַפען דעם הימעל מיט דעם מאמר יהי רקיע און דער מאמר וואָלט ניט זיין תמיד אין דעם הימעל וואָלט דער הימעל ניט האָבען זיין באַלעבונג, ווייל אין דעם מאָמענט וואָס דער מאמר יהי רקיע וואָלט זיך אָפטאָן פון דעם הימעל וואָלט די הימעל באַשעפעניש ווערען צו גאָרנישט און עס וואָלט מער ניט געווען דער מציאות פון הימעל, ווייל דער וואָס שאַפט דעם הימעל און באַלעבט אים איז דער דבר ה׳ יהי רקיע, וואָס דאָס איז דער אין אלקי וואָס איז מהווה און מחי׳ דעם יש פון הימעל. און אַזוי ווי עס איז אין דער באַשאַפונג און באַלעבונג פון דעם הימעל, אַזוי איז אויך אין דער באַשאַפונג און באַלעבונג פון אַלע באַשעפענישען אָהן קיין אונטערשייד׳ צי גרויסע באַשעפענישען צי קליינע, אין אַלע, אָהן אויסנאַם, איז דער אין אלקי וואָס דאָס איז דער דבר ה׳ וואָס געהערט צום נברא, ווייל די עשרה מאמרות זיינען כולל אַלע סוגים ומיני ברואים וואָס זיינען איינגעטיילט אין די פיר סוגים: דומם, צומח, חי ומדבר. דער דבר ה׳ איז דער אין וואָס איז מהווה און באַלעבט דעם יש פון דעם נברא און דער אין מוז תמיד זיין אין דעם יש, און הגם דער אין באַדאַרף תמיד זיין אין דעם יש׳ דאָס מיינט אַז עס איז ניט וואָס דער אין אלקי האָט באַשאַפען דעם יש הנברא און נאָכדעם קען שוין דער יש האָבען אַ קיום, נאָר דער אין מוז שטענדיג זיין אין דעם יש. און דער אופן ווי דער אין געפינט זיך אין דעם יש, איז נאָר בדרך העלם וואָס דער אין באַהאַלט זיך אויס פון דעם יש. דער טעם הדבר און די דער־קלערונג פאַרוואָס דער אין מוז תמיד זיין אין דעם יש, איז ווייל די שאַפונג וואָס דער בורא ב״ה האָט באַשאַפען די וועלט און אַלע אירע באַשעפענישען איז ניט אין דעם סדר ווי אַן אומן מאַכט אַ כלי׳ וואָס מיר זעהען אַז אַן אומן מאַכט אַ כלי הן פון מעטאַל, גאָלד אָדער זילבער אָדער אַן אַנדער מין מעטאַל, און הן פון האָלץ אָדער שטיינער, איז ווען דער אומן מאַכט פאַרטיג די כלי האָט די כלי איר אייגענעם קיום — עקזיסטענץ — אויך ווען דער אומן לאָזט איבער די כלי אָהן זיין באַוואַכונג. דער מיין פון דעם איז, אַז דער אומן באַדאַרף מער ניט

ווי באשאפען די כלי, אבער ער דארף ניט באלעבען די כלי, דער אומן באדארף נאר מאכען די כלי און דאן ווען די כלי איז פארטיג האט די כלי איר אייגענעם עקזיסטענץ, אבער ניט אזוי איז דער פאל אין דער שאפונג ווי דער בורא ב"ה האט באשאפען די וועלט מיט אלע באשעפענישען. נאכדעם ווי דער אין אלקי, וואס דאס איז די געטליכע שאפונגס קראפט, באשאפט דעם ישות קערפער פון דעם באשאפענעם מוז די געטליכע שאפונגס קראפט זיין אין דעם יש אויף צו באלעבען אים. דער טעם פארוואס איז די געטליכע שאפונג אנדערש פון דער שאפונג וואס א אומן שאפט א כלי, אין פלוג האבען דאךביידע שאפונגען אן ענליכקייט, איידער דער בורא ב"ה האט באשאפען די וועלט איז די וועלט ניט געווען צוגלייך ווי איידער דער אומן האט געמאכט די כלי איז די כלי ניט געווען, הייבט פארוואס איז אזא אונטערשייד אין די שאפונגען, אז די כלי וואס דער אומן שאפט איז נאכדעם ווי דער אומן האט באשאפען די כלי באדארף די כלי ניט האבען דעם אומן'ס קראפט שאפונג און זי עקזיסטירט פון זיך אליין, און די געטליכע שאפונג איז אויך אפילו נאכדעם ווי די געט־ליכע שאפונגס קראפט שאפט די באשעפעניש מוז די געטליכע שאפונגס קראפט בלייבען תמיד ביי דעם געשאפענעם. דער אונטערשייד איז אין דעם: דער אומן וואס שאפט די כלי שאפט ניט די שטאף פון וואס ער מאכט די כלי, עס איז מער ניט וואס דער אומן פארענדערט די צורה פון דעם שטאף, פריער איז געווען א גלאטער שטיק מעטאל אדער האלץ און איצטער איז דאס פארענדערט אין דער געשטאלט פון א כלי, אבער די געטליכע שאפונג איז א גרינדליכע נייע שאפונג, דארום מוז די געטליכע שאפונגס קראפט תמיד זיין אין דער שאפונג, ווייל די שאפונג אליין איז קיין מציאות ניט, אלץ איז נאר די געט־ליכע שאפונגס קראפט, און דארום איז אתה הוא עד שלא נברא העולם ואתה הוא משנברא העולם גלייך, ווייל די שאפונג מאכט קיין ענדערונג אין דעם שעפער ב"ה.

קיצור. ערקלערט אז דער דבר ה' פון די עשרה מאמרות וואס דורך זיי האט דער בורא ב"ה באשאפען די וועלט מיט אלע באשעפענישען איז דאס דער אין אלקי, די געטליכע שאפונגס קראפט אין יעדער שאפונג, וואס נאך דעם אז די באשעפעניש איז שוין באשאפען געווארען מוז די געטליכע שאפונגס קראפט בלייבען אין דער שאפונג אויף צו באלעבען די שאפונג אין אויב די געטליכע שאפונגס קראפט וועט אפגעטאן ווערען ווערט אויס שאפונג. ערקלערט דעם אונטערשייד צווישען דעם וואס אן אומן מאכט א כלי וואס דאס איז מער ניט וואס ער פארענדערט די צורה, דעם אויסערליכען אויסזעהן, פון דעם שטאף פון וואס ער מאכט די כלי, אבער די געטליכע שאפונג איז א גרינדליכע נייע שאפונג.

בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים שנאמר (שמות יג, ח) והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה עשה ה׳ לי בצאתי ממצרים (פסחים פ״י מ״ה) אין יעדען דור איז יעדער פארפליכטעט צו פיהלען אזוי ווי ער אליין איז ארויס פון דעם גלות מצרים ווי עס שטייט אין דער תורה דו זאלסט זאגען דיין קינד אין יענעם טאג אזוי צו זאגען, דערפאר האט ג־ט מיר געטאן ווען איך בין ארויס פון מצרים. דאס מיינט צו זאגען אז אין וואס פאר א צייט עס זאל ניט זיין און אין וואס פאר א דור עס זאל ניט זיין דארף יעדער איד פיהלען אז עשה ה׳ לי בצאתי ממצרים, ווייל באמת איז דער ענין פון גלות און גאולה א רוחניות׳דיגער ענין, הגם גלות מצרים איז דער ערשטער גלות און די גאולת מצרים איז די ערשטע גאולה, איז אבער גלות און גאולת מצרים א באוויז אויף די איבעריגע גלות׳ן און גאולות ביז דעם אז אויף דער איצטיגער אנקומענדער לעצטער נצחיות׳דיגער גאולה דורך משיח צדקנו שטייט (מיכה, ז. טו) כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, ווייל דער גאנצער ענין פון גלות און גאולה איז א ענין רוחני, ניט מיט זיין אייגענעם ווילען איז יעקב אבינו געגאנגען קיין מצרים און ניט מיט אייגענע כחות זיינען די אידען ארויס פון מצרים, נאר ג־ט ב״ה האט יעקב אבינו מיט זיינע שבעים נפש געבראכט קיין מצרים דורך מכירת יוסף, און ג־ט ב״ה האט דורך משה רבינו ארויסגענומען די אידען פון מצרים, און אזוי איז אויך אין דעם לעצטען איצטיגען גלות און אין דער אנקומענדער לעצטער שטענדי־גער גאולה, זיינען די אידען אין דורו של ר׳ יוחנן בן זכאי ניט מיט זייער איי־גענעם ווילען אוועקגעגאנגען פון ארץ ישראל אין די גלות לענדער און ניט מיט דעם אייגענעם כח וועלען אידען אריינגיין אין ארץ ישראל. ג־ט ב״ה, וואס צוליב געוויסע זינדיגע מעשים האט ער אונז געשטראפט און ארויסגעטריבען פון ארץ אבותינו, — איז אז מיר וועלען תשובה טאן באמת וועט ער אונז שיקען דעם גואל צדק וואס וועט אונז אויסלייזען פון אלע גלות לענדער און וועט ברענגען אלע אידען קיין ארץ ישראל, אבער מיט אייגענע כוחות מאכט מען גאר נישט, ווייל דער ענין פון גלות און גאולה איז נאר א הימעל־סדר, דער גלות איז ניט א ענין פון רצון, צי מען וויל יא צי מען וויל ניט העלפט גאר ניט און מען מוז נעמען דעם גלות עונש, אויך דער ענין פון גאולה איז ניט א כח ענין, מיט דער אייגענער קראפט קען מען דאס ניט נעמען, ווי עס שטייט (זכרי׳ ד. ו) ניט מיט קיין פיעל לייטע און שטארקע קראפט וועט געבויט ווערען דער מקדש אין ארץ ישראל נאר מיט דעם געטליכען ווילען, ווייל גלות און גאולה איז א רוחניות׳דיגער הימעל־סדר, וואס דער עם הנבחר מוז דורכ־פירען דעם געטליכען ווילען אין די אלע גלות לענדער דורך דער קיום התורה מצות און תשובה. וואס דאן וועט ג־ט ב״ה דערפילען זיינע הבטחות הגאולה דורך משיח צדקנו. און אזוי ווי אין גלות מצרים איז דורך דעם אידישען תשובה אויסגעשריי — ווי עס שטייט ונצעק אל ה׳ וגו׳ — האט ג־ט געשיקט משה רבינו דעם גואל ראשון דורכצופירען די גאולת מצרים, אט אזוי איז אויך איצטער דורך א תשובה געשריי וועט ג־ט ב״ה שיקען דעם גואל צדק,

---

בכל דור ודור: זע דעם ערשטען מאמר בכל דור ודור (פיידזש 153).

ווייל דער גאַנצער ענין פון גלות און גאולה איז אַ ענין רוחני וואָס אידען דאַרפען דורכפירען אין דער וועלט, ווי די רז״ל זאָגען (פסחים, פ״ז) אַז דער מיין פון גלות איז כדי עס זאָלען צוקומען גרים ביי אידען, דאָס מיינט אַז די אידען זאָלען מבֿרר זיין די ניצוצות הקדושה, וואָס די בירורי הניצוצות איז דורך דער עבודה פרטית פון יעדער אידען בפרט, ווייל יעדער איד האָט אַ נשמה שליחות וואָס ער דאַרף דורכפירען אין דער וועלט. און דאָס איז דער מיין אַז בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים, ווייל דער יציאת מצרים בגשמיות וועגדעט זיך אָן דעם רוחניות׳דיגען יציאת מצרים. אויף גלות מצרים שטייט (שמות א. יג) ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך. דער וואָרט בפרך ווערט אויסגעטייטשט אין דער גמרא (סוטה יא. ב) אין צוויי מיינונגען. ר׳ אלעזר טייטשט בפרך בפה רך, מיט אַ ווייכער אויס־שפראַך, ווי עס שטייט אין מדרש (שמות, א) ווי פרעה מלך מצרים האָט אויס־געגאַרט די אידען, ער האָט צו די אידען גערעדט גוטע רייד בכדי אויסצוגע־פינען וויפיעל ציגעל אַ טאָג קען מען אויסאַרבייטען מיט דער גרעסטער אָנ־שטרענגונג, און דאַן האָט ער געצוואונגען די אידען צו אויסאַרבייטען יעדען טאָג אַזאַ צאָל ציגעל. און דאָס מיינט אַז דער פה רך האָט געבראַכט דעם בפרך. ר׳ שמואל בר נחמני זאָגט בפרך וואָס פרעה האָט צובראָכען די אידען קער־פערליך און גייסטיג, און דאָס איז וואָס עס שטייט (שמות ו. ט) ולא שמעו אל משה מקצר רוח ומעבודה קשה. אידען אין גלות מצרים, אויך אין דעם גלות האחרון, זיינען אַזוי קערפערליך צובראָכען און גייסטיג פאַרביטערט אַז זיי נעמען ניט צו קיין טרייסט.

קיצור. ערקלערט אַז יעדער איד אין יעדער דור און צייט דאַרף פיהלען ווי ער אַליין איז ארויס פון מצרים גלות. גלות און גאולת מצרים איז אַ באַוויז אויף אַלע גלות׳ן און גאולות אַז זיי זיינען אַ הימעל־רוחניות סדר. דער גלות איז ניט מיט׳ן אייגענעם ווילען, עס איז אַ שטראָף, און די גאולה איז ניט מיט׳ן אייגענעם כח. דער לעצטער ביטערער גלות איז אַ שטראָף און דורך תשובה וועט ג־ט ב״ה שיקען דעם גואל צדק. דער מיין פון גלות איז אַז מען זאָל מברר זיין די ניצוצות הקדושה, די פאַרביטערטקייט פון גלות שטערט דעם טרייסט פון דער גאולה.

ב.

והנה פאַרשטיין דעם ענין פון גלות און גאולה אין עבודה הרוחנית. אַלע גלות׳ן ווערען אָנגערופען מיט׳ן נאָמען מצרים, ווייל דער טייטש פון מצרים איז מיצר, באַשרענקונג, וגבול, באַגרעניצונג. עס שטייט (בראשית ב. ז) וייצר ה׳ אלקים את האדם וגו׳, וייצר בשני יודי׳ן, בתרין יצרין, ביצר טוב וביצר הרע. דער יצר טוב נעמט זיין רוחניות׳דיגע שפייז פון דעם געטליכען נפש און דער יצר הרע נעהמט זיין שפייז פון דעם טבעיות׳דיגען נפש וואָס ער איז אַ נפש הבהמית און דער נפש הבהמית מיט זיינע בהמה וועלטיגע באַגערען און באַגריפען טוט באַשרענקען און באַגרעניצען דעם נפש האלקית און ער טוט אים פאַרטונקלען, ער פאַרגרעבט די נפש אלקית׳דיגע באַגריפען.

אַז דער נפש אלקית טוט זיך אָן אין דעם נפש הבהמית צו דערקלערען אים אַ געטליכען פאַרשטאַנד, דאַן שטאַרקט זיך דער נפש הבהמית און רינגעלט אַרום דעם נפש האלקית פון אַלע זייטען, ביז אַז דער נפש האלקית, וואָס איז אַ שכלי בעצם מהותו, וואָס דער וואָס איז אַ שכלי בעצם מהותו האָט אַ ברייטען שכל׳דיגען פאַרנעם און שטעל, אָבער דורך די שווערע און גראָבע באַגרעניצונגען פון דעם נפש הבהמית ווערט דער נפש האלקית איינגעשרענקט און קליין, אַז אויך אפילו ווען ער איבערלייגט זיך אין געדאַנק אין אַ געטליכען פאַרשטאַנד ווירקט ניט דער פאַרשטאַנד אויף דעם נפש האלקית צו געבען אים אַ קראַפט אויף אַרויס פון דעם נפש הבהמית קלעם אויף צו טאָן איינע פון די צוויי עבודות ה׳, עבודה פון אתכפיא אָדער עבודה פון אתהפכא, ווייל זיינע קערפערליכע געבירטיגע אייגענשאַפטען זיינען נאָך ניט אויסגעאיידעלט, און די קערפערליכע גראָבקייט שטערט די ווירקונג פון דעם געטליכען פאַרשטאַנד, וואָס דער נפש אלקית איבערלייגט זיך, אַז עס זאָל ניט אַריין אין א פנימית, ווי דער מאמר הידוע גנבא אפום מחתרתא רחמנא קריא, א גנב ווען ער שטייט אויף דער שוועל פון דעם באַהאַלטענעם אַריינגאַנג בעט ער אַז ג־ט זאָל אים באַגליקען אין זיין גניבה אַרבייט, דאָס מיינט אַז ער גלויבט אין ג־ט און אין דער געטליכער השגחה פרטית אַז ג־ט איז דער שפייזער פון אַלע באַשעפענישען, און דער גנב גלויבט אַז ג־ט קען אים באַגליקען אָדער פאַרקערט, אָבער די אמונה וואָס ער גלויבט אין ג־ט און השגחה פרטית ווירקט ניט אויף אים און ער טוט אַ זאַך וואָס איז היפך רצון הבורא ב״ה, ווייל דער יצר הרע פון גניבה פאַרטונקעלט דעם אמונה פאַרשטאַנד. וואָס אַזוי איז מיט׳ן נפש אלקית געטליכען פאַרשטאַנד וואָס ווערט פאַרטונקעלט און באַגרעניצט דורך דעם נפש הבהמית און עס האָט ניט די ווירקונג וואָס עס דאַרף האָבען. ווארום באמת איז שכל מוז דאָך אויסווירקען אַ געוויסע קערפערליכע אויסאיידלונג. די קערפערליכע אייגענשאַפטען קומען צום אויסדרוק דורך די זיטען, מדות, ווי מיר זעהען במוחש אַז ביי דעם וואָס די קערפערליכע אייגענשאַפטען זיינען איידעלע זיינען זיינע מדות איידעלע, ביי דעם וואָס די קערפערליכע אייגענשאַפטען זיינע זיינען גראָבע זיינען אויך זיינע מדות גראָב און אַמאָל אויך פאַרדאָרבענע. געוויינליך איז די אויסאיידלונג פון די מדות דורך שכל ווי עס שטייט לפי שכלו יהולל איש, די פיינקייט פון דעם מענשענ׳ס זיטען איז נאָך זיין פאַרשטאַנד, דאָס מיינט אַז די מדות פירונג, איידעל אָדער גראָב, גוט אָדער שלעכט, איז לויט׳ן שכל וואָס דער מענש באַזיצט, ווי מיר זעהען אַז אַ קינד ווייל זיין שכל איז קליין איז זיין באַגער צו קליינע זאַכען. אַ דערוואַקסענער מענש האָט אַ באַגער צו גרעסערע זאַכען, ווייל זיין שכל איז גרעסער, און אַזוי איז אויך ביי דערוואַקסענע מענשען, וואָס דער מענש איז מער בר דעת איז ער מער איידעל אין זיינע באַנעמונגען און אין זיינע מדות ווייל שכל איז די ליכט וואָס באַלייכט די מדות, דאָס מיינט אַז שכל מאַכט אויפמערקזאַם וואָס פאַר אַ מדה איז אַ גוטע, און גיט צו ערקלערען אַז מען באַדאַרף ערווערבען די מדה טובה און דער שכל לערנט ווי אַזוי צו פאַרווירקליכען די מדה טובה, אויך

מאמר הידוע: עין יעקב ברכות סג, א.

מאַכט דער שכל אויפמערקזאַם וועלכע מדה איז אַ שלעכטע און ערקלערט אַז מען מוז פאַרניכטען די מדה רעה, שכל לערנט ניט נאָר אויסצוהיילען זיך פון די מדות רעות נאָר אויך ווי אַזוי מען קען פאַרבייטען אַ מדה רעה אויף אַ מדה טובה. דער מהות מענש וויל אַז זיינע מדות זאָלען זיין גוטע און וויל בשום אופן ניט האָבען קיין מדות רעות, מענש אַלס מענש האַסט שקר, גאוה, קנאה, רכילות, לשון הרע, והדומה און גאַרט צו מדות טובות, אָבער פאַרשידענע זאַכען, ווי למשל קערפערליכע אייגענשאַפטען, אויך אַ שלעכטע סביבה ווירקען זייער שלעכט אויף דעם מענשען, זיי שטאַרקען די מדות רעות און שוואַכען אָפּ דעם מענשליכען איידעלען באַגער צו מדות טובות, און דערום ווערט שכל אָנגערופען אור, ליכטיגקייט, ווייל דאָס באַלייכט די מדות. און דאָס איז דער ענין פון גלות און גאולה אין עבודה, דער נפש הבהמית איז גלות וואָס ער באַשרענקט אויך אפילו דעם נפש אלקית, און אַז דער נפש האלקית איידעלט אויס דעם נפש הטבעית דאַן איז דאָס גאולה.

קיצור. ערקלערט דעם מיין פון גלות אין עבודה, אַלע גלות'ן הייסען מצרים, ווייל מצרים מיינט באַשרענקונג, דער יצר הרע ווערט געשפייזט פון דעם נפש הבהמית. דער יצר טוב פון דעם נפש האלקית. ווען דער נפש האלקית דערקלערט דעם נפש הטבעית אַ געטליכען פאַרשטאַנד, דאַן שטאַרקט זיך דער נפש הבהמית צו פאַרטונקלען דעם פאַרשטאַנד אַז עס זאָל זיין ווי די אמונה פון אַ גנב וואָס ווירקט ניט אויף דעם פועל. מדות זיינען לויט די קערפּער־ליכע אייגענשאַפטען, שכל באַלייכט די מדות, לערנט ווי צו פאַרניכטען מדות רעות און קונה זיין מדות טובות.

יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב. דער מענש גייט צו זיין טוּאונג און זיין אַרבעט באַדאַרף ער טאָן ביז אָוונט. דער רבי נ"ע זאָגט בשם הבעש"ט נ"ע אַז יעדע נשמה וואָס ג־ט ב"ה שיקט אַראָפּ אויף דער וועלט האָט אַ שליחות וואָס די נשמה דאַרף אויפטאָן אויף דער וועלט, וואָס די שליחות מוז די נשמה דורכפירען, ווייל אַזוי איז די גזירה עליונה אַז דאָס איז דער פועל פון דער נשמה, און דער בעש"ט נ"ע האָט געטייטשט דעם פסוק יצא אדם לפעלו, דער מענש גייט צו זיין טוּאונג, דאָס מיינט, צו זיין נשמה שליחות וואָס דאָס איז פעלו וואָס צוליב דעם איז די נשמה געשיקט געוואָרען אויף דער וועלט און יעדער דאַרף וויסען און געדענקען אַז ולעבודתו עדי ערב אַז זיין נשמה שליחות אַרבעט באַדאַרף ער טאָן און מוז דורכפירען עדי ערב ביז עס ווערט ערב, דאָס מיינט, אַז מען באַדאַרף דורכפירען די נשמה שליחות איידער עס ווערט שפעט. אין צייט זיינען פאַראַן דריי טייל, בקר — פרימאָרגען, צהרים — מיטאָג, ערב — אָוונט, אַזוי איז אויך אין דעם מענשענ'ס לעבען זיינען פאַראַן דרייערליי צייטען. עס שטייט (איוב ז. א) דער מענש האָט אַ

באַגרעניצטע צייט וויפיעל ער זאָל זיין אויף דער ערדישער וועלט, און אַזוי ווי דער וואָס נעמט איין אַרבייט אויף אַ געוויסער צייט ווייס אַז די צייט פון זיין אונטערנעמונג וועט זיך ענדיגען, אַט אַזוי דאַרף דער מענש וויסען אַז זיין לעבענס צייט איז אַ באַגרעניצטע. דעם מענשען׳ס יאָרען זיינען אויך איינגעטיילט אין דריי, שחרית, מנחה און ערבית, די יוגענד־יאָרען דאָס איז זיין בקר, דער פרימאָרגען וואָס זיין זון הויבט ערשט אָן אויפצוגיין, די מיטעל־יאָרען דאָס איז זיין צהרים לעבען, וואָס באַלד הויבט שוין די זון אָן צו גיין צו מעריב נעהנטער צו דער שקיעה, און די עלטערע יאָרען פון דעם מענשען׳ס לעבען דאָס איז זיין ערבית, מען ווערט שוואַכער און עס הויבט אָן צו פאַרדריסען פאַרוואָס האָט מען פאַרנאַכלעסיגט דעם צהרים. און אויף דעם זאָגט דער בעש״ט אַז דער מענש דאַרף גיין צו זיין טאוונג צוליב וואָס ג־ט ב״ה האָט אַראָפּגעשיקט זיין נשמה אויף דער וועלט און דאַרף טאָן זיין תורה ומצות אַרבייט ביז איידער עס קומט די ערבית צייט, דאָס מיינט אַז די הויפּט אַרבייט איז תורה ומצות מיט אַ הידור געשמאַק און אויסאַרבייטען אין זיך מדות טובות איז די ריכטיגע צייט אויף דעם אין בקר און צהרים, אין די יוגענט יאָרען און די מיטעל יאָרן, וואָס די יאָרען קען דער מענש אַרבייטען מיט זיך און אויסאיידלען זיך אין יראת שמים און מדות טובות, וואָס דאַן איז אויך זיין ערבית לעבען זייער אַ פיינער. דער מענש וועלכער האָט זיין בקר און צהרים געטאָן אין תורה ומצות און דערוואָרבען מדות טובות איז אַז ער קומט אין די ערבית יאָרען האָט ער אַ עונג אין תפלה בצבור, אין הערען א הגדה, אַ פאַר־געניגען אין אַ קיום מצוה און אין מדות טובות, דאָס הייסט אַ אידיש פאַר־געניגען לעבען, וואָס ניט נאָר איז ער אַליין ווי עס באַדאַרף זיין אין אַלע ענינים פון תורה ומצות און מדות טובות, וואָס דאָס מאַכט אים אַ גרויסען פאַרגעניגען, וואָס באמת איז דאָך אין טיפען האַרצען יעדער איד איבערגעגעבען צו תורה מצות און מדות טובות, נאָר פאַרשידענע קערפּערליכע און וועלטליכע סיבות פאַרטונקלען די טיפע הערצליכע איבערגעגעבענקייט צו תורה ומצות, וואָס דערום זאָגט דער רמב״ם להלכה ביי גט אז כופין אותו עד שיאמר רוצה אני ווייל דאָס וואָס אַ איד איז מחוייב צו טאָן על פי תורה וויל ער טאָן, נאָר די קערפּערליכע אָדער די וועלטליכע סבות שטערען אַז דער אינערליכער ווילען זאָל ניט קענען קומען צום אויסדרוק, דערום דאַרף מען אים כופה זיין, אַראָפּ־צונעמען די אַלע קערפּערליכע אָדער וועלטליכע סיבות וואָס שטערען און האַלטען אָפּ די אַנטפּלעקונג פון דעם באמת אינערליכען רצון און איבער־געגעבענקייט צו תורה און מצות, די אַלע קערפּערליכע אויך וועלטליכע שטע־רונגען און אָפּשוואַכונגען פון דעם אינערליכען רצון צו תורה ומצות זיינען נאָר אין דעם אידען׳ס יוגענט און מיטעל יאָרען, וואָס דער חינוך און די הדרכה פון די יוגענט יאָרען און דער סביבה־אויר פון די מיטעלע יאָרען ווירקען שטאַרק אויף דעם מענשען. אַז מען האָט אַ ריכטיגען כשר׳ן חינוך, וואו דער מחנך פלאַנצט איין אין דעם מחונך אמונה אין השי״ת און ליבשאַפט צו תורה ומצות, און אין די מיטעלע יאָרען געפינט ער זיך אין אַ יראת שמים

זאָגט דער רמב״ם: אין יד החזקה הל׳ גירושין סוף פ״ב.

און מדות טובות סביבה, דאַן איז דער רצון צו תורה ומצות און מדות טובות בהתגלות. אָבער ווען דער חינוך איז ניט ווי על פי השולחן ערוך איז, עס פעלט די קדושה פון תורה און דער הדרת הכבוד פאַר מצות, דאַן ציט אים צו אַ פרייער סביבה. אָבער אַז מען ווערט עלטער איז על פי רוב ווערט מען בעסער און מען האָט פאַרגעניגען פון תורה ומצות און מדות טובות און ביי רובא דרובא וואָס האָבען געהאַט אַ כשר'ן חינוך און אַ תמימות'דיגע לעבענס פירונג האָבען זיי גרויס פרייד צו מאַכען אַ אמת'ע אידישע גוטע סביבה.

קיצור. ערקלערט אַז יעדע נשמה שיקט ג־ט ב"ה אַראָפּ אויף דער וועלט מיט אַ געוויסער שליחות, באַדאַרף דער מענש דערפילען זיין נשמה שליחות. אידער עס ווערט שפּעט. דעם מענשענ'ס לעבען איז באַגרעניצט, צייט איז איינגעטיילט אין פרימאָרגען טאָג און אָוונט, אַזוי איז דעם מענשענ'ס לעבען, די יוגענט יאָרען זיינען בקר, די מיטעל יאָרען זיינען צהרים און די עלטערע יאָרען זיינען ערב, די גוטע בקר און צהרים יאָרען זיכערען אַ פיינעם ערב.

ב.

והנה, דער רבי אין איינעם פון זיינע מאמרי חסידות זאָגט אַז יעדער איד קען שטייגען אין עבודת הבורא ב"ה, דער בעש"ט זאָגט אַז יעדער איד, אפילו דער פשוט שבפשוטים קען און דאַרף זיין אַ עובד ה' און דער רבי נ"ע דערקלערט ווי אַזוי מען קען און מען באַדאַרף זיין איבערגעגעבען צו עבודת הבורא אין תורה ומצות און מדות טובות, וואָס דורך דער איבערגעגעבענקייט אין עבודת הבורא מיט דער ריכטיגער תמימות שטייט דער פשוט שבפשוטים אין ידיעת התורה אויף גאָר אַ הויכער דרגא, ווייל די תמימות'דיגע איבער־געגעבענקייט איז אַ עיקר אין עבודת הבורא מער ווי ידיעה און הבנה אין ידיעת התורה, און די תמימות'דיגע איבערגעגעבענקייט איז באמת פאַראַן ביי אַלע אידען ביי דעם פשוט שבפשוטים גלייך ווי ביי דעם גדול שבגדולים, ווייל די תמימות'דיגע איבערגעגעבענקייט איז דאָס מצד הנשמה און די נשמה ענינים זיינען דאָך ביי אַלע אידען גלייך, ווי דער רבי זאָגט הנשמות מתאימות ואב אחד לכולנה, די נשמות זיינען גלייך און זיי אַלע האָבען איין פאָטער, און וויבאַלד אַז די תמימות'דיגע איבערגעגעבענקייט צו תורה און מצות און מדות טובות איז פאַראַן ביי אַלעמען איז דאָך מער ניט וואָס מען באַדאַרף דאָס ברענגען אין דעם בפועל ממש, אַז דאָס וואָס מען לערנט און מען איז מקיים אַ מצוה און אַ מדה טובה זאָל דאָס אַלץ זיין מיט אַ תמימות'דיגער איבערגעגעבענקייט, און דער רבי לערנט אונז ווי אַזוי אַרום מיר אלע אָהן אונטערשייד, ווי גרויס אָדער קליין אין ידיעת און הבנת התורה, זאָלען קענען ברענגען די נשמה תמימות'־דיגע איבערגעגעבענקייט צו תורה ומצות ומדות טובות אין אַ בפועל ממש.

און דער רבי ערקלערט דאָס מיט אַ משל פון דעם טאָג טעגליכען לעבען. יעדע אומנות, אָהן אונטערשייד וואָס די אומנות איז, צי אַ אומן וואָס מאַכט כלים פון האָלץ אָדער פון פאַרשידענע מעטאַלען, צי די אומנות פון שרייבען

דער רבי זאָגט: זע תניא פרק לב.

אותיות הכתב קלאָר און פיין אָדער שרייבען אַ ציור, דאַרף מען פריהער לערנען ביי אַ אומן און אויספאָלגען אַלץ וואָס דער אומן הייסט טאָן, ניט פרעגענדיג קיינע טעמים, נאָר טאָן וואָס דער אומן הייסט, וואָס פאַר אַ אַרבייט עס זאָל ניט זיין קומט דאָס אָן זייער שווער אפילו ביי דעם וואָס איז אַ געבאָרענער אומן יד, און בפרט דער וואָס דאַרף זיך מרגיל זיין, מאַמן ידיו זיין, אין דער אַרבייט, קומט דאָן אים אָן זייער שווער און ער מוז האָבען אַ גרויסע יגיעה ביז ער לערנט אויס די אומנות, און אַז ער לערנט זיך אויס די אומנות און איז זיך מרגיל אין דער אַרבייט איז פון צייט צו צייט, חוץ דעם וואָס די אַרבייט פון דער אומנות ווערט אים לייכטער, ווערט ביי אים אויך אַ צופרידענקייט פון דער אומנות מיט אַ געוויסען פאַרגעניגען, וואָס דער פאַרגעניגען פאַראייניגט אים מיט דער אומנות אַרבייט, דאָס הייסט אַז אנשטאָט וואָס פריהער ווען ער האָט ערשט אָנגעהויבען לערנען די אומנות איז אים געווען זייער שווער און אָפטמאָל איז ער געווען פאַרביטערט פון דער גרויסער יגיעה וואָס ער האָט געהאָט אויף אויסצולערנען זיך די אַרבייט, איז איצטער האָט ער גרויס פאַר־געניגען פון דער אַרבייט, אַז ניט נאָר איז די אַרבייט ניט קיין יגיעה ביי אים נאָר פאַרקערט די אַרבייט איז פאַר אים אַ תענוג און זיס. וואָס אַזוי איז אויך אין עבודת הבורא ב"ה, די ערשטע זאַך באַדאַרף זיין צו לערנען דעם ענין פון עבודת הבורא ב"ה, אָט אַזוי ווי איינער לערנט אַ אומנות, וואָס די ערשטע הקדמה און הכנה צו דער עבודת הבורא ב"ה איז קבלת עול, נעמען אויף זיך דעם עול תורה און מצות און דעם עול פון מדות טובות, דער ענין פון קבלת עול איז אַז מען זאָל זיך ניט רעכענען מיט דעם רצון און תענוג צי ער וויל דאָס און האָט פון דעם פאַרגעניגען, צי ער וויל דאָס ניט און האָט ניט קיין פאַרגעניגען פון דעם, אויך באַדאַרף מען זיך ניט רעכענען מיט דעם וואָס עס איז שווער, דער וואָס טוט מיט קבלת עול ווייס אַז עס איז ניט וואָס ער דאַרף דאָס טאָן נאָר אַז ער מוז דאָס טאָן. קבלת עול איז אַ עיקר אין עבודת הבורא ב"ה און דער אָנהויב פון דער טאָג טעגליכער אַרבייט מוז זיין מיט קבלת עול, די ערשטע זאַך דאַרף מען גיין דאַווענען תפילה בצבור און אַזוי באַדאַרף ער זיך פירען דעם גאַנצען טאָג, הן אין די ענינים וואָס בין אדם למקום און הן אין זי' ענינים וואָס בין אדם לחבירו, אַלץ טאָן ווי על פי התורה בקבלת עול אָהן טעמים, אַ איד דאַרף אַזוי טאָן ווייל אַזוי הייסט דער בורא ב"ה אין דער תורה, און דאָס וואָס עס שטייט אין דער תורה, הן די ענינים וואָס בין אדם למקום און הן די ענינים וואָס בין אדם לחברו, דאַרף אַ איד טאָן מיט קבלת עול, און דורך דער עבודה פון קבלת עול, וואָס דער יסוד פון קבלת עול איז די תמימות׳־דיגע נשמה איבערגעגעבענקייט צו תורה מצות און מדות טובות, שטייגט דער קבלת עול׳ניק העכער און העכער אין די דרגות פון עבודת הבורא, ביז אַז די עבודה אין תורה ומצות און מדות טובות איז ניט נאָר עס איז אים ניט שווער נאָר תורה ומצות ומדות טובות ווערען זיין פאַרגעניגען. און אַזוי טייטשט דער רבי יצא אדם לפעלו אַז דער איד הויבט אָן זיין עבודה אין עבודת הבורא ב"ה מיט קבלת עול וואָס דאָס איז דער מיין לפעלו, איז דאָן ווערט ביי אים ולעבודתו עדי ערב אַז זיין עבודה איז אים זיס און ברענגט אים גרויס פרייד און פאַרגעניגען.

קיצור. ערקלערט אַז דורך דער תמימות׳דיגער נשמה איבערגעגעבענקייט צו תורה מצות און מדות טובות וואָס דאָס איז פאַראַן ביי אַלע אידען גלייך, קען יעדער איד שטייגען אין די דרגות פון עבודת הבורא, ווייל דער עיקר העבודה איז ווען די תמימות׳דיגע איבערגעגעבענקייט קומט אין אַ בפועל ממש, דער וואָס לערנט אַ אומנות מוז אויספאָלגען צו טאָן דאָס וואָס דער אומן הייסט אים אָהן אַ פאַרוואָס, דער לימוד איז זייער שווער און ווען ער לערנט זיך אויס ברענגט אים די אַרבייט פאַרגעניגען, אַזוי איז אין עבודת הבורא דורך דעם לפעלו פון קבלת עול קומט מען צו דער זיסקייט פון דעם ולעבודתו.

טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף. דוד המלך ע״ה זאָגט צו ג־ט ב״ה עס איז מיר גוט די תורה וועלכע קומט פון דיין מויל מער ווי די טויזענטער גאָלד און זילבער. ער מיינט צו זאָגען אַז הגם מיט גאָלד און זילבער קען מען דאָך געבען פיעל צדקה, וואָס די מצות צדקה כדינה וכהלכתה איז זייער געאַכט ביי ג־ט ב״ה, וואָס דאָס איז דאָך וואָס ג־ט ב״ה זאָגט אויף אברהם אבינו (בראשית י״ח, י״ט) איך האָב אים, אברהמ׳ן, ליב און אַכטע אים ווייל איך ווייס אַז ער, אברהם, וועט אָנזאָגען זיינע קינדער און הויז מענשען וואָס וועלען בלייבען נאָך זיין לעבען אַז זיי זאָלען אָפּהיטען די געטליכע וועג צו טאָן צדקה און משפט. וואָס באמת איז צדקה ומשפט זיינען צווי באַזונדערע באַגריפען און צווי באַזונדערע באַדייטונגען. דער באַגריף פון צדקה איז דערבאַרעמונג און משפט איז דער באַגריף פון אויספירונג דורך אַ שטרענגער אונטערזוכונג. וואָס צדקה ומשפט זיינען צווי פאַרשידענאַרטיגע באַדייטונגען וואָס קומען אין צווי הפכים׳דיגע פעולות. דער באַגריף פון צדקה דערבאַרעמונג קומט בפועל פון העלפען דעם צווייטען, הן אין מאַטעריעלען זין און הן אין גייסטיגען זין, מיט אַ קירוב הדעת, און דער באַגריף פון משפט אונטערזוכונג קומט אין אַ בפועל פון אויספאָרשונגען דעם צווייטענס מצב הגשמי און מצב הרוחני אויב דער צווייטער נויטיגט זיך און אויב ער איז ווערט אַז מען זאָל אים העלפען, הן אין מאַטעריעלער הילף און הן אין גייסטיגער הילף, און נאָך דער אונטערזוכונג מיט אַ שטאַרקער חקירה ודרישה, איז אויב די חקירה ודרישה שטעלט פעסט אַז יענער איז ניט ווערט די הילף וואָס ער האָט נויטיג העלפט מען אים ניט, נאָר אפילו אויך ווען די חקירה ודרישה שטעלט פעסט אַז יענער איז יאָ ווערט מען זאָל אים העלפען, איז די הילף וועלכע קומט דורך משפט איז זייער אַ אויסגערעכנטע און אַ קאַלטע, וואָס פון דעם אַלעם איז צו זעהן אַז צווישען צדקה און משפט זיינען פאַראַן דריי אונטערשיידען, א) צדקה איז דערבאַרעמונג און משפט איז אונטערזוכונג. ב) צדקה איז העלפען דעם צווייטען, מער אָדער ווייניגער, אָבער דער פאַל פון גאַרניט העלפען איז ניט שייך, אין משפט אָבער קען זיין דער פאַל פון גאַרניט העלפען. ג) צדקה איז

טוב לי תורת: זע דעם ערשטען מאמר טוב לי תורת פיך (פיידזש 81).

די הילף קומט מיט ליבשאפט און קירוב און משפט איז די הילף מיט א אויס־גערעכנטקייט און קאלט, וואס די דריי אונטערשיידען זיינען דער ריכטיגער באוויז אויף דעם ווי צדקה און משפט זיינען פארשידענארטיג אין זייער מהות העצמי, באדארף מען פארשטיין וואס מיינט די תורה מיט דעם וואס ג־ט ב״ה זאגט אז דער דרך השם יתברך איז לעשות צדקה ומשפט, וואס באמת, ווי עס איז דייטליך ערקלערט געווארען, זיינען צדקה און משפט פארשידענארטיגע ענינים, צדקה איז ניט משפט און משפט איז ניט צדקה, און דער דרך ה׳ איז צדקה און משפט זאלען זייןביידע צוזאמען. אין חסידות ווערט דערקלערט דער דרך ה׳ אז צדקה און משפט זאלען זיין ביידע צוזאמען אז דאס איז די עבודה פון אברהם אבינו, וואס אברהם אבינו איז געווען א נדיב מיט זיין געלט, א נדיב בגופו און אויך א נדיב מיט זיין נפש, אברהם אבינו האט צוטיילט צו אנדערע וואס ער האט פארמאגט און נאך מער וויפיעל ער האט פארמאגט, עס איז געווען ביי אברהם אבינו אזא צייט ווען ער איז ניט געווען אזוי פאר־מעגליך רייך, און אום אנצופירען זיין חסד וצדקה עבודה האט ער געמוזט אנקומען צו פארשידענע הלוואות און קומענדיג צום צווייטען מאל אויף דעם זעלבען ארט וואו ער האט פריהער געמאכט די הלוואות האט ער דאן באצאלט. די נדיבות פון אברהם אבינו איז אין צוויי זאכען, א) דאס וואס ער האט אלץ אפגעגעבען דעם צווייטען, פאר זיך האט ער זייער ווייניג גענומען, און דאס מיינט משפט, אז אברהם אבינו האט געמאכט די גרעסטע אויספארשונג און די גרעסטע אנשטרענגונג אז פאר זיך און זיין פאמיליע זאל ער נעמען ווייניג ווי נאר מעגליך און אלץ האט ער אפגעגעבען אויף צדקה, און דאס איז דער דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט די צדקה וואס קומט דורך משפט וואס מען איז זיך אליין שופט. ב) די נדיבות פון אברהם אבינו איז געווען אז ווען ער האט ניט געהאט צו וועמען צו טאן צדקה האט ער פון דעם געהאט צער. און דעם אופן צדקה ומשפט ביידע צוזאמען וואס דאס איז דער דרך ה׳ האט אברהם איינגעפלאנצט אין בניו וביתו, ביז אז ביי זרע אברהם איז מדת הרחמים וגמילות חסדים א נאטירליכע זאך וואס קומט בירושה מיט דעם געבורט פון א אידען, ווי דוד המלך זאגט (תהלים צ״ט, ד׳) משפט וצדקה ביעקב אתה עשית, א איד ווען השי״ת גיט אים פרנסה בהצלחה ובשפע רב ווערט ער דערוועקט מיט א צדקה געפיהל און איז זיך אליין דן פארוואס קומט דאס אים ער זאל האבען אלעס גוטע בשפע און דער צווייטער ניט, איז אט דער משפט וואס ער איז זיך שופט ברענגט צו דעם אז ער גיט צדקה בעין טובה וביד רחבה. איז דער ענין הצדקה זייער חשוב למעלה, און אויף דעם זאגט ער טוב לי תורת פיך, עס איז בעסער לערנען תורה ווידער די פיעלע טויזענטער וואס מען גיט אויף צדקה.

קיצור. דערקלערט דעם אונטערשייד פון צדקה און משפט א) צדקה דערבא־רעמונג, משפט פארשונג, ב) צדקה העלפען, משפט באטראכטען אויב מען דארף העלפען, ג) צדקה די הילף מיט קירוב, משפט די הילף קאלט, דער דרך ה׳ איז צדקה ומשפט צוזאמען. פרעגט ווי איז מעגליך אז צדקה ומשפט זאלען זיין צוזאמען, אברהם איז געווען א נדיב, א) ער האט גע׳משפט זיך אליין, נעמען פאר זיך וואס ווייניגער און אלץ אוועקגעבען אויף צדקה. ב) האט געהאט

צער אַז ער האָט ניט געהאַט וועמען צו געבען צדקה, און אַט דער אופן צדקה איז אַ נאַטירליכע זאַך ביי אידען אַ ירושה פון אברהם אבינו.

ב.

אָבער באמת דאַרף מען דעם ענין טיפער פאַרשטיין, הן אמת עס איז בעסער לערנען תורה ווייל עס איז תורת פיך, ווי די פילע טויזענטער וואָס מען גיט אויף צדקה, ווייל נאָך אַלעם דעם וואָס צדקה איז זייער חשוב למעלה און אפילו אויך דער דרך ה׳ איז צדקה איז דאָס מער ניט ווי אַ מצוה פרטית, אָבער תורה איז כולל אַלע מצות, אָבער באמת איז די הויכקייט פון תורה ניט נאָר אין דעם וואָס מען וויס די תורה נאָר דער עיקר איז וואָס די תורה ברענגט צום קיום המצות, ווי עס שטייט אין מדרש (שמות פ״ל י״ט) משה זאָגט צו די אידען ג־ט ב״ה האָט אייך געגעבען די תורה איר זאָלט אָפּהיטען די דינים אויב איר וועט ניט היטען די דינים וועט ג־ט ב״ה ביי אייך צונעמען די תורה ווייל דאָס וואָס ג־ט האָט אייך געגעבען די תורה איז צוליב די דינים, און אַזוי זאָגט די גמרא (מגילה כ״ז א׳) דער תלמוד איז גרויס ווייל דער תלמוד ברענגט צו מעשה, וואָס פון דעם איז צו דרינגען אַז דער עיקר גרויסקייט איז דער מעשה וקיום המצות, און ווייל תלמוד ברענגט צו מעשה המצות דערום איז גדול תלמוד, באַדאַרף מען פאַרשטיין וואָס ער זאָגט טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף, אויך פאַרוואָס דערמאָנט ער פריהער גאָלד און דערנאָך זילבער, דער דורכשניטליכער אויסשפּראַך איז פריהער די קלענערע זאַך און דערנאָך די ווערטפולע זאַך. אויך דאַרף מען פאַרשטיין דעם גרויסען הימעל רעש וועלכער איז געווען אין דער צייט פון מתן תורה, וואָס די גאַנצע וועלט איז אויפגערודערט געוואָרען, ווי עס שטייט אין רש״י (תהלים כ״ט י״א) אַז די פעלקער פון דער וועלט האָבען דערפיהלט דעם גרויסען אויסערגעוויינליכען וועלט גערודער זיינען זיי געקומען צום מכשף בלעם פרעגען וואָס איז דאָס פאַר אַ שטורעם, האָט ער זיי געזאָגט אַז ג־ט דער שעפער פון דער וועלט גיט זיין תורה צו די קינדער פון אברהם יצחק ויעקב וואָס זיי האָט דער שעפער אויסדערוויילט צו זיין זיין פאָלק, וואָס באמת אין די צען געבאָטען איז אַ גרויסער טייל זייער איינפאַכע זאַכען ווי למשל ערליך האַלטען די עלטערען, ניט שווערען אויף פאַלש, ניט גנב׳נען א. ד. ג. איז צוליב וואָס איז געווען דער גרויסער שטורעם בשעת מתן תורה. חסידות ערקלערט דעם ענין מיט דער הסידישער וויסענשאַפטליכער ערקלערונג, מיט דער הקדמה צו ערקלערען וואָס איז די כוונה עליונה אין ירידת הנשמה בגוף, צוליב וואָס שיקט ג־ט ב״ה אַראָפּ אַ נשמה אויף דער ערדישער וועלט, די נשמה ווען זי איז אין הימעל אין דעם אוצר הנשמות איז זי פאַרטיפט אין די העכסטע ברענפייערדיגע הימלישע אהבה ויראה צו אין סוף ב״ה ווי דער הימלישער באַגריף איז, ווי אלי׳ הנביא זאָגט (מלכים א׳ י״ז א׳) אויף זיין אייגענער נשמה אידער ג־ט ב״ה האָט זי אַראָפּ־געשיקט אויף דער ערדישער וועלט חי ה׳ אלקי ישראל אשר עמדתי לפניו, אַז דאַן אידער די נשמה קומט אַראָפּ אויף דער ערדישער וועלט שטייט זי אין הימלישע אהבה ויראה איבערגעגעבענקייט, ווי עס שטייט אין זהר אַז יעדע נשמה בעפאָר

זי קומט אַראָפּ אויף דער ערדישער וועלט געפינט זי זיך אין די העכסטע דרגות פון דער אצילות וועלט, איז הגם די נשמה וואָס ג־ט ב״ה שיקט אַראָפּ איז ניט די עצם הנשמה, עס איז מער ניט ווי די הארה פון דער נשמה, אָבער די הארת הנשמה איז פאַרבונדען מיט דעם עצם הנשמה, און אָט די נשמה גיט ג־ט ב״ה אַריין אין אַ גשמיות׳דיגען קערפּער אין וועלכען עס איז פאַראַן — חוץ די קערפּערליכע גראָבע פאַרלאַנגען און תאוות — דער יצר הרע וואָס שפּייזט זיך פון דעם נפש הבהמית און טבעית וואָס מיט דעם פאַרגרעבט דער יצר הרע דעם באַנעם פון נפש השכלית אַז ער באַנעמט ניט די געטליכע פאַרשטאַנדען וואָס דער נפש האלקית ערקלערט, און ווען דער נפש האלקית שטרענגט אָן די גרעסטע קרעפטען צו ערקלעהרען דעם נפש השכלית אַ רוחניות׳דיגען פאַר־שטאַנד אין דעם ענין פון אהבה ויראה, ווי אַ מענש באַדאַרף ליב האָבען און מורא האָבען פאַר דעם בורא עולם ב״ה, אָדער ווען דער נפש האלקית ער־קלערט שכל׳דיג דעם ענין פון דער וועלט שאַפונג וואָס דער בורא ב״ה האָט געשאַפען די וועלט בדרך בריאה יש מאין, איז הגם דער שכל האנושי פון נפש השכלית באַגרייפט דאָס אָבער דער נפש הבהמית דורך דעם נפש הטבעית פאַר־טונקעלט דעם נפש השכלית פאַרשטאַנד, אַז אפילו ווען דער נפש השכלית באַנעמט די ערקלערונג פון דעם נפש האלקית, וואָס דורך דער באַנעמונג פון נפש השכלית ווערט דערוועקט ביי דעם מענשען אַ אהבה אָדער אַ יראה, אָבער די אהבה ויראה וואָס ווערען דורך דער נפש האלקית ערקלערונג איז ניט בערך צו דער אהבה ויראה וואָס ביי דער נשמה ווען זי איז אין אוצר הנשמות איידער זי גייט אַראָפּ צו אָנטאָן זיך אין דעם פליישיגען קערפּערליכען לעבען, איז צוליב וואָס שיקט ג־ט ב״ה די נשמה פון דעם הערליכען הימעל לעבען אין אַ גראָבען ערדישען לעבען, וואָס איז דער געטליכער מיין אין דעם. אויף דעם זאָגט ער טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף, זהב מיינט יראה, כסף מיינט אהבה, אלפי זהב וכסף מיינט די געוואוינהייט פון דער נשמה אין הימעל, ג־ט ב״ה זאָגט עס איז בעסער די תורה וואָס די נשמה לערנט אויף דער ערדישער וועלט פון דער אהבה ויראה פון דער נשמה ווען זי איז אין הימעל, ווייל מיט תורה ומצות פירט דער מענש אויס די געטליכע כוונה אין דער וועלט שאַפונג.

קיצור. דערקלערט אַז הגם מצות צדקה איז מער ניט ווי אַ מצוה פרטית לגבי תורה וואָס איז כולל אַלע מצות, אָבער באמת איז די הויכקייט פון תורה ווייל עס ברענגט צום קיום המצות פרעגט ער. א) פאַרוואָס איז טוב וגו׳ ב) פאַרוואָס דערמאָנט ער גאָלד פאַר זילבער, ג) פאַרוואָס איז אַזאַ רעש געווען בשעת מתן תורה. דערקלערט דעם אופן אהבה ויראה פון דער נשמה ווען זי איז אין הימעל און פרעגט צוליב וואָס שיקט ג־ט ב״ה די נשמה אין דעם גראָבען קערפּער. די כוונה איז אַז דער מענש זאָל מיט זיין גוטער אויפפירונג אויך אין די קערפּערליכע זאַכען אויסאיידלען די וועלט. זהב יראה איז פריהער פאַר כסף אהבה.

ראשית גוים עמלק ואחריתו עדי אובד. דער ערשטער פון קעגען אידען פעלקער איז עמלק און זיין ענדע איז צו פארטיליגט ווערען. ווייל עמלק איז דער ערשטער פון קעגען אידען פעלקער דערפאר איז זיין סוף אז ער מוז פארטיליגט ווערען. אויף אלע פעלקער זאגט השי"ת (צפני' ג. ט) דאן — ווען דער גואל צדק וועט קומען — וועל איך מאכען אז זיי אלע זאלען ריידען אין א דייטליכער שפראך, זיי וועלען רופען אין ג־ט'ס נאמען און אלע צוזאמען וועלען אים דינען. דאס מיינט צו זאגען אז ווען משיח וועט קומען וועלען די פארשידענע פעלקער אויך האבען א געוויסען תיקון אבער עמלק קען קיין תיקון ניט האבען, ער מוז פארטיליגט ווערען, אפגעמעקט און אפגעווישט ווערען און דאס איז זיין תיקון. באדארף מען פארשטיין וואס איז דער אונטער־שייד צווישען עמלק און די איבעריגע קעגען אידען פעלקער, וואס אלע פעל־קער, ווי שלעכט זיי זאלען ניט זיין דאך איז סוף כל סוף וועלען זיי האבען א תיקון און האבען דעם זכות צו דערמאנען ג־ט ב"ה נאמען און דינען אים, אבער עמלק מוז אפגעמעקט ווערען, און וואס מיינט דאס וואס עמלק איז דער ערשטער פון אלע שלעכטע פעלקער, קען מען דאס פארשטיין פון דעם ווי דאס איז אין דעם מענשען'ס איינגעבארענע אייגענשאפטען. עס שטייט (בראשית ב' ז') וייצר ה' אלקים את האדם וגו', השי"ת האט באשאפען דעם מענשען. שטייט וייצר מיט צוויי יודי"ן, זאגען די חז"ל אז ג־ט ב"ה האט באשאפען דעם מענשען מיט צוויי יצרים, יצר טוב און יצר הרע, וואס דער יצר טוב ווערט באצייכענט מיט דעם נאמען נפש אלקית, דער געטליכער גייסט, און דער יצר הרע ווערט באצייכענט מיט דעם נאמען נפש הבהמית, דער טיהרישער גייסט. דער אונטערשייד צווישען א מענש און בעלי חיים איז אין שכל, ווייל מדות האבען בעלי חיים אויך, אדרבה די איינגעבארענע מדות זיינען נאר ביי בעלי חיים, ביי דעם מענשען זיינען די מדות וואס קומען אלס אויסדרוק פון שכל, וואס דער שכל ברענגט די מדה. דער איינגעבארענער שכל איז ביי דעם מענ־שען, ביי בעלי חיים איז אויך פאראן שכל אבער זייער שכל איז ניט קיין גע־בירטליכער שכל, עס איז מער ניט ווי א אויסדרעסירטער שכל וואס מען לערנט זיי אויס, ווי ישעי' הנביא זאגט (ישעי' א. ג) דער אקס ווייס זיין קויפער און דער אייזעל ווייס די קארעטע פון זיין האר, דאס מיינט צו זאגען אז דער שכל פון בעלי חיים איז ניט קיין געבירטיגער, עס איז מער ניט ווי א אויסגע־לערנטער שכל, אבער דער מענשליכער שכל איז א געבירטיגער שכל, דאס מיינט אז הן ביי בעלי חיים און הן, להבדיל, ביי מענשען איז פאראן שכל אין מדות נאר דער אונטערשייד איז אז ביי דעם אדם איז דער שכל א געבירטיגער און די מדות זיינען נאך דער אנווייזונג פון דעם שכל און להבדיל ביי די בעלי חיים זיינען די מדות געבירטיגע און דער שכל איז א געמאכטער און דאס איז דער מיין וואס דער ווארט וייצר איז געשריבען מיט צוויי יודי"ן, ווייל עס מיינט די צוויי יצרים. דער יצר טוב און נפש אלקית און דער יצר הרע און נפש הבהמית זיינעןביידע מרומז אין א אות י' ווייל יעדער פון זיי האט דריי שכליים חב"ד און זיבען מדות. דער נפש אלקית איז שכל און דער יצר טוב דאס זיינען די מדות וואס קומען פון דעם נפש האלקית, דער נפש הבהמית איז דער שכל וואס באלייכט דעם יצר הרע, דאס מיינט די מדות וואס קומען

פון דעם נפש הבהמית שכל. דער נפש אלקית איז שכל, געטליכער שכל, און דער יצר טוב איז די מדות שאַפונג וואָס קומט פון די געטליכע פאַרשטאַנדען. דער נפש הבהמית איז דער עיקר מדות, אַ האַרץ גלוסטיגונג, אַ לב חומד, אַלעס וואָס די אויגען זעהען גלוסט ער, און דער אופן פון דעם גלוסטען איז ווי אַ בהמה אָהן אַ געגוג, ווי מיר זעהען במוחש, עס זיינען פאַראַן בעלי תאוות וואָס זיינען אַזוי איבערגעגעבען צו זייערע גלוסטיגקייטען, אין עסען און טרינ־קען און אַנדערע קערפּערליכע פאַרגעניגענס, אַז אפילו ווען זיי וויסען זיכער אַז דאָס וואָס זיי ווילען טאָן איז גאָר באמת געפעהרליך פאַר זייער לעבען דאָך קענען זיי זיך ניט אָפּהאַלטען, ווייל דער שכל ווירקט ניט אויף די מדות, אדרבא דער שכל פון נפש הבהמית איז נאָר אויסצוקלערען קערפּערליכע פאַרגעניגענס און דערקלערען זייער גוט און געשמאַק אויך אויף צו קליגען זיך אין די וועלטליכע זאַכען אַלץ נאָר צוליב דעם גונסטען פון דעם אייגענעם קערפּער־ליכען איך, זוכען רייכטום און מיט כל׳ערליי המצאות באַרעכטיגען זיינע אומ־געראַכטיגקייטען און שלעכטע באַנעמונגען און אויפפירונגען געגען אַנדערע, דער שכל פון נפש הבהמית איז ניט נאָר וואָס ער שפּייזט דעם יצר הרע מיט דעם וואָס ער געפינט פאַרשידענע וועגען ווי אַזוי דער יצר הרע זאָל קאָנען דורכפירען זיינע באַגערען, נאָר אויך שיצט ער און באַרעכטיגט אַלע יצר הרע׳ס נידערטרעכטיגע טהאַטען.

קיצור. דערקלערט אַז עמלק איז דער ערשטער פון די אידען געגנערישע פעלקער און זיין סוף איז צו פאַרטיליגט ווערען. פרעגט פאַרוואָס ווען משיח וועט קומען וועלען אַלע זינדיגע פעלקער האָבען אַ תיקון און עמלק מוז אויסגעמעקט ווערען. דעם מענשען האָט השי״ת געגעבען צוויי נפשות אַ געטליכע און טהיערישע. דער געטליכער נפש שפּייזט דעם יצר טוב און דער טהירישער שפּייזט דעם יצר הרע און באַרעכטיגט זיינע אומרעכטען און נידערטרעכטיגע טהאַטען.

ב.

והנה הגם עס שטייט ביי דעם מענשענ׳ס שאַפונג וייצר מיט צוויי יודי״ן. ביי דער שאַפונג פון בעלי חיים שטייט ויצר מיט איין י׳, אָבער ביי דער שאַפונג וואָס ג־ט ב״ה האָט באַשאַפען דעם מענשען שטייט וייצר מיט צוויי יודי״ן וואָס מיינט די צוויי נפשות, די געטליכע און די טהירישע, וואָס יעדע פון זיי באַזיצט צען אייגענשאַפטען, דריי שכל׳דיגע און זיבען מדות׳דיגע, איז הגם אין דעם אופן המציאות און סדר פון דעם שכל ומדות זיינען די ביידע נפשות גלייך, אָבער אין דעם מהות פון שכל ומדות איז אַ קלאָר דייטליכער שטאַרקער אונטערשייד, וואָס דער גרויסער אויסגעשפּראָכענער אונטערשייד גיט אונז דעם באַגריף אין דעם מציאות פון נפש אלקית און דעם מציאות פון נפש הבהמית, און עס גיט אונז די מעגליכקייט צו פאַרטיפען זיך אין דעם מהות פון דעם נפש אלקית און אין דעם מהות פון דעם נפש הבהמית, אַז מיר קומען צו דעם באַשלוס דורך פאַרשידענע שכל ערקלערונגען און פּאַקטישע באַווייזען און געפיהלען אַז דער נפש האלקית איז שכל, און דער יצר טוב איז

מדות וואָס קומען פון שכל, וואָס די יצר טוב מדות ברענגען אין לעבען דעם נפש האלקית׳ס שכל. און אַז דער נפש הבהמית איז מדות, דאָס מיינט אַז ניט נאָר דער יצר הרע איז מדות נאָר אויך דער נפש הבהמית אַליין וואָס עס איז שכל איז ער אויך מדות, הגם עס איז ניט דער שכל וואָס געהערט דירעקט צו מדות אָבער דער כללות׳דיגער מהות פון דעם נפש הבהמית שכל איז א מדות׳דיגער מהות שכל, וואָס דער אַלגעמיינער אונטערשייד צווישען אַ שכל׳דיגען מהות שכל צו אַ מדות׳דיגען מהות שכל איז אַז אַ שכל׳דיגער מהות איז אַ ערנסטער טיפער פאַרשטאַנד וואָס עס מיינט פנימי׳ השכל און אַ מדות׳דיגער מהות שכל איז אַ אויבערפלעכליכער פאַרשטאַנד, וואָס עס מיינט חיצוניות השכל, ווי מיר זעהען דעם אונטערשייד באַשיינפערליך אין דער וועלט באַשאַפונג, ווי השי״ת האָט די וועלט און אַלע באַשעפענישען באַשאַפען בדרך בריאה יש מאין. דער בורא ב״ה האָט געשאַפען אַ זאַך פון ניט קיין זאַך ווי ספרים דריקען זיך אויס — עשה את שאינו ישנו — דער בורא ב״ה האָט געמאַכט דעם ניט פאַראַן פאַר אַ פאַראַן. פאַראַן און ניט פאַראַן זיינען הפכים׳דיגע מהותים וואָס זיינען אין צוויי ווידערשפּרעכענדיגע אופנים, דער געטליכער שעפע־רישער פאַראַן און ניט פאַראַן, און דער געשאפענער פאַראַן און ניט פאַראַן. דער בורא ב״ה האָט באַשאַפען פון דעם געטליכען פאַראַן וואָס ער איז דער מענשליכער ניט פאַראַן אַ מענשליכען פאַראַן וואָס ער איז דער געטליכער ניט פאַראַן, און אין דעם איז די אונטערשיידען צווישען נפש האלקית און נפש הבהמית פאַרשטאַנדען. דער נפש הבהמית פאַרשטאַנד אין דעם ווי השי״ת האָט באַשאַפען די וועלט מיט אַלע באַשעפענישען איז פאַרטיפט נאָר אין דעם מענשליכען פאַראַן פון וועלט און באַשעפעניש, ער פאַרשטייט די נאַטור פון יעדער באַשעפעניש און אַלע זיינע לעבענס מיטעל און זיינע אויפפירונגען דער שכל פון נפש הבהמית איז נאָר אין דעם נברא׳שען פאַראַן, און דער שכל פון נפש האלקית פאַרטיפט זיך אין דעם גרונט פון דעם נברא׳שען פאַראַן ווי ער אַליין איז באמת אַ ניט פאַראַן, ווייל ער, דער מענשליכער פאַראַן, האָט ניט קיין אייגענעם פאַראַן, דער גאַנצער עקזיסטענץ פון דעם נברא׳שען פאַראַן איז דער געטליכער פאַראַן, דער יש אמיתי, וואָס שאַפט און באַלעבט דעם יש הנברא. וואָס אין דעם אונטערשייד שכל צוגאַנג און ערקלערונגען אין די צוויי פאַרשידענאַרטיגע השכלה פונקטען פון דעם געטליכען פאַראַן וואָס די נפש האלקית איז פאַרטיפט און דעם נברא׳שען פאַראַן וואָס דער נפש הבהמית איז פאַרטיפט, איז אַ חוץ דעם וואָס אין דעם שפּיגעלט זיך אָפּ די פאַרשידענאַרטיג־קייט פון זייערע מהותים איז חוץ דעם גיט דאָס אונז דעם ריכטיגען פאַרשטאַנד אין זייערע ביידענס ווירקונג אויף זייערע מדות. דער נפש האלקית וואָס זיין פאַרטיפונג איז אין דעם געטליכען פאַראַן וואָס שאַפט און באַלעבט דעם נברא׳־שען פאַראַן ווירקט אַ געוויסע איידעלקייט אין די מדות פון יצר טוב מיט אַ באַגער צו געטליכקייט און תורה ומצות. דער נפש הבהמית וואָס זיין פאַר־טיפונג איז אין דעם מענשליכען פאַראַן ווירקט אַ געוויסע קערפּערליכע פאַר־גרעבטקייט אין די מדות פון דעם יצר הרע מיט אַ שטאַרקע גלוסטיגקייט צו וועלטליכען רייכטום און קערפּערליכע געשמאַקען און פאַרגעניגענס, אָבער דאָך קען זיין אַז דער יצר טוב מיט זיין נפש אלקית שכל קראַפט זאל קענען

ווירקען אויף דעם יצר הרע, און עס קען אויך פאַסירען אַז אין משך פון יאָרען זאָל דער נפש אלקית שכל באַזיגען דעם נפש הבהמית שכל און מאַכען אים צו באַגרייפען געטליכע פאַרשטאַנדען. און דאָס מיינט דער תיקון פון די זינדיגע פעלקער, די יצר הרע מדות, וואָס אין דעם מענשען. אַנדערש איז אָבער מיט עמלק'ן וואָס ביי דעם מענשען עמלק איז אַ עזות פנים און אַ חצוף וואָס איז אַ מנגד צו געטליכקייט און תורה ומצות, ווי מיר זעהען אין דעם מענשענ'ס פירונג, עס זיינען פאַראַן מענשען בעלי עבירות אָבער דאָס זיינען מצד תאוה און תענוג, און פאַראַן בעלי עבירות מיט חוצפה וואָס שפּאָטען אָפּ פון געט־ליכקייט און לאַכען אויס תורה ומצות, דאָס זיינען עמלק וואָס זייער תיקון איז אויסגעמעקט און אָפּגעווישט צו ווערען.

קיצור. ערקלערט אַז הגם דער אופן המציאות און סדר פון שכל ומדות זיינען אין נפש האלקית און נפש הבהמית גלייך, אָבער דער פנימיות'דיגער שטאַרקער אונטערשייד גיט אַ באַגריף אין זייער פאַרשידענאַרטיגקייט. ער־קלערט דעם געטליכען פאַראַן און ניט פאַראַן און דעם מענשליכען פאַראַן און ניט פאַראַן. דער נפש הבהמית שכל איז א) פאַרטיפט אין דעם נברא'שען פאַראַן. ב) פאַרגרעבט דעם יצר הרע'ס מדות. ג) ברענגט צו עבירות און תאוות. דער נפש האלקית שכל איז א) פאַרטיפט אין דעם בורא'שען פאַראַן, ב) איידעלט די יצר טוב מדות, ג) ברענגט צו עבודת השי"ת.

זכור ה' מה הי' לנו הביטה וראה את חרפתנו. געדענק ג־ט וואָס פון אונז איז געוואָרען, קוק זיך צו און זע אונזער שאַנדע. דער נביא ירמיהו וועלכער שטראָפט די אידען און באַקלאָגט די אידישע גלות צרות ווענדעט זיך צו ג־ט ב"ה, אין דעם נאָמען פון כלל ישראל, געדענק ג־ט וואָס פון אונז איז געוואָרען קוק זיך צו און זע אונזער שאַנדע. אין זהר (חלק ג' דף קי"ב א. ב) זאָגט ר' יוסי אז ג־ט ב"ה זאָגט צו די אידען וועלכע וויינען און באַקלאָגען זיך מיט אַ האַרציגען יאָמער זכור ה' וגו' זאָגט זיי ג־ט ב"ה עמי זכר נא מה יעץ עליך בלק מלך מואב ומה ענה אותו בלעם בן בעור, מיין פאָלק געדענק וואָס פאַר אַ אויסראַטונגס פּלאַן בלק דער קעניג פון מואב האָט געוואָלט אויספירען אויף אייך און וואָס בלעם בן בעור האָט אים געענטפערט, דאָס מיינט צו זאָגען אַז ג־ט ב"ה ענטפערט אויף דעם אי־דישען גלות פאַרצווייפעלטען האַרציגען הימעל שרייענדיגען יאָמער זכור ה' מה הי' לנו וגו', ווען איר אידען מיין פאָלק וואָלטען מקיים געווען דעם עמי זכר נא מה יעץ עליך בלק מלך מואב ומה ענה אותו בלעם בן בעור וואָלט איר אידען מיין פאָלק פאַרשפאָרען צו קלאָגען און יאָמערען און זאָגען זכור ה' מה הי' לנו וגו', ווי דער זהר זאָגט, אידען איר זאָלט געדענקען אַז די גאַנצע צייט ווען איר זייט געווען פאַראייניגט מיט ג־ט האָט ג־ט אייך געהיט ווי אַ פאָטער איז פאַראייניגט מיט זיין קינד און היט און באַשיצט אים, אָבער אַז

מען דערוויטערט זיך פון ג־ט און פון תורה ומצות דאן ווערט מען ח״ו זייער שווער באשטראפט און מען קלאגט אויף דעם אידישען מצב מיט א הארצריי־סענדען הימעלשרייענדען יאמער זכור ה׳ מה הי׳ לנו הביטה וראה את חרפתנו. צווישען די תורות וואס דער אלטער רבי, דער בעל התניא והשלחן ערוך, האט געבראכט קומענדיג דעם ערשטען מאל פון מעזריטש זיינען געווען צווי פארשידענארטיגע תורה אויסטייטשונגען אויף דעם פסוק זכור ה׳ מה הי׳ לנו הביטה וראה את חרפתנו, וואס מורנו הבעש״ט נ״ע האט אט די צווי פאר־שידענארטיגע תורות אויף איינעם און דעם זעלבען פסוק זכור ה׳ וגו׳ געזאגט אויף צווי פארשידענארטיגע מסיבות אין באזונדערע צייטען מיט איין און דער זעלבער הקדמה. אין דער אלגעמיינער הקדמה האט זיך דער בעש״ט נ״ע אפ־געשטעלט אויף דער הייליגקייט פון דער געבורט פון א אידישען קערפער, אהן אונטערשייד צי א זכר אדער א נקבה. דער בעש״ט האט גאר ברייט ארומ־גערעדט און קלאר דייטליך ערקלערט די הייליגע געטליכע ליבשאפט פון ג־ט ב״ה צו אידען, די ליבשאפט פון ג־ט ב״ה צו די אידען איז ניט נאר צו דער אידישער נשמה נאר אויך צום אידישען קערפער, און די געטליכע ליבשאפט איז צו אלע געבארענע אידען אהן אונטערשייד, פון דעם גאון הגאונים ביז דעם פשוט שבפשוטים. דעם גאון הגאונים האט ג־ט ב״ה ניט מער ליב ווי דעם פשוט שבפשוטים, און דעם אידישען פשוט שבפשוטים האט ג־ט ב״ה ניט ווייניגער ליב ח״ו ווי דעם גאון הגאונים. אין א ברייטערען שמועס ערקלערט דער בעש״ט זיין באהויפטונג אז די געטליכע ליבשאפט איז צום עצם מהות איד און אידישקייט, גאון און פשוט דאס זיינען צווי נעמען פון טיטול באגרייפונג, קענער און ניט קענער. קענער און ניט קענער זיינען נאר באגריפען וועלכע זיינען שייך צו כחות הגלוים אבער אין עצם מהות איד און אידישקייט זיינען אלע גלייך, ווייל אלע אידען זיינען פון שם מ״ה דאצילות, ווי עס שטייט אין דעם מאמר פון פתח אליהו אז שם מ״ה איהו אורח אצילות, דער בעש״ט ער־קלערט מיט פעסטע באווייזען פון טהרת המשפחה, מילה און פקוח נפשות אז אלע אידען זיינען גלייך באליבט ביי ג־ט ב״ה. נאך דער הקדמה האט דער בעש״ט זייענדיג אין א מסיבה פון גרויסע גאונים וועלכע האבען זיך שטארק מפלפל געווען אין זאגען חידושי תורה, און דער בעש״ט האט געזעהן אז די גאונים האבען זיך אינערליך זייער איבערגענומען ביי זיך אליין, מיט א שטארקער צופרידענקייט פון זייערע חדושי תורה, אין יענער מסיבה האט דער בעש״ט געזאגט די תורה זכור ה׳ מה הי׳ לנו, געדענק ג־ט וואס עס איז געווארען פון אונזער מ״ה שבנשמה, הביטה וראה את חרפתנו, קוק זיך צו און מאך אונז זעהענדיג אונזער אייגענע שאנדע. ביי א צווייטער געלעגענהייט אין א ישוב פון פראסטע אידען וועלכע האבען געהאט מסירות נפש אויף פדיון שבוים מצד אהבת ישראל האט דער בעש״ט געזאגט זיינע תלמידים זכור ה׳ מה הי׳ לנו, געדענק ג־ט וואס איז געווארען דורך זייער מ״ה שבנשמה, הביטה וגו׳ קוק זיך צו ווי זיי זיינען מחרף את נפשם צוליב אהבת ישראל.

קיצור. ערקלערט דעם מאמר הזהר אז ג־ט זאגט צו די אידען אז ווען מען איז איבערגעגעבען צו תורה ומצות און מען געדענקט דאס וואס ג־ט

האט געראטעוועט אידען פון בלק און בלעם, דאן פארשפארט מען דעם יאמער־ליכען זכור ה׳ מה הי׳ לנו. דעם בעש״ט׳ס הקדמה צו די צוויי פארשידענארטיגע אויסטייטשונגען אין צוויי פארשידענע צייטען ביי צוויי פארשידענע געלעגענ־הייטען פון דעם פסוק זכור ה׳ מה הי׳ לנו, הביטה וראה את חרפתנו.

ב.

והנה דער בעש״ט אין זיין הקדמה ביאור צום פסוק זכור ה׳ מה הי׳ לנו וגו׳ דערקלערט די גרויסע הייליגע געטליכע ליבשאפט צום אידישען כשר׳ן קערפער וואס ווערט געבארען על פי דיני וטהרת תורה הקדושה און ווערט מחונך אין דעם חינוך הכשר, אז אזא כשר׳ר קערפער איז ראוי צו זיין א כלי צו דער נשמה וואס איז א חלק אלקה ממעל, און מצד די גרויסע הייליגקייט פון דער נשמה ווערט זי גערופען מיט׳ן נאמען מ״ה, וואס מיינט ביטול, איבער־געגעבענקייט צו געטליכקייט. משה רבינו זאגט אויף זיין ברודער אהרן הכהן ואהרן מה הוא כי תלינו עליו, אהרן איז א מ״ה, איז וואס פאר א אנהאלט קענט איר האבען וואס איר זאלט קריגען אויף אים. אהרן הכהן איז געווען א ביטול איבערגעגעבענער מענש צו מדות טובות, ווי באוואוסט לויט די חז״ל איז אהרן הכהן געווען דער גרעסט׳ער רודף שלום מיט א מסירת נפש. ער האט זיך אינגאנצען איבערגעגעבען צו ד׳ער עבודה פון מאכען אחדות און שלום ביי אידען. אויך אויף זיך און זיין ברודער אהרן הכהן זאגט משה רבינו ונחנו מ״ה, מיר זיינען מ״ה ביטול, איבערגעגעבענע, משה רבינו האט זיך מוסר נפש געווען אויף תורה, אויף אידען און אידישקייט. די אידישע נשמה און די געטליכע מסירת נפש אויף תורה און אידישקייט ווערען אנגערופען מיט׳ן נאמען מ״ה, און אט דער מ״ה איז פאראן ביי אלע אידען אהן אונטערשייד פון גאון שבגאונים אדער א פשוט שבפשוטים, און אלע עבודות, הן אין לימוד התורה, קיום המצות און מעשים טובים שטארקען און זיינען מגלה דעם מ״ה אז דער מ״ה באלייכט דעם אידישען קערפער אז חכמת אדם, אין תורה ומצות און עבודת אדם במעשים טובים, תאיר פניו, און להיפך העדר עבודה ווירקט א שטארקען צודעק און הסתר אויף דעם מ״ה שבנשמה. און דאס איז דער אינהאלט פון די צוויי פארשידענארטיגע אויסטייטשען וואס דער בעש״ט האט אויסגעטייטשט דעם פסוק זכור ה׳ מה הי׳ לנו וגו׳. אין דער מסיבה פון גדולי התורה וואס באמת מצד די גרויסע טיפע חדושי תורה וואס זיי זיינען מחדש האט זייער מ״ה שבנשמה באדארפט באלייכטען ניט נאר זייערע פנימ׳ער נאר אויך באלייכטען די וועלט, אבער מצד דעם אינערליכען גסות הרוח און די פנימיות׳דיגע גאוה וואס זיי האבען געהאט פון זייערע חדושי תורה, איז ווי די חז״ל זאגען אויף איינעם פון די גרעסטע גדולי התורה, וואס די גרעסטע תלמידי חכמים זיינען לגבי זיין גרויס־קייט אין תורה פארעכנט נאר ווי די פעלד גרעזעלעך, זאגען די חז״ל אויף אט דעם גאר גרויסען תלמיד חכם גסות הרוח שבו טרדתו מן העולם. און דאס איז וואס דער בעש״ט טייטשט זכור ה׳ מה הי׳ לנו, געדענק ג־ט וואס עס איז געווארען פון דעם מ״ה, אז אנשטאט וואס דער מ״ה שבנשמה פון די מחדשי חדושי תורה האט באדארפט לייכטען און באלייכטען, איז לבד זאת וואס די

חדושי תורה לייכט ניט אין זהירות און הידור פון יראת שמים און אין הנהגה פון מזות טובות, איז חוץ דעם זיינען זיי בלינד צו זיך כמאמר כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו, אייגענע נגעים איז ניט נאָר וואָס מען מאַכט זיך ניט זעהענדיג נאָר מען זעט זיי טאַקע ניט, ווייל די אייגענע ליבשאַפט און די אייגענע טייערקייט וואָס דער מענש האָט זיך ליב און איז ביי זיך טייער איז מכשיר און מטהר אַלע נגעים, ווי מיר הערען אָפט פון מענשען גדולי התורה וואָס זיינען מהפך בזכות עצמם מיט דברי שטות פון אהבת און יוקר עצמם אַז עס איז אַ חרפה אפילו פאַר אַ פשוט שבפשוטים, און זיי זיינען אַזוי בלינד צו זייערע אייגענע חסרונות. אויף דעם צווייטען זיינען זיי שטאַרק מקפיד אַז דער קלענסטער פעלער, הן אין ידיעת התורה און הן אין מדות איז ביי זיי זייער גרויס, אָבער די אייגענע פעלערען זעהען זיי ניט. וואָס באמת איז דער קלענ־סטער פעלער ביי אַ בן תורה בכלל און ביי אַ גדול בתורה בפרט איז אַ סך ערגער פאַר דעם גרעסטען פעלער ביי אַ געוויינליכען דורכשניטליכען מענשען, ווי, למשל, אַ פלעק אויף אַ זיידענעם מלבוש איז אַ גרעסערער היזק ווי דער פלעק אויף אַ פשוט'ן בגד. און באמת איז דער קלענסטער פעלער ביי אַ בן תורה בכלל און אַ גדול בתורה בפרט, איז אַ חוץ דעם היזק פרטי פון דעם בעל החסרון אַליין איז דאָס אַ גרם היזק לרבים און ער איז ח"ו בכלל מחטיא את הרבים, ווייל אַ בן תורה בכלל און אַ גדול בתורה בפרט טראָגען אַ גרויסע אחריות ניט נאָר פאַר זיך זעלבסט, נאָר אויך פאַר דעם רבים וועלכע דאַרפען זיך לער־נען פון אַ בן תורה בכלל און פון אַ גדול בתורה בפרט. און דאָס איז וואָס דער בעש"ט טייטשט הביטה קוק זיך צו וראה און מאַך אונז זעהען, דאָס מיינט אַראָפּנעמען די בלינדקייט אַז מען זאָל אַליין זעהען את חרפתנו, די שאַנדע וואָס די חסרונות פאַרשאַפען צו די בני און גדולי התורה וואָס זיינען זיך ניט עוסק אין דער עבודה פון יראת שמים און תקון המדות דורך דרכי החסידות. אין דעם צווייטען אויסטייטש פון דעם פסוק זכור ה' מה הי' לנו ערקלערט דער בעש"ט די גרויסע אויפשטייגונג פון דעם מ"ה שבנשמה וואָס ווערט ביי די פשוט שבפשוטים אידען דורך מסירות נפש אויף דער מדה טובה פון אהבת ישראל. אין אַ געוויסער תורה זאָגט דער בעש"ט פאַר דער חברייא קדישא, אַז דורך דער עבודה פון מסירות נפש אויף אהבת ישראל איז מען זוכה צו גילוי מ"ה שבנשמה מער ווי דורך דער טיפסטער השגה עבודה אין אלקות. דער בעש"ט פירט די חברייא קדישא אין אַ קליינעם אידישען אָרימען ישוב וואו די אָרימע אידען האָבען אָפּגעגעבען אַלץ וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט אויף פדיון שבוים פאַר אַ עובר אורח וואָס זיי האָבען ניט געוואוסט ווער ער איז, מער ניט מצד די מדה טובה פון אהבת ישראל.

קיצור. ערקלערט אַז נאָר אַ תורה כשר'ר קערפער איז אַ כלי ראוי צום חלק אלקה ממעל מ"ה שבנשמה. מ"ה איז ביטול, איבערגעגעבענקייט צו אלקות תורה און אידישקייט. דער גאוה וואָרים באַרויבט די חדושי תורה ליכטיגקייט פון די גדולי התורה, זייער אהבת ויוקר עצמם פאַרבלענדט אַז מען זעט ניט די אייגענע חסרונות. ערקלערט אַז דער קלענסטער פעלער פון אַ בן תורה איז גרויס און אחריות'דיג. דער בעש"ט באַווייזט במוחש דער חבריא

קדישא די ליכטיגקייט פון מ״ה שבנשמה ביי אנשים פשוטים וואָס זיי זיינען זוכה דורך מסירות נפש אויף דער מדה טובה פון אהבת ישראל.

שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול, פיעל פרייד צו די וואָס האָבען ליב השם יתברך׳ס תורה און זיי האָבען קיין שטרויכלונג. באַדאַרף מען פאַרשטיין דעם מיין פון דעם וואָס ער זאָגט אַז די פיעל פרייד איז נאָר צו די וועלכע האָבען ליב די תורה, און נאָך מער אַז די וועלכע האָבען ליב די תורה זיינען זיכער אַז זיי וועלען אָפּגעהיט ווערען פון אַ שטרויכלונג. וואָס דאָס איז ווייל מען איז אוהבי תורתך׳ וואָס באמת איז ניט פאַרשטענדליך, אהבה, ליבשאַפט — און תורה — וויסענשאַפט — זיינען צוויי פאַרשידענע זאַכען וואָס קומען ביי דעם מענשען פון צוויי פאַרשידענע מקורים אין נפש, וויסענשאַפט קומט פון דעם מקור פון שכל וואָס דער אָרט פון שכל איז אין קאָפּ, און ליבשאַפט — און תורה — וויסענשאַפט — זיינען צוויי פאַרשידענע זאַכען וואָס פאַרשטענדליך וואָרום זאָגט ער שלום רב אַז פיעל פריידען איז נאָר לאוהבי תורתך צו די וועלכע האָבען ליב תורתך׳ וואָס לויט דעם געוויינליכען פאַר־שטאַנד האָט ער באַדאַרפט זאָגען ללומדי תורתך, צו די וואָס לערנען תורה פאַרוואָס זאָגט ער לאוהבי תורתך. און נאָך מער איז גרויס די מעלה פון די וואָס האָבען ליב תורה אַז זיי זיינען געזיכערט פון שטרויכלונגען, דאָס מיינט אַז אוהבי תורתך האָבען אַ מעלה וואָס דאָס איז אַ יתרון אויף לומדי תורתך, אַז לומדי תורתך קען דאָך טרעפען אַז זיי זאָלען נכשל ווערען אָבער די וואָס זיינען אוהבי תורתך איז אין למו מכשול׳ דאָס מיינט צו זאָגען אַז לומדי תורה און אוהבי תורה זיינען צוויי דרגות, און ווי גרויס עס זיינען יודעי תורה וואָס דאָס קומט נאָר דורך לימוד התורה בהתמדה דאָך קען אַ לומד תורה נכשל ווערען, אָבער אַ אוהב תורה איז לבד זאת וואָס ער האָט די מעלה פון שלום רב האָט ער דעם יתרון וואָס אין למו מכשול. פאַרשטיין קלערער דעם עניך, עס שטייט (משלי י״ז, א׳) טוב פת חרבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב. עס איז בעסער עסען טרוקענע ברויט מיט פרידען איידער אַ הויז וועלכע איז פול מיט די בעסטע מאכלים נאָר מען קריגט זיך צווישען זיך. אַזוי איז אין דעם מענשענ׳ס גשמיות׳דיגען לעבען און אַזוי איז אויך אין זיין רוחניות׳דיגען לעבען, אַז עס איז פיעל בעסער אַ ביסעלע אָבער מיט ערנסטקייט וואָס מוז ברענגען פרידען, איידער אַ סך און זייער וויסענשאַפטליך אָבער אָהן אַ תכלית וואָס מוז ברענגען קריג און פאַרביטערטקייט, ווי עס איז ידוע די מעשה וואָס דער בעש״ט הקדוש נשמתו עדן, האָט באַוויזען זיינע תלמידים די ערשטע נאַכט פסח. ביים בעש״ט הקדוש איז געווען איינגעפירט אַז די תלמידים וועלכע פלעגען קומען אויף שבת אָדער אויף יום טוב פלעגען מיטעסען מיט אים די סעודת שבת אָדער די סעודת יום טוב. צווישען זיינע תלמידים (דאַן איז נאָך ניט געווען דער נאָמען חסידים׳ דעם נאָמען הכללי חסידים האָט דער אַלטער רבי

נ"ע געגעבען. ביים בעש"ט און ביים הייליגען מגיד פון מעזריטש איז געווען דער נאָמען תלמידים און דער נאָמען מקושרים), זיינען געווען די תלמידים גרויסע לומדים און בעלי רוח הקודש, און עס זיינען אויך געווען מקושרים מענשען פשוט'ע וועלכע האָבען ניט געקענט לערנען, מערסטענס זיינען דאָס געווען בעלי מלאכות וואָס האָבען געוואוינט אין ישובים און דערפער און האָבען זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע מלאכות. צווישען די מערערע תלמידים דעם בעש"ט'ס איז געווען איינער פון בראָד, ר' נתן לייוועטהענדלער. זיין מסחר איז געווען מיט לייוועט, דאָס איז געווען אַ איד אַ תלמיד חכם, און יעדען טאָג ווען ער איז פריי געוואָרען פון געשעפט, און בפרט אין די נעכט, פלעגט ער זיצען און לערנען מיט גרויס התמדה, אָבער אין מדות איז ר' נתן געווען זייער געוויינליך, דער עיקר איז ער געלעגען אין לימוד התורה און אין קיום המצות מיט הידורים, אויך אין מדות ווי על פי דיני התורה אָהן קיינע ויתורים פון מדות חסידות. די גאַנצע איבערגעבענקייט איז געווען אין לימוד התורה מיט גרויס עיון והעמקה, אָבער אין עניני עבודה און מדות האָט ער ווייניג געטאָן. דער בעש"ט האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אַז מען באַדאַרף טאָן אין מדות און עבודה, אָבער ר' נתן האָט זיך געפירט מיט זיין סדר. יאָרען זיינען אַוועק און ביי ר' נתן זיינען שוין אויסגעוואַקסען זיהן, וועלכע ער האָט מדריך געווען אין זיין דרך, גרויסע לומדים. ביים בעש"ט איז אויך געווען אַ מקושר אַ פשוט'ער איד אברהם בעלישצעניצער האָט ער געהייסען, ער האָט געלעבט אין דאָרף בעלישצעניץ, איז געווען זייער פּראָסט אין לערנען, ער האָט נאָר געלערענט די ספרים וואָס זיינען געשריבען אין דער אידישער שפּראַך און דאָס איז אים אויך ניט לייכט אָנגעקומען צו פאַרשטיין, אויך דעם פירוש המלות פון דאַווענען, חומש אָדער תהלים האָט ער ניט פאַרשטאַנען, נאָר ער איז געווען אַ בעל עבודה. יעדער זאַך פון עבודת השי"ת און קיום המצות האָט ער געטאָן בשמחה און האָט געאַרבעט מיט זיך אין מדות.

ב.

דער בעש"ט הקדוש פלעגט זייער מקרב זיין די תלמידים פּראָסטע אידען און פלעגט זאָגען ספּעציעל פאַר זיי תורה לויט זייער פאַרשטאַנד.

די תלמידים תלמידי חכמים און גדולי התורה, הגם זיי זיינען געווען זייער איבערגעגעבען צום בעש"ט מיט לייב און לעבען און האָבען ח"ו גאָר ניט איבערגעטראַכט וואָס דער בעש"ט טוט, דאָך האָט זיי פאַרדראָסען פאַרוואָס דער בעש"ט איז אַזוי שטאַרק מקרב די פשוט'ע אידען און זאָגט נאָך פאַר זיי תורה, נאָר פונדעסטוועגען פלעגען זיי אויך חזר'ן די תורה וואָס דער בעש"ט פלעגט זאָגען פאַר די פשוט'ע אידען און פלעגען זיך טיף אַריינטראַכטען אין דעם. איינמאָל אויף אַ שבת האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען ביים בעש"ט ר' נתן און ר' אברהם, דער בעש"ט האָט דעמאָלסט געזאָגט תורה אויף דעם פסוק ובפרשכם כפיכם אעלים עיני מכם גם כי תרבו תפלה אינני שומע ידיכם דמים מלאו (ישעי' א' ט"ו), דער בעש"ט האָט דאַן מבאר געווען אַז הגם די עבודה עיקרית אין עבודת השי"ת איז טאַקע עבודת המוח און עבודת הלב, וואָס דאָס

מיינט עבודה אין לימוד התורה און עבודה אין תפלה, וואָס דורך די צוויי עבודות איז שוין במילא די עבודה אין מדות און עניני עולם ווי עס באַדאַרף צו-זיין, דאָך קען אָבער זיין אַז ידיכם דמים מלאו, אַז אפילו ווען מען גיט דעם אָרימאַן אַ נדבה ביד רחבה אָבער עס פעלט דער הרגש במצב זולתו איז דאָס שפיכת דמים, און דאָס איז ובפרשכם כפיכם, ווען איר שפרייט פאַנאַנדער אייערע הענט און גיט צדקה ביד רחבה, וואָס דאָס איז די עבודה פון עבודת הלב, דאָך איז אעלים עיני מכם, וועל איך דאָס ניט זעהן, ווייל דאָס איז ניט קיין עבודה אמיתית. אמיתית העבודה איז ווען מען איז מרגיש דעם זולת. גם כי תרבו תפלה וואָס מיינט עבודת המוח איז דאָס אויך קיין עבודה, ווייל מען דערהערט ניט דעם זולת מיט אַ הרגש אמיתי, איז דאָס שפיכת דמים, וואָס דאָס איז דער טייטש ידיכם דמים מלאו, אייערע מדות אפילו די מדות טובות זיינען דמים מלאו. ביידע, ר׳ נתן און ר׳ אברהם, האָבען געהערט די דאָזיגע תורה. ר׳ נתן וועלכער איז געווען אַ תלמיד חכם האָט די תורה פאַרשטאַנען אויף זיין אופן און האָט זיך טיף פאַרטראַכט אין די צוויי אופנים עבודה, עבודת המוח און עבודת הלב, וואָס דאָס זיינען די עבודה פון לימוד התורה און די עבודה פון תפלה. ר׳ אברהם וועלכער האָט פאַרשטאַנען די עטליכע ווערטער פון דעם בעש״ט׳ס תורה בהנוגע לפועל ממש נאָך זיין פאַרשטאַנד נאָך, איז ביי אים געבליבען אַ החלטה אַז ער באַדאַרף טאָן מיט זיך אין עבודה פון בירור וזיכוך המדות נאָך מער וויפיעל ער האָט געטאָן ביז איצט. די ווערטער ידיכם דמים מלאו אַז ווען מען דערהערט ניט באמת דעם צער הזולת איז אפילו ווען מען העלפט ביד רחבה איז דאָס שפיכת דמים, האָבען ר׳ אברהם׳ן קיין רוה ניט געגעבען, און אומקערענדיג זיך אַהיים אין דאַרף האָט ער אָנגעהויבען מער אַרבעטען מיט זיך און מזמן לזמן איז ער אַלץ מער געשטיגען אין זיין עבודה.

ג.

פסח צום סדר, ווען דער בעש״ט איז געזעסען מיט זיינע תלמידים ביים סדר טיש איז ער געווען זייער אויפגעלייגט, און האָט געשמועסט וועגען דעם גרויסען נחת רוח למעלה פון דער עבודה פון אנשים פשוטים לגבי דער עבודה פון בעלי תורה ועבודה, און האָט געהייסען די תלמידים זיי זאָלען צומאַכען די אויגען און יעדער זאָל אַרויפלייגען זיין האַנט אויף דעם אַקסעל פון זיין חבר וואָס זיצט לעבען אים. דער בעש״ט אַליין האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף די אַקסלען פון די צוויי תלמידים וועלכע זיינען געזעסען פון זיינע ביידע זייטען און האָט געגומען זינגען אַ ניגון, האָבען די תלמידים געזעהן ווי ר׳ אברהם בעלישצעניצער זיצט מיט זיין ווייב און קינדער ביי זיך אין דאַרף ביים סדר טיש אין אַ קליין חדר׳ל, אויפ׳ן טיש שטייהען אַ פּאָר ליימענע כלים און עס ברענט אַ ביסעל בוימעל און ר׳ אברהם מיט די בני בית זיצען יום טוב׳דיג בשמחה רבה און פראַווען דעם סדר. אויך האָבען זיי געזעהן ר׳ נתן לייוועגט-הענדלער זיצט מיט זיינע בני בית ביי זיך אין הויז אין בראַד אין אַ ליכטיגען גרויסען חדר ביי אַ טיש געגרייט מיט כל טוב, אָבער אַלע זיינע אָנגעבלאָ-זענע און ברוגז׳ע און אומצופרידען איינער מיט׳ן צווייטען. ווען דער בעש״ט

האָט אַראָפּגענומען ידיו הקדושות און אויפגעהערט זינגען האָט ער געהייסען די תלמידים עפענען די אויגען און האָט געזאָגט, אַט דאָס איז דער חילוק צווישען דעם וואָס אַרבעט מיט זיך, אַז הגם ער איז אַ איש פשוט אָבער ווען ער אַרבעט מיט זיך זעהט ער אין יעדער זאַך און אין יעדער תנועה די מעלה און דעם יתרון פון דעם צווייטען, און במילא איז ער אין אַלע זמנים צופרידען און אויפגעלייגט, און אפילו ווען עס איז ניטאָ קיין שפייז פאַר די קינדער אפילו אויף יום־טוב איז ער שמח בשמחת יום טוב, און דאָס איז טוב פת חרבה ושלוה בה. און דער וואָס עבודתו איז במוח ולב הגם דאָס איז אַ גרויסע עבודה אָבער ווען עס פעלט די שלימות פון מדות טובות בפועל איז דאָס בית מלא זבחי ריב. אָבער ווען מען קומט זיך צונויף אויף אַ שמחה של מצוה דאַן איז אכל בי עשרה שכינתא שריא. און דאָס מיינט דער פסוק שלום רב לאוהבי תורתך וגו׳ ביי די לומדי תורה קען זיך אַמאָל טרעפען אַ מכשול, אָבער ביי די אוהבי תורה איז אין למו מכשול, ביי זיי טרעפט ניט קיין מכשול, ווייל דורך דעם וואָס מען איז אַ אוהב תורה און מען היט די שיעורים פון לימוד התורה ברבים דורך דעם העלפט השי״ת אַז יהי שלום בחילך, שלום אין דער פרנסה אַרבעט, שלוה בארמנותיך, די ריכטיגע רוה אין פאַמיליען לעבען, אַז ביי יעדע פאַמיליע וואָס היט אָפּ כשרות און טהרה איז די היים אַ פאַרגעניגען פאַלאַץ, אַזעלכע האָבען די שענסטע געפיהלען פאַר אהבת ישראל, און דאָס איז זייער טייער ביי השי״ת און ער וועט געבען לכל אחינו בני ובנות ישראל מיט זייערע קינדער אַ כתיבה וחתימה טובה אויף אַ שנה טובה ומבורכת בגשמיות וברוחניות.